STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01689

DOS KIND FUN EYROPE

Jakob Wassermann

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Masteroff
in memory of
Louis P. Masteroff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַקאָב וואַסערמאַן

דאָס קינד פון אייראָפּע.

ראָמאַן.

יידיש: י. רובין.

יאַקאָב וואַסערמאַן / דאָס קינד פון אייראָפּע.

19 וואַרשע 30

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב

K

JAKÓB WASERMAN: DZIECIĘ EUROPY.

Wyd. Sz. GOLDFARB Dzika 31
Druk. Piment, W-wa Sierakowska 4

Printed in Poland

ררוע

יאקאב וואסערמאן / דאס קינד פון אייראפע.

דער צוגעקומענע

אין אַ זומער=טאָג פון יאָר 1828 האָבן די איינוואוינער פון צאַרימבערג מאַסנווייז געצויגן אין עק פון דער שטאָט, צו אַן אומעטיקן טורעם פון אַן אַלטן שלאָס, וואָס האָט שוין פון לאַנגע יאָרן אַן געדינט פאַר אַ תּפֿיסה. זייער נייגעריקייט איז געוואַקסן אויפן העכסטן אופן, ווייל פון דער פרי אָן איז פון מויל צו מויל איבערגעגאַנגען דאָס נייעס, אַז אין טורעם געפינט זיך זייט נעכטן אַ וואונדערלעכער פאַרשוין, — ענלעך צו אַ באַשעפעניש פון דער שטיין=עפּאָכע...

דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס איז אַלט געווען זיבעצן יאָר. קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען. אויך ער אַליין האָט וועגן דעם גאָרנישט געקענט זאָגן, ווייל ער האָט געשטאַמלט ווי אַ צוויי=יעריק קינד; די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט שוין יאָ אַרויסגערעדט דייטלעך, האָבן אויסגעוויזן צו זיין פאַר אים אַליין אומפאַרשטענדלעך; העכסטנס זענען זיי געווען צייכנס פון שרעק אָדער פרייד, וואָס ער האָט דערפילט אין באַרירונג מיט מענטשן. ער האָט זיך באַוועגט אַזוי אומזיכער, אַז מען האָט געקענט רעכענען, אַז ער לערנט זיך שטעלן די ערשטע טריט.

די נייגעריקע, וועלכע מען האָט דערלויבט שטיין אויף דער שוועל פון דעם האַלב=פינצטערן קעמערל און אָנקוקן דאָס אומגעוויינטלעכע באַשעפעניש, וואָס האָט זיך געפינען באַהאַלטן אין דעם ווייטסטן ווינקל, האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז די אויגן פון יונגן מענטש האָבן מיט פּחד באַריִרט די שטראַלן ליכט,

אין די הענט, טאפנדיק ארום, האבן ווי באזוגט דעם ווידערשטאנד פון דער לופט. דער אומבאקאנטער האט זיך געשפילט מיט א הילצערן פערדל, וועלכן עס האט אים געשענקט דער תפיסה-וועכטער, א גערירטער פון זיין קינדעריש פלאפלען: „כ'וויל פארן ווי א טאטע".

מען האט געוואוסט פון אים בלויז אזוי פיל, אז מיט א טאג פריער אין אוונט האט דער שוסטער וויקמאן זיך אומגעריכט געטראפן מיט אים בײַם נײַעם שטאטישן טויער. דעם פראמטאק האט זיך אויסגעדאכט, אז ער האט דא צו טון מיט א שכור. דער יונגער מענטש האט געהאלטן א בריוו, אדרעסירט צום ראט-מיניסטער וועסעריג. דער גוטער שוסטער האט אים מיט שווערע מי אפגעפירט לויט דער אדרעס. קומענדיק אהיים, אין מיטן נאכט, האט דער ראטמיניסטער זיך דערוויסט פון זיין פרוי, אז אין זיין שטאל שלאפט אויפן שטרוי עפעס אן אויסגעהונגערטער מענטש. וואס זעט אויס א האלבע חיה, ווײַזט אויס, א פארמאטערטער פון לאנגען וועג, ווײַל די פיס, וועלכע האבן ארויסגעקוקט דורך די אפענע שיך, האבן געבלוטיקט. מיט א פארוואונדערונג האט ער איבערגעלייענט דעם בריוו פון אנגעקומענעם. ער איז נישט ביכולת געווען עפעס צו פארשטיין פון וואונדערלעכן אינהאלט פון בריוו. ער איז אוועק אויפוועקן דעם גאסט, וואס איז אים שווער אנגעקומען. אויף אלע זיינע פראגן האט ער בעקומען אלס ענטפער עפעס אן אומפארשטענדלעך ברומען. ער האט צו זיך געזאגט: „דאס איז א שכור" און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פאליציי, וואס האט דעם מארגנס פארשוין אפגעפירט, ווי מען פירט א קאלב צו דער שחיטה, אין דער תפיסה.

דאס פארהערן דעם ארעסטאנט אין דער תפיסה-קאנצעלאריע האט, נישט געקוקט אויף די אונטערקומענישן און דראונגען, נישט געגעבן קיין שום רעזולטאט. דעם דיזשורנדיקן טורמע-באאמטן איז דערבײַ אויפפאלנדיק געווארן א מאדנע זאך: ווען עמיצער פון דער דינערשאפט האט אויפגעהויבן אן אנגעצונדן ליכט, איז דער יונגערמאן מיט טריט פון א יונגן בער א נײַגע-

רוקער צוגעקומען צום פלאַם, אים באַרירט, און אָפּבריִענדיג זיך, גענומען שרייען, ווי א קינד. נאָך וואונדערלעכער איז געווען, וואָס דער סעקרעטאַר — מער צוליב שפּאַס ווי אויף פּרווו— האָט געגעבן טינט און פּאַפּיר דעם יינגל, האָט יענער אויפגע-צייכנט מיט גרויסע אותיות פון א קינדערישער האַנטשריפט זיין וואַרשיינלעכן נאָמען:

קאַספּער הויזער.

דערנאָך איז ער תיכף אַרײַנגעפאַלן אין א שווערן שלאָף און אין דעם צושטאַנד איז ער אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין א קעמערל אויפן טורעם.

די נײַגעריקערע באַאַמטע, שמועסנדיג וועגן דעם מאָדנעם אַרעסטאַנט, האָבן אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דער אומבאַקאַנ-טער איז, לויט זיין אַנטוויקלונג, א זון פון א פויער פון דער סביבה א פאַרנאַכלעסיקטער דורכן דערציִער און דערציבער אַז אָפּגע-שטאַנענער אין דער אַנטוויקלונג. דער ערשטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, איז געווען דער טורמע-אויפזעער אויפן טורעם, היל. ער האָט באַטאָנט, אַז דער יונגער אַרעסטאַנט באַ-זיצט אַן אויסערגעוויינטלעך ווייכע און גלאַנציקע הויט, וואָס דער-מאָנט א חיהלע, וואָס לעבט לאַנג אין דער פינצטערניש און מיט דער איידלקייט פון דעם קערפּער-קאָליר און מיט דער בלויקייט פון די אָדערן אויפן האַלדז דערמאָנט ער ענדער א דעליקאַט מיידל, ווי א פויערס א זון. צו דער דאָזיקער מיינונג האָט זיך צעמאַרגנס פאַרייניקט דער געריכטס-דאָקטאָר, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן אַלס עקספּערט. ער האָט אין פּראָטאָקאָל איינגעשריבן פאָלגנדיקעס:

„מיר האָבן צו טון מיט א וועזן, וואָס ווייס גאָרנישט וועגן זיינע נאָנטע, פאַרנעמט נישט די צייט און האָט אפילו נישט דאָס באַוואוסטזיין פון זיך אַליין“.

די העכערע פּאָליציי-מאַכט איז אָבער געווען איבערצייגט, אַז דעם דאָקטאָרס אורטייל איז צופיל איבערגעטריבן, און איז דעם דאָקטאָר אונטערגערוקט געוואָרן דורך זיין פריינט, פּראָ-

פֿעסאָר דוימער, באַקאַנט מיט זיינע מאָדנע מיינונגען. זי האָט חושד געווען, אַז דער אַרעסטאַנט איז אַ געשיקטער סימולאַנט און פֿאַראָרדנט דעם וועכטער היל גוט צו אויספֿאָרשן אים. היל האָט זיך אָבער איבערצייגט, אָבסערווירנדיק פֿלייסיק דעם אַרעסטאַנט דורך דעם שליסל־לאָך פֿון דער טיר, אַז בייטאָג פֿאַרלירט זיין פּנים קיינמאָל נישט דעם טרויעריקן ערנסט, וואָס דערציילט פֿון עפּעס אַ געהיימען נשמה־פּחד. אויך נישט ביינאַכט האָט זיך אים איינגעגעבן אַראָפּצוכאַפּן פֿון דעם שלאָפֿנדיקנס ליפּן עפּעס אַ וואָרט, וואָס זאָל דערציילן פֿון סימולאַציע. דער אַרעסטאַנט איז איינגעשלאָפֿן, ווען די נאַכט איז נאָר צוגעפֿאַלן, און איבערגעוועקט זיך ביים ערשטן מאָרגן־גראָ. בעתן עפֿענען דעם לאָדן האָט ער אַ ציטער געטון, ווי ער וואָלט דערהערט אַ ביז אונצט אומבאַקאַנטן קלאַנג, וואָס האָט פֿאַרשאַפֿט אומאַנגענעמלעכקייטן זיינע געריצטע חושים. „זאָלן אונזערע הערן פֿון ראַטהויז זיך גריבלען אין זייערע אַקטן, ווי עס געפֿעלט זיי" — האָט זיך נאָכן דריטן טאָג פֿון דער אָבסערוואַציע אויסגעדריקט היל אין אַ שמועס מיטן גימנאַזיע־לערער דוימער — וואָס שייך מיר, קען איך געבן מיין קאָפּ, אַז קאַספּער הויזער איז נישט קיין סימולאַנט. צום טייוול! איך האָב שוין געזען סימולאַנטן און איך קען זיך אויף זייערע שטיקלעך... דאָ איז דער סאַמער אמת!

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער דעם פּראָפֿעסאָר אַריינגעפֿירט אין דער קאַמער. דער פּראָפֿעסאָר, אַ פֿאַראינטריגירטער צוליבן רעטעניש מיטן נאָמען „קאַספּער הויזער", איז אויפֿסניי געקומען, כּדי אונטערצוזוכן דעם אַרעסטאַנט. דאָס יונגעל האָט דוימערן אויפֿגענומען מיט זיין געוויינטלעכן דערשראָקענעם, גלייכגילטיקן בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט עפּעס אַן אומבאַוואוסטע אַנטוישונג ביים דערזען אַ פֿרעמדן מענטש. היל האָט פּלוצלונג געעפֿנט די לאָדנס. דער יונגער מאַן האָט זיך אַ ריס־געטון פֿון אָרט. ער איז געשטאַנען אין פֿענצטער, האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרומנעמען די פּאַנאָראַמע פֿון בערג און טאָלן, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿאַר זיין בליק. דערנאָך האָט ער זיך אַ גע=

דריקטער צודריקגעצויגן צו זײַן ווינקל. ער האָט, דוכט זיך, דער־ פילט אַ שטאַרקע אַנטוישונג צוליב דעם, וואָס זײַנע הענט זענען געבליבן הענגען אין דער פרײַער לופט און ער האָט נישט גע־ קענט אַרומנעמען די בערג, וואָס האָבן זיך געוויזן קעגנאיבער די לאַנדס פון פענצטער. אין שווינדלדיקן טרויער איז נישט געווען קיין שפּור פון געקינצלטקייט, פון אָנשטעל.

דעם זעלבן טאָג נאָכמיטיק האָט דומערן באַזוכט דער בירגערמײַסטער בינדער.

— פּראָפעסאָר! — האָט ער צו אים געזאָגט — די מאַגי־ סטראַט־ראַטמענער זענען ווײַטער איבערצײַגט, אַז אונדזער „געפֿי־ נענער פּאַרשוין" שפּילט אַ קאָמעדיע, אויף וועלכער די האַסט זיך נישט געקענט.

— וואָס פאַר אַ נוצן קען ער האָבן פון דער דאָזיקער קאָ־ מעדיע, צוליב וועלכער ער נערט זיך פון בלויז ברויט און וואַסער און מיט עקל וואַרפט ער אָפּ אַלץ, וואָס מען לייגט אים פאָר.

— דאָס ווייסן מיר נישט. אָבער די פאָרזיכטיקייט פון גע־ ריכט גרײַכט נישט דאָרט, וואו די לײַכטזיניקע לײַכטגלויביקייט קען אויסשטעלן אויף אַ געראַכטן חוזק.

— דאָס הייסט, אַז נאָר סקעפּטיקער און אָפּלייקענער האָבן דעם מאָנאָפּאָל פון אַ טרעפֿלעכן אורטייל וועגן די סודות פון דער וועלט! — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט.

דער בירגערמײַסטער האָט געוואָרפן אַ איראָנישן בליק אויפן יונגן געלערטן.

— איר זענט אַן ענטוזיאַסט! — האָט ער באַמערקט — מען האָט דאָך אײַך נישט צוגענומען דאָס רעכט אָנטייל צו נעמען אין דער קאָמיסיע, וואָס דאַרף אַרויסגעבן דעם ענטגילטיקן אור־ טייל אין דעם דאָזיקן פאַרוויקלטן ענין. איר זענט באַשטימט אַלס דריטער עקספּערט נאָך דעם באַראָן פאָן טוכער און מאַ־ גיסטראַט־ראַט בעכאָלד צוזאַמענצושטעלן אַ פּראָטאָקאָל נאָך די נײַע אונטערזוכונגען פון אַרעסטאַנט דורך דעם געריכטס־דאָקטאָ־

— אַך, שטענדיק אַקטן... און אַקטן, — האָט צומער אַ בי־ טערן שמייכל געטון.

— וואָס זאָל מען טון, ליבער פּראָפעסאָר?! אויב אונזער באַאַמטן־וועלט האָט זיך פאַרליבט אין טינט, זענט איר ניט שולדיק דערין אָן שולד, איר — בוך־מילב. אָבער, מיין הער, — האָט ער צוגעגעבן, דערלאַנגענדיק אים פּאַפּיר — אַלס מיטגליד פון דער קאָמיסיע וועט איר באַווייזן איבערצולייענען דעם בריוו, וואָס מען האָט געפינען ביים אַרעסטאַנט. עס האָט אים אונדז צוגעשטעלט דער ראָטמייסטער וועסעניג.

דער בריוו איז געווען אַן אונטערשריפט. עס איז געווען געשריבן אין אים:

„דער ראָטמייסטער!

איך שיק אייך אַ יונגל, וואָס וואָלט געוואָלט אַריינטרעטן אין מיליטער־דינסט און דינען טריי אונדזער קעניג. מען האָט אים אונטערגעוואָרפן נעבן מיין טיר אין אַ ווינטער־נאַכט פון יאָר 1815. איך בין אָרים, איך בין קוים אומשטאַנד צו דערנערן מיינע עטלעכע קינדער. איך קען ניט די מוטער פון אונטערגעוואָרפענעם, און איך קען איר אים ניט אומקערן. איך האָב אים ניט אויף קיין טריט אַרויסגעלאָזט פון הויז; קיינער קען אים ניט; ער קען אויך ניט מיין הויז, און ניט דעם נאָמען פון אָרט, וואו ער האָט זיך ביז־אַהער געפינען. איר קענט אים פרעגן; איך רעכן ניט, אַז ער זאָל אייך קענען עפּעס ענטפערן. אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט קיין עלטערן; ווען מען וואָלט אים דערצויגן, וואָלט ער אפשר אויסגעוואַקסן אַלס נוצלעכער מענטש, ווייל ער האָט פעיקייטן; עס איז גענוג, מען זאָל אים עפּעס ווייזן, ער זאָל עס באַלד נאָכמאַכן. איך האָב אים אַרויסגעפירט ביינאַכט; ער האָט ניט ביי זיך קיין געלט, איבעריקנס, אויב איר ווילט אים ניט האַלטן, בין איך ניט קעגן דעם, אַז איר זאָלט אים דערהרגענען.

— וואָס זאָגט איר וועגן דעם? — האָט דער בירגערמייסטער געפרעגט, אָפּנעמענדיק דעם בריוו. — דער מאגיסטראַט איז ביי דער מיינונג, אַז אונזער אַרעסטאַנט האָט אַליין אָנגעשריבן דעם בריוו. איך בין מיט דער מיינונג ניט מסכים — האָט ער זיך געאיילט צו באַמערקן, זעענדיק, אַז דוימער האָט מיט פאַראַב-

טונג געצויגן מיט די אקסלען. — דער קאלטער טאן פון ברית זאגט, ווי איך מיין, אז דער יונגערמאן איז א קרבן פון עפעס א מיאוס פארברעכן, וועלכן עס וועט שווער זיין צו דערגיין.

די טרעפלעכקייט פון דער דאזיקער באמערקונג האט געפינען א באשטעטיקונג אין א פארפאל, וואס איז געשען צו מארגנס, ווען אין דער תפיסה האט זיך באוויזן די קאמיסיע. אין דער היל איז געווען פארנומען מיט אויסטון דעם ארעסטאנט. אין דער קאמער זענען פלוצלונג ארײנגעפאלן קלאנגען פון א פויערישן ארקעסטער, וואס איז אדורכגעגאנגען נעבן שלאס. א גרויזאמער שוידער האט אויפגעציטערט קאספער הויזערן. זיין פנים, שטערן און אפילו די הענט האבן זיך באדעקט מיט שווייס, די אויגן האבן אנגענומען א בלאנדזשענדיקן אויסדרוק. ער האט געטון אן איבעראשנדיק געשריי, איז אנידערגעפאלן אויף דער פאדלאגע און אינגאנצן געציטערט, געזיפצט און געוויינט.

די אנוועזנדיקע זענען בלייך געווארן.

נאך א לענגערער פויזע האט דוימער ארויפגעלעגט א האנט אויף דעם געפאנגענעמס אקסלען און עפעס געזאגט צו אים מיט א מילד קול. דאס האט אים בארואיקט. אבער נאך עטלעכע טעג האט ער זיך געפינען אונטער דער ווירקונג פון דעם וויטיקלעכן איינדרוק; ליגנדיק אויפן שטרוי־זאק, האט ער געקריגן היץ; דאס פנים איז אים געל געווארן. עס איז געווען צו זען, אז ער זוכט א טרייסט אין דעם קלאנג פון דוימערס קול, כאטש ער האט עס נישט פארשטאנען. עס האט זיך געדאכט, אז ער זוכט אליין ווערטער, כדי אויסצודריקן דאנקבארקייט דעם לערער, וועלכער באזוכט אים צוויי מאל א טאג, און ער ליידט, ווייל ער קען עס נישט טון. ער האט די דאנקבארקייט ארויסגעוויזן מיט א פולנדיקן בליק, אדער מיט א קינדעריש פלאפלען.

איינמאל האט דוימער זיך געפינען מיטן יונגערמאן אויג אויף אויג. ער האט גערעדט מיט אים, האט אים אויסגעפארשט הארציק, געדולדיק און דורכגעטריבן. אין איינער א רגע האט ער זיך משער געווען, אז דאס יינגל באמיט זיך, מען זאל אים געבן א שעפ מיט וואסער. ער איז געווען אן עדות, ווי ער האט גע־

טרונקן מיט אַ באַגײַסטערט פּנים, שפּילנדיק זיך מיט יענע שלום־גליקלעך, אַז ער האָט זײַן וואונטש פאַרשטאַנען.

דומער איז געווען גערעכט. אין אָוונט האָט ער פריִלעך געזאָגט צו דער שוועסטער, וואָס האָט געוואוינט מיט אים צוזאַמען:

— מײַנסטו, אַננאַ, אַז צווײ מאָל צווײ איז שטענדיק פיר?

— אַזוי דאַכט זיך מיר. און דו, בונטאָווניק, האָסט אַנט־דעקט אַ צווייטן אמת? — האָט זי זיך פאַרוואונדערט פונאַנדער־געלאַכט.

— נישט נויטיק. אָבער איך האָב דערפינדן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט צווינגען אונזערע פיליסטערס פאַר מיר אַ... טאַנץ צו טון! זיי וועלן דערשטוינט ווערן.

— היט זיך... און אַזוי האָסטו שוין אַ נאָמען פון אַ משה קאַפּויער. דײַנע אַנטדעקונגען קענען דיר שאַדן ברענגען.

— אודאי האַנדלט זיך עס וועגן יענעם צוגעקומענעם — האָט זיך אָנגערופן די בכבודע מאַטראָנע, דומיערס מוטער, וואָס איז אַנוועזנדיק געווען בעתן שמועס. — ווײסט מען שוין עפּעס וועגן זײַן פאַרגאַנגנהייט, פרידריך?

— דערווײַל פילט מען עפּעס פאָר. נישט לאַנג — וועט מען זיכער ווײסן — האָט ער געענטפערט.

צעמאָרגנס האָט די „מאָרגנצײַטונג" געבראַכט אַן אַרטיקל מיטן נאָמען:

ווער איז קאַספּער הויזער?

דער אויטאָר האָט דאָס רעטעניש נישט געלייזט. אָבער ער האָט דערוועקט אַזאַ אינטערעס, אַז דער בירגערמײַסטער האָט געמוזט באַגרענעצן די רעכט צו באַזוכן דעם אַרעסטאַנט, בײַ שטימנדיק ספּעציעלע שעהן. אַזוי גרויס איז געווען דער אַנלויף פון נײַגעריקע פאַר די טויערן פון דער תּפיסה. די אַרײַנגעלאָזטע זענען שטיל געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער קאַמער און עס האָט זיך געדאַכט, ווי זיי פרעגן זיך אײנער דעם אַנדערן: „וואָס

אין דער מענטש, וואָס קען רעדן און פֿאַרשטייט נישט זײַן אייגענע ווערטער — זעט און דערקענט נישט קיין זאַכן — לאַכט בעת ער האָט קוים אויפֿגעהערט צו וויינען — איז פֿאַרדעכטיקט אין געהיימנישפֿול, און אונטער זײַנע אויגן, וואָס בלישטשען אומשולדיק, באַהאַלט זיך עפּעס אַ פֿאַרברעכן און שאַנד?“

עס האָט אַלעמען אויסגעוויזן, אַז דאָס צודרינגלעכע באַזוכן אים איז געווען ווי אַ פֿראַגע, וואָס וואַרפֿט אַרײַן דעם אַרעסטאַנט אין בין-השמשות פֿון זײַן נשמה, כּדי צו געבן אַן ענטפֿער. ווי עס וואָלט דערוועקט אין אים שכלדיקע זכרונות. דעם יינגלס בעטנדיקער בליק האָט געזוכט ווערטער פֿאַר זיך אויף די ליפּן פֿון די מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו אים.

יעצט איז דומער געווען אויפֿ'ן אָרט. וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט דערזען — נישט דער דאָקטאָר, נישט דער תּפֿיסה-וועכטער, אַפֿילו נישט דער בורגערמײַסטער מיט דער גאַנצער מחנה סעקרעטאַרן, וואָס שרײַבן פּראָטאָקאָלן — דאָס איז געוואָרן קלאָר אין זײַן פֿילבאַרן און צילנדיקן געדולד. אין זײַן אינטערעס פֿאַר'ן „געפֿאַנגענעם“ האָט ער כּמעט פֿאַרגעסן וועגן זײַנע אייגענע פּריוואַט-ענינים, וועגן די פֿליכטן פֿון זײַן פֿאַך. ווי ער וואָלט געמיינט, אַז דער שיקזאַל אַליין האָט אים צוגעשיקט צו לייזן דאָס רעטעניש, זענען זײַנע געדאַנקען און זײַן לעבן דורך אָט דער שליחות גליקלעך געוואָרן.

איינע פֿון זײַנע ערשטע נאָטיצן אויף דער טעמע קאַספּער הויזער האָט געקלונגען:

„דאָס דאָזיקע וועזן, וואָס ווינט זיך הילפֿלאָז אין אַ וועלט, וואָס איז פֿרעמד פֿאַר אים, די שלעפֿעריקייט, דער שטאָלצער בליק, וואָס הייבט זיך איבער דעם זאָרג-פֿאַרקרומטן געזיכט, אַזוי רײַן און מילד, — זענען צייכנס פֿול באַדײַטונג. אויב עס גענאַרן מיך נישט מײַנע באָבאַכטונגען, אויב איך וועל קענען די אידייען, וואָס וואָרצלען אין מיר, צוגעבן אַן אַנטוויקלונגס-אימפּעט און אַרויסקריגן פֿון זיי בליִענדיקע צווייגלעך פֿון אויסדרוק — וועל איך געבן דער וועלט אַ שפּיגל פֿון דער נישט-פֿאַרנעפּלטער מענטשהייט. איך וועל אָן ספֿק געבן באַווײַזן פֿון דער עקזיסטענץ פֿון

אַ נשמה, וואָס אונדזער צײַט לײקנט אָפּ דורך די מײַלער פֿון אַלע אירע נעצנדיגערישע פֿאַרצערער און אַ בכּבֿודיק רחמנותדיקייט און אין אַ עלנטער לײַדנשאַפֿטלעכקייט.“

דער פֿאַרברענטער אַנגעצונדענער פּעדאַגאָג האָט באַטראָטן אַן אומגעוויינטלעך-שווערן וועג. ער האָט גענומען אונטערזוכן די מענטשלעכע נשמה אין דער טונקלקייט, און וועלכן דאָס וואָרט האָט עקזיסטירט, אָבער איז נאָך געווען אָן באַדײַטונג. צווישן איין און דער צווייטער פֿראַגע זענען געלעגן גאַנצע וועלטן, וועלכע מען האָט ערשט נעדאַרפֿט פֿאַרשטיין. מען האָט געדאַרפֿט בויען בריקן צווישן „יאָ“ און ניין“, הענגענדיקע אין דער ליידיקייט, כּדי אַרויסצוקריגן מיט שווערקייט דעם זין פֿון יעדן קלאַנג, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט.

אָבער דאָס ליכט פֿון דער דערווײַטערטער פֿאַרגאַנגענהייט האָט אין דעם יונגנמאַנס נשמה גיכער אויפֿגעבליט, ווי דימער, אַ באַפֿליגלטער פֿון דער האָפֿנונג, האָט זיך געריכט. ער האָט זיך נישט איינמאָל געוואונדערט, ווי לײַכט דער אונטערגעזונקטער האָט אין כאַאָס פֿון נישט-לעבעדיקע קלאַנגען געכאַפּט די, וואָס דאַרפֿן אויפֿצולעבן פֿאַר אים און זענען באַדײַטנדיק פֿאַר אים. ווי ער האָט זיי שטענדיק געהאַלטן אין זײַן זכּרון, איבערגעפֿאָרעמט אין בילדער. דער לייטער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער וועט בלויז אַראָפּנעמען דעם קאַטאַראַקט פֿון די אויגן פֿון זײַן פּופּיל, אַז ער שפּילט אַ ראָלע פֿון אַ צוהערער בײַם פּראָצעס פֿון די לאַנגזאַם זיך דערוועקנדיקע דערינערונגען. ווי ער וואָלט בלויז געהאַלטן אין האַנט דעם יונגלישן קערפּער, בעת די נשמה זײַנע איז אַוועק אין לאַנד, פֿון וואַנען ער שטאַמט, פֿון וואַנען ער האָט צו ברענגען דער וועלט נבֿיאות, וואָס קיין שום מענטשלעך אויער האָט נאָך ביז-אַהער נישט געהערט!...

באריכט וועגן קאספער הויזערס פארגאנ-געגהייט, צונויפגעשטעלט דורך דוימערן

ווי ווייט קאספער איז אומשטאנד געווען צו גיין אין זיינע געפלדיקע דערינערונגען, האט ער זיך שטענדיק געפינען אין א טונקעלען רוים, שטענדיק אויף דעם זעלבן ארט. קיינמאל האט ער נישט געזען קיין מענטשלעך פנים, נישט געהערט קיינעמס טריט, נישט קיין קול, נישט קיין פלאטער פון א פליגל, נישט קיין ברום פון א חיה. ער האט נישט געזען קיין שטראל פון דער זון, נישט דעם גלאנץ פון דער לבנה. ער האט פארנומען בלויז זיך, נישט פארשטייענדיק אפילו זיין איינזאמקייט.

יענץ ארט, ווו ער איז געווען געפאנגען, האט געמוזט זיין שרעקליך ענג, ווייל ער האט געהאט דעם איינדרוק, אז מיט אוים-געצויגענע הענט רירט ער אן די קייגנאיבערדיקע ווענט. אויב ער האט זיך אויסגעצויגן, האט ער געקענט מיינען, אז דער רוים איז אומענדליך גרוים. ער איז געווען צוגעשמידט צו דער ערד. הגם ער האט נישט געזען זיינע קייטן. ער האט קיינמאל נישט פאר-לאזט דאס שטיקל ערד, אויף וועלכן ער איז געשלאפן און חלומות און געפילט חלומות. מען האט געקענט דארט אונטערשיידן די האב-פינצטערניש, די טונקלקייט פון דער פולשטענדיקער פינצטערניש. דעמאלט ערשט האט ער געוויסט וועגן דער עקזיסטענץ פון פארענ-דערונגען: פון טאג און פון דער נאכט. ער האט נישט געקענט זייער נאמען אבער ער האט געקענט די נאכט, ווייל ווערנדיק איבערגעוועקט אין דער נאכט, האט ער נישט געזען קיין מויערן. ער האט נישט געהאט קיין מאס פון דער צייט. ער האט

קײנמאָל נישט געטראַכט דערפֿון, אַז זײַן אומפֿאַרשטענדליכע אײַנזאַמקײט קען אַמאָל האָבן אַ סוף. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען די ענדערונגען אין זײַן קערפּער, ער האָט זיך נישט געווינטשן, ס'זאָל עפּעס זײַן אַנדערש, ווי עס איז. ער האָט נישט געהאַט קײן זכרונות און נישט קײן האָפֿנונגען.

אויפֿוועקנדיק זיך אינדערפֿרי, האָט ער נעבן זיך געפֿינען פֿריש ברויט און אַ קרוג וואַסער. ווען ער האָט אַלץ אויסגעטרונקען, האָט ער אַמאָל דערוואַרט. אויפֿהויבנדיק די קרוג אין דער הויך, אַז דאָס וואַסער זאָל זיך אויפֿסנײַ גיסן; ער האָט אַפֿילו נישט געהאַט קײן אַנונג, אַז עמיצער גיסט אַרײַן אין דער כּלי וואַסער. ער האָט אויך נישט געוווּסט, אַז ווען ער שלאָפֿט, ליגט אים עמיצער אונטער פֿריש שטרוי, טוט אים אָן אַ רײַנעם העמד, וואַשט אים, שערט אים אָפּ די האָר און די נעגל. דאָס אַלץ האָט אין אים נישט דערוועקט קײן געדאַנקען.

איבעריקנס, איז ער נישט אינגאַנצן געווען אײַנזאַם. ער האָט נעבן זיך געהאַט אַ ווײַס פֿערדל פֿון האָלץ, אַ נאָמענלאָזן שפּילצײַג, וואָס האָט פֿאַרנומען אַן אָרט אין זײַן אומבאַוווּסטער עקזיסטענץ. ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז עס איז אַ לעבעדיק וועזן. אין דעם פֿערדלס פּערלדיקע אויגן איז געווען פֿאַר אים באַהאַלטן דאָס גאַנצע ליכט פֿון לעבן. ער האָט, אײגנטליך, נישט געשפּילט זיך מיטן פֿערדל, ווײַל עס איז אים אַפֿילו נישט געקומען אויפֿן געדאַנק, צו רײַטן דערויף, כאָטש דאָס פֿערדל האָט געהאַט אַן אָנלען מיט רעדער. יעדעס שטיק ברויט האָט ער פֿאַרן עסן צוגעשטעקט צו דעם פֿערד'ס ליפּן און שטענדיק האָט ער פֿאַרן אײַנשלאָפֿן געגלעט דאָס שפּילצײַג. דאָס איז געווען זײַן אײנציקע טואונג אין משך פֿון פֿיל טעג און יאָרן.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען קאַספּער האָט געקוקט אַרום, האָט זיך די מויער געעפֿנט און פֿון אַן אומגעזעענעם רוים האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אַ ריזיק, ביז־אַהער קײנמאָל נישט געזעענע געשטאַלט, וואָס האָט געזאָגט צו אים „דו" און צוזאַמען אַרויסגערופֿן דעם אָפּקלאַנג „דו", אַלס זײַן נאָמען. אויף דעם

גאסטס פּלייצעס איז געלעגן א משא; ער אליין איז געווען עפּעס מאָדנע באוועגליכעס; עס האבן זיך געהערט פון אים קלאַנגען, וואס האבן געצווינגען צו הערן אַן אָטעם, זיינע אויגן האבן געלויכטן; עס האט געריכט פון אים א וואונדערליכער באַרוישטדיקער פאַרוויינענדיקער ריח.

פון דעם פרעמדנס פיל ווערטער האט קאספער, נאך א טיף־אויפגעוועקטער אויפמערקזאמקייט ענדליך פאַרשטאַנען, אז די זאך, וואס טיילט זיך מיט זיין איינזאַמקייט, האט דעם נאמען פון א פערד, אז עס זענען דא נאך אזעלכע און ער וועט זיי קריגן, אויב ער וועט זיך לערנען. ער האט פאַרשטאַנען דעם שטענדיק זיך איבערחזרנדיקן „לערנען זיך“, ווען דער גאסט האט אים אַמאָל אַוועקגעלייגט פּאַפּיר, האט ער אויפגעשריבן „קאספּער הויזער“ צייכנס, וואס האבן שטאַרק דעם יונגל געפאַלן, צוליב דעם אונטערשיד צווישן די שוואַרצע אותיות און דעם ווייסן פאָן, — און פרידיק מיט קאספּערס האַנט, האט אים דער גאסט עטלעכע מאָל געצווינגען איבערצוחזרן דאס אויפצייכענען די אותיות.

ער האט געוויזן אויפן פערדל און גערעדט צום יונגל מיט אומפאַרשטענדלעכע אויסדרוקן. דאס יונגעל האט זיי געדענקט און גענומען איבערחזרן: „איך וועל זיין אזא רייטער, ווי מיין טאַטע“, כאָטש ער האט די באַדייטונג פון די ווערטער אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען.

יענער „דו“ האט אויסגעוויזן צו זיין צופרידן. ער האט אים געוויזן, ווי דאס פערדל וויגט זיך אויף די רעדלעך, און זיך דערווייטערט. זייט דאַמאָלט האט קאספּער ליב געקריגן די באַוועגונג פון פערדל, דאס גערודער, וואס איז געקומען פון דער באַוועגונג, און האט געקוקט אויף דאס שפּילצייג. ער האט גערעדט דערצו די אויסגעלערנטע ווערטער און איז געווען גליקלעך פון זיין פּלאַפּלעריי.

דוכט זיך, אז דער וועכטער פון תפיסה איז נישט געווען צופרידן פון גערויש, וואס ער האט אנגעמאַכט; ער האט אים געוואָלט מאַכן שווייגן. מיט איינמאָל איז דעם יונגל עפּעס געפאַלן אויף די פּלייצעס, ער האט עפּעס געזען און אין די פּלייצעס האט ער דערפילט א ווייטיק; ער האט גענומען שרייען און וואַרפן

זיך נאך מער. דאמאלט האט ער דערזען, אז ער איז מער נישט צוגעשמידט צום געלעגער; ער האט געקאנט קריכן. די קאלטע פאדלאגע, וואס ער האט באריהרט מיט די נאקעטע פיס, האט אים איבערראשט, און ער איז צוריק צום געלעגער; דערנאך איז ער ארײַנגעפאלן אין טיפן שלאף.

אין דרײַ טעג ארום איז דער מאדנער גאסט צוריקגעקומען. ער האט נישט באהאלטן זײַן פארוואונדערונג, איבערצײַגנדיק זיך, אז קאספער האט נאך אײַן לעקציע שוין געקאנט זיך אונטערשרײַבן. ער האט אים פעסט געהאלטן פאר די אקסלען און אים שטארק געקוקט אין די אויגן ארײַן, אויסרעכנענדיק די נעמען פון פארשידענע זאכן. קאספער האט דערפילט א שרעק, זעענדיק, אז ער איז געצוואונגען. אז ערמיט נאכזאגן יעדן קלאנג פון דעם דאזיקן געפערלעכן מענטש, וואס ווײַזט דערבײַ אן מיט א בליק אויף די זאכן און מיט א מאדנער באוועגונג מיטן מויל. אויף אזא ענלעכן אופן האט זיך אנגעהויבן דאס לערנען לײַענען.

אין אײַנעם א טאג האט ער לאנג זיך געוועקט און מיט גרויס צער. ענדלעך איז אים געלונגען אויפצומאכן די ברעמען. ער האט דאן געזען, אז די וואנט איז אפן: דורך דער עפענונג איז ארײַנגעדרינגען א פורפור=גלאנץ. „דו" האט זיך אריבערגעבויגן איבער אים; ער האט געוואלט דעם דערשראקענעם בארויקן. ער האט אים אנגעטון און אוועקגעשטעלט בײַ דער מויער. דערנאך האט ער זיך אומגעדרײט און אים אנגענומען פאר די פיס. קאספער האט אינסטינקטיוו יענעם ארומגענומען דעם האלז. דער אומבאקאנטער, טראגנדיק אים, איז ארויף אויף א בארג. ווארשײַנלעך איז ער נעגאנגען אויף טרעפן, וואס פירן פון דער קאמער. עפעס קאלטס האט געפלאטערט אויף קאספערס פנים, אים אויפגעהויבן די האר...

די אונטערערדישע שווארצקײַט איז פלוצלינג פארשוואונדן — ארום איז אלץ געווען ווײַך, פרעמד און טונקל. אין דער טיפעניש, אין דער ווײַטקײַט, זענען געשטעען מאדנע און גרויסע זאכן. ווי א דונער האט עפעס געהילכט איבערן אוירן. עס האט אויפגעבליצט א בלויער בלישטש צווישן דער פינצטערניש, און באלד

פֿאַרשוואונדן. אַ שאַרפֿער ריח האָט געריצט די נאָז-לעכער. עפּעס ביטער-דערזשענדיקעס האָט ווייך זיך אָנגעשלאָגן אָן זיין פּנים, אַ קעלט איז דורך די פֿאַלדן פֿון זיינע קליידער צוגעקומען צו דער הויט. קאַספּער האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט; דערנאָך איז ער איינגעשלאָפֿן.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעוועקט, האָט ער אונטער זיך, אויף דער ערד, דערפֿילט אַ פֿייכטקייט. אומקוקנדיק זיך, האָט ער דערזען, אַז ער ליגט מיטן פּנים אויף דער ערד. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. אַן אומדערטרעגלעכער העלער גלאַנץ האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין זיינע אויגן, עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער ברענט זיינע באַקן. ענדלעך האָט ער זיך צוגעוויינט צו דעם דאָזיקן ליכט און געעפֿנט די ברעמען. „די" האָט אים געלערנט מיט ביישפּילן און מיט שטורכלענצעס, ווי אַזוי מען גייט. קאַספּער, ציטערנדיק און וואַקלענדיק זיך, האָט געפּרובט שטעלן טריט, קוקנדיק אויף דער ערד. די פֿרישע לופֿט האָט אים פֿאַרוויגט מיט אַ סך ריחות. ער איז ווידער אַריינגעפֿאַלן אין שלאָף.

ער ווייסט ניט, ווי לאַנג ער איז געשלאָפֿן. ער ווייסט אויך ניט, וויפֿיל מאָל ער האָט געפּרובט גיין, איידער די פֿינצטערניש איז ווידער צוגעפֿאַלן. עס ווייזט אויס, אַז ביינאַכט האָט ער זיך געפֿונען אין אַ וואַלד. איבעריקנס, געדענקט ער ניט דעם וועג. ער ווייס ניט, צי אַרום זענען געווען בוימער, פֿעלדער, הייזער. ער ווייס בלויז, אַז עס איז געווען אַמאָל פֿינצטער און אַמאָל בלויז העל. אַמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיין פֿירער באַגיסט אים מיט וואַסער. אָבער יענער האָט אים געוויזן דעם הימל און געזאָגט „אַ רעגן! אַ רעגן!"

ער ווייס ניט, ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, וויפֿיל טעג און נעכט, אָבער עטלעכע מאָל, געדענקט ער, איז ער געגאַנגען רוען. די שרעק האָט פֿאַרשטאַרקט זיין פֿאַרמאַטערונג. דער אומבאַקאַנטער האָט אים געהאָדעוועט מיט ברויט און וואַסער, ווי אין טורמע. ער האָט געהיילט זיין שרעק צוליב די נייע דערשיינונגען — דאָס פּייפֿן פֿון ווינט, די קולות פֿון חיות — צוזאָגנדיק צו געבן נייע שיינע פֿערדלעך.

ענדלעך, נאָך אַ לענגערער צײַט, ווען קאַספּער איז אָפּגעגאַנגען אַ שפּאַר שטיקל וועג, האָט ער אים געוויזן מיט דער האַנט און געזאָגט: „אַ גרויסע שטאָט“. און נישט לאַנג דערנאָך האָט ער אים געהייסן זיך אָפּשטעלן און אים געגעבן עפּעס אַ פּאַפּיר מיט די ווערטער: „היים דיך אָפּפירן אַהין, וואו די אדרעס ווײַזט“.

דאָס יונגל האָט געמאַכט עטלעכע טריט — ער האָט זיך אומגעקוקט. זײַן פירער איז פאַרשוווּנדן אָן שפּור. ער איז געווען באַרוישט. יעצט האָבן זיך געשיט אויף אים פיל איבערראַשונגען. ער האָט פלוצלינג דערפילט שטיינער אונטער די פיס. ער האָט אָנגעטאַפּט אַ הויכע מויער. ער האָט זי אָנגעכאַפּט, כדי נישט אומצופאַלן. ער האָט דערזען אַ סך מענטשן. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט מיט אַ געשריי און אים גערופן, געשלעפּט, געצויגן. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט, ווען ער האָט זיך באַמיט צו דערקלערן, אַז ער וויל שלאָפן. זיי האָבן געלאַכט, ווען ער האָט זיי דערציילט וועגן פערדל און וועגן זײַן טאַטע, ווען ער האָט זיך באַקלאָגט אויפן בלוט, וואָס איז גערינען פון זײַנע פיס. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געפונען ערגעץ אויף שטרוי — ער איז אײַנגעשלאָפן. מען האָט אים אויפגעוועקט. עפּעס שרעקלעכע מענטשן האָבן אים געשלעפּט, כאָטש ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט. ער האָט דערהערט שלאָגן דעם זייגער אויפן טורעם און איז ווידער באַהערשט געוואָרן פון אַ שרעק. ער האָט געוויינט, האָט געוואָלט אַנטלויפן. אָבער מען האָט אים אַרויפגעפירט אין דער הויך און מען האָט אים פאַרשלאָסן. צום גליק האָט ער געזאָגט: „איך וואָלט געוואָלט זײַן אַזאַ רײַטער ווי אַ טאַטע“ — און דער גוטער מענטש, וואָס היט אים, האָט אים געגעבן אַזאַ פערדל, ווי יענע, וואָס ער האָט געהאַט אין זײַן שוואַרצער תפיסה. ער האָט אָנגערירט דעם שטרוי־זאַק און דערהערנדיק דעם זעלבן שמעק ווי עס האָט אַרויסגעגעבן דאָס שטרוי אין זײַן פריערדיקער וואוינונג, האָט ער זיך באַרואיקט און אײַנגעשלאָפן.

דערנאָך איז צו אים געקומען אַ סך מענטשן. ער האָט צו זיי געזאָגט: „איך וואָלט געוואָלט זײַן אַזאַ רײַטער, ווי אַ טאַטע“, וואָס האָט איצט געהייסן, אַז ער וויל וואַסער, אָדער: „היים פירן

דאָרט, וואו די אָדרעס ווייזט" — און דאָס האָט איצט געהייסן:
„איך וויל די שיינע זאַך, וואָס קלינגט אַזוי הערלעך אויפן טורעם",
אָבער קיינער האָט אים נישט געוואָלט פאַרשטיין. ער האָט אויך
געזאָגט: „גיט אַ פערדל", מיינענדיק, אַז תיכף וועט צו אים קומען
דער מענטש, וואָס האָט אים פאַרלאָזט, און אים העלפן. אָבער
יענער איז נישט געקומען; אַלע איבריקע האָבן אים געפייניקט,
דערנדיק צו אים אַזוינס, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי זיי
האָבן אים נישט פאַרשטאַנען. בלויז די קרוג האָט פאַרשטאַנען
זיינע ווערטער: „איך וויל זיין אַזאַ רייטער, ווי אַ טאַטע", ווייל
ווען ער האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגערעדט, איז דאָס וואָסער
געקומען אין זיין מויל אַריין — און דאָס האָט ער מיט די ווער-
טער געמיינט.

אַ הויכער באַמטער ווערט אַן עדות
פֿון אַ שאַטן־שפּיל

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז עס האָט געדויערט לאַנגע וואָכן, איידער פּראָפֿעסאָר דוימער האָט מיט שווערקייט, וואָס האָט דערמאָנט די אַרבעט פֿון אַ בערג־אַרבעטער, געקאָנט אַזוי סובטעל אַריינדרינגען אין דעם יונגל'ס פֿאַרגאַנגענהייט. זיינע באַריכטן האָבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, און אַפֿילו די מאַכט האָט באַשלאָסן זיי אונטערצוזוכן, שיקנדיק אין תּפֿיסה אַ ריי באַרימטע דאָקטוירים, געלערטע, פּאָליציי־אַגענטן און אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן נאָך לאַנגע ויכּוחים און מיינונגס־שטרייטן געמוזט אָנערקענען די ריכטיקייט פֿון דוימערס אויספֿירונגען און באַאָבאַכטונגען.

באַלד דערנאָך האָט דער בירגערמייסטער אַרויסגעלאָזט אַ מין מאַניפֿעסט צו די בירגער, וואָס זענען אין גאַנצן לאַנד געווען באַאומרואיקט און פֿאַרוואונדערט צוליב דעם יונגל. ער האָט אין אָנהויב געשילדערט דעם סודותדיקן אָנקום פֿון געפֿאַנגענעם, גערימט די כּשופֿדיקע גוטקייט פֿון יונגל, וואָס האָט מיט טרערן אין די אויגן שטענדיק דערמאָנט דעם וועכטער, וועלכער האָט אים געבונדן, אַלס זיין „באַפֿרייער", און געווען רירנדיק מילד צו די צודרינגלעכע מענטשן, וואָס זענען געקומען אים אָנקוקן, האָט געהאַט איינגעבוירענע געפֿילן גוטס צו טון און אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נטיה צו לערנען זיך.

אַלץ זאָגט, — איז געשטאַנען אין מאַניפֿעסט, — אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן פֿאַרמאָגט שיינע מעלות פֿון גייסט און האַרץ. און דערפֿון נעמט זיך דער חשד, אַז זיין ערעסט שטייט אין

שייכות מיט אַ שווערער פֿאַרברעכן, צוליב וועלכן ער האָט פֿאַרלוירן די עלטערן, פֿאַרמעגן, פּריווילעגיעס פֿון הויכן געבורט און יעדן פֿאַלס די פֿרייד פֿון די קינדער־יאָרן און די שיינע גאָב פֿון לעבן.“

די דאָזיקע דערקלערונג איז ענדער געווען אַ פּראָדוקט פֿון בירגערמייסטערס ראָמאַנטישע געפֿילן, ווי פֿון זיין באַאַמטישער פֿאַרזיכטיקייט.

„צוליב דעם, וואָס דאָס פֿאַרברעכן איז געשען אין דער צייט, ווען דאָס יונגל האָט זיך שוין געפֿונען אינעם עלטער, אין וועלכן די סיסטעמאַטישע דערציאונג קאָן אונטערגענומען ווערן, — האָט אינעם מאַניפֿעסט זיך געזאָגט צום סוף — ווענדן מיר זיך צו אַלע מיליטערישע און ציווילע אינסטאַנצן, און אויך צו פּריוואַט־פּער־זאָנען, אַז זיי זאָלן מיט אַלע כּחות מיטהעלפֿן דערגיין דאָס פֿאַרברעכן און געפֿונען די עלטערן פֿון אומגליקלעכן. עס גייט נישט דוקא וועגן דעם, אַז די עלטערן זאָלן איבערנעמען די אויפֿזיכט איבערן יונגל, נאָר וועגן דעם, אַז אַלס שולדיקע אין אונטערוואַרפֿן אַ איינגן קינד, זאָלן זיי ווי געהעריק באַשטראָפֿט ווערן.“

דער נוטער ווילן פֿון מחבר פֿון מאַניפֿעסט איז געשטאַנען מחוץ יעדן ספֿק, אָבער דער רעזולטאַט פֿון מאַניפֿעסט איז געווען זייער אַ שלעכטער און פֿאַרשאַפֿט דעם נאָרימבערגער מאַגיסטראַט גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן. קודם־כּל איז געקומען אַ מבול פֿון אומזיקע, בלבול־מאַכנדיקע בריוו און אַרטיקלען. וועלכע האָבן אָנגעקלאָגט חויך־אַריסטאָקראַטישע ספֿערן אין אַ ריי פֿאַרברעכנס, וואָס זענען, כּלומרשט, יעדן טאָג באַגאַנגען, כּדי צו באַפֿרידיקן די תּאוות, ווי: קינדער־מאָרד, קינדער־רויב, קינדער־אונטערוואַרפֿן.

א. ד. גל.

ערגער איז אָבער געווען דאָס, וואָס עפּעס איינער פֿון די מאַגיסטראַט־ראַטן האָט איז געהיים אָנגעקלאָגט פֿאַר דער העכערער מאַכט אין אַנסבאַך דעם נאָרימבערגער בירגערמייסטער, באַשולדיגנדיק אים אין באַגיין אַ וואַנטוריסטישן שריט, וואָס איז קעגן געזעץ, שטערט די אָנגעהויבענע אויספֿאָרשונג א. ד. גל. די רעגירונג האָט זיך באַאומרואיקט, טאַקע מורא־האָבנדיק, אַז די אויספֿאָרשונג צו דערגיין דאָס פֿאַרברעכן וועט געשטערט ווערן,

און קאָנפיסקירט די נומערן פון „וואָכנבלאַט פון דער אינטעליגענץ־ אין „קוריער פון שלום און מלחמה“, אין וועלכע דער מאַניפעסט איז אָפּגעדרוקט געווען. דערביי האָט דער פּרעזעס פון אַפּעלאַציע־טריבונאַל אַליין צוגעשיקט אַ מעמאָריאַל צו די איבערגעשראָקענע מאַגיסטראַט־ראַטן, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן, אַז די אויספירונג איז אַ שלימזלדיקע, אַז די עדות זענען אויסגעהערט געוואָרן נישט ווי ס'באַדאַרף צו זיין (אָן פּראָטאָקאָלן), און פאַראָרדנט צוצושיקן דעם געריכט אין אַנסבאַך אַלע אַקטן פון עניין־קאַספּער און אויך פון דוימערס עקספּערטיזע. דער צוועק פון דער דאָזיקער פאַראָרדנונג איז געווען צו אָריענטירן זיך, צי מען דאַרף קאַספּער הויזערן ווייטער האַלטן אין פּרעווענץ־אַרעסט, צי מען קאָן שוין אַרויסגעבן אַן אורטייל וועגן שווינדל.

נאָך אַ שטורמישער זיצונג האָט זיך דער מאַגיסטראַט דערוועגט צו שרייבן דער העכערער מאַכט, אַז ער פילט זיך געטראָפן פון באַקומענעם פאָרוואורף, ווייל ער מיינט, אַז דאָס צו שטאַרק ביוראָקראַטישע באַהאַנדלען דעם עניין קאָן אפשר האַמעווען דאָס אויפקלערן דעם פאַרפּלאָנטערטן רעטעניש. דער גאַנג פון פּראָצעסט האָט אַריינגעברענגט פּראָפעסאָר דוימער, וועלכער איז געוואָרן שטאַרק אויפגערייצט און דערקלערט אַן אויפגערעגטער, אַז ער וועט אַליין פאָרן, כדי דעם עניין פאָרצושטעלן דעם פּרעזעס פון טריבונאַל. אומזיסט האָבן מוטער און שוועסטער זיך באַמיט אָפּצוהאַלטן אים דערפון. ער האָט געשריגן: „ווי אַזוי ? !... אַ ניי יוסטיץ־פאַרברעכן הענגט אין דער לופטן, און איך זאָל צו דעם צולאָזן ? !... איבעריקנס, איז פּרעזעס פייערבאַך אַ גאַנץ קלוגער און איידעלער מענטש, און ער מוז מיך פאַרשטיין.“

עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז אפילו דער ראַט פאָן טוכער, וועלכער האָט לכתחילה געעצהט נישט צו פאָרן, איז גאָר מיטגעפאָרן מיט דוימערן. צוליב דעם אָבער, וואָס פּרעזעס פייערבאַך האָט זיך דערווייל געפונען אויף אַן אינספּעקציע־רייזע אין זיין קרייז — האָבן די אָנגעקומענע געמוזט גאַנצע פיר טעג וואַרטן אויף אים אין אַ האָטעל.

דערווייל האָבן די נייעס־שלינגער און די ליידיק־גייער פון

נירעמבערג, אויסנוצנדיק דעם מאגיסטראטס דערלויבעניש, וועלכער האט נאכן בירגערמייסטערס מאניפעסט מבטל געמאכט די באגרענעצונג פון באזוכן דעם ארעסטירטן, — אנגעפילט דעם הויף פון תפיסה-בנין. „דער געפונענער“ איז געווען דער אביעקט פון אן עפנטלעכער פארשטעלונג, א פארוויילונג פאר די בירגער. דער אויפזעער פון קאספערס קאמער איז איצט וויניקער גערירט געווארן פון זיינע טרערן, וואס ער האט פארגאסן צוליב דער גרויסער צאל מענטשן, וועלכע פאקן זיך אריין אין זיין קאמער, ווייל ער האט געהאלטן פאר נישט אויסגעשלאסן, אז די מאכט זאל קאספערן שטעמפלען פאר א פראסטן שווינדלער. פון איין זייט האט אים הנאה געטון, וואס ער איז דער וועכטער פון א מין זעלטענעם עקזעמפלאר און פון דער אנדערער זייט האט ער אין קעשענע אריינגעווארפן נישט איין גולדן, וואס ער האט באקומען פון פובליקום.

מיט אן אומעטיקן אויסדרוק, מרוזשנדיק די אויגן, איז קאספער הויזער געזעסן אין זיין ווינקל, ווייל שוין באגינען, איידער ער האט נאך באוויזן צו עפענען די אויגן, האבן זיך שוין געפונען אין זיין קאמער מענטשן אנצוקוקן אים; מענטשן, וועלכע עס קומט אויס צוליב זייער פאך פריער אויפצושטיין: גאס-אויס-קערערס, שטוב-מיידלעך, געשעפט-סוביעקטן, בעלי-מלאכות, יונגלעך פון דער בעקעריי, יונגע שילער, אויפן וועג צו דער שול, און צייטנווייז אפילו פארדעכטיקע פארשוינען. שפעטער איז אנגעקומען א בעסערע געזעלשאפט — די גאנצע פאמיליע פון הער רעיענט מיט פרוי און קינדער, מאיאר ד., שניידער-מייסטער פרעסאייזן, גראף שלופסקער מיט זיינע דאמען, די הערן זענדל און הענדל, וועלכע האבן נאכן שפאציר באשלאסן אויסצונוצן די געלעגנהייט און אנצוקוקן די „חיה“.

די קאמער האט אנגעפילט א פרייליכע פלוידעריי. מען האט גערעדט, געהוזקט, געלאכט, מען האט געשיט באמערקונגען אויפן חשבון פון יונגנמאן. מען האט אים אמאל געברענגט מתנות, אויף וועלכע ער האט געקוקט מיט א בליק פון א הונט, וואס איז נאך נישט אויסגעלערנט אראפצוכאפן פון הערס האנט. מען האט

זיך באַמיט צו צערײַצן זײַן אַפּעטיט מיט פֿאַרשידענע פֿאַרבײַסעלצער. דעם קאָנסול ב.ס פֿרוי האָט אים אײנמאָל געבערענגט אַ גאַנצן טאָפּ שמאַלץ, וואָס איז צעמאָרגנס אויף אַ געהײמנישפֿולן אופֿן פֿאַרשוואונדן געוואָרן; דערפֿון האָט מען אַרויסגעדרונגען פֿאַרשידענע זאַכן.

אַלע האָבן ווי אויף אַ געיעג דערוואַרט „מופֿתים“ פֿון אים, און ווײַל דאָס שטילע און מילדע יונגל האָט נישט געטון אַלץ, וואָס מען האָט דערוואַרט פֿון אים — האָט מען אים נישט אײנמאָל אויסגעזידלט, פּונקט ווי מען וואָלט אויסגעקויפֿט בילעטן צו אים. אַמשטאַרקסטן האָט מען אים געפּײַניקט מיט קשיות: ווי ער הייסט, וויפֿיל יאָר ער איז אַלט, ווו ער האָט געוואוינט, — די, וואָס האָבן געשטעלט אַזעלכע קשיות, האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר זייער קלוג. זײַן דערשראָקן פּלאַפּלען „יאָ“, אָדער „ניין“, די קלאַנגפֿולע קינדערישע שפּראַך, האָבן אַרויסגערופֿן אַנטציקונג, מען האָט זײַן קליין פּנים צוגענומען צו זייערע גרויסע געזיכטער און זיך געווײַלט מיט דער איבעראַשונג, וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגעקוקט פֿון זײַנע אויגן. מען האָט אָנגערירט זײַנע הענט, פֿיס, האָר, מען האָט אים געוויזן בילדער, פֿאָדערנדיק, ער זאָל זאָגן, וואָס ער זעט אויף די בילדער, און דערבײַ האָט אײנער צום אַנדערן געשאָקלט מיטן קאָפּ: „הא, זעסט, זעסטו“. וועלנדיק זיך איבערצײַגן, צי ער האָט נישט ליב קיין אַנדער געריכט, ווי ברויט און וואַסער, האָט מען אים געשטופּט אין מויל אַרײַן וואורשטלעך און לעקעכלעך, געגאָסן כּוסות מיט ווײַן און חוזקגעמאַכט פֿון זײַן עקל צו די דאָזיקע זאַכן: „קאָמעדיאַנט! ער מאַכט זיך, אַז ער האָט זיך איבערגעגעסן ערגעץ אין אַ נגידישער קיך!“

אײנמאָל האָבן צוויי עלעגאַנטע יונגעלײַט זיך געמאַכט אַ פֿאַרווײַלונג, וואָס איז באַשטאַנען דערין, וואָס אײנער האָט צוגעהאַלטן דאָס יונגל, און דער צווייטער האָט מיט כּח אים אַרײַנגעגאָסן בראָנפֿן אין האַלדז אַרײַן. צום גליק, האָט דאָס יונגל געחלשט בלויז פֿון סאַמען ריח פֿון בראָנפֿן. אַן עלטערער און דערפֿאַרענער הער, וואָס האָט זיך גראָד געפֿונען בעת דעם ספּעק-

טאָקל, האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען זאָל דאָ נישט גלויבן אין קיין סימולאַציע; ער האָט קאַספּער אונטער דער נאָז אונטערגע־שטעלט אַ פּושקע טאַבאַק, — דאָס האָט געהאָלפֿן, דאָס יונגל האָט זיך איבערגעוועקט פֿון חלשות מיט פֿאַרטרערטע אויגן, הוסטנדיק און קײַכנדיק. דער אויפֿזעער, וואָס איז אומסגעריכט אָנגעקומען האָט דערצו אַ סוף געמאַכט, אַרויסבעטנדיק אַלע געסט. אַלע דרײַ, אַרויסגייענדיק האָבן אויסגעזידלט דעם וועכטער, און דער על־טערער הער האָט דעם זיך אויפֿמונטערנדיקן יונגל געפֿרעגט אויף פֿראַנצויזיש, שפּאַניש, ענגליש און ווי עס האָט אים געפֿאַלן, ווי אַזוי דער טאַבאַק האָט אים געשמעקט, אויף וואָס דאָס יונגל האָט טרויעריק בלויז געענטפֿערט צוויי ווערטער: „אַהיים וויל איך!“

— שפּיל דיך מיטן פֿערדל! — האָט דער וועכטער געזאָגט, ווען ער איז געבליבן מיט אים אַליין.

— אַהיים! — האָט דאָס יונגל געמורמלט.

הייל האָט אים מיט כעס און אײַן צײַט מיט מיטגעפֿיל גע־ענטפֿערט:

— אומגליקלעכער הינטל! ווען וואָס טאָר אַ היים פֿלוי־דערסטו? ווילסטו צוריק אין דײַן לאָך? רופֿסטו דאָס היים?

— זאָל „דו“ קומען! — האָט קאַספּער פּלוצלינג קלאָר גע־זאָגט, כאָטש לעצטנס האָט ער זיך באַנוצט מיט באַוועגונגען, מיט זשעסטן, מער ווי מיט ווערטער.

— האַ, יענער וועט דיך היטן! — האָט זיך הייל מיט חוזק צעלאַכט.

— „דו“ וועט קומען — ער מוז קומען — האָט קאַספּער געבעטן. און ער האָט אַ דערהויבענעם קוק־געטון אויף מערב־זײַט הימל, ווי ער וואָלט זיכער געווען, אַז „דו“ שפּרײַזט אין דער לופֿט. דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און, ווי געווײַנטלעך, מיט אָנשטרענגונג געדריקט צו דער ברוסט דאָס פֿערדל — דאָס אײנ־ציקע פֿון די געשאָנקענע מתנות, וואָס ער האָט געוואָלט נעמען מיט זיך, ווען „דו“ וועט קומען נאָך אים.

הייל האָט די דאָזיקע באַוועגונג פֿאַרשטאַנען.

— ארעמער! — האט ער געזאגט — עס וועט דיר גארנישט העלפן. דו מוזט בלייבן אויף דער וועלט, אויב דו ביסט איינמאל דא פארהאנען, ווען אפילו זי געפעלט דיר נישט. געפעלט זי דען מיר יא? — ער האט א צי געטון מיט די אקסלען. און דאך בלייב איך!

קאספער האט די ווערטער נישט פארשטאנען, אבער ער האט משער געווען זייער זין. ווייל ציטערנדיק מיטן גאנצן קער־פער, האט ער זיך זיפצנדיק געווארפן אויף דער ערד. היל האט אים געטרייסט, ווי ער האט נאר געקאנט. אבער איבערן יונגלס טרויעריקן פנים זענען נסדר געשוואומען טרערן. אין דעם זעלבן טאג האט ער זיך מער נישט געוואלט שפילן מיטן פערדל. און אומבאוועגלעכער איז ער געבליבן ליגן אין זיין ווינקל. ער האט א ציטער געטון ביי יעדן אפקלאנג פון טריט, וואס זענען געקומען פון די שטיגן. דער ריח פון מענטשן האט אים שרעקלעך גערייצט. באזונדערס האבן אים געארט די הענט, וואס זענען געווען אויס־געצויגן אים צו צערטלען: פארשידנפארביקע, פארשידנפארמיקע הענט, האבן זיי אויסגעזען פאר אים, ווי זעלבסטשטענדיקע בריאים, וואס קריכן, שלעפן זיך, ווי געפערלעכע חיהלעך, פון וועלכע ער קען שטענדיק דערווארטן אן עולה.

איין האנט איז אים בלויז אנגענעם געווען: דוימערס האנט. אבער זי איז נישטא. פארוואס קומט זי נישט, בעת עס ווייזן זיך אזוי פיל אומאנגענעמע הענט? — האט זיך קאספער געפרעגט אין געדאנק. — און פארוואס זענען דא אזויפיל מענטשן? — מיט שלעכטע מיילער און שלעכטע אויגן?!

עס האט אים איצט געארט דער פורפור־גלאנץ פון דער זון, עס האט אים געארט דאס פייפן פון ווינט, ווי א ביייז מענטשלעך קול. ער האט געבענקט נאך דער איינזאמקייט פון זיין פריערדיקער קאמער.

עס איז געווען זונטאג. פארנאכט זענען אנגעקומען דוי־מער און טוכער. מיט זיי צוזאמען איז אנגעקומען דער מלוכה־ראט באראן פייערבאך, וועלכער האט באשלאסן פערזענלעך א קוק־

צו־טון, ווי די זאַך זעט אויס. דינגענדיק אַ צימער אין האָטעל „אונטערן שעפּעלע", איז ער גלייך אַוועק מיט ביידע חברים צום טורעם. דאָ האָט זיי דערוואַרט אַן אומגעריכטע אומאָנגענעמלעכקייט. קאַספּער איז אין דער קאַמער נישט געווען. דעם וועכטערס ווייב האָט דערקלערט, אַז דער מאַן האָט אים מיטגענומען אין דעם גאַסט־הויז „אונטערן קראָקאָדיל" אויף דער פֿאָדערונג פֿון ראַטמייסטער וועסעניג, וועלכער וויל דעם „געפֿונענעם" ווייזן עטלעכע באַקאַנטע אויסלענדער, וואָס געפֿינען זיך אין זעלבן גאַסט־הויז.

דוימער איז פֿון איבעראַשונג אַזש בלאַס געוואָרן; טובער האָט קוים באַהערשט אין זיך די שרעק פֿון אַ שלעכט געפֿיל. דער טריבונאַל־פּרעזעס האָט פֿאַראַכטלעך אַ שמייכל־געטון מיט די דינגע ליפּן; אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַרויסזאָגן די מיינונג „וועגן דער פּאָטאַלער אָרדנונג", וואָרפֿנדיק בלויז דעם באַפֿעל: „פֿירט מיך צו יענעם גאַסט־הויז!".

די דריי הערן זענען שווייגנדיק געגאַנגען דורך געדרייטע געסלעך צום מאַרק, וווּ עס האָט זיך געפֿונען די ווייַן־האַנדלונג „אונטערן קראָקאָדיל". איבערן גאָטישן דאַך פֿון ראָט־הויז איז געשווימען די לבֿנה, איינגעהילט אין נעפּל. מיט איינמאָל האָט דוימער אַ מורמל־געטון אַ גערירטער:

— אָט איז ער!

און ווירקלעך איז קאַספּער, וויגנדיק זיך, ווי ער וואָלט געווען שיכּור, געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף הילס אָרעם.

פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַ ציטער־געטון. זיינע אויגן האָבן איבעראַשטע געקוקט אויף דער ערד. אַלע דריי האָבן זיך דערנענטערט צו אים, כּדי געוואָר צו ווערן, וואָס האָט אים אַזוי איבערגעשראָקן. זיי האָבן אויפֿן ברוק נישט געזען מער, ווי די שאָטנס פֿון יונגעמאַן און זיין חבר. קאַספּער האָט נישט געהאַט קיין דרייסטקייט צו באַוועגן זיך. דאָס מויל האָט ער געעפֿנט צו שרייען; אַ שווייס האָט באַגאָסן זיין שטערן; די קני האָבן זיך איינגעבויגן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס אַ שרעקלעך געהיימניש שניידט אונטער אַלע באַוועגונגען פֿון דער וועלט, אויף

װעלכער דער צופֿאַל האָט אים געבּרענגט.

די דרײַ אָבסערװאַטאָרן און דער תּפֿיסה-שומר זענען געבליבן שטײן, איבעררַאַשט פֿון זײַן פּחד. עס האָט נישט אַ סך געפֿעלט און דער פּרעזעס װאָלט הײַנט דעם אָװנט באַפֿרײַט פֿון דינסט. טוכער האָט זיך אָבער שטאַרק אײַנגעשטעלט פֿאַר אים און די שולד איבערגעװאָרפֿן אויף די העכערע באַאַמטע, װאָס דאַרפֿן זײַן פֿאַראַנטװאָרטלעך פֿאַר די נאַכלעסיקײטן פֿון די נידעריקע באַאַמטע. די דימיסיע האָט שיער ניט באַקומען דער בירגערמײַסטער, װעלכן עס איז אָבער געלונגען אויסצובעטן, מען זאָל אים מוחל זײַן. ער האָט צוגעזאָגט צו פֿאַרשטאַרקן דעם גאַנג פֿון דער אויספֿאָרשונג אַרום דעם „געפֿינגענעם". אָבער זײַן נײַער, מאַכטהאָבנדיקער אַפּוטרופּוס האָט דערקלערט, אַז הויזער דאַרף איבערגעטראָגן װערן אין דוימערס הויז. דאָס אויספֿירן די דאָזיקע פֿאַראָרדנונג האָט דער פּרעזעס אָפּגעלײגט אויף צעמאָרגנס אינעדערפֿרי, ביז ער װעט אַלײן אונטערזוכן דעם אַרעסטאַנט.

דוימער האָט אין דער הײם געשאָלטן אין אַלע זײַטן.

— באַרבאַרן! קצבים! זײ האָבן מיר געפּײַניקט ס'יונגל. און אויך איך מוז לעבן צװישן אַזאַ האָלאָטע!

— צי לוינט זיך צו שעלטן, בעת מען הערט דיך נישט! — האָט זיך אָנגערופֿן די שװעסטער.

— איך האָב מורא, דו האָסט אויפֿסנײַ געפֿינען אַ געטשקע! — האָט די מוטער באַמערקט אומדרײַסט.

— אַך! מען קאָן באַלד דערקענען, אַז דו האָסט נישט געזען קאַספּערן! — האָט ער געענטפֿערט מיט באַדויערן.

— איך האָב זיך נישט ליב צו שטופּן!

— זײַ װיסן, מאַמאַ, אַז עס פֿעלן מיר פּשוט װערטער אויסצודריקן זיך, װי שײן דאָס דאָזיקע באַשעפֿעניש איז. דאָס איז די אַנטפּלעקונג פֿון אַ לעגענדע פֿון לאַנג-פֿאַרגעסענע צײַטן. אַ רײנע און קלינגנדיקע שטים פֿון דער נאַטור, אַ מיט, װאָס װאַרט פֿאַרקערפּערט צו װערן! אַ נשמה, װאָס אירע קאָסטבאַרע אוצרות האָט נאָך קײנער נישט באַרירט. צי איז מײַן נשמה װערט יענער נשמה? — דאָס איז אַ פֿראַגע.

— דו חלומסט ! — האָט זיך אַנאַ אָנגערופֿן.

דוימער האָט געצויגן מיט די אַקסלען. מיט אַ קול, וואָס זיין מילדער טאָן האָט אויך געהאַט אין זיך אַ שטרענגען ערנסט, וועלכער האָט צו־וויסן געטון, אַז ער ליידט ניט, מען זאָל אים איבערשפּאַרן, האָט ער געזאָגט :

— פֿון מאָרגן אָן וועט קאַספּער בײַ אונדז וואוינען. איך האָב דאָס אויסגעבעטן בײַ פֿייערבאַכן. איך מיין, מאַמע, אַז דו וועסט פֿאַרשטיין, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין פֿאַר מיר, און דו וועסט ניט שטערן מיינע סטודיעס, פֿון וועלכע איך האָף צו מאַכן גרויסע אַנטדעקונגען.

מוטער און טאָכטער האָבן אין שווייגנדיקן אומרו זיך געטוישט מיט די בליקן.

צומאָרגנס האָבן דער בירגערמייסטער, דער שטאָטישער דאָקטאָר, דער קאָמיסאַר און דוימער אָפּגעוואַרט פֿאַר'ן תּפֿיסה־שלאָס דעם פּרעזעס, וועלכער האָט לערך דרײַ שעה זיך געפֿונען אויג אויף אויג מיטן אַרעסטאַנט. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיי געוואָלט געוואויער ווערן, וואָס פֿאַר אַ איינדרוק קאַספּער האָט געמאַכט אויף דעם באַריהמטן מאַן. זיין פּנים איז אָבער געווען אַזוי פֿאַרהילט מיט אַן אומעטיקן ערנסט און דער געפֿאָלדעטער שטערן האָט דערציילט פֿון אַ שטאַרקער פֿאַרטראַכטקייט, אַז דער בירגערמייסטער האָט קוים געהאַט די דרייסטקייט צו פֿאַרבעטן אים אויף מיטיק. דער פּרעזעס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין דעם בירגערמייסטערס גאַסט, ער האָט זיך בלויז געווענדעט צו דוימערן און געזאָגט :

— נעמט אים צו וואָס שנעלער. דאָס יונגל דאַרף האָבן אַ פֿילנדיקע אויפֿזיכט.

דערנאָך האָט ער זיך גענומען מיט אַלע געזעגענען :

— איך וועל זיך אַמאָל אומקערן צום ענין... אָבער יעצט... צום ווידערזען, מיינע הערן !

און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט שווערע טריט. באַלד איז ער פֿאַרשוואונדן פֿון זייערע אויגן. צוליב דעם, וואָס זיי האָבן

אַ סך געווײַלט געלייגט אויף דער מיינונג פֿון מענטש, וואָס האָט געשמט מיט זײַן שאַרפֿן שׂכל, זענען זיי געוואָרן אַנטטוישט דערפֿון, וואָס ער האָט זיך אַזוי פֿאַרשלאָסן אין זיך.

אין אָוונט פֿון זעלבן טאָג איז קאַספּער איבערגעפֿירט געוואָרן אין לערערס וואוינונג.

דיזר שפּיגל רעדט

דוימער היינל האָט זיך געפֿינען אויף אַ קליינעם אינדזל. דאָס איז געווען אַן אַלטמאָדישע געבייִדע מיט קרומע און טונקעלע צימערלעך. הויזער האָט אָבער באַקומען אַן אָנגענעם שטיבל מיטן פֿענצטער צום טייך.

דאָס איבערציִען זיך האָט שטאַרק אויפֿגעטרייסלט דעם יונגלס אָרגאַניזם. מען האָט אים באַלד געמוזט אַוועקלייגן אין בעט. עפּעס אַן איבעררעשונג האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון. און היץ האָט ער זיך געוואָרפֿן אויפֿן געלעגער, וואָס איז אים געווען אומבאַקאַנט. דער רעגן, וואָס האָט געקלאַפּט אין די שויבן, האָט אים געמאַלט צימערן. עס האָבן אים באַאומרואיִקט די טריט פֿון די דורכצימערן. נייער הינטערן פֿענצטער. דער אָפּקלאַנג פֿון האַמערס, וואָס איז געקומען פֿון דער אין שבֿנות-לינגדיקער קוזשניע, האָט אים באַרוישט. ער האָט זיך באַמיט צו זיין וואַכנדיק און דאָס האָט אים נאָך מער אויסגעשעפּט.

דוימער האָט דריי מעת ניט אַוועקגערירט זיך פֿון טראַגיזם בעט. מיט זיין אויפֿאָפּפֿערונג האָט ער אַרויסגעריסן ווונדער. „ער מוז לעבן!" — האָט ער געזאָגט. און קאַספּער האָט אויפֿגעלעבט. אויפֿן דריטן טאָג האָט זיך אויף זיינע ליפּן באַוויזן אַ שמייכל. דער אַפּוטרופּוס האָט טריומפֿירט.

— דו זעסט אוים, ווי דו וואָלסט זיך אַליין באַפֿרייט פֿון ווירמע! — האָט די שוועסטער באַמערקט.

צעמאָרגנס האָט דוימער דעם קליינעם געפֿירט אין גאָרטן אַריין, כּדי דאָס שאַרפֿע טאָג-ליכט זאָל אים ניט אַרן, האָט ער דעם יונגל אָנגעטון אויפֿן קאָפּ אַ מיצל פֿון געלן פּאַפּיר. דערנאָך

האָט ער אויסגעקליבן פֿאַר שפּאַציר־שעהן די שפּעט נאָכמיטיק־צייט.

די שפּאַצירן האָבן אויסגעזען ווי רייזעס. יעדע קלייניקייט איז פֿאַר קאַספּער געוואָרן אַ גאַנצע געשעעניש. ווי שווער דאָס איז צו לערנען אַ יונגל זעען, איבערגעבן אים מיט זאַכן, וואָס האָבן אים דערשראָקן (און דערשראָקן האָבן אים כמעט אַלע זאַכן), אַריינגעמען אין זכרון די נעמען פֿון אַזוי פֿיל נייע זאַכן. ווען ער האָט פֿאַרשטאַנען די הויכקייט פֿון הימל, די האַרטקייט פֿון דער ערד, די ווייטקייט פֿון שטח אויף איר — איז זיין טראָט זיכערער געוואָרן. הויפּטזעכלעך האָט זיך געהאַנדלט אים דרייסטער צו מאַכן.

— דאָס איז לופֿט, קאַספּער! כאַפּ עס ניט אין דער האַנט, זי איז דאָך דאָ. באַוועגלעכע לופֿט ווערט ווינט. מען דאַרף ניט מורא האָבן פֿאַר אים. דאָס, וואָס איז פֿאַר דער נאַכט, רופֿט זיך „נעכטן" — דאָס, וואָס קומט נאָך איר הייסט „מאָרגן". פֿון נעכטן ביז היינט פֿליסט די צייט, איינגעטיילט אין שעהן. דאָס איז האָלץ, דאָס איז אַ צווייג, דאָס גראָז, דאָס אַ שטיין, דאָס בלע־טער, בלומען און פֿרוכטן...

איינהערנדיק שטאַרקער, וואַקסן די אויפֿקלערנדיקע ווערטער — זיי נעמען אָן אַ פֿאָרם, וואָס מען פֿאַרגעסט ניט. קאַספּער שפּירט די ווערטער אויף דער צונג: זיי זענען ביטער און זיס, זיי רייזלען און דערוועקן דעם אומרו פֿון אומבאַפֿרידיקטע בייגי־ריקייטן. אַ טייל קלינגען אין דער פֿינצטערניש, ווי קלאָקן; אַנדערע זעען אויס אין נעפּל ווי פֿלאַמען. לאַנג איז דער וועג פֿון די זאַכן צו די נעמען. מען מוז זיך יאָגן נאָכן אַנטלויפֿנדיקן אויסדרוק. דער דערגרייכטער פֿאַרלירט באַלד דעם ווערט. אַזוי געשעט אויך מיט מענטשלעכע פּנימער; זיי האָבן זיך געפֿינען ווי אונטער אַ קראַטע, פֿרעמד, שרעקנדיק; די צעבראָכענע קראַטע האָט זיי געמאַכט נענטער און אַמאָל שענער.

דאָס קלינגענדיקע וואָרט „בלום" איז דער פֿרי איז פֿאַרנאַכט געוואָרן פֿאַרטרויליך, איז אָוונט — אַלט און גרוי. דוימער האָט פֿאַרצייכנט אין טאָג־בוך:

„וואָס פאַר אַ פרייד אײנצוזײען אויפן פעלד באָדן פון דער נשמה קערנדלעך, וואָס בליִען אויף און געבן פירות! דאָס, וואָס איז בלייך פאַר די אויגן פון צוגעווייננונג, איז פאַרביק פאַר די אויגן פון מיין פּופּיל, ווי עס וואָלט ערשט באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט. און דאָרט, וואו די וועלט פאַרשליסט זיך מיט איר סודותדיקייט, שטייט ער נאָך מיט זיין עקשנות און האָפנונג: „פאַרוואָס?“ — אַן אויסדרוק פון הונגער, דערשטוינונג, צווייפל — דאָס בכבודסטע פון אַלע ווערטער!“

מיר ווערן נישט באַהאַלטן, אַז דוימער איז אַמאָל געווען אומצופרידן פון זיך: „בין איך נאָך אַ גערטנער, וואָס איך קאָן נישט שטערן וואַקסן דאָס ווילד-גראָז? ביי וועלכער גרעניץ שטעלט איך האָב געפונען אַ פּענאַמען. וואָס וועט נוצן די מענטשן פון מיין צייט זיי זאָלן אַ ביסל גלויבן אין וואונדער, אָבער...“

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו קאַספּערן, וואָס האָט כסדר אַלץ געפּלאַפּלט: „צוערשט לערנען זיך, דערנאָך אַהיים“ — און ער האָט זיך באַמיט אים איבערצייגן: „אָבער דו בינסט דאָך אין דער היים“; דאָס יונגל האָט אָבער אומגלויבלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַמאָל איז ער געשטאַנען ביי דער קראַטע, הינטער וועלכער קינדער האָבן זיך אין שבתדיקן גאָרטן געשפּילט. „ווי קליין זענען מענטשן“ — האָט ער איינמאָל אומגעריכט געזאָגט צו דוימערן, און אין זיין פאַרוואונדערונג האָט זיך געפילט אַ טרויער. דוימער האָט אים צוריקוועגס דערקלערט מיט אַ שמייכל, אַז אַלע מענטשן זענען געווען זייער קליין און אויך ער, קאַספּער, אויך. אָבער דאָס יונגל האָט נישט געגלויבט:

— ניין, קאַספּער, קיינמאָל נישט האָבן אַזעלכע קורצע פיס און הענט! — האָט ער געזאָגט אין אַ פאָרם, וואָס האָט באַוויזן, אַז ער האָט נאָך נישט באַהערשט אַלע כללים פון דער גראַמאַטיק.

דער לערער האָט אים אויפגעקלערט, אַז ער, קאַספּער, וואַקסט זיך אָפּ דער דאָזיקער תאוהדיקער „פאַרוואָס?“. וואָס אַז אמת, ענדערט זיך פון טאָג צו טאָג און ווען ער וועט אַלט ווערן, וועט ער האָבן גרויע האָר און אַ שטערן מיט קנייטשן. דערויף איז דאָס

יונגל בלאַס געוואָרן, דערשראָקן גענומען זיפֿצן און געבעטן די-מערן, אַז ער זאָל דערצו נישט דערלאָזן. דוימער האָט גע-שעפּטשעט צו דער שוועסטער, אַז זי זאָל ברענגען פֿון גאָרטן אַ פֿרישע קנאָספּע און אַ וועלקנדיקע רויז. ער האָט דעם יונגל דער-קלערט דעם אונטערשיד צווישן די צוויי צושטאַנדן פֿון אַנטוויקלונג.

— ניין! — האָט דאָס יונגל זיך אַנטקעגנגעשטעלט, — דאָס האָסטו אַליין פֿאַרדאָרבן די רויז, צעבּרעכנדיק איר דעם פֿוס.

— ניין! זי איז פֿאַרוועלקט געוואָרן, ווייל זי האָט זיך אויס-געוואַקסן. און מען וואַקסט, ווייל מען לעבט.

אַ נייע וועלט פֿון איינדרוקן האָט פֿאַרשלינגען דאָס יונגל.

— ווי אַזוי? בלומען און בוימער לעבן? און ווער האָט אויס-געריסן די בלעטער? און צו וואָס זענען זיי דאָ אַזוי פֿיל?

— זיי זענען געוואַקסן! — האָט געקלונגען דער ענטפֿער, וואָס האָט אָבער נישט באַפֿרידיקט דעם פֿרעגנדיקן.

— און די דאָזיקע שטיינערנע סטאַטוע אין גאָרטן, וועלכע האָט דאָס פּנים פֿון אַ מענטש, לעבט זי אויך? פֿאַרוואָס איז זי אַזוי בלייך און שמוציק? פֿאַרוואָס איז זי נישט מיד, כאָטש זי שטייט שטענדיק?

ער האָט געדאַרפֿט אָנטאַפּן די פֿיגור, ווייל ער האָט גאָרנישט געגלויבט אין באַרירונג. ער האָט זי געוואָלט קריגן אַלס מתנה, כּדי צו זען, וואָס איז פֿאַרהאַן אין איר אינעווייניק. „עפּעס" איז שטענדיק דאָ אַרום דער זאַך. אָט איז אַן עפּל אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ צווייג און גענומען זיך קייקלען. „פֿאַרוואָס איז דער עפּל אַנט-לאָפֿן?..." דוימער האָט דעם עפּל צעשניטן מיט אַ שאַרף מעסער. דאָס יונגל איז איבערראַשט געוואָרן. ער האָט אים געוויזן אַ וואָרעם אינעווייניק אין עפּל.

— דער דאָזיקער וואָרעם האָט זיך געפֿונען אין אַ תּפֿיסה אַזוי ווי דו, — האָט ער באַמערקט.

דאָס יונגל האָט זיך פֿאַרקלערט. זענען דאָ אַזוי פֿיל געפֿאַנ-גענע, פֿון וועלכע ער ווייסט גאָרנישט. פֿון דאַן אָן זענען אַלע „אינעווייניקס" געווען פֿאַר אים תּפֿיסות. ער האָט זיך דערמאָנט דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען, ווען „דו" האָט אים אויס-

געלערנט אומצוגיין מיט פערדל. פון יעצט אן האט ער אין אלע זאכן געזען א געפאר. דאס פחדימדיקע דערוואַרטן אומגעוויינט־לעכע זאַכן, פאַרבונדן מיט דער פרייד פון באַוועגונג, איז געווען א שטריך פון זיין נאַטור, וואָס האָט אַרויסגערופן אַנטציקונג בײַ די אַרומיקע מענטשן.

איינמאָל האָט ער נאָכן רעגן דערזען אויפן הימל א רעגנבויגן. ער האָט געשטראַלט. „ווער מאַכט דאָס?" — „די זון!" — „אָבער די זון איז דאָך נישט קיין מענטש?" דוימער האָט דערפילט, אַז קיין שום פיזיקאַלישע דערקלערונג וועט נישט באַפרידיקן דעם קליינעם. ער האָט זיך געמוזט פאַררופן אויף גאָט.

— גאָט האָט באַשאַפן די לעבעדיקע און טויטע נאַטור.

קאַספער איז שטיל געוואָרן. דער אויסדרוק גאָט האָט טונקל געקלונגען. דאָס יונגל האָט דעם געהיימנישפולן ווען, וואָס האָט געטראָגן דעם הימל און זיך אומעטום געפונען, פאַרגליכן מיט יענעם „ד ו", אויף וועמענס פּלייצעס עס איז געלעגן א משא, וואָס האָט זיך אויסגעשיילט פון דער פינצטערניש און אים געגעבן א קלאַפּ פאַר צו הויך רעדן.

אַלץ אַרום איז געווען סודותדיק! די באַוועגונג פון די שטערן, דאָס געמורמל פון די וואַסערן, דער גאַנג פון שטראָם, דער פרילינג־גאַנג פון די וואָלקנס, דאָס קומען און פאַרשווינדן פון די בלומען און הויפּטזעכלעך דאָס באַווייזן זיך פון מענטשן, זייערע ווייטיקלעכע מינעס, קריגנדיקע קולות, מאָדנע געלעכטערס...

וואָס מען דאַרף אַלץ דערקענען און אויסלערנען זיך!

קאַספער איז אַרײַנגעפאַלן אין א צושטאַנד פון ווייטיקלעכער פאַרטראַכטקייט. עס האָט אויפגעפלאַמט אין אים עפּעס א פונק, — און דעמאָלט האָט ער גאָרנישט געזען אַרום זיך, ביז דער פונק איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן. עס האָט זיך אָפּגערופן אין אים א סודותדיק קול. דאָס יונגל האָט זיך אײַנגעהערט אין די אומדייטלעכע קלאַנגען פון זיין קול. דוימערן האָט ס'האַרץ וויי געטון, זעענדיק דאָס יונגל אין אַזא שטימונג.

— וואָס דריקט אים? די גאַנצע וועלט שווערט אויף זיין שפּיל! — האָט ער געזאָגט צו דער מוטער און צו דער שוועסטער.

זיי זענען אַלע דרײַ געקומען צום באַשלוס, אַז קאַספּער דאַרף צעשטערט ווערן. אין דעם נאָכמיטאָג (ווערט) זיך. אין דעם נאָענסטן חגא־טאָג האָט מען אים מיט־גענומען אויף אַ ווײַטערדיקן אויספלוג. ער איז געגאַנגען צווישן די צוויי דאַמען, אָנגעטאָן אין אַ בלויען ראָק, אַ מאָדיש וועסטל, ווײַסע זאָקן, אויפהויבנדיק מונטער די פיס, אָנגעטאָן אין האַלב־שיך מיט זילבערנע פרענדזלעך. אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן אים באַגעגנט מיט אַ פאַרוואונדערונגס־אויסגעשריי אָדער מיט חוזק:

— אָהאָ, דאָס איז קאַספּער! ווי עלעגאַנט!

אָדער:

— ווי דער אונטערגעוואָרפענער האָט זיך אויסגעשלײַערט!

צום גליק זענען די דאָזיקע אומבאַקאַנטע געגאַנגען אַ ביסל דערווײַטערט פון אים. דאָס האָבן זיי געטאָן נאָכדעם, ווי דוימער האָט זיי וועגן דעם שטאַרק געבעטן. וויפיל מאָל דוימער האָט אויפגעהויבן די האַנט, איז קאַספּער צוגעשטאַנען און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס?... וואָס באַדײַט עס?

באַראָן טוכער, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט דוימערן אויפן שפּאַציר, איז דערשטוינט געוואָרן פון דעם דיסציפּלין־פאָרשרייט און דער אויפפירונג פון אַמאָליקן ווילדן.

— ער איז שוין צוגעקומען צו דער גרעניץ, פון וועלכער עס הייבט זיך אָן די שול־חכמה! — האָט ער באַמערקט.

— איך וועל אײַך ווײַזן אין דער היים אינטערעסאַנטערע זאַכן.

— כשוף?! — האָט טוכער געשפּאַסט.

— ניין! אָבער, ווי זאָגט האַמלעט: „עס זענען דאָ זאַכן צווישן הימל און ערד“ א. אַז. וו.

אין אַ זײַטיק אָרט צעלייגט מען די זאַכן, וואָס מען האָט מיטגענומען; די קליינע געזעלשאַפט רוט זיך אָפּ נאָכן שפּאַציר עסנדיק און שמועסנדיק פריילעך. קאַספּער, אַ פאַרמאַטערטער איז גלײַך אײַנגעשלאָפן. אַלע זענען דערפון צופרידן געווען, ווײַל קאַספּער וואָלט געווען דער ווילסטיקסטער פון צווישן אַלע.

ווען ער האָט זיך איבערגעוועקט, האָט דוימער געזאָגט צו

אום, ווײַזנדיק מיט דער האַנט אויף מערב-זײַט:

— האָסטו שוין אַמאָל געזען די זון אַזוי גרויס און רויט?

אין שטילן כּישוף האָט דאָס יונגעל געקוקט אויף דער זון, וואָס האָט זיך געבאָדן אין פֿײַערדיקע וואָלקנס. באַלד זענען די פּורפּורענע פֿלאַמען אויסגעלאָשן געוואָרן, ציטערנדיק האָט ער גע־כאַפּט דעם לערערס האַנט:

— וואוהין איז די זון געגאַנגען? — האָט ער געשריגן.

נישט-ווילנדיק, האָבן זיך די פֿרויען צעלאַכט. דוימער האָט געקלערט, אַז אדם האָט די ערשטע נאַכט אין גן-עדן געמוזט האָבן אַזאַ שרעק. ער האָט געטרייסט דעם יונגל, אַז די זון וועט קומען.

— איז די זון גאָט? — האָט קאַספּער געפֿרעגט.

— אַלץ איז גאָט! — האָט געענטפֿערט דוימער, געניגט צו פּאַנטעאיסטישער פֿילאָזאָפֿיע.

נאָך אַ לענגערער פּויזע פֿון שווײַגן האָט זיך דאָס יונגעל אָנגערופֿן:

— קאַספּער האָט ליב די זון!

אין זײַן ענטוזיאַזם האָט זיך געפֿינען דער עלאַ פֿון דער עפּאָכע פֿון געצנדינערײַ.

צוריק-וועגס האָבן אַלע געשוויגן. די דאָזיקע שטימונג איז געווען אַן אויסדרוק פֿון כּבֿוד פֿאַר די אומפֿאַרגעסענע שעהן, וואָס זענען פֿאַרבראַכט געוואָרן אין האַרמאָניע פֿון הערצער אויף דער שויס פֿון דער שיינער נאַטור.

איידער זיי זענען אַרײַן אין די טויערן פֿון דער שטאָט, האָט זיך אַנאַ אָפּגעשטעלט; זי האָט קאַספּערן געוויזן די ליכטלעך אויפֿן הימל, געזאָגט פֿאַר אים דאָס אומבאַקאַנטע וואָרט: „שטערן". קאַספּער איז נישט בײַכולת געווען אָפּצורײַסן די אויגן פֿון באַשטערנטן הימל און אַ באַרוישטער האָט ער כּסדר, אָן סוף, איבערגעחזרט דאָס וואָרט, וואָס ער האָט צוגערויבט פֿון אַנאַס ליפּן: „שטערן". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אויסגעקליבן מיטן בליק די העלסטע שטערן.

ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט דערווייסן זיך, ווער עס האָט די דאָזיקע מיליאָנען פֿלעמעלעך „אָנגעצונדן און אָוונט דאָרט אין

דער הויף". /

ווען דוימער האָט אים דערקלערט, אַז זיי ברענען אייביק, צאָר נישט שטענדיק זעט מען זיי, איז דער יונגערמאַן פֿון פּלוצלונגער באַגייסטערונג אַריינגעפֿאַלן אין אַ צושטאַנד פֿון טיפֿער פֿאַרטראַכטקייט; באַלד האָט ער גענומען זיפֿצן.

— וואָס איז אים געשען? — האָט טוכער אויפֿן אויער געפֿרעגט דעם לערער. האָט ער שוין דערפֿילט די גאָרנישטקייט פֿון מענטש לגבי דער אייביקייט פֿון די שטערן?

— איך האַלט נישט אַזוי! — האָט דוימער געענטפֿערט. ער האָט פּשוט נאָך נישט געזען קיין אויסגעשטערנטן הימל און די שיינקייט פֿון דער נאַטור... אָבער... פֿאַרגעסט נישט מאָרגן צו קומען צו אונדז! — האָט ער צוגעגעבן, ווען זיי זענען געשטאַנען פֿאַרן טויל פֿון גאָרטן און מען האָט זיך געראַפֿט צעשיידן

צעמאָרגנס האָט זיך טוכער אַביסל פֿאַרשפּעטיקט אויפֿן צוגעזאָגטן „סעאַנס". ער איז געווען דערשטוינט. אין דער האַלבער טונקלקייט, וואָס האָט געהערשט אין צימער, האָט ער געהערט קאַספּערס אײַנטעניקע קול, ער האָט געלייענט אַ זײַטל פֿון דער בּיבל, וואָס עמיצער פֿון די אַנוועזנדיקע האָט סתם אַזוי עפֿן געטאָן. די געסט האָבן אויסגעדריקט זייער פֿאַרוואונדערונג. דעם יונגלס אויגן, געוואוינט צו דער פֿינצטערניש, האָבן אַליין אויסגעוויזן צו זײַן קוואַלן פֿון ליכט. ער האָט אויך געוואוסט אונטערצושיידן פֿאַרבן אויף זייער אַ באַדײַטנדיקן שטח.

דוימער האָט מיטגעטיילט, אַז ער וועט יעצט מאַכן אַ פּרובע פֿון חוש הריח. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וויפֿיל מאָל מען האָט נישט אַוועקגעשטעלט ווײַט פֿון קאַספּערן אַ צוגעדעקטע כּלי ווײַן, האָט קאַספּער זיך ווייטיקלעך פֿאַרקרומט און זיך באַקלאַגט אויף קאָפּ־ווייטיק. דאָ זענען נישט געווען קיין שום קונצן. עמיצער, חושד זײַענדיק אַז אָפּגערעדט שפּיל, האָט צום פֿירטן מאָל אָנגעפֿילט אַ כּלי מיט וואַסער. דער עפֿעקט איז נישט געקומען. נאָך מער פֿאַרוואונדערונגסווערטער איז אויסגעפֿאַלן דער עקספּערימענט מיט די מעטאַלן. אַ שטיקל שטאָל, וואָס איז באַהאַלטן געוואָרן אין דעם יונגלס אָפּוועזנהייט, האָט אים

שפּעטער, ווען ער איז אַריינגעקומען, צוגעצויגן ווי אַ מאַגנעט.
עס האָבן אָפּגעהילכט אַפּלאָדיסמענטן. דאָס יונגעל איז אָבער
געווען בלאַס און באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס. צוליב דעם
האָט טוכער געצהט אויפצוהערן אַזעלכע עקספּערימענטן.

ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער באַמערקונג, איז דאָס נײַעם שנעל זיך צעגאַנגען איבער דער שטאָט און דוימערס הויז איז באַזוכט געוואָרן ווי אַ מוזעאום. און דעם יונגעל האָט מען פּשוט פֿאַרפּײַניקט מיט אויספּרובירן זײַנע אומגעווײנטלעכע פֿיזיאָלאָגישע פֿעאיקייטן. אפֿילו ווען ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, האָט מען ניט אויפֿגעהערט צו פֿאָרשן. דער סאַניטאַר־ראַט האָט דערקלערט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ „פֿאַרשטײנטערטן" אין שלאָף.

דוימער האָט מיט ברען אויסגעפּרוווט אויף זײַן פּולפּיל אַלטע מעסמערישע און נײַע היפּנאָטישע מעטאָדן, דורך זײַן אײַנגאַרטיקע עמפּינדונגס־פֿעאיקייטן האָט ער אויך געפּרוווט די היילקראַפֿט פֿון פֿאַרשידענע כעמישע פּרעפּעראַטן. דער „מעדיום" האָט אַרויסגערופֿן אומגלויבן בײַ איין טייל און אַנטציקונג בײַם אַנדערן טייל. צוליב דעם, וואָס עס זענען ניט געקומען געגנוג קיין נײַע „מופֿתים", האָט די שטים פֿון דער עפֿענטלעכער מיינונג דוימערן אָנגענומען פֿאַר אַ צירק־אונטערנעמער, וואָס ווײַזט פֿאַרשידענע שטיקלעך מיט זײַן שלעכט דערצויגענעם פּופּיל.

קאַספּער, ניט געקוקט אויף זײַן מײַסטערס פֿאָרוואורפֿן, האָט דערפֿילט אַ רחמנות, זעענדיק גרויע האָר אויפֿן קאָפּ פֿון אַ דירעקטאָר פֿון אַ וויכטיקער מלוכה־אינסטיטוציע. ער האָט אָבער ניט באַהאַלטן זײַן עקל צום שוואַרצן בערדל פֿון מאַגיסטראַט־ראַט בעכטאָלד און ער האָט זיך ניט געלאָזט אויסלערנען קושן די הענט אַלע דאַמען. ער האָט אַפֿילו אַמאָל פֿאַרגעסן צו גריסן די געסט. ווערנדיק גערופֿן צו ווײַזן די „קונצן", האָט ער זיך גלײַך ניט געלאָזט אָפּרײַסן פֿון בוך, ער האָט זיך ערשט באַוויזן שפּעטער, נאָכ'ן ברענגען אין אָרדנונג זײַן שפּילצײַג.

עס איז אים לאַנגווײַליג געווען שטענדיק צו ווײַזן, וואָס פֿאַר אַ גוטן זכּרון ער האָט, ווײַל ער האָט עס געהאַלטן פֿאַר נאַטירלעך.

וואָס ער האָט געקענט פֿון אויסנווייניק אַ גאַנצע ריי ווערטער און ציפֿערן נאָכן איבערלייענען זיי איין מאָל; ער האָט דערין גאָר נישט געזען אַזוינס, וואָס מען דאַרף באַוואונדערן.

ער האָט נישט געהאַט דאָס באַוואוסטזיין פֿון דעם אונטערשייד צווישן זיין באַזונדערן „איך“ און דער וועלט, און די דרייסטקייט זיינע איז געקומען פֿון צוגעוואוינען זיך צו זיין צווישן אַ המון מענטשן. עס האָט אים געפֿרייט, וואָס מען האָט איצט אין דער גאַנצער וועלט שטאַרק גערעדט וועגן אים, ווי וועגן אַ פֿענאָמען, — דאָס האָט דוימער מיט שמחה פֿעסטגעשטעלט, — וואָס עס זענען געקומען געסט אפֿילו פֿון אויסלאַנד, כּדי אים אָנצוקוקן. ער האָט זיך זייער אינטערעסירט מיטן שלאָגן פֿון זייגער, מיטן פּלוצלונגדיקן פּלאַצן פֿון אַ שויב, מיט אַליץ, און וועלכן ער האָט חושד געווען עפּעס אַ טיף געהיימניש. ער איז געווען פֿאַרליבט אין דער וועלט און ביכער, מיינענדיק, אַז זיי וועלן אים געבן אַן ענטפֿער אויף אַלע זיינע פֿראַגן. דוימער האָט נישט איינמאָל געקוקט מיט ליבשאַפֿט אויף קאַספּערן, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל גאָרטן, פֿאַרטיפֿט אין אַ בוך, בעת אייבער זיין קאָפּ האָבן געקרייזלט יאַסקולקעס, אויף די אַקסלען זייגען געשטאַנען זומער-פֿויגעלער, און דאָס יונגל האָט נית געהערט און נישט געזען. זיין ברען צום לערנען האָט — ווי דוימער האָט געמיינט — אים צוגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפֿט.

אינם יונגל האָט געמוזט שטעקן עפּעס אומגעוויינטלעכעס, אויב אפֿילו דער הונט פֿון דער שלנותדיקער ווילע האָט געוואוסט צו האָבן פֿאַר אים דרך ארץ; איינמאָל האָט זיך דער הונט אַ בייזער אָפּגעריסן פֿון דער קייט און אַריינגעלאָפֿן אין דוימערס גאָרטן. אַלעמען איז באַפֿאַלן אַ שרעק פֿאַר די גרויסע לאַפּעס און פּיסק פֿון ריזיקן הונט; דערזעענדיק דעם לייענענדיקן קאַספּערן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, רואיק זיך דערנענטערט צו אים און גענומען לעקן זיינע הענט. מען האָט געקענט זען, אַז דעם יונגלס בליקן, פֿול מיט מילדקייט און טרויער, האָבן באַרואיקט דעם הונט; ווי ביידע וואָלטן זיך פֿאַרשטאַנען אין עפּעס אַ בשותּפֿותדיק אומגליק.

עפּעס אומהיימלעכעס איז געווען אין אַ נייעם צופֿאַל, וואָס איז אַבּיסל שפּעטער געשען. דוימערס דינסט האָט צעהאַקט אַ שפּיגל. דער גלעזער האָט אַריינגעשטעלט אין דער ראַם נײַ גלאָז און געבּרענגט דעם שפּיגל אַהיים און אַוועק. קאַספּער האָט זיך געוואונדערט, וואָס דוימערס מוטער האָט דעם שפּיגל געהייסן אַוועקשטעלן צו אַ וואַנט, נישט דערלויבנדיק אים באַלד אַוועקצושטעלן אויפֿן פֿריערדיקן אָרט. זי האָט דעם גלעזער געהייסן קומען צומאָרגנס. נאָכדעם ווי דער אַרבעטער איז אַוועק, האָט דוימער געהאַט אַ שאַרפֿע שרעומה צו דער מוטער:

— דו נעמסט צו מענטשן איבּעריקע צײַט! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נישט קלוגער פֿאָראורטייל, נישט צו לאָזן אין אָוונט אויפֿהענגען שפּיגלען?!

די מוטער האָט זיך צעוויינט. דוימער איז בייז אַרויס. קאַספּער איז אים נאָכגעלאָפֿן אין צווייטן צימער. מיט אַ בעטנדיק פּנים האָט ער געפֿאָדערט, דוימער זאָל איבּערבעטן די זקנה.

— גיי, מײַער יונגעל, און זאָג דער מאַמען, אַז איך בין נישט געווען גערעכט!

אַ פֿאַרוואונדעטער האָט ער געהערט אויף דער שוועל, אַז דאָס יונגעל האָט אַנידערגעקניט פֿאַר דער אַלטער דאַמע און געזאָגט:

— איך בין נישט געווען גערעכט!

ער האָט אויסגעבּראָכן אין אַ געלעכטער.

— נישט אַזוי, קאַספּער! איך בין איך! האָט ער אָנגערירט זײַן ברוסט. ווען דו וואָלסט נישט געווען גערעכט, וואָלסטו אויך געמוזט זאָגן: איך. אָבער דו בּיזט געווען גערעכט! איך זאָג צו דיר דו. און דו בּיזט: איך, און דו זאָגסט מיר אויך דו, האָסט פֿאַרשטאַנען.

דעם יונגלס אויגן האָבן זיך ברייט געעפֿנט. דער קאָפּ איז אים פּשוט צעדרייט געוואָרן. אַ גײַע אַנטפּלעקונג איז אין אים פֿאַרגעקומען! וואָס פֿאַר אַ וואונדערלעכער ריח דער דאָזיקער איך האָט! ריזיק, רײַך. הייסט עס, אַז הונדערטער מענטשן, וועלכע ער האָט געזען, גאַנצע שטעט, מענער, פֿרויען, קינדער, פֿייגל, בלומען, וואָלקנס, אפֿילו די זון אַלײַן, האָבן צו אים, ווי

אָפּרעַנדיק געזאָגט צו אים „דו“, און ער האָט זיי מיט אַ ציטערדיק קול געענטפערט: „איך“, וואָס איז פאַר אים געווען „דו“.

מיט די הענט האָט ער באַרירט זײַן גוף אין דער לענג, ווי ער וואָלט וועלן אָנטאַפּן יענע וואונדערלעכע מויער צווישן זײַן אונטערלעכן „איך“ און אַלוועלטלעכן „דו“.... פּלוצלונג איז זײַן בליק געפֿאַלן אויף זײַן אייגן געשטאַלט אין שפּיגל. ער האָט דאָס געשטאַלט געקענט, אָבער איצט האָט עס צו אים גערעדט אויף אַ נײַעם אופֿן. עס איז געווען סודות'דיק, ווי אַמאָל יענער שאָטן אויף דער ערד. ער האָט געשעפּטשעט דערצו: „קאַספּער!“ יענער אויפֿן שפּיגל, וואָס האָט געהאַט זײַן מויל, שטערן, טונקעלע, געקרײַזלטע האָר, האָט, דאַכט זיך, געענטפֿערט: „איך“, הייסט עס, יענער איז געווען „דו“? און עס איז נישט געווען „ער“! אָבער אונטער דעם שפּיגל האָט זיך געפֿינען אַ וואַנט — קען קיינער דאָרט נישט זײַן. און דאָך... פּלוצלונג האָט זיך די וועלט איבערגעהאַקט אין זײַנע אויגן דאָס ליכט אויף צוויי חלקים: עס איז געגאַנגען אים פֿון הינטן, איין טייל ליכט און פֿון פֿאָרנט איז געלאָפֿן דער אַנדערער טייל; געלאָפֿן מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך געווען צו אים, קאַספּער, אָבער באַהאַלטן, נישט לאַזנדיק זיך כאַפּן, ווײַסנדיק, דוכט זיך, מער פֿון אים, ווי ער אַליין ווייסט פֿון זיך. און יענער האָט אים גאָרנישט געקענט זאָגן.

דומער האָט אָבסערווירט דעם סודותדיקן געדאַנקן־שפּיגל אויפֿן יונגלס פּנים. פּלוצלינג האָט דער ווינט, ווי מיט אַ האַנט, אַרײַנגעוואָרפֿן אַ שטיקל פּאַפּיר דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער. פֿרוי דומער האָט עס אויפֿגעהויבן און, איבערלייענענדיק עס אַ איבעראַשטע, האָט זי אינגאַנצן געגומען ציטערן. זי האָט דאָס שטיקל פּאַפּיר דערלאַנגט דעם זון. אויפֿן פּאַפּיר האָבן זיך געפֿינען די ווערטער:

„זאָל זיך הינטן דאָס דאָזיקע הויז, און זײַן ווירט, און דער פֿרעמדער, וואָס געפֿינט זיך אין הויז!“.

דומערן האָט זיך געדאַכט, אַז אַ שווערד שנײַד דורך זײַן האַרץ. דער מיט־פֿאַרטראַכטער קאַספּער האָט גאָרנישט באַמערקט פֿון גאַנצן געשעעניש.

כאַספּערס חלומות אין שלאָף

צעמאָרגנס איז דער פֿרי האָט דוימער איבערגעגעבן דעם געהיימנישפֿולן בריוו דעם פּאָליציי־באַאַמטן, וואָס האָט, נאַטירלעך, גאָרנישט אויסגעפֿאָרשט אין דעם ענין. באַראָן טוכער האָט וועגן דעם פֿאָרפֿאַל מיטגעטיילט זיין פֿריינט הערמאַן, אַ מיטגליד פֿון אַפּעלאַציע־געריכט, און באַקומען פֿון אים אַ בריוו, אין וועלכן עס האָט זיך געפֿינען פֿאָלגנדיקע עצה: „מען דאַרף אומבאַדינגט נאָכפֿאָרשן קאַספּערן. ער מוז וויסן עפּעס מער וועגן די געשעענישן, וועלכע זענען פֿאַרבונדן מיט זיין פּערזאָן, ווי דאָס, וואָס ער דערציילט“... טוכער האָט דעם בריוו געוויזן דוימערן. דער לעצטער האָט מיט פֿאַראַכטונג אַ צי געטון מיט די פּלייצעס. דערנאָך האָט ער געזאָגט, וועגנדיק יעדעס וואָרט:

— אין דעם אַלעם שטעקט אַ מיסטעריע. קיין שום אָרדינערע מיטלען וועלן די מיסטעריע נישט אויפֿדעקן. איך האָב דאָס יונגל אונטערזוכט ביז צו די לעצטע גרענעצן. איך האָב פֿון אים אַרויסגעקריגן, וואָס איך האָב נאָר געקענט אַרויסקריגן. קאַספּערס אָרגאַניזם פֿאָדערט אָבער איצט, מען זאָל אים אַביסל צורו לאָזן. מען דאַרף אים באַהאַנדלען, ווי אַ קינד. דאָס איבערגיין צו אַ נייעם מין דערגערונג איז אפֿשר אַ געפֿאַר פֿאַר אים. איך האָב אים שוין צוגעוועגנט צו מילך און הייסע זופּן. פֿלייש האָב איך נישט בדעה אים צו געבן.

— פֿאַוואָס? — האָט טוכער איבערגעריסן.

— עס גייט מיר וועגן אָפּהיטן די ריינקייט פֿון בלוט. עס דאַכט זיך מיר, אַז זיינע וואונדערלעכע פֿעאיקייטן שטיצן זיך דערויף, וואָס ער איז אַן אויסדרוק פֿון דער נישט־באַפֿלעקטער

מענטשלעכער נאַטור, ווײַט פֿון דער רויב־חיה׳שער בלוטדורשטיקייט. אַזוי איז עס, קאַספּער איז אַ נס. לײַדער אַנערקענט נישט דער פֿלאַכער פֿאַרשטאַנד פֿון דער הײַנטיקער צײַט קיין נסים. אַנדערש וואָלט ער געוואוסט, אַז... אַלץ אַרום איז אַ נס, ווי עס פֿאַרשטײט מײַן אומגעווײנטלעכער שילער. די לופֿט, די ערד און דאָס וואַסער זענען פֿול מיט דעמאָנישע כחות, מיט וועלכע זײַן גײַסט פֿאַרקערט... און דערקענט דעם אמת פֿון „זײַן".

— איך האָב מורא, אַז ער אַנטלויפֿט ענדער פֿון דער ווירקלעכקייט. קיין שום נוצליכעס, וואָס זאָל שטאַמען פֿון די דאָזיקע קוואַלען פֿון רײנעם ענטוזיאַזם זאָג איך נישט צו פֿאַר דער וועלט.

— אדרבא!... דאָס איז אַ מאַטעריע, פֿון וועלכער עס שאַפֿט זיך דער זשעני. וואָס טראָגט דאָס ליכט פֿון העכסטן נוצן.

— אַ וועזן אָן פֿאַרגאַנגענהייט. קען ער האָבן אַ פֿאַרגאַנגענהייט?

— פֿאַרוואָס נישט? מיך פֿרייט עס, וואָס איך האָב פֿאַר זיך אַ נישט־געבונדענע נשמה, אַ רײנער אינסטינקט, באַוואָפֿנט אין אַלע מעגליכקייטן, נאָך נישט פֿאַרדאָרבן דורכן קול פֿון שלאַנג און ריח פֿון עפּעלע פֿון געווײנטלעכן דערקענען. עס איז מעגלעך, אַז איך האָב אַ טעות; אָבער אויב אַזוי... וואָלט איך געמוזט דערקלערן אַ באַנקראָט פֿון מײַנע אידעאַלן!

זײ זענען אַוועקגעגאַנגען נישט פֿאַרשטענדיקנדיק זיך, אַזוי פֿאַרשידן זענען זײערע אָנשויאונגען.

צוריקקומענדיק האָט זיך דוימער דערוואוסט פֿון דער מוטער, אַז זינט אַ געוויסער צײַט שלאָפֿט דאָס יונגל אומרואיק; ער וועקט זיך אָפּט און באַקלאָגט זיך אויף עפּעס אַ שרעק, וואָס באַפֿאַלט אים. נעכטן האָט ער דערציילט, אַז „עפּעס זיצט בײַנאַכט אויף דער לאָמפּ און יאָמערט". די דאָזיקע גײַסטיקע ענדערונג — אַמאָל איז קאַספּער געשלאָפֿן מיט אַ שטײנערנעם שלאָף — האָט שטאַרק פֿאַרוואונדערט דעם פּראָפֿעסאָר.

— צעמאָרגנס אינדערפֿרי איז דאָס יונגל נאָך נישט אײַנגעטאָן

אַז אַנגעטוענער, צוגעלאָפן צו אים און ווי אין הויז גענומען אים אויספרעגן, ווער עס איז יענער הויכער הער, וואָס איז געקומען צו אים אין אַ ווײַסן מאַנטל, האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר אַראָפּגענומען פון קאָפּ אַ קראַנץ און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ קראַנץ, און דער קראַנץ האָט שטאַרק געבלישטשעט.

— דאָס האָט זיך דיר געחלומט, יונגל!

ער האָט נישט פאַרשטאַנען. מען האָט אים געדאַרפט אויפקלערן, אַז „אין גוף לעבט אַ פילנדיקע נשמה, וואָס שאַפט פון די איבערלעבונגען בײַטאָג פאַנטאַסטישע בילדער־חלומות". און דאָס איז נישט געווען פאַר אים גענוג קלאָר. דער לערער האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט פּאָפּולערע פּאַראַלעלן וועגן דער פאַרבינדונג צווישן נשמה און גוף, ווי „וואַסער מיט ווײַן".

— וואַסער מיט ווײַן? — האָט קאַספּער געדרייט מיטן קאָפּ. — דאָס מאַכט דאָך קאַליע דאָס וואַסער!

דוימער האָט נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון. ווען ער איז געבליבן אַליין, איז אים געקומען אין קאָפּ אַ געדאַנק: דעם יונגלס טרוים־בילדער זאָגן וועגן זאַכן, וועלכע ער האָט נישט געזען זינט זײַן באַפרײַאונג, ער האָט דאָך נישט געקענט זײַן אין דער פינצטערניש. פון וואַנען זענען זיי געקומען?... אפשר פון דער ווײַטער קינדערישער פאַרגאַנגנהײַט?

דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן באַשטעטיקט ווײַטערדיקע, וואָס אַמאָל אָפטערע נאַכט־חלומות. דאָס זענען געווען אָפּגעריסענע בילדער, וועלכע קאַספּער האָט שווער איבערגעגעבן. זיי האָבן אָבער געשאַפן אַ מין לאָגישן פאָדים און אַלץ דײַטליכער דערצײלט וועגן זאַכן, וואָס זענען פלוצלונג אָנגעקומען אין דעם אומבאַוואוסטן זכרון — אַזוי פרעמד זײַן איצטיק לעבן, אַז ער האָט זיי קוים איבערגעגעבן, נאָך אַ לענגערער שילדערונג, נישט ווינסנדיק זײַערע נעמען.

די כסדר זיך איבערחזרנדיקע טרוימען האָבן גערעדט וועגן עפּעס אַ גרויס הויז, אין וועלכן קאַספּער איז געלעגן אין אַ קליין בעטל. עס האָט אים אויפגעוועקט עפּעס אַ דאַמע. זי האָט אים געפירט פאַר דער האַנט אין אַ זאַל, וואָס זײַנע ווענט זענען געווען

באהאנגען מיט שפיגלען און גאלדענע ראמען. דערנאך האט אים די דאמע ארײנגעפירט אין א גרויסער שטוב, אין װעלכער עס האבן זיך געפינען זײער א סך ביכער. דערנאך איז ער געגאנגען מיט איר אויף עפעס שײנע טרעפן, װעלכע האבן געפירט צו צו א זאל, װאו עס האבן זיך געפינען א סך ריטער פון שטײן און שײן-געמאלטע בילדער. און אויף די דאזיקע בילדער האבן זיך אויך געפינען ריטערס אויף פערד, האבן געהאט אויף די קעפ אײזערנע העלמען מיט פעדער-פוך; עס האבן אויך געקוקט צו אים פון די בילדער שײן-געקלײדעטע פרויען...

פון א װײטערדיקער דערצײלונג קאספערס איז געװען ארויסצונעמען, אז ער האט געזען א פאנטאן: אזא זילבערנער זײל װאסער, װאס האט געלויכטן אין דער זון. עס האט זיך אים אויך געחלומט א מענטש מיט געװער. א דאמע האט שטיל גערעדט מיט אים. דערנאך האט ער געזען עפעס גרויסע טירן, אין װעלכע די דאמע האט בחינם געקלאפט. הינטער די טירן איז געשען עפעס שרעקלעכעס. קאספער האט געװײנט און געשריגן.

אויף דעם ארט האט זיך אבער דער חלום איבערגעריסן.

דוימערס אויפקלערונג האט קאספערן נישט באפרידיקט. דער ריטער, פאר װעלכן ער האט זיך געשראקן, איז א חלום? די ביבליאטעק און דער פאנטאן — א חלום? אבער פארװאס זעט ער דאס אלץ?... א פארזארגטער האט דוימער געשװיגן.

— האבן אלע מענטשן א טאטע און א מאמע? — האט דאס יונגל פלוצלינג געפרעגט.

— יא.

— און װאו איז דײן פאטער?

— געשטארבן! — האט דוימער טרויעריק געזאגט.

— אך... און מײנער?

דוימער האט געשװיגן. דאס יונגל איז צוגעשטאנען:

— איז עס געװען דער, בײ װעלכן איך האב געװאוינט פריִער ,,דו"?

— איך װײס נישט!

— װאס הײסט? דו ביסט אזוי קלוג — דו װײסט אלץ! האסט

איך געהאַט אַ מוטער?

— זיכער!

— פֿאַרוואָס קומט זי נישט צו מיר?

— אפֿשר איז זי געשטאָרבן.

— אַך... און מאַמעס קענען שטאַרבן?... ניין! ניין! איך בין זיכער, אַז זי איז נישט געשטאָרבן. זי שטייט דאָרט הינטער דער טיר!

— הינטער וועלכער טיר?

— נו, דאָרט... אין חלום!

— אין חלום! — האָט דוימער טרויעריק אַ שמייכל געטון.

— עס שאַדט נישט, וואָס אין חלום! דאָס אַנדערע מאָל מוז איך די טיר עפֿענען.

דאָס הויז האָט זיך ווייטער באַוויזן אין די שפּעטערדיקע טרוימען און עס האָבן זיך ווידער געוויזן גרויסע טירן, אָבער ביי זיי האָט זיך דער חלום שטענדיק איבערגעהאַקט. איינמאָל האָבן זיך קאַספּערן די טירן געחלומט איינגעהילט אין פֿלאַמען. ער האָט זיך דאַמאָלט איבערגעוועקט אַ דערשראָקענער. די געשטאַלטן האָבן זיך געענדערט אין די חלומות. דורכן זאַל האָט אים אָנשטאָט אַ דאַמע געפֿירט אַ הער. דערנאָך איז געקומען אַן אַנדערער מיט אַ שטרענג פּנים. ער האָט קאַספּערן געגעבן עפּעס אַזוינס, וואָס איז צעפֿלאָסן אין דער האַנט. קלאַנגען האָבן געזומען ווידער קלינגען אין זיינע אויערן, זיסע, אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער זענען עס געווען. דאָס אַלץ האָט זיך געוויזן אין אַ נעפּל און באַלד פֿאַרשווינדן ביים איבערוועקן זיך.

אין איין נאַכט האָט דוימערן פֿאַרוואונדערט אַ גערויש, וואָס איז געקומען פֿון קאַספּערס שלאָף־צימער. ער איז אַראָפּ פֿון בעט און אַריין אין שכנותדיקן צימער. דאָס יונגל איז געזעסן ביים טיש מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן און געשריבן.

— קאַספּער, וואָס טוסטו?

— די דאַמע האָט מיך געהייסן קוקן אין פֿענצטער. הינטערן פֿענצטער איז געשטאַנען אַ שיינער הער. איך בין אויפֿגעשטאַנען און געוואָלט אויפֿשרייבן, וואָס זיי האָבן מיר געזאָגט.

— אָבער דאָס זענען דאָך צייכנס נישט צו פֿאַרשטיין, — האָט דוימער געזאָגט, קוקנדיק אויפֿן באַשריבענעם פּאַפּיר.

— אין חלום האָב איך עס פֿאַרשטאַנען. אָט דאָ איז דאָ איין וואָרט, וואָס האָט אַזוי שיין געקלונגען.

און ווירקלעך, צווישן די פֿיל ווערטער אָן זין און שׂכל, האָט זיך געפֿונען אַ וואָרט: „דוקאַטוס“.

דער בירגערמייסטער, וועלכן דוימער האָט דערציילט אַלץ, וואָס איז געשען, האָט געראָטן הערן, וואָס דער דערפֿאַרענער פֿייערבאַך וועט זאָגן וועגן דעם. ער האָט דערווייל פֿאַרגעלייגט דעם לערער דעם נאָענטסטן זונטיק איבערצופֿירן אין שלאָס.

— און דאָס צו וואָס?

— אפֿשר וועט אַן אמתער שלאָס דערוועקן אין אים אמתע און גענויע דערינערונגען. איך האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס יונגל האָט אפֿשר ביז צום פֿירטן יאָר געלעבט אין אַ סביבה, וואָס ער לעבט איצט איבער אין חלום.

— אַ צו־פּראָזאַאישע אויפֿקלערונג. קאָן מען אָננעמען, אַז הינטער דעם אַלעם איז באַהאַלטן עפּעס אַ מיאוסע אַוואַנטורע?

— פּראָזע?... מיאוסקייט?... זאָל זיין אַזוי... אייער ליבלינג איז דאָך נישט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער לבנה!

— אַך! — האָט דוימער געזיפֿצט — דאָס, וואָס האָט מיך געצויגן צו אים, איז געווען יענע אומבאַשטימטע, אַלמעכטשלעכע... וואונדערלעכע אין אים, וואָס גייט אין דער צוקונפֿט אָן פֿאָדעם פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט... און איר ווילט דאָס דאָזיקע פֿון מיר אַוועקנעמען און די גאַנצע זאַך אַוועקפֿירן אויפֿן וועג פֿון גענויע, ווירקלעכע און באַנאַלע פֿאַקטן!... דאָס הייסט דערהרגענען די פּאָעזיע!

— איר זענט מאָדנע, טייערער פּראָפֿעסאָר! אייך אינטערעסירט עפּעס אַן אומיקום קאַספּער הויזער. און מיר האָבן... התחייבותן צו דער געזעלשאַפֿט. דאָ מוז שטעקן עפּעס אַ פֿאַרברעכן!... מיר זוכן דעם שולדיקן, כּדי צו באַשטראָפֿן אים!

— איך האָב מורא, אַז די אויספֿאָרשונג וועט נישט אויספֿאַלן לטובֿת קאַספּערן. איר ווילט אים צוקלעבן צו עפּעס אַ בערגל

ערדישער בלאַטע, וואָס באַשווערט די יונגע נשמה.

— טוט מיט קאַספּערן דאָס, וואָס אײַער פֿליכט דיקטירט אײַך. איך וועל דערפֿילן מײַנע. איך בין אַ באַאַמטער!

קאַספּערס ווײַזיטן, אין דוימערס באַגלײַטונג, אויפֿן שלאָס האָבן דעם בירגערמײַסטער און דוימערן אַלײן געגעבן מאַטעריאַל פֿיל נאָכצוטראַכטן. אײדער דער שליסל־װעכטער האָט באַוויזן צו עפֿענען דאָס גרויסע שלאָס־טויער, האָט זיך קאַספּער ווי אַ פֿאַרבלענדעטער אָפּגעשטעלט און אויסגערופֿן:

— די זעלבע טיר! די זעלבע טיר!

ווען ער האָט געזען די גרויסע מאַרמאָר־טרעפּן, איז ער געבליבן פֿאַרבליפֿט, ווי אַ דונער וואָלט געפֿאַלן נעבן אים. ער איז געשטאַנען אָן לשון. דערנאָך איז ער געלאָפֿן איבערן זאַל, דורך די גאַלעריען, און אַ וואונדערלעכער באַרוישונג האָט ער געוואָרפֿן די אויגן אויף די בילדער און סטאַטועס. ער איז פֿאָראויסגעלאָפֿן דעם שליסל־װעכטער און זײַנע באַגלײַטער. אויף זײַערע פֿראַגן האָט ער נישט געגעבן קײן ענטפֿער. ווי ער וואָלט פֿאַרלירן די קראַפֿט צו רעדן. ערשט, ווען זײ האָבן זיך אויפֿסנײַ געפֿונען פֿאַרן שלאָס, האָט ער געשעפּטשעט:

— איך האָב אַמאָל געהאַט אַזאַ הויז. וואָס איז מיט אים געשען?

— דאָס זענען געווען זײַנע אײנציקע ווערטער און שײַכות מיט זײַנע ווײַזיטן אין שלאָס.

דערנאָך איז געשען עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס. דער קאָמוניקאַט וועגן די אויבנדערמאָנטע געשעענישן, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורכן פּראָפֿעסאָר און בירגערמײַסטער, ביים אַנטײל פֿון באַראָן טוכער, איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, נישט אָנגעקומען צום אַדרעסאַט, צום פּרעזעס פֿון אַפּעלאַציע־געריכט פֿײַערבאַך. מען האָט אים געמוזט אָנשרײַבן אויפֿסנײַ און אים אַרויסשיקן מיט מער אויפֿמערקזאַמקײַט. עס איז נישט געלונגען צו דערגײן אויף דער פּאָסט, וועלכע האַנט עס האָט קאָנפֿיסקירט דעם פֿריערדיקן קאָמוניקאַט. דוימערן איז באַפֿאַלן אַ

מורא. איז עס געווען די זעלבע געהיימניספולע האַנט, וואָס האָט אַרײַנגעוואָרפן דורכן פענצטער דעם בריוו מיט דער דראָאונג?

פייערבאַך האָט געענטפערט:

„דערווײַל האַלט איך זיך אָפּ צו געבן שריפטלעך מײַן מיינונג וועגן די פאַקטן, וואָס זענען מיר מיטגעטיילט געוואָרן. היות דער קרייז=דאָקטאָר האָט מיר איבערגעגעבן, אַז קאַספּער הויזער איז נישט געקוקט אויפן אַלגעמיינעם באַפרידיקנדיקן געזונט=צושטאַנד, בלאַס, שרײַב איך עס צו דעם מאַנגל אין באַוועגונג אויף דער פרישער לופט. איך באַפעל, אַז ער זאָל נעמען רײַט=לעקציעס בײַם ריטמײַסטער ר. רומפּלער, צו דרײַ שעה אַ וואָך. דער שטאָטישער קאָמיסאַר האָט מיר צו שיקן די רעכנונגען פון די הוצאות צו דעם צוועק.“

קאַספּערס בלייכקייט האָט זיך דערקלערט מיט דער פּײַן פון זײַנע חלומות. אין איינער אַ נאַכט האָט ער אין טרוים געזען אַ דאַמע, אײַנגעהילט אין אַ ווײַסן מאַנטל. איר וועלאָן האָט געפלאַטערט אין שטאַרקן ווינט. דאָס פּנים האָט זיך אָפּגעדעקט און ער האָט דערויף געזען אַז אויסדרוק פון שרעקלעכן טרויער. בײַ קיינעם האָט ער נאָך נישט געזען אַזוי פיל זאָרגן. זי האָט אים גערופן צו זיך. אירע ליפּן האָבן געפּליסטערט זײַן נאָמען. ער האָט זי נישט געהערט זאָגן „קאַספּער“, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז דאָס זאָגט זי זײַן נאָמען.

ער האָט זיך אויפגעוועקט מיט אַ פּנים, וואָס איז געווען באַנאַסן מיט טרערן. ער איז צוגעלאָפן צו דוימערן, אַט זיפצנדיק טרויעריק און אַט פרייליך:

— איך האָב געזען מײַן מאַמע! זי האָט גערעדט מיט מיר!

דוימער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און טרויעריק געענטפערט:

— קינד! גיב דיך נישט אָפּ קיין משוגענע חלומות. איך האָב דאָס דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן. טוט דען קלוג אַזאַ איינער, וואָס אָנשטאָט צו פאַרשכורן זיך מיט די ריחות און פאַרבן פון די בלומען אין זײַן גאָרטן, מאַכט ער לעכער אין דער ערד און רײַסט די וואָרצלען? און דו טוסט אַזוי! פאַרשטיי מיך: איך לײַקן

ניט דײַנע רעכט צו דער פֿאַרגאַנגענהײט. אָבער מיט דעם דאָזיקן ענין פֿאַרנעמען זיך שוין קאָמפּעטענטערע, דערפֿאַרענערע פֿון דיר. דער פּרעזעס פֿון טריבונאַל און דער בורגערמײַסטער. און דו דאַרפֿסט קוקן — ניט אין דער טונקלקײט פֿון פֿאַרגאַנגענע זאַכן, נאָר אין דעם... ליכט פֿון די קומענדיקע. טו מיר די טובה און באַמי זיך צו פֿאַרגעסן דײַנע חלומות. „אַ חלום איז אַ ליגנער" און ניט מער!...

קאַספּער האָט זיך געפֿילט שטאַרק געטראָפֿן. ווי נאָך קען ער ניט גלויבן אין זײַנע חלומות? צום ערשטן מאָל אין לעבן איז זײַן אינערלעכע זיכערקײט געקומען אין קאָנפֿליקט מיט די מײנונגען פֿון זײַן געליבטן מײַסטער. ער איז דערפֿון ניט געוואָרן צופֿרידן. אדרבא, עס האָט אים אָנגענומען אַ גרויסער אומעט.

רעליגיע, האמאעפאטיע.—זיזיטאטארן פֿון אַלע זייטן

דער הייעריקער ווינטער האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט. ערשט דעצעמבער זענען געפֿאַלן די ערשטע שנייען. די באַזילבערטע דעכער און בוימער האָבן פֿאַראורזאַכט קאַספּערן. די ווייסע שניי־על'עך האָבן פֿאַר אים אויסגעזען ווי באַפֿליגלטע ווערעם, בין ער האָט ניט דערזען, אַז זיי ווערן וואַסער אויף זיין האַנט; ערשט דעמאָלט האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זענען ניט קיין „חיהלעך“.

— די ערד איז שיין, קאַספּער! — האָט פֿרוי דוימעה געזאָגט.

— ניין! האָט ער געענטפֿערט, שאָקלענדיק דעם קאָפּ. דער ווינטער איז גראָ, און גראָ איז אַלץ, וואָס איז אַלט און קאַלט.

דוימער, גייענדיק אין דער שול, האָט קאַספּערן דערמאָנט, אַז ער זאָל ניט פֿאַרגעסן וועגן די היינטיקע רעליגיע־לעקציעס. דערמאָנען אים איז געווען איבעריק. ער האָט ליב־געהאַט די לעקציעס, ע ראָט ליב געהאַט פֿערד. זיי האָבן אים אויפֿגעוויזן ענגליך צו וואָלקנס, וואָס שפּאַנען אין הימל. אויף דונערן האָט ער ניט איינמאָל געקוקט, ווי אויף דעם קלאַפּן פֿון פֿערדישע פּאָדקאָוועס אין גאַלאָפּ.

דער רעליגיע־לערער איז געווען פֿאַרוואונדערט פֿון יונגלס געשיקטקייט.

— קוקט, ווי ער האַלט די צוים!... ווי שיין ער זיצט אין זאָטל. ווי שנעל ער האָט זיך צוגעוואוינט צו רייטן. זאָל מיה

דער טײַוול געמען, אױ דערין שטעקט נישט אַ שטיקל פֿון אומ־רײנע כּחות.

דאָס זעלבע, װאָס דער רײַטמײַסטער, האָבן געזאָגט נאָך אַ סך, זעענדיק, װי קאַספּער האָט די פֿערד געלאָזט אין גאַלאָפּ, לאַבנדיק דערבײַ גליקליך. ער האָט זיך גענומען די דרײַסטקײט צו גאַ־לאָפּירן שױן בעת דער ערשטער לעקציע... מיט יעדן טאָג איז ער בעסער געריטן.

אין הײַנטיקן טאָג, װי שטענדיק, האָט אַ מחנה מענטשן אַרומגערינגלט די רײַטער. עטליכע קינדער האָבן פֿריילעך גע־טומלט מענטשן האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די פֿענצטער. דער רײַט־מײַסטער רומפּלער האָט זיך אויסגעדריקט: „זײ קוקן, װי אויף אַ צירק=פֿאָרשטעלונג!“ ער האָט געשמיסן מיט דער שפּיץ=רוט קאַספּערס פֿערד און בײדע האָבן זיך אונגיבן געפֿינען װײט פֿון אָרט.

פֿאַר „יעקבס טויער“ האָט עפּעס אַ קול אַ געשריי=געטון:

— האַלאָ, ליבער הויזער! דו רײַטסט, װי אַן אינדיאַנער. עס איז נישט צו גלויבן, אַז דו האָסט די דאָזיקע קונסט איבער־גענומען פֿון ערליכן גאַרימבערגער.

קאַספּערס פּנים האָט געלויכטן אין פֿרייד. ער האָט נישט דערפֿילט דעם בײזן טאָן אין דעם קאָמפּלימענט. דעם ראָטמײַס־טער האָט זיך פֿאַרגלוסט אַ שפּאַס צו טון פֿונם יונגערמאַן. אַזױ רעדט מען געװײנליך מיט קינדער. ער האָט איבעריקנס, געװאָלט זען, צי יענער װעט זיך קענען אויף אַ שפּאַס.

— װײסט װאָס, קאַספּערל! טרעף, פֿון װעמען איך האָב גע־קריגן אַ בריװ.

אין משך פֿון אַן אויגנבליק איז געקומען דער ענטפֿער:

— פֿון מײַן מאַמען!

דער ראָטמײַסטער איז געװאָרן עטװאָס פֿאַרזאָרגט. דעם יונגלס פּנים האָט געטראָגן אַן אויסדרוק פֿון אַזאַ פֿריילעכן ערנסט, אַז אים האָט זיך נישט געגלוסט חוזק מאַכן פֿון אים. צי זײַן חוזק איז אין װעסעניקס אויגן געװען צו ערנסט פֿאַרן יונגל, צי ער האָט נישט געװאָלט װײַזן זיך איבערן יונגל — גענוג, אַז ער

האָט געענטפֿערט, אויפֿהויבנדיק זיך אויף די שפּאָרן און קלאַפּנדיק קאַספּערן איבערן אַקסל:

— האָסט געטראָפֿן, יונגערמאַן, אָבער צום באַדויערן קען איך דיר מער נישט זאָגן דערפֿון, ווײַל איך האָב געהאַט... צוליב דעם אומאַנגענעמלעכקייטן.

און ער איז מיט אַמפּעט אַוועקגעפֿאָרן.

ווי אַ שטורעם איז דאָס יונגל אַרײַנגעפֿאַלן אין הויז. ער האָט אײַנגאַנצן געציטערט. דער שווייס האָט אים צוגעקלעפּט די האָר צום קאָפּ.

— דער הער ראַטמײַסטער האָט געקריגן אַ בריוו פֿון מײַן מאַמאַ! — האָט ער אויסגערופֿן, קלאַפּנדיק זיך אין די הענט. דוימער האָט זיך אומזיסט באַמיט צו איבערצײַגן אים: וועסטעניק „האָט געטריבן חוזק". דאָס יונגל האָט נישט געוואָלט עסן דאָס מיטיק, בעטנדיק, דער לערער זאָל גלײַך מיט אים גיין צום ראַט־מײַסטער. ער האָט זיך באַרואיקט ערשט דאַן, ווען דוימער האָט אים צוגעזאָגט, אַז נאָכמיטיק וועט ער אַליין גיין און אים ברענגען אַ ידיעה.

נאָכדעם, ווי דער לערער איז אַוועק, איז קאַספּער אַרויס פֿון עס־צימער.

— איך מוז זײַן אַליין! — האָט ער דערקלערט אַנאַ און דער מוטער, וואָס האָבן זיך באַמיט אים צו באַרואיקן. ער איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער, געוואַרט, צענויפֿגעלייגט די הענט און שטיל געריערט צו דער זון:

— „זונעלע, מאַך אַזוי, ס'זאָל זײַן וואָר". ער האָט קוים געאָטעמט.

דערווײַל האָט דוימער געמוסרט דעם ראַטמײַסטער פֿאַר דעם שפּאַס־טרײַבן מיטן יונגל.

— איר פֿאַרטײַדיקט זיך בחינום, אַז עס איז געווען חוזק! עס איז דאָ אַ ווײַטאָקלעכער חוזק, פֿאַר וועלכן מען דאַרף זיך היטן. איך ווייס, אַז פֿאַרשיידענע אַריסטאָקראַטישע לײַדיק־גייער לאַכן פֿון מיר. איך האָב געהערט, וואָס מען רעדט אין פֿרוי בעלאָלדס באַלאָנען... אַז „איך האָב געוואָרפֿן אַ כשופֿמאַכערס מאַנטל

אונטער קאַספּערס פּנים, אָבער נישט געקוקט דערויף, זיצט ער אויפֿן אָרט". זאָל זײַן אַזוי, איך בין נישט געקומען זיך פֿאַרטײַדיקן. און אויך איר קענט חוזק מאַכן פֿון מיר, וויפֿיל איר ווילט. אָבער איבער דעם יונגל, וואָס געפֿינט זיך אונטער דער אויפֿזיכט פֿון מיר און פֿון הער מלוכה־ראַט, טאָרט איר נישט חוזקן. איך בעט דאָס צו געדענקן!

ער איז אַרויס אַן אויפֿגערעגטער. ער האָט זיך געשאַפֿן אַ נײַעם שונא. צוריקקומענדיג האָט ער דערקלערט קאַספּערן, אַז דער ראַטמײַסטער האָט „געזאָגט ליגנט".

— אָ! — האָט אויסגערופֿן דאָס יונגל, — דאָס איז זײַער שלעכט... שלעכט!...

אַ צער האָט אים געשניטן ס'האַרץ. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס אַזאַ בכבודיקער הער האָט געזאָגט ליגנט אים, קאַספּערן, וועלכער האָט אים גאָר קיין בייז נישט געטון. אין זײַן אײַנזאַמקײַט האָט ער זיך גאַנצע שעהן פֿאַרנומען מיט דער האַרבער קשיא: פֿאַרוואָס האָט ער באַלד ניש טפֿאַרשטאַנען, אַז דער ראַטמײַסטער זאָגט נישט דעם אמת? און פֿאַרוואָס האָט יענער געהאַט אַ פּנים פֿול מיט אויפֿריכטיקײַט און אַזאַ לאָקערנדיקס, בעת ער האָט געזאָגט ליגנט?

נישט דאָס באַשעפֿטיקן זיך מיט די באַליבטע אַריטמעטישע אויפֿגאַבן, נישט מיט שפּילן מיט מעלאָדיעס אויף דער האַרמאָניקע, וועלכע ער האָט געשענקט די „גוטע פֿרוי באַמבערג" — האָבן אים געגעבן רו. ער האָט געמוזט דעם ענין אויספּרוּוון אויף זיך אַליין. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרן שפּיגל און אויסגערופֿן:

— עס איז אַ שנײַ־שטורעם!

דאָס איז נישט געווען אמת, ווײַל די זון האָט געלויכטן. ער האָט גערעכנט, אַז זי וועט פֿינצטער ווערן, אָדער זײַן פּנים וועט אַנדערש ווערן... נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע זענען מקוים געוואָרן... אַך, ווי לײַכט זאָגט זיך ליגנט?... ער איז געוועזן פֿאַרחידושט... און דאָס פּנים ענדערט זיך נישט?... דאָס איז געוועזן פֿאַר אים אַ שרעקלעכע אַנטדעקונג...

אין אַוונט האָט דוימער געהאַט אַ נייַע דאגה. ער האָט אַהיימגעבראַכט דאָס וואָכנבלאַט: „קאַטוילישער אוצר“, אין וועלכן עס האָט זיך מיט גרויסע אותיות געפֿינען אַזאַ מין אַנפֿראַגע:

„פֿאַרוואָס באַקומט נישט דער נאָרימבערגער „געפֿינענער“ קיין רעליגיעזן אונטעריכט?“

— טאַקע פֿאַרוואָס? — האָט אַנאַ געפֿרעגט מיט אַ קנאַפּן אינטערעס.

— וואָס הייסט? דאָס פֿרעגט מען אין אַ פּראָטעסטאַנטיש לאַנד? — האָט דער לערער געזאָגט מיט אַ ביטער געלעכטערל, — ווען מען וואָלט געוואוסט, וויפֿיל שרעק עס האָט אָנגעוואָרפֿן אויף קאַספּערן בלויז דער גלח, וואָס איז געקומען צו אים אין טורעם!... אָנשטאָט צו רעדן צו זיין האַרץ פֿון גאָטס גוטסקייט, האָבן זיי אָנגעהויבן דרשות מכח „גאָטס צאָרן“. און זיי האָבן אים געגומען אַזוי שרעקן, ווי ער וואָלט שוין מאָרגן געדאַרפֿט גיין צו דער תליה... איך בין צופֿעליק אָנגעקומען און געבעטן די הערן, אַז זיי זאָלן דערווייל אויפֿהערן זייערע דרשות!

די אָנפֿראַגע פֿון „קאַטוילישן אוצר“ האָט זיך פֿון איצט אָן איבערגעחזרט כמעט יעדן טאָג און זי איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פֿון צייט צו צייט דורכן „פּראָטעסטאַנטישן רייכטום“. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַן אומרואיקייט צווישן די אָנפֿירער פֿון מאַ־נוסקראַפּט. עס איז אַנטשטאַנען די פֿראַגע, צי קאַספּער איז בכלל געטויפֿט. נאָך לאַנגע וכּוחים איז געקומען צו אַן איינשטימיקן הסכּם, אַז צוליב זיכערקייט־וועגן דאַרף מען איבער קאַספּערן אַדורכפֿירן די שמד־צערעמאָניע.

עס איז נישט לייכט געווען אויסצוקלויבן: דעם קאַטוילישן, אָדער עוואַנגעלישן גלויבן? צוליב דעם, וואָס די קאַטוילישע גלחים האָבן געהאַט אַ קנאַפּערן איינפֿלוס אין דער שטאָט, האָט מען זיך אַנטשלאָסן צוצונעמען רוים אַ נשמה און זי איבערגעבן די פּאַסטאָרן, כאָטש זיי האָבן צווישן די אַריסטאָקראַטישע קרייזן נישט געהאַט קיין גרויסן אָנזען. לויטן בירגערמייסטערס רעקאָמענדאַציע האָט דוימער מסכּים געווען צו געבן קאַספּערן פֿאַר

אַ רעליגיעז־לערער דעם סאָלידן און פֿלײסיקן קאַנדידאַט רעגוליןן.

— איך בין נישט קײן פֿרומאַק! — האָט דער בירגערמײסטער געזאָגט, — אָבער איך מוז זאָרגן, אַז קאַספּער זאָל נישט אויסוואַקסן אָן אַ גאָט אין האַרצן, און אָן דרך־ארץ פֿאַר....

— איך טראַכט אויך וועגן דעם! — האָט דוימער געענטפֿערט און אַ לעבהאַפֿטן טאָן.

— איך זאָג: אָן דרך ארץ פֿאַר׳ן רבונו של עולם.

— איך פֿיל דאָ די ווירקונג פֿון פּליאָטקעס. עפּעס אַ קעכין האָט געזען קאַספּערן, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו בלומען און זי האָט אים געפֿרעגט:

—ווער האָט דאָס געמאַכט?

ער האָט איר געענטפֿערט:

— זײ זענען אַלײן אויסגעוואַקסן.

דאָס מײדל האָט באַלד אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג, אַז קאַספּער איז אַן אַטעאיסט.

— וואָס עס זאָל נישט זײן, מען דאַרף אין אים אײנפֿלאַנצן דאָס געפֿיל פֿון אָפּהענגיקײט פֿון עפּעס העכערעס!

— איך טו עס אַלײן און איך בין פֿון די רעזולטאַטן גאַנץ צופֿרידן. אָבער אָט זענען נעכטן געקומען צװײ פּאַסטאָרן, אײנער פֿון פֿירט און דער צװײטער פֿון פֿאַרנבאַך, אײנער — אַ דאַרער, און דער צװײטער — אַ דיקער; זײ האָבן פֿאַריכט מײן אַרבעט. זײ האָבן מיך געבעטן, אַז איך זאָל זײ דערלויבן צו רעדן מיט קאַספּערן. איך האָב דערלויבט. זײ האָבן גלײך אָנגעהויבן מיט אים אַ ויכוח וועגן דער אַלמעגלעכקײט פֿון רבונו של עולם, וועלכער האָט געמאַכט אַ װעלט פֿון גאָרנישט. קאַספּער האָט געבעטן, מען זאָל אים גענוי דערצײלן, ווי אַזוי גאָט האָט עס געמאַכט. דערויף האָבן זײ גענומען קוקן אויף אים בײז, ווי אויפ׳ן ערגסטן געצנדינער. צום סוף זענען זײ אַוועק, איבערלאָזנדיק אין קאַספּערן דעם אײנדרוק, אַז זײ האָבן געחוזקט פֿון אים, אָדער זײ האָבן פֿאַר אים געוואָלט שפּילן אַ קאָמעדיע.

— המ... מען דאַרף אים דאָך אויסלערנען תּפֿלה טון צו גאָט... די מאַכט פֿון תּפֿלה איז אַ גרויסע זאַך!...

— איך האָב אים דאָס אַלײן געזאָגט, אָבער ער האָט מיך באַלד געפֿרעגט: אויב איך בעטן גאָט, אַז ער זאָל אויסהײלן מײַנע אויגן, צי וועט ער מיך הערן? איך האָב אים געענטפֿערט, אַז עס מעגלעך „יאָ“ און עס איז מעגלעך „נײן“ — דאָס איז אָפּהענגיק פֿון גאָטס ווילן! ער האָט זיך פֿאַרוואונדערט און געזאָגט: אויב גאָט איז אַ גוטער, דאַרף ער דעם מענטשנס אויגן מאַכן נוצלעך — צו לעזן קלוגע ביכער. פֿאַרוואָס זאָל עס גאָט נישט טון? — איך האָב אים געענטפֿערט, אַז גאָט פּרוווט אַמאָל דעם מענטש מיט די שווערסטע לײַדן. דאָס האָט אים ווידער שטאַרק טרויעריק געמאַכט. ער האָט געמײנט, אַז איך דריק מיך שלעכט אויס וועגן גאָט.

— יאָ, מען דאַרף אַ סוף מאַכן צו דעם דאָזיקן לײקענען און צווײפֿלען.

— ווי?... גאָט וואוינט אין דער ברוסט פֿון מענטש. פֿאַרן עלנטן וואַקסט ער אַרויס פֿון זײַנע לײַדן, פֿון דער האָפֿנונג און פֿון פּחד, וואָס רופֿט זיך גלויבן. און אַן אַנדער האַרץ וואַקסט ער אַרויס פֿון פֿרײד: ער געפֿינט זיך אין אַ שאַפֿונגס־פּראָצעס. דאָס, וואָס איר רופֿט אָן פֿאָראויסבאַשטימונג, איז אַן אויפֿריכטיק צווײפֿלען פֿון דער אומבאַוואוסטזיניקער נשמה. גיט די פֿלאַנץ אַזוי פֿיל ליכט, וויפֿיל זי דאַרף — און איר וועט האָבן גאָט!

— דאָס איז פֿילאָזאָפֿיע! דער ערד־אַרבעטער מוז זיך רעכענען נישט בלויז מיטן גוטן וועטער, נאָר אויך מיט די שטורעמס, ווען ער קלערט וועגן שניט... אָבער גענוג דערמיט! דאָס ווײַכטיקסטע איז דאָס, וואָס איר זענט מיט קאַספּערן קײן מאָל נישט געווען אין דער קירכע.

— איך בין נישט געווען — אמת!

— אַזוי... און צי וועט איר גאָרנישט האָבן קעגן דעם, אַז איך זאָל אים נעמען אויף אַ תּפֿילה אין דער קירכע פֿון דער הײליקסטער יונג־פֿרוי?

— נײן, איך בין נישט קעגן דעם, מאָרגן איז זונטאָג, איך וועל אים צו אײַך שיקן אַ זײַגער נײַן.

אויב דער בירגערמײַסטער האָט גערעכנט, אַז קאַספּער וועט

געפינענדיק זיך אין דער קירכע, בעסער ווערן, האָט ער געהאַט אַ טעות. דער יונגל, הערנדיק דעם גלח הויך רעדן, האָט זיך שטיל געפרעגט:

— וואָס זידלט זיך אַזוי דער דאָזיקער מענטש?

דער קרוציפיקס האָט אים איבערראַשט. ער האָט געמיינט, אַז ער זעט פאַרמאַטערטע לעבעדיקע מענטשן. דער קלאַנג פון אָרגל האָט פאַרטויבט זיינע אויערן, וועלכע זענען נישט צוגעוואוינט געווען צו מוזיקאַלישער האַרמאָניע, און דאָס אָטעמען פון דער געדיכטער מענטשן-מאַסע האָט דעם יונגל שיער נישט געבראַכט צום חלשן.

דער בירגערמייסטער איז אָבער ווייטער צוגעשטאַנען צו רעגולײַנען, ער זאָל קאַספּערן אָפּטער פירן אין דער קירכע אַריין, נישט געקוקט אויף דעם יונגלס בפירושן אומווילן.

— געדולד! מען מוז צוגעוואוינען גאָטס באַשעפעניש.

— דאָס יונגל שטעלט זיך אָבער אַנטקעגן...

— איינער שליחות איז צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד! — האָט דער בירגערמייסטער שטרענג באַמערקט.

ערלעכער, הילפלאָזער טעאָלאָגיע-קאַנדידאַט! דאָס איז געווען אַ יונגער מענטש וואָס האָט אייגנטלעך נישט געהאַט קיין יוגנט. זיין טעאָלאָגיש וויסן איז געווען אַזוי דין, ווי זיין פיסעלער. געטראָפן פון קאַספּערס אַ האָגל מיט פראַגן, האָט ער דאָס ענטפערן אָפּגעלייגט אויף צעמאָרגנס, כדי צו קאָנען אַריינקוקן אין זיינע ביכער און נישט זינדיקן קעגן דעם קאַנאָן. זיין האָפנונג דערויף, אַז קאַספּער וועט ביז צעמאָרגנס פאַרגעסן עטלעכע פון זיינע געפערלעכע פראַגן, איז קיינמאָל נישט מקוים געוואָרן. ער האָט געהאָפט אין די תשובות באַוואָפנען זיך מיט אַרגומענטן, אויפצווייזן, אַז גריבלען זיך אין זאַכן, וואָס זענען באַהאַלטן פאַר מענטשן דורך דער השגחה, איז אַ גרויסע עבירה.

קאַספּער איז געלאָפן צו דוימערן באַקלאָגן זיך אויף דעם רעליגיע-לערערס תשובות. דוימער האָט אים דערקלערט, אַז עס זענען דאָ נישט אונטערגעזוכטע סודות, וואָס דער גרעסטער קאָפּ קען זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן. פאַר די, וואָס גלויבן אָבער

שטאַרק איז גאָט, ווען די ראָזיקע טיפֿע סודות אויפֿגעקלערט.

— נעם, קאַספּער, דעם נאָנטסטן בײַשפּיל — האָט דוימער צערעדט — דײַן אײגענעם גורל. מיר אַלע פֿאַרשטײען נישט, פֿון װאַנען דו ביזט געקומען, װער דו ביזט, און דאָך האָבן מיר די האָפֿנונג, אַז גאָטס חסד און אַלמעכטיקײט װעט אונז אַמאָל אויפֿלעזן דאָס רעטעניש.

— דאָס האָט מיך נישט גאָט אַרײַנגעװאָרפֿן אין קעלער, נאָר שלעכטע מענטשן האָבן עס געטון! — האָט קאַספּער געזאָגט, און מיט אַ הילפֿלאָזן צער האָט ער צוגעגעבן:

— דער הער קאַנדידאַט האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז גאָט האָט דעם מענטש אַרײַנגעגעבן אַ װילן צו טון שלעכטס, און אַ צװײט מאָל האָט ער מיר װידער געזאָגט, אַז גאָט באַשטראָפֿט פֿאַר טון שלעכטס. ער האָט דאָס אַלײן געקענט אויסמײַדן! איך פֿיל זיך פּשוט נאָך דער לעקציע נאַרישער װי איך בין געװען...

אין אײנעם אַ מערץ-נאָכמיטיק איז דוימער געזעסן בײַם שרײַב-טיש אין אַ שטאַרק-געדריקטער שטימונג. ער האָט געפּלערט דערפֿון, אַז „מען האָט אים אַרױסגעריסן קאַספּערן, אַז מען האָט אים צעפּליקט אויף שטיקלעך". אונטער דער װירקונג פֿון די ראָזיקע שװערע געדאַנקען, האָט ער די לעצטע צײַט פֿאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט פֿון אַרום דער בילדלעכער אַנטװיקלונג פֿון קאַספּערס נשמה. ער האָט איבערגעמישט די בלעטלעך פֿון קאַספּערס ברוליאָן, אין װעלכן עס האָבן זיך געפֿינען באַמערקונגען, זובנדיק אומזיסט אַ װײַטערדיקן פֿאָדעם.

פּלוצלונג איז ער איבעראַשט געװאָרן. אין צימער איז אַרײַנגעפֿאַלן די שװעסטער אין מאַנטל און הוט, גלײַך פֿון דער גאַס, און שוין אויף דער שװעל האָט זי גענומען פֿאַרשטיקט שרײַען:

— דו װײסט?!.. דו װײסט, װאָס מען רעדט װעגן קאַספּערן?

— באַרואיק זיך!... װאָס אַזױנס?

— אַז ער איז אַ זון פֿון אַ פֿירשט!

— װאָס? דאָס האָט נאָך געפֿעלט? — האָט ער אַ שמײכל-

געשטוין.

— דו גלויבסט ניט? איך אויך ניט! אָבער עפּעס מוז שטעקן דערין, בחינם רעדן ניט מענטשן אַזוי.

— פּלוידערייען... אינטריגעס... לאָז זיי רעדן...

אין אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט דוימערן באַזוכט דער נאַטשאַלניק פֿון וואָרמער אַרכיוו, וועלכער איז געקומען פֿון אַנסבאַך. דער דאָזיקער קליינער, איינגעהויקערטער פּאַרשוין, וואָס האָט קיינמאָל ניט געלאַכט, איז געווען די רעכטע האַנט פֿון מיניסטאָרן־פּרעזעס, מיער, און אַ פֿרייַנט פֿון באַראָן פֿייערבאַך, פֿון וועלכן ער האָט דוימערן געבראַכט גרויסן און אַ ידיעה, אַז קאַספּערס ענין וועט גאָר אינגיכן געלייזט ווערן. אָן שום הקדמות האָט ער פֿאַרן לערער אַוועקגעלייגט אַ בראָשור מיט אַזאַ נאָמען:

„קאַספּער הויזער — אַ געענדיקטער שווינדלער. סטודיע פֿון בערלינער פּאָליציי־שעף מערקער“

וואָס איז דאָס? וואָס וויל דער מענטש? — האָט דוימער געעפֿנט אַ פּאָר גרויסע אויגן. דאָס קול האָט אים געציטערט פֿון איבעראַשונג.

— אַ מיאוסער פּאַמפֿלעט! — האָט דער אַרכיוויסט געענטפֿערט. — מען האָט דאָ צונויפֿגענומען אַלע מיאוסע באָבע־מעשיות, וואָס גייען אום אין דער שטאָט וועגן הויזערן. דער מחבר פֿאַרופֿט זיך אויף ענלעכע שווינדל־געשיכטעס, וועלכע האָבן די מענטשן פֿאַרדרייט די קעפּ, ווייל מען האָט זיי צו־שפּעט אויפֿגעדעקט. אויך איך, טייערער פּראָפֿעסאָר, האָט מען פֿאַרדרייט.

— איך שטעל מיר פֿאָר—האָט דוימער געשריגן, קלאַפּנדיק מיט דער פֿויסט אין דער בראָשור — עס זיצט זיך אַ מענטשל פֿונדערווייטנס, אַזש אין בערלין, ער זעט גאָרניט און הער גאָר־ניט... און וואָס ער דערוועגט זיך... אָ, דאָס שרייט צום הימל אויף נקמה!... „אַ געענדיקטער שווינדלער“—זייער גוט!... זאָל ער אַמאָל אַ קוק טאָן אין די אויגן פֿון דעם דאָזיקן מלאך! די איינ־ציקע פֿרייד איז כאָטש דאָס, וואָס די דאָזיקע חזירי וועט קיינער

ניִשט לײַענען!

— איר זענט זיִך טועה, פּראָפֿעסאָר! מען וועט די בראָשור רײַסן פֿון די הענט.

— גוט! און איך וועל זי איבערלײַענען. מאָרגן וועל איך בעטן דעם רעדאַקטאָר פֿון דער „מאָרגן־פּאָסט“, צו ענטפֿערן יענעם פּלוידער־זאַק. דער רעדאַקטאָר פֿיסטערלע האָט אַ שאַרפֿע פֿעדער. ער וועט זיִך מיט דעם מערקערן אַן עצה געבן!

— דאָס וועט זײַן ניִשט דיִפּלאָמאַטיש! — האָט וואָרם קאַלט געזאָגט. — וואָס טויג דאָס שרײַבערײַ? איך מיין, אַז מען דאַרף טאָן אין דער שטיל... פּאָרזיִכטיִק, איך דענק, אַז אויך באַראָן פֿײַערבאַך וועט אײַך ראָטן ניִשט צו באַגיין אַזאַ שריִט.

— פּאָרזיִכטיִק?... דראָט דען עפּעס אַ געפֿאַר?

— איך ווייס גאָרניִשט — האָט וואָרם סודותדיִק געזאָגט— מאָרגן וועל איך צו אײַך קומען. איך וויל זען קאַספּערן.

ער איז שוין געווען אויף די טרעפּן, בעת דוימער האָט אים אונטערגעיאָגט און געפֿרעגט:

— ציִ וועט איר זײַן אומצופֿריִדן, אַז איר וועט בײַ מיר טרעפֿן עטלעכע מענטשן, וועלכע איך האָב באַשטעלט אויף מאָרגן?

— ניין, גאָרניִשט.

איבערלײַענענדיִק אין אַ האַלבער שעה די בראָשור איז דוימער, וועלכער האָט, צוליב דעם קאַמפּס־אָדער, וואָס האָט זיִך אין אים געפֿינען, ניִשט אויסגענומען קיין עפּנטלעכן סקאַנדאַל, אַרײַנגעפֿאַלן צום רעדאַקטאָר פֿיסטערלע. דער לעצטער האָט ניִשט אַדורכגעלאָזט די געלעגנהייט אויסצולאָדעווען זײַן זשורנאַליסטישע ביִטערקייט און בייז־בלוטיִקן טעמפּעראַמענט. ער האָט צעגעלאָזט דערקלערן דוימערן, אַז ער וועט קומען צו אים מאָרגנס אינדערפֿריִ. דאָס האָט ער געטאָן, כּדי צענויפֿצוזאַמלען מאַטעריאַל אויף צו ענטפֿערן.

דעם זעלבן אָוונט האָט אין דוימערס וואוינונג געהערשט אַ דערוואַרטונגס־שטימונג. קאַספּער איז געווען פֿאַרוואונדערט

דערפֿון, וואָס די שטובּיקע האָבּן אים אַרומגענומען מיט דורכדרינגלעכע, אויספֿאָרשנדיקע בּליקן און אויפֿגעכאַפּט זײַנע ענטפֿערס. און די דאָזיקע בּליקן איז אָבּער געלעגן מיטגעפֿיל; די שטימען האָבּן האַרציק געקלינגען. ער האָט, ווי געווײַנטלעך, גענומען פֿאַרן שלאָף אַ בּיכל פֿון דער בּיבּליאָטעק-שאַנק. לײענדיק האָט ער פֿרײלעך אויסגעשריגן:

— וואָס פֿאַר אַ שײנע ווערטער!

„אַלץ האָט יעדע נאַכט צוגעדעקט אַ פֿינצטערניש,
דער מזרח רופֿט די זון אַרויס אויפֿן וואָר!“

— ווי הערלעך עס קלינגט! ווי קלוג עס איז! — האָט ער אויסגערופֿן אַן ענטציקטער.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, געזעגנענדיק זיי מיט אַ „גוטנאַכט“, האָבּן אַלע דרײַ צווישן זיך גערעדט:

— עס איז אוממעגלעך נישט ליבּ צו האָבּן דאָס דאָזיקע יונגל! ער לאַנגווײַליקט זיך קײנמאָל נישט. ער וואַרפֿט זיך קײנמאָל קײנעם נישט אָן מיט קאַפּריזן פֿון לאַנגווײַליקײט.

דער צונויפֿקום אין אַנדערן טאָג האָט געהאַט אַן עטוואָס סקאַנדאַליסטישן פֿאַרלויף. פֿיסטערלע, קומענדיק פֿריער, נישט געקוקט אויף דעם בּאַלעבּאָס בּאַהאַלטענער אומצופֿרידנקײט, איז געזעסן אַזש בּיז אָוונט, אַ פֿאַרמאַטערטער צוליבּן וואַרטן אויף אַ שטאַרק-געלעזענעם ראָמאַניסט פֿון צפֿון-דײַטשלאַנד, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו קומען; אויף אַ פּראָפֿעסאָר פֿון דער אַקאַדעמיע אין לײַפּציק און אויף דער בּאַראָנעסע האָלשטײַן.

דער אַקאַדעמיקער, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין נאָרמבּערג, אויפֿן וועג קײן רוים, און דעריבּער געהאַט אַ נאָמען פֿון אַ „בּאַרימטן רײַזנדן“, האָט גערעדט צו קאַספּערן, אויפֿהויבּנדיק דעם קאָפּ, ווי פֿון אַ טורעם-הויכקײט.

— און דו האָסט דעריבּער זיך בּאַוויזן צווישן אונדז פֿון אַן אָרט, וואו עס איז געווען פֿולשטנדיק פֿינצטער? — האָט ער געפֿרעגט אין אַ וויציקן טאָן.

— פֿולשטענדיק פֿינצטער! — האָט קאַספּער גוטהאַרציק געענטפֿערט

— און ווייל מענטשן זענען אַזוי לייכטגלויביק, אַז זיי זענען גרייט צו גלויבן אין אַלע נאַרישקייטן! אפילו אין דער פירשטלעכער אָפּשטאַמונג פון אונטערגעוואָרפענע קינדער.

דוימער האָט נישט אויסגעהאַלטן, ער איז ענדלעך אַרויס:

— וואָס גיט אייך די רעכט צו חוזק אין מיין הויז?

— דאָס, וואָלטאַט־מאַן, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד שעפּט באָבע־מעשיות פון אייער איניציאַטיוו... דער ערלעכער דייטש איז שטענדיק אַ קרבן פון ליבע און אַוואַנטורעס אין קאַגליאָסטראָס סטיל. דאָס איז ווערט פאַראַכטונג!

— מיר מאַכן אייך נישט קיין פאָרוואורפן! — האָט זיך אַריינגעמישט דער באַרימטער ראָמאַנען־שרייבער, וועלנדיק שלום־מאַכן, — איר, הער דוימער, זענט, ווי אַנדערע, געפאַלן אַ קרבן פון לייכטגלויביקייט. מיר ווייסן, אַז איר האָט עס געטון אין אַ גוטן גלויבן.

איצט האָט פיסטערלע געגעבן אַ אויסלאָז זיין ליידנשאַפט. קלאַפּנדיק מיט די פויסטן איבערן טיש, האָט ער געברומט:

— איך קען אייך אַלע, וואָס איר שרייבט: „דאָ שטעקט גאָרנישט, ווייל מיר זענען גאָרנישט!“... און פאַרוואָס האָט די פרוי באַראָנעסע אַ סקעפּטישן שמייכל געטון, ווען מען האָט דערמאָנט דעם אונטערגעוואָרפענעם פירשטלעכע אָפּשטאַמונג?... צום טייוול! געשעען ניט אונטער די קוליסן פון די „הויפן“ זאַכן, וועלכע מאַכן ציטערן ווען מען ברענגט זיי אַרויס אין ליכט פון טאָג?.. איז נישט געבליבן צווישן אונז כאָטש אַ טוץ מענטשן, וועלכע געדענקן נאָך, ווי מען איז געגאַנגען מיט דער דרייסטער פרייהייטס־פאָן דורך די פּאַלאַצן און די העלע פאַקעלן האָבן באַלויכטן די געסטן פון ליגנט און שמוץ?!... צו וואָס זענט איר געקומען, פאַרלייקענער פון די לעבנס־אמתן?!

אַ דעמאַגאָג! — האָט די באַראָנעסע געשעפּטשעט. דעם ראָמאַנען־שרייבער זענען די אויגן אַרויסגעקראָכן פון אונטער די לעפּלעך. דוימער האָט אַ הילפלאָזער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ גערירטער פון דעם רעדאַקטאָרס פאַרטיידיקונגס־ווערטער, נישט ווייניקער, ווי פון דער באַשולדיקונג, וועלכע די געסט האָבן אויפ־

געהויבן קעגן אים. דער אַרלױװיסט װאָרעם האָט אָבסערװירט קאַספּערס נײַגעריק פּנים, װעלכער האָט מיט אַן אָפֿן מויל זיך צוגעקוקט צו די מענטשן, נישט פֿאַרשטײענדיק קײן סך, װאָס מען האָט גערעדט. טױבער האָט נערװעזן געקלאַפּט מיט אַ פֿוס. דער אַקאַדעמיקער פֿון לײַפּציק האָט גענומען דעם הוט, מיט דער דעה צו גײן. ער האָט נאָך באַװיזן צוצװאַרפֿן:

— װאָס האָט מען זיך דערװאוסט? בלױז דאָס, אַז אין די פֿראַנקאָנישע װעלדער האָט זיך געפֿונען אַ יונגל — אַ נאַר, פֿרעמד אַלע קולטור־אוצרות, נישט קענענדיק אַפֿילו רעדן, פֿירט ער פֿאַר דער נאָז גאַנץ קלוגע מענטשן בלױז דערמיט, װאָס אַלץ דאַכט זיך אים אױס צו זײַן אַ נײַעס... דאָס איז אַ באַשעפֿעניש, װאָס איז װערט אונזער רחמנות, אַ מין אומזיניקע בריאה, טעמפּ און פֿלאַך פֿון אַלע זײַטן!

צום גליק האָט אַ געקלאַפּערײַ פֿון אַ קאַרעטע אונטערן פֿענצטער אַ סוף געמאַכט צו דער אָנגעשטרענגטער סיטואַציע. באַלד האָט זיך באַװיזן אויף דער שװעל דער ראַט פֿײַערבאַך אין זײַן אײגענער פּערזאָן. זײַן מיליטעריש, אױסגעשטײַפֿטע פֿיגור, דער בליק פֿון אַ פֿעלד־מאַרשאַל אין ציװיל־קלײדונג, דער מיליטערישער קרײַץ אויף דער מוסקולירטער ברוסט (ער האָט באַזיצט נאָך אַ סך אָרדערן, נאָר צוליב באַשײדנקײט האָט ער נישט אַלע געטראָגן), דער ערנסטער אױסדרוק אַרום מויל, דאָס פֿײַער אין די אויגן, װאָס האָבן דערצײלט פֿון אַ לײדנשאַפֿטלעכן, מאַכט־האָבנדיקן מענטש — דאָס אַלץ האָט צװישן די אָנװעזנדיקע אַרױסגערופֿן דרך־ארץ. װי אַ מענטש װאָס האָט צו זײַן דיספּאָזיציע נישט קײן סך צײַט, האָט ער כּמעט אויף דער שװעל צוגעװאָרפֿן לאַקאָנישע װערטער:

— גוט, הער װאָרעם, װאָס איך טרעף אײַך דאָ. מיר װעלן באַלד אַ שמועס־טון!

אָבער אײדער בײדע זענען, נאָך דער דערלױבניש פֿון באַלעבאָס, אַרײַן אין קאַבינעט, איז קאַספּער צוגעלאָפֿן צום באַראָן פֿײַערבאַך און אױסגעצױגן צו אים די האַנט, װאָס דער לעצטער האָט זי לאַנג געדריקט. דאָס יונגל האָט נאָך געדענקט די װאַרעמע,

טרוקענע, האַרציקע האַנט פֿון באַרימטן מאַן פֿון דער צײַט, װען ער האָט גערעדט מיט אים אין טורעם; נישט אײנמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אָן איר — װען ער האָט באַרירט אַזױ פֿיל אַנדערע אומאַנגענעמע הענט!

די געסט, די סקעפּטיקער, זענען געװען איבערראַשט פֿון דער דאָזיקער האַרציקער באַגריסונג. זײ האָבן שנעל געזעגנט דעם באַלעבאָס, איבערבעטנדיק אים פֿאַר זײער אומטאַקטישקײט. דער װיזיט פֿון טריבונאַל־פּרעזעס האָט אַרױסגערופֿן אַן אַנדערע באַציִונג צו דױמערס פּױפּיל.

— עפּעס מוז דערינען שטעקן! — האָבן גערעדט זײערע אױגן. פּיסטערלע האָט זיך דערװײַטערט מיט אַ טריאומפֿירנדיקער מינע. עס איז איבערגעבליבן בלױז טובער.

באַלד זענען פּײַערבאַך און װאָרם צוריקגעקומען פֿון קאַבינעט. דער ערשטער האָט מילד אָנגענומען קאַספּערן פֿאַר דער גאָמבע און אַװעקגעבױגן זײַן קאָפּ. דער צװײטער האָט מיט אַ לאָמפּ באַלױכטן דעם יונגלס פּנים. פּײַערבאַך האָט זיך דערין לאַנג אײַנגעקוקט און געשעפּטשעט צו װאָרמען:

— עס איז נישטאָ קײן ספֿק... די זעלבע שטריכן!

ער איז געשטאַנען פֿאַרטראַכט בײַם פֿענצטער און שטיל איבערגעחזרט צו זיך אַלײן:

— די שטריכן און די חלומות... די שטריכן און די חלומות... יאָ, דאָס זענען צװײ װיכטיקע באַװײַזן!...

מיט אײנמאָל האָט ער זיך געװענדעט צום באַלעבאָס, װאָס איז געשטאַנען און געשװיגן, דערװאַרטנדיק עפּעס:

— האָט אים נישט געשאַדט די דיעטע־ענדערונג אױף פֿלײשיקע זאַכן?

— עס דאַכט זיך מיר, אַז ער טראָגט עטװאָס שװער איבער... װי עס װאָלט אים נישט אינגאַנצן גרינג געװען... איך האָב מיך צוגעפּאַסט צו דעם הער פּרעזעסעס אָנװײַזונגען און גיב אים אַ נאָרמאַלע דערנערונג... פֿאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. איך האָב באַמערקט, אַז אין טאָג, װען ער האָט צום ערשטן מאָל פֿאַרזוכט פֿלײש, האָט דער הונט, װעלכער איז צו אים שטענדיק געװען

צערטלער, אָנגעהויבן בייז צו בילן אויף אים... ווי ער בילט אויף זיינע הויף־חברים... ער האָט זיך אַפילו געוואָרפֿן אויף אים!...

דער טריבונאַל־פּרעזעס האָט אַ שמייכל געטון:

— נו, דאָס איז בלויז אַ הונט... נישט מער... זאָלן דאָס כאָטש מענטשן נישט טון!.. אָבער איך דערלויב מיר, הער דוימער, אויפֿמערקזאַם צו מאַכן, אַז איך בין נישט צופֿרידן פֿון די צאָלרייכע עקספּערימענטן, וועלכע איר האָט אויסגעפֿירט אויפֿן יונגל. איר היילט אים זיין קראַנקהייט מיט האָמעאָפּאַטישע מיטלען. צו וואָס טויג עס?... ער האָט אַ דעליקאַטן אָרגאַניזם, וואָס ווערט אַ תל פֿון אַזעלכע מיטלען. די יוגנט אַליין וועט בייקומען די קראַנקהייט.

— איך בין פֿאַרוואונדערט צוליבן פֿאָרוואורף פֿון הער פּרעזעס! — האָט דוימער געענטפֿערט מיט אַ באַליידיקטן טאָן אין קול — „סימילאַ סימיליבוס“ — דער דאָזיקער יסוד פֿון דער האָמעאָפּאַטיע ווייזט מיר אויס צו זיין אויסערגעוויינטלעך קלוג. איבעריקנס האַנדלט עס זיך וועגן זייער קליינע דאָזעס, וואָס זייער ווירקונג ווייזט זיך ערשט נאָך אַ לענגערער צייט... אָט דאַריבער טאַקע בין איך אָנגעקומען צו האָמעאָפּאַטיע...

— גענוג דערמיט, ליבער הער דוימער. איך האָף, אַז אינגיכן וועט די פֿינצטערניש, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום קאַמער הויזערן, פּלאַצן. די מענטשן וועלן מוזן אָנערקענען אייערע פֿאַרדינסטן, כאָטש איר וועט האָבן געמאַכט געוויסע פֿעלערן אין דער קוראַציע־מעטאָדע.

דאָס האָט געקלונגען פֿייערלעך.

און דאָך איז דוימער, נאָכדעם ווי דער גאַסט איז אַוועקגעגאַנגען, אַריינגעפֿאַלן אין אַ ביטערער שטימונג. מען באַהאַנדלט אים ווי אַ „שילער“, ווען מען מאַכט פֿאָרוואורפֿן. אָן זיין ווילן איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק:

— האָט זיך געלוינט דעם ענין פֿון עפּעס אַ געפֿונענעם צו מאַכן פֿאַר מיין אייגענעם? וואָלט נישט בעסער געווען איבערצולאָזן אים אין זיין פֿריערדיקער באַשעפֿטיקונג?

ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן דערפֿון, וואָס מענטשן

אינטערעסירן זיך אזוי שטארק, צי הויזער שטאמט פון פויערים, צי פון פירשטן. און אויב ער שטאמט פון פירשטן — איז עס נישט אלץ איינס? עס גייט דאך דא וועגן א ריינער מענטשלעכער נשמה און גארנישט מער!

א נייער בליץ איז אים אדורך אין מוח:

אפשר האב איך מיך צופיל ארייננגעלאזט אין א גאלדן ווינקל פון דער פילאזאפיע? איך האב אויפגעהערט צו פארשטיין די שטים פון דער עפנטלעכער מיינונג, וואס מאכט אונטערשיידן צווישן מענטש פון גייסט — א זייער וויכטיקע זאך פאר מיר, — און מענטשן פון שטויב, און זוכט אין שטויב אונטערשיידן פון איכות!...

נישט אן טרויער האט ער זיך ענדלעך אונטערגעגעבן דעם געדאנק, אז מען דארף זיך אונטערווארפן דעם געשמאק פון דער מאסע, וואס וויל דווקא האבן א קעניגלעכע לעגענדע, און אפילו פארמעגלעכע מענטשן, ווי פייערבאך, זענען געגאנגען מיט דעם וועג, פרובנדיק אויפלעזן דאס רעטעניש מיטן נאמען „קאספער הויזער“. דא איז דאמאלט געשטאנען דער וועג־ווייזער...

דוימער פרווט די מעטאַפיזיק!

דער פּראָצעס פון אַפּעלאַציע־טריבונאַל איז געבליבן אין נאָ־רימבערג אַ גאַנצע וואָך. צוליב דעם, וואָס דאָס זענען דעם פּרי־צייטיק־געעלטערטן מלוכה־מאַן אין דער געזעלשאַפט פון אַ דעלי־קאַטן יונגערמאַן האָט אויף דער גאַס אַרויסגערופן אַ צוזאַמענלויף, און וויל פון אַ געוויסן טאָג אָן איז זיי נאָכגעגאַנגען עפּעס אַ פּאַר־דעכטיקער פּאַרשוין — האָט זיך פייערבאַך אָפּגעזאָגט פון די שפּאַצירן מיט קאַספּערן. ער האָט אים געזען ביי דוימערן, אָדער ביי זיך אין האָטעל.

דעם יונגלס נאַאיווע פּלאַפּלעריי האָט דערפרייט דאָס האַרץ פון דאָזיקן איידעלן מענטש. ציי‌טנווייז איז דאָס יונגל אַריינגע־פאַלן אין אַ שווייגן, האָט פאַרלוירן די געוויינטלעכע זעלבסט־זיכערקייט און איז געווען טרויעריק, נישט קענענדיק דערקלערן די סיבות פון זיין שטימונג.

פייערבאַך האָט אין אַ בריוו צו אַ פריינדין דערמאָנט אין שייכות דערמיט:

„דער בליק פון יונגל פאַרמאָגט די קלאָרקייט פון ריינעם הימל — פאַרן זון־אונטערגאַנג. איך האָב אַמאָל דעם איינדרוק, אַז דער וואָגן פון זיין גורל, וואָס איז אַזוי שנעל געפאָרן, האָט זיך מיט איינמאָל אָפּגעשטעלט. זיין בליק ווענדעט זיך דער־וואַרטנדיק אין דער געגנוואַרט, און וועלכער עס געפינט זיך דער סוד פון די ליידן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט. אַן אומדורכ־דרינגלעכער רעטעניש האָט אים פאַרהאַלטן אין גאַנג. איך בין אויפן וועג דאָס רעטעניש צו לייזן. אָבער איך האָב מורא, אַז איך וועל קומען צום ברעג פון עפּעס אַ גרויזאַמען תהום, וואו מען

וועט זיך מוזן אָנהאַרטרויען די געטער, ווייל מען וועט זיך מוזן פאַרמעסטן מיט דעם שלעכטן ווילן פון די מענטשן, פאַר וועלכע עס איז נישט פאַרהאַן קיין אמת און קיין געוויסן!"

איינמאָל האָט קאַספּער געטראָפן אַנאַן לייענען די בראָשור פון פּאָליציי־שעף מערקער. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט זי שנעל באַהאַלטן דאָס ביכל. אויף זיין פראַגע: „וואָס באַהאַלטסטו?" — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ:

— אַך, קאַספּער, ווי מענטשן זענען שלעכט!

ער האָט אַ שמייכל געטאָן. אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון זיין כאַראַקטער איז געווען דאָס, וואָס „ער האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון די מיינונגען פון פרויען". עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי „עסן זיך איבער מיט זיסקייטן, נייען עפּעס שטענדיק, כדי זיך צו צירן, און פּלוידערן צווישן זיך אָן אַ מאָס". אויפן פאָרוואורף פון פרוי דוימער, צוליב דעם דאָזיקן אורטייל, וואָס ער האָט הויך אַרויסגעזאָגט, האָט קאַספּער זיך פאַרטיידיקט:

— דו ביזט נישט קיין פרוי — דו ביזט אַ מאַמע! דאָס איז עפּעס אַנדערש!....

עס האָט געטראָפן, אַז אַמאָל איז ער מיטגעלאָפן מיט עפּעס אַ ווייסע חברה נאָך אַן אַמאַזאָנקע. ער איז אַוועק אונמיטן וועג, שעמענדיק זיך פאַרן פאָרוואורף, וואָס מען וועט אים מאַכן, אַז ער יאָגט זיך נאָך פרויען, ווי אַלע אַנדערע.

אַנאַ האָט אים דערמאָנט, אַז די פרוי פון ראַט בעכהאָלד האָט אים פאַרבעטן אויפן היינטיקן אָוונט.

— אַזעלכע איינפלוסרייכע מענטשן טאָר מען נישט באַליי־דיקן מיט גרינגשעצן זייערע איינלאַדונגען — האָט זי צוגעגעבן — דער ברודער האָט געזאָגט, אַז דו זאָלסט בלייבן אין דער היים און וואַרטן אויף אים. ער וועט גיין מיט דיר.

— פּרעזעס פייערבאַך איז פריער! — האָט ער געענטפערט און אַוועק אין האָטעל.

ער האָט געטראָפן זיין אַפּוטרופּס פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות. אָננעמענדיק קאַספּערן פאַר דער האַנט, האָט ער אים ווייד געזאָגט:

— איך מוז מאָרגן צוריקפֿאָרן קיין אַנסבאַך. איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר שרײַבן וועגן זיך. אָבער איך וויל נישט, אַז די קאָרעספּאָנדענץ זאָל ווערן פֿאַר דיר שווער, ווי אַ צוואַנג זיך מתודה צו זײַן. אָט האָסטו אַ העפֿט: פֿאַרשרײַב אין אים, ווען דו האָסט שטימונג, אַלץ, וואָס פֿאַרנעמט דיך... שרײַב אויפֿריכטיק, ווי דעם בעסטן גוטן פֿרײַנט... ווי צו אַ מאַמען. דו וועסט מיר אַמאָל דערלויבן דאָס העפֿט איבערצוליִיענען...

ער האָט אים געגעבן אַן אַלבום אײַנגעבונדן אין סאַפּיאַן־לעדער מיט גאָלדענע בריגן. אויף דעם ערשטן בלעטל, אונטער זײַן בילד, האָט ער געשריבן אַ מאָטאָ: „ווער עס ליבט יעדע שעה, ליבט גאָט!" קאַספּער איז געווען אַנטציקט פֿון אַלבום, פֿון פּאָרטרעט און פֿון דעם מאָטאָ. ער האָט פֿײַערבאַקן געקושט די הענט.

אינדערעם האָט דער דינער געבראַכט אַ טעלעגראַמע. דער פּרעזעס האָט געזאָגט:

— קאַספּער איך מוז באַלד פֿאָרן...

זיי זענען אַוועק צוזאַמען. דער פּרעזעס איז אַרײַן אין אַ קאַרעטע. ער האָט קאַספּערן דערלאַנגט די האַנט בײַם געזעגענען זיך. דעם יונגל האָט פּלוצלינג אַרומגענומען דער אָטעם פֿון דער אומבאַגרענעצטער ווײַטקײַט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אין הימל, און געזאָגט צום אָפּפֿאָרנדיקן מיט אַ שטילן זיפֿץ:

— ווי איך וואָלט וועלן פֿאָרן מיט אײַך!

— עי, עי, קאַספּער! — האָט אים דער אַלטער פֿרײַנט געדראָט מיט אַ פֿינגער אין שפּאַס — וואָלסטו פֿאַרלאָזט דײַן מײַסטער און זײַן פֿאַמיליע?!... אַזאַ דאַנקבאַר האַרץ האָסטו? און וואוהין וואָלסטו וועלן פֿאָרן?

— זיי זענען אַלע גוט צו מיר, אָבער...— האָט ער געצווייפֿלט.

— זאָג, וואָס אָבער, קאַספּער!

— איך וויל צו דער... מאַמען!

ווען קאַספּער איז צוריקגעגאַנגען דורך די ליידיקע שטאָטישע פּלעצער, האָט אים דאָס האַרץ גענומען האַסטיק שלאָגן. אַ מענטש,

אײַנגעהילט אין אַ מאַנטל, מיט אַ פּנים, וואָס קאַספּער האָט צוליב דער פינצטערניש ניט געקאָנט זען, האָט גענומען צו אים ווינקען מיט אַ פינגער. ניט געקוקט אויפן שרעק אין קאַספּער, ווי גע־טריבן פון עפּעס, צוגעגאַנגען צו אים. דער אומבאַקאַנטער האָט אים געפירט אין דער ריכטונג פון דער פּאַרק־אַלײע, וואו עס איז געווען נאָך פינצטערער: עס האָבן דאָ שוואַך געלויכטן עטלעכע לאַמטערנעס מיט אַ געלבלעך־מאַטן פלאַם. דאָס יונגל איז אָבער דאָרט נעגאַנגען, ווי צוגעצויגן דורך דעם געהיימניספולן מענטש. עס איז ניט באַקאַנט, וואָס עס וואָלט געשען, ווען אין דער זעל־בער רגע וואָלטן ניט אַרויסגעקומען פון דער שלנותדיקער שענק אַ חברה האַלב־שכורע יונגעלײַט, וועלכע האָבן אַרומגערינגעלט קאַספּערן און גענומען פון אים חוזק מאַכן.

רײַזעגדיק מענטשן איז דער אומבאַקאַנטער אַוועק צווישן די בוימלעך און פאַרשווינדן. קאַספּער האָט זיך מיט שווערקײַט אַרויסגעריסן פון דער שיכורער כאַליאַסטרע און, צוקומענדיק צו דער בריק, האָט ער גענומען לויפן און קוים־כאַפּנדיק דעם אָטעם אָנגעקומען צום אינדזל, וואו עס איז געשטאַנען דוימערס הויז.

דער לערער האָט, ניט גלויבנדיק, אויסגעהערט קאַספּערס דערציילונג וועגן דעם אומבאַקאַנטן מענטש אין ברייטן מאַנטל, וואָס האָט אים צוגעצויגן, מאַכנדיק מיט די פינגער.

— דאָס האָט דײַן הייסע פאַנטאַזיע באַשאַפן אַ געשטאַלט פון אַן „אומבאַקאַנטן כשוף־מאַכער".

— ניין!... ניין!... איך בין צוגעקומען צו אים נאָענט... איך האָב אפילו געזען זײַנע געלע ציין...

— גוט! גוט! אָבער גיי און טו זיך איבער... עס איז די העכסטע צײַט. פרוי בעכאָלד וואַרט.

עס איז אַדורך אַ האַלבע שעה. דער אומגעדולדיקער דוימער איז אַוועק אין יונגלס שלאָף־צימער, וואָס האָט זיך געפונען אין דער הויך, אויף די שטאָקן. ער איז געווען פאַרוואונדערט. ער האָט אים געטראָפן אין אָוונט־קליידונג, אָבער... שלאָפנדיק גע־שמאַק אין בעט. ער האָט אים אַ צי געטון פאַרן אָרעם. דאָס יונגל איז געשלאָפן ווי אַ דערהרגעטער. דוימער איז אַראָפּ אונטן

— די ווייסט, אנא, עס גלוסט זיך מיר נישט אויפוועקן דאס יונגל. דארף דען די מענטשלעכע ניגערוקטע טריאומפירן איבער אונזער פריהייט־נאטור? גיי אליין צו פרוי בעכאלד און בעט זי שטארק איבער דערפאר, וואס מיר קומען נישט.

צופרידן פון דעם דאזיקן באשלוס האט ער זיך פארטיפט אין לייענען. אין בערך דריי פירטל שעה ארום איז אנא צוריקגעקומען און צוזאמען מיט איר... די פרוי ראט בעכאלד. איר קלייד, דער לעצטער אויסדרוק פון דער פאראייניקונג פון פראווינציאנעלן געשמאק מיט דער פאריזער מאדע, האט געראשט און קאבינעט. דוימער האט זיך פארנוינגט, זיך קרומענדיק.

— ליבער פראפעסאר! פארוואס קומט אונז אזא רעה? מיר ווארטן אלע צו זען קאספערן. איר זעט, איך האב פארלאזט די געסט, כדי דא צו קומען נאך אייך און נאך קאספערן. נו, אן תירוצים! איך אנערקען נישט קיין תירוצים!

— אבער ער שלאפט דאך!

— נאם דע דיע!... דארף מען אויפוועקן דאס ליבע קעצל? מארש! מארש, פראפעסאר! פירט מיך צו אים.

ווען זיי זענען ביידע געשטאנען נעבן שלאפנדיקן, האט דער פרוי בעכאלד אויף א וויל ארומגענומען א רחמנות:

— ווי זיס דאס מלאכל שלאפט!

— דער שלאף איז א הייליקייט! — האט דוימער פייער־לער געזאגט. וועט איר באשטיין, מען זאל דאס יונגל איבערוועקן?

— אך, יא, פראפעסאר!... וועקט אים אויף!... איך וועל אים דערפאר שענקען עפעס א שיינע זאך.

דוימער האט דאס יונגל אויפגעוועקט. כדי אויסצוניכטערן זיך, האט ער אים געגעבן א גלאז וואסער. פרוי בעכאלד האט געזאגט אויף פראנצויזיש:

— פאוור דיאבל! — און אים א צי געטון פאר דער האנט...

— איך וויל צו דער דאזיקער פרוי נישט גיין! — האט קאספער זיך אנגערופן.

דוימער האט אים געמאכט א שארפן פארוואורף.

— בעט תיכף איבער די פרוי. עס וואלט געוועזן זייער

שלעכט, ווען יעדערער פֿון אונז וואָלט געוואָלט זײַן אַ העַר פֿון זײַנע טאַטן און קאַפּריזן און זיך באַפֿרײַט פֿון די פֿליכטן לגבי זײַנע נאָנטע. דעמאָלט וואָלטן אַלע געווען הילפֿלאָז און לעבן!

קאַספּער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן מיט חרטה, ווי אַ זינדיקער. דער פֿרוי בעכאָלד האָט די גאַנצע סצענע שטאַרק געווײַלט.

אינגיכן האָבן זיי זיך געפֿינען אין די באַלויכטענע סאַלאָנען פֿון ראַט בעכאָלד. קאַספּער האָט געמוזט דורכמאַכן דעם געוויינטלעכן עקזאַמען. ער האָט געענטפֿערט מיט פּחד אויף די פֿראַגן פֿון די געסט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע ווערטער האָבן אַ טאָפּלטן זין. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען די קליידונג, די שמייכלען, די מינעס פֿון אַלעמען, דעם געזעלשאַפֿטלעכן טומל. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס די מענטשן ווילן פֿון אים האָבן. צום סוף האָט ער זיך אַליין נישט פֿאַרשטאַנען.

דוימער האָט אויך איבערגעלעבט אַ שווערע מינוט. עס האָט זיך דאָ געפֿינען איין גאַסט, וואָס פֿון זײַן אַנוועזנהייט איז די פֿרוי ראַט געווען צופֿרידן. מען האָט געשמועסט, אַז דאָס איז אַ גרויסער דיפּלאָמאַט, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין נאָרימבערג אויף זײַן רייזע מיט אַ וויכטיק שליחות אויף דעם מזרח. ער האָט געהערט פֿון קאַספּערן און האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט זײַן פּערזאָן, אַנטקעגנשטעלנדיק זיך די, וואָס האָבן באַגאַטעליזירט דאָס גאַנצע רעטעניש. אײַגנטלעך צוליב אים האָט פֿרוי בעכאָלד געבראַכט קאַספּערן יענעם אָוונט. מיר ווילן דערמאָנען, אַז פֿינסטערלע, וועלכע איז אין פּרינציפּ געווען אַן אָפּאָנענט, האָט אײַנגערוימט דוימערן אין אויער, אַז לויט זײַן מיינונג איז דער דיפּלאָמאַט נישט קיין אַנדערער, ווי אַ פֿאַרשטעלטער שפּיאָן פֿון אַ פֿרעמדער מלוכה.

דער אויסלענדישער גאַסט האָט אָבער מיט דער העפֿלעכקייט פֿון זײַנע מאַניערן, מיט דעם געשיקטן רעדן און ערנסט, מיט וועלכן ער האָט טראַקטירט דאָס רעטעניש קאַספּער הויזער, שטאַרק אויסגענומען בײַ דוימערן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ערגעץ אין אַ ווינקל פֿון סאַלאָן. דער לערער האָט זיך צערעדט.

ער האָט דערציילט דעם נײַעם באַקאַנטן וועגן דער היינטיקער געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיטן יונגל — וועגן דעם געשטאַלט אין ברייטן מאַנטל, וואָס האָט אים צוגעצויגן צו זיך; דוימער האָט עס אויסגעטייטשט מיט זײַן צו שטאַרק־אַנטוויקלטער פֿאַנטאַזיע.

— ס׳קען זײַן, אַז דאָס יונגל האָט זיך נישט טועה געווען! — האָט דער דיפּלאָמאַט פֿאַרזיכטיק באַמערקט. מעגלעך, אַז עס שפּילט זיך דאָ עפּעס אָפּ, וואָס האָט אַ שייכות צו זײַן פֿאַרגאַנגנהייט. איר אַליין האָט דאָך, ווי איך האָב געהערט, ערשט נישט לאַנג באַקומען אַ וואָרנונגס־בריוו.

דוימערן איז די באַמערקונג אַרײַן אין קאָפּ. דער דיפּלאָמאַט האָט ווײַטער גערעדט, ווי ער וואָלט זיך געשפּילט מיט די געדאַנקען, אַז באַזונדערן אַקצענט אויף די ווערטער:

— איר דאַרפֿט זיך, פּראָפֿעסאָר, צוגעוווינען צו דעם, אַז אין דעם שפּיל זענען פֿאַרמישט עפּעס געהיימנישפֿולע כּחות, וואָס שרעקן זיך פֿאַר גאָרנישט, כּדי... צו שטערן אײַערע אויספֿאָרשונגען אַרום קאָספּערס פֿאַרגאַנגנהייט. דערווײַל לאָזן זיי זיך באַגנוגענען דערמיט, וואָס זיי ציִען די שנורן אונטער די קוליסן, וועלכע ליגן באַהאַלטן אין דער טונקלקייט.

דוימערן האָט אַרומגענומען אַ שוידער. דער דיפּלאָמאַט האָט גערעדט וואָס אַמאָל מער פֿאַרטרויליכער:

— איך מיין, אַז יענע כּחות זענען נישט צופֿרידן פֿון דער פּלוידערײַ — אַפֿילו פֿון דער שריפֿטלעכער, — וואָס ווערט איצט שטאַרק געפֿירט אין דער ברייטער וועלט אַרום דעם רעטעניש פֿון קאַספּער הויזער. זיי דעמאַסקירן קיינעם נישט, אָדער זיי ווילן אויך נישט דעמאַסקירט ווערן. זיי מיינען, אַז דער פּוליסטער האָט גענוג פֿרײַהייט אין זײַן וואָרן־אָרט, און ער טוט צופֿיל אויפֿהויבן דעם קאָפּ, קוקנדיק אַרויף אין דער הויך.

דוימער האָט געהערט מיט אַ געשפּאַנטער אויפֿמערקזאַמקייט. ער האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ. דער פֿרעמדער האָט גערעדט מיט וואָס־אַמאָל גרעסערער פֿרײַקייט.

— איך וויל, פּראָפֿעסאָר, נישט לייקענען, אַז דאָס יונגל

אינטערעסירט מיך אויך. צי זעגט איר אָבער איבערצײַגט, אַז זײַן צווײַפֿלהאַפֿטער ענין איז ווערט צוצונעמען די צײַט בײַ ערנסטע מענטשן, און זײַן דער געגנשטאַנד פֿון זײַער אומאויפֿהערלעכער אויפֿמערקזאַמקײַט? וואָס וועט געשען מיט ענינים פֿון פֿאָלק, וויסן, קונסט, רעליגיע און מענטשלעכקײַט בכלל, אויב איר, אַ מענטש מיט גרויסע פֿעאיקײַטן, וועט פֿאַרשווענדן אײַערע אײַנגעבוירענע גײַסטיקע קראַפֿט אויף אַזאַ שפּילכל... און אַנדערע וועלן גײן לויט אײַער בײַשפּיל!... איך פֿאַרשטײ... מיטגעפֿיל פֿאַרן אומגליקלעכן... ווײסט איר דען נישט, אַז אויף דער וועלט זענען טויזנטער אומגליקלעכע, נישט ווײניקער באַגאַבט און גײַסטיקע פֿעאיקײַטן, ווי קאַספּער?... און אפֿשר מער, ווי קאַספּער. הײסט דען נישט דאָס רחמנות האָבן אויף יעדן עלנט, צערײַסן דאָס האַרץ אויף טויזנטער שטיקער?

עֶר פֿאַנגט, ווי דער שטן, האָט דוימער געטראַכט. נישט געקוקט אויף דער אַנטיפּאַטיע, וואָס האָט זיך אין אים דערוועקט קעגן דעם רעדנדיקן, האָט ער דאָך דערפֿילט, אַז יענער זוכט זיך אײַן אין זײַן האַרץ מיט די נעגל פֿון צווײַפֿל. אָראָפּבויגנדיק זיך צו דוימערן, און אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט, האָט ער געענדיקט מיט אַן אויסגעווײנטלעכער גיפֿטיק-זיסן טאָן:

— קלערט אײַך גוט איבער, טײַערער פּראָפֿעסאָר! ווען מען זאָל אײַער קאַספּערן אַראָפּנעמען אַ צוועלף יאָר, דאָן וועט קעגן דײַן שאַנד, פֿון דער געהײמנישפֿולער דערשײַנונג בלײַבן עפּעס אַ גאָר-נישטיקע זאַך, אַ שטיק פֿלײש אָן אינטערעס. און איצט, נאָך צוועלף יאָר, האָבן מיר פֿאַר זיך אַ קוריאָז, אַ פֿאַרזעניש פֿון דער נאַטור, אַ טעמע צום שמועס אין די סאַלאָנען. לוינט זיך מיט דעם אַזוי צו פֿאַרנעמען, כּדי צו דערגײן די סבֿות?

— דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ נשמה! — האָט אויסגערופֿן דוימער, און אַ שווײס האָט אים צוגעקלעבט די האָר צום שטערן. די נשמה איז עפּעס אַזוינס, וואָס ווערטער וועלן עס נישט איבערגעבן.

— די נשמה?! — האָט יענער געענטפֿערט מיט חוזק. — עס איז נאָר בלויז אַ וואָרט. עס איז נוגע אַ פֿינגער, וואָס שרײַבט,

אַ האָר, וואָס וואַקסט, אַז אָדער, איז וועלכן עס פֿליסט בלוט, וואָס ביימט אין די קעמערלעך פֿון קערפּער, וועלכע לעבן באַזונדער... און אויב מחוץ דעם אַלעם איז פֿאַראַן אַן אייניקייט, איז עס גאָט, וועלכן איר, הערן דענקער, באַליידיקט מיטן באַשרייבן און צעגלידערן די מינדעסטע קלייניקייט, און וועלכן ער רופֿט; איר לייקנט אָפּ די אייניקייט, ווילנדיק זי דערגיין... אייערע ביכער מאַכן אַ תּל פֿון דער נשמה!

דוימער האָט געקוקט אויף אים איבעראַשט, נישט געפֿינענדיק קיין ענטפֿער. דער אומבאַקאַנטער האָט זיך אויפֿגעשטעלט. ביים געזעגנען זיך האָט ער צוגעגעבן:

— איך ווייס, אַז איר ליבט קאַספּערן ווי אַ ברודער. אָבער זוכנדיק אין אים גאָטס בילד, גלויבט מיר, שטעלט איר איין, אייער אייגענע נשמה זאָל צעטיילט ווערן אויף צוויי... און פֿול ווערן מיט... אַנטוישונג.

דער לערער האָט מיט אַ זוכנדיקן בליק געזוכט קאַספּערן. ער האָט אים דערזען אַן אַרומגערינגלטן מיט דאַמען. ער איז געזעסן אויף אַ בענקעלע נעבן די פֿיס פֿון פֿרוי בעכאָלד. ער האָט געטראָגן אויפֿן פּנים אַ שווערן און פֿאַרכמאַרעטן אויסדרוק. דוימער האָט צו אים גערופֿן:

— געזעגן דיך... מיר גייען!

זייענדיק אויף אַ שטילער גאַס, האָט ער אויפֿן וועג געלייגט די האַנט דעם יונגל אויפֿן אַקסל און טרויעריק אויסגערופֿן:

— אַך, קאַספּער, קאַספּער!

דערויף האָט דאָס יונגל אָנגעקוקט זיין מייסטער מיט אַזאַ טיפֿער בענקשאַפֿט אין די אויגן, מיט אַזאַ קלוגער ליבשאַפֿט, אַז דער גערירטער דוימער האָט אים האַרציק אַרומגענומען, אויסרופֿנדיק צוויי מאָל:

— אַך, מענטש! מענטש!

דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס איז אפֿשר פֿאַר אַ סך אַ פּוסטער קלאַנג, פֿאַר אַנדערע אַ הויפּטגליף אונטער וועלכן מען קען אַרונטערשטעלן יעדע באַדייטונג, האָט פֿאַר קאַספּערס קינדעריש-שיינע נשמה געהאַט אַזוי פֿיל אינהאַלט, אַזוי פֿיל זין, אַז צעמאַכנס

האָט ער אויף דער ערשטער זייט פֿון זיין אַלבום אויפֿגעשריבן די דריי ווערטער:

— אַך, מענטש! מענטש!...

פֿאַר אים האָט אין די דריי ווערטער געשטעקט עפּעס אַ מיסטישע באַדייטונג. און אין דער קינדערישער עקשנות האָט ער זיך געשוואוירן, אַז זיין אַלבום, אָנגעהויבן מיט אַזעלכע ווערטער, וועט ער קיינעם נישט ווייזן, אַ חוץ זיין מוטער!

עס האָט געטראָפֿן, אַז נישט לאַנג דערנאָך האָבן צוויי קור־לענדישע פֿירשטינס, פֿײַערבאַכס פֿריינדינס, באַזוכט דוימערס הויז. מען האָט גערעדט וועגן די צייכנונגען פֿון פּרעזעם.

— ווייז די פֿרײַלײַנס דעם אַלבום — האָט דער לערער זיך געווענדעט צו קאַספּערן. — עס געפֿינט זיך דאָרט אַ העררלעכע צייכנונג פֿון באַראָן פֿײַערבאַך.

— איך וועל קיינעם נישט ווייזן!

דוימער האָט זיך געפֿילט געטראָפֿן פֿון דעם יונגלס אומהעפֿ־לעכער באַציאונג צו די דאַמען. אָבער זיין עקשנות האָט ער נישט געקענט ברעכן. נאָכדעם, ווי די פֿירשטינס זענען אַוועק, האָט ער ווייך געפֿרעגט:

און מיר וועסטו אויך נישט ווייזן דעם אַלבום?... ווען איך זאָל דיך אַפֿילו בעטן?...

— אַ פֿאַרווילטער האָט קאַספּער זיך געאײַלט צו ענטפֿערן:

— אָ, בעט מיך נישט דערוועגן!...

דער געריכטער דוימער איז נישט צוגעשטאַנען, מען זאָל אים דווקא ווייזן.

און לעדך אַ וואָך אַרום איז צו דוימערן געקומען דער בירגערמייסטער. ער האָט געהאַט אַ געהיימנישפֿולע מינע.

— פּראָפֿעסאָר! — האָט ער געזאָגט, — איך האָב אײַך מיטצוטיילן אַ זייער וויכטיקע זאַך, וואָס וועט אײַך פֿאַרשאַפֿן ווייטיק. איך האָב געכאַפּט קאַספּערן זאָגן... ליגנט. צוויי מאָל זאָגן ליגנט.

עס האָט זיך ווירקלעך אַרויסגעוויזן, אַז קאַספּער האָט זיך

ארויסגעגריזט פון שפאציר מיטן גארטנבערגער בירגערמייסטער אום זונטיק, פארזיכערנדיק, אז דוימער האט אים פארבאטן צו פארלאזן דאס הויז. דערנאך איז ער רויט געווארן און זיך מודה געווען, אז ער האט געזאגט ליגנט, ווייל ער דערווארט א געוויסע דאמע מיט א פרעזענט. צעמארגנס האט ער זיך ווידער מודה געווען, אז דאס איז געווען א נייער ליגנט און געטון האט ער עס דערפאר, ווייל ער האט געוואלט זיין אליין אין הויז און שרייבן אין זיין אלבום.

דוימער האט די דאזיקע נייעס זייער גענומען צום הארצן מער, ווי דער בירגערמייסטער האט זיך געקאנט פארשטעלן.

— גיט א טראכט! — האט ער פארבראכן די הענט — נאך מיט א האלבער שעה צוריק וואלט איך אנגערופן שווינדלער יעדן איינציקן, וואס וואלט זיך דערוועגט צו דערציילן, אז קאספער איז פעאיק צו זאגן ליגנט כאטש איינמאל. און ער האט שוין צוויי מאל געזאגט ליגנט!

באראן טוכער האט גענומען טרייסטן דוימערן:

— געדולד!... מאך דערווייל נישט קיין ווערז דערפון. ביי א גינסטיקער געלעגנהייט דארפט איר אים שטרענג באשטראפן. רייסט אויס דעם דאזיקן דארן פון זיין נשמה!

דוימער האט בײנאכט נישט געקאנט איינשלאפן. ער האט זיך געפרעגט:

— איז קאספער שוין געווארן ענלעך צו אלע אנדערע? ווי אויב אזוי, האבן יענע וואונדערלעכע פעאיקייטן פון דער נשמה, א פילנדיקע אויף געהיימנישפולע קולות, געמוזט פארשווינדן.

ער האט באשלאסן דאס נאכצוקוקן.

— איך וועל קאנצענטרירן מיינע געדאנקען און מיטן געדאנק געבן קאספערן אן אויפטראג, אז ער זאל עפעס אויפטון אין א באשטימטער שעה, ווי למשל, ער זאל ברענגען מיטן איינגענעם ווילן דעם אלבום עלף א זייגער מיטיק־צייט. דאס וועט זיין א מין מעטאפיזישער אופן פון פארשטענדיקן זיך. וועט קאספער דעם דאזיקן פרווו אויסהאלטן?

צעמארגנס צען אינדערפרי, ווען אנא איז געגאנגען מיט

דער מוטער אויפֿן מאַרק האָט זי, אַרויסגעוויינדיק, געזאָגט צום ברודער :

— גיב אַכטונג אויף קאַספּערן ! ער איז היינט עפּעס מאָדנע אומרואיק !

דוימער האָט דערפֿילט אַ געהיימען ציטער פֿון פֿרייד :

— אַהאַ, איך פֿיל שוין עפּעס פֿאַר !

ער האָט זיך געזעצט אין שבֿגותדיקן צימער אַ זייגער עלף אויף אַזאַ אופֿן, וואָס זאָל אים מעגלעך מאַכן צו אָבסערווירן אין גרויסן שפּיגל דעם יונגלס באַוועגונגען. זיין נשמה איז פֿריילעך געוואָרן. ער האָט געזען, אַז דאָס יונגל דרייט זיך אַרום אינעם צימער. גייט כסדר צו צו דעם שופֿלאָד, עפֿנט עס אויף און מאַכט עס צו. ער האָט יעדע רגע דערוואַרט דעם עפֿעקט. ווי שטאַרק קאַספּער איז יענעם טאָג נישט געווען אויפֿגערעגט, איז ער דאָך געווען ווייט צו פֿאַרווירקלעכן יענע וואונדער, וואָס זיין מייסטער האָט דערוואַרט פֿון אים. דער טערמין איז אַוועק. דוימער האָט נאָך געוואַרט. דאָס יונגל האָט אָבער אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און אַרויסגעלאָפֿן אין גאָרטן. עס איז אים אפֿילו נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז אין יענער רגע איז זיין גורל געמאָסטן און אַנטפֿיידעט געוואָרן.

לכתחילה האָט דוימער דערפֿילט אַ ווייטיק. ער איז געווען פֿאַרשעמט. מיט איינמאָל איז ער באַהערשט געוואָרן פֿון אַ שטיינערנער גלייכגילטיקייט. און ער האָט פֿעסט באַשלאָסן : ער וועט איבעררייסן די אַרבעט אַרום קאַספּערן, וועלכע פֿאַרנעמט ביי אים אַזוי פֿיל צייט און גייסטיקן כח און ער וועט זיך אָפּגעבן זיין פֿריערדיקער רואיקער באַשעפֿטיקונג. די רעזולטאַטן פֿון אויספֿאָרשן דאָס רעטעניש, וואָס איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער צווישן מענטשן און האָט העכסטנס צוגעזאָגט אַ סענסאַציע פֿאַר דער נייגעריקייט פֿון המון, איז נישט ווערט דעם ריינעם געראַנג פֿון פֿילאָזאָף !

דאָס פֿאַרשלייערטע געשטאַלט דערנענטערט זיך

דערווײַל איז אין גאָרטן געשען אַן אומגעריכטע און שרעקלעכע זאַך. קאַספּער איז געשטאַנען נעבן פּאַרקאַן, אײַנגעהערנדיק זיך אין די קלאַנגען פֿון אַ פֿידל, וואָס איז געקומען פֿון אַ פֿענצטער פֿון דער שכנותדיקער ווילע. עס האָט געשפּילט דער קאַנדידאַט רעגוליִין.

פּלוצלינג האָט זיך דאָס גאָרטן-טירל, וואָס איז געווען פֿאַרמאַכט מיט אַן אײַזערנעם פּרענט, געעפֿנט. פֿאַרן עפֿענען זיך האָט זיך דערהערט אַ טומל. עמיצער האָט מיט כּח אַראָפּגענומען דעם פּרענט. דאָס יונגל, וואָס איז געווען אײַנגעהערט אין דער מוזיק, האָט זיך גאָר נישט געהאַט אָריענטירט, פֿון וואַנען דער טומל קומט, ווי פֿאַר זײַנע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן. דאָס איז געווען עפּעס אַ הויך געשטאַלט, פֿאַרשלייערט. ער האָט אַ באַרוישטער אַראָפּגעלאָזט די אויגן: ער האָט דערזען געלע שיך. דאָס געשטאַלט האָט זיך דערנענטערט.

— דאָס איז ער! — האָט קאַספּער געטראַכט. ער איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אויפֿן אָרט. ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן. ער האָט געזען הענט, וואָס זענען געווען אָנגעטאָן אין געלע הענטשקעס, אויסגעשטרעקט צו אים. עס האָט געגלאַנצט אין זיי עפּעס אַ מעטאַלענע זאַך... פּלוצלינג האָט אַן אומעטיקע, פֿינצטערע שטים זיך דערהערט:

— קאַספּער! דו מוזט שטאַרבן.

די קלאַנגען פֿון דער פֿידל האָבן אויפֿגעהערט. דאָס יונגל האָט דערפֿילט אַ שרעקלעכן קאָפּ-ווייטיק. ער האָט צוגעטון די

הענט צום שטערן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס אַ פּייטשקײט רינט אים פֿון שטערן אויפֿן פּנים... דאָס פֿאַרשלײערטע געשטאַלט האָט זיך צוריקגעצויגן און פֿאַרשווינדן צווישן די צווײַגן. נישט זעענדיק מיט די אויגן, וועלכע זענען געווען איבערצויגן מיט אַ נעפּל, האָט דאָס יונגל יעצט גענומען אַנטלויפֿן. די פֿיס האָבן זיך געוואַקלט אונטער אים, זײַנע הענט האָבן אָנגעכאַפּט אַ מויער. ער איז געקראָכן נעבן איר... ער האָט נישט געקאָנט טרעפֿן צום טויער פֿון הויז. ערגעץ זענען געווען טרעפּן, וואָס האָבן געפֿירט צום קעלער. ער איז אַרויף אויף זיי און פּלוצלינג האָט ער, זיפֿצנדיק, זיך גענומען קײַקלען אויף די טרעפּן. אײַנגעוויקלט אין אַ קנויל, איז ער געבליבן ליגן אין אַ פֿינצטער ווינקל. ער האָט געחלשט.

דוימער, אַ פֿאַרוואונדערטער, וואָס קאַספּער איז נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט נאָך נישט צוריקגעקומען, איז אַוועק אין גאָרטן, כּדי אים צו זוכן. אַנאַ, וואָס איז גראָד צוריקגעקומען פֿון דער שטאָט, האָט אויף אַן אָרט אין גאָרטן באַמערקט אַ ריטשקע בלוט. אויף איר געשריי איז געקומען צו לויפֿן דער קאַנדידאַט רעגוליין. לויט די צייכנס פֿון בלוט אויף דער מויער, זענען זיי אַרײַן אין קעלער און דאָרט געפֿונען קאַספּערן אַ פֿאַרחלשטן.

— דאָ ליגט ער! דאָ! שנעלער!

מען האָט געשיקט נאָכן דאָקטאָר. קאַספּער האָט זיך געוואָרפֿן אויפֿן בעט, פֿיבערנדיק אין היץ. ער האָט עפּעס נישט גלײַך גערעדט וועגן אַ פֿאַרשלײַערטן מאַן אין געלע הענטשקעס מיט אַ שטילעט אין דער האַנט... דוימער, אַ שטומער פֿון ווייטיק, האָט אויסגעהערט דעם קראַנקנס ווערטער. נאָכדעם, ווי מען האָט פֿון שטערן אָפּגעוואַשן דאָס בלוט, האָט זיך דערזען אַ וואונד, צום גליק איז זי נישט געווען קיין געפֿערלעכע.

צווישן המון נײַגעריקע, וועלכער האָט פֿאַרפֿולט די אַרײַנגאַנג-אַליי, האָט זיך מיט שווערקייט אַדורכגעשטופּט אַ וועג דער בירגערמייסטער, וועלכער איז תּיכּף נאָכדעם, ווי מען האָט אים צו-וויסן געטאָן וועגן דעם געשעעניש, אַוועק צו דוימערן מיטן אויספֿאָרשונגס-ריכטער און פּאָליציי-שעף. מען האָט געלאָזט אין

באוועגונג אלע מוטלען, כדי צו כאפן דעם געהיימנישפולן פאר־ברעכער. אומזיסט! — יעדע שפור איז פארשווונדן...

דער פארפאל איז געשען מאנטיק. מען האט וועגן אים טעלעגראפירט דעם פרעזעס פייערבאך. צוליב דעם, וואס פייער־באך איז געווען פארנומען מיט זייער וויכטיקע אמטלעכע ענינים, האט ער באוויזן צו קומען ערשט אין דריט טאג ארום. קאספערן איז בעסער געווען. ער איז אבער געווען שטארק פארענדערט. ער האט אויסגעזען צו זיין אפאטיש, פארלאשן און גלייכגילטיק. די אינפארמאציעס, וואס ער האט געקאנט געבן, זענען געווען צו קארגע.

באראן פייערבאך האט איבערגעקוקט די אויספארשונגס־אקטן, געשוימט פון כעס און געשאלטן אויף וואס די וועלט שטייט. אלע באאמטע, נישט אויסשליסנדיק דעם בירגער־מייסטער, האבן געציטערט פאר אים. ער איז געווען שטארק נישט צופרידן פון דער שלימזלדיקער ארבעט פון דער אויס־פארשונגס־מאכט.

— איר זענט בעגאנגען הונדערט נארישקייטן! — האט ער געשריגן. — וואס האט איר געטון? איך האט ארעסטירט א באבע, וואס פארקויפט פרוכטן, ווייל עמיצער האט עפעס געפלוי־דערט וועגן איר! איר האט איינגעזעצט א שוסטער, ווייל ער האט זיך געוואשן די הענט נעבן ברונעם, פונקט ווי דער פארברעכער האט געדארפט זיין אזוי אומפארזיכטיק? איר זוכט דעם אויס־פירער פון אזא מין פארברעכן צווישן פראסטן פאלק?! שלימזלים! איר האט אומזיסט געפטרט די וויכטיקסטע צייט, געבנדיק דעם פארברעכער די מעגלעכקייט צו מאכן פליטה!

— די חשדים האבן געוויזן אין אלע ריכטונגען! — האט דער פאליצייַ־שעף ארויסגעפלאצט.

— די אומפעאיקייט פון מענטשן פארמערט די אומגויטיקע ריכטונגען און פארשטעלט איין וועג: דעם אמתן.

דוימער האט דערציילט פייערבאכן וועגן דעם סודותדיקן מענטש, וואס האט שוין פריער צוגעצויגן צו זיך קאספערן.

— אך יעצט רעדט איר ערשט דערפון! איז נישט שפעי־

מער געשען עפּעס פאַרדעכטיקעס ?

— איך האָב געהערט וועגן דעם ערשטן פאָרפאַל מיט עפּעס אַ דיפּלאָמאַט אויף אַן אָוונט ביי פּרוי בעכאָלד. דער דאָזיקער מענטש האָט עפּעס דערמאָנט... ווי ער וואָלט עפּעס געוואָרנט... אָבער ער איז שוין אַוועקגעפאָרן.

— ווי אַזוי הייסט ער ? ווי אַזוי זעט ער אויס ?

— באַלד... איך וועל זיך דערמאָנען... אַ ! ער הייסט שלאָטהיים־לעוואַנקור... אַ הויכער, אַ דיקער, זיין פּנים טראָגט צייכנס פון זאָרג... ער וועט אַלט זיין אַ יאָר 50.

— איך האָף, אַז פון איצט אָן וועלן אייך אייער הויז אויפהערן צו קומען אַזוי פיל מענטשן, כדי אָנצוקוקן קאַספּערן !

— נאַטירלעך ! נעכטן האָט אַ געוויסער ענגלענדער געשיקט זיין לאָקײַ פון האָטל „אונטערן אָדלער“, בעטנדיק אַ דערלויבניש צו באַזוכן דעם קראַנקן. איך האָב אָפּגעזאָגט.

ביי די דאָזיקע ווערטער איז אַריינגעקומען באַראָן טוכער. ער האָט געבראַנגט אַ ידיעה, וואָס האָט אַלעמען דערשטוינט : דער זעלבער ענגלענדער האָט איבערגעגעבן דעם בירגערמייסטער הונדערט דוקאַטן פאַר דעם מענטש, וואָס וועט העלפן אַנטדעקן דעם שולדיקן אין פאַרברעכן, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אויף קאַספּערן.

פּלוצלינג האָט זיך פאַרבאַר אַ רים געטון פון אָ ~. מיט צאָרן האָט ער דערמאָנט, אַז מען איז גישט באַגאַנגען אַזאַ עלעמענטאַרן שרים, ווי עס איז דאָס צוזאַמענשטעלן תּיכּף נאָכן פאָרפאַל אַ רשימה פון די אויסלענדער, וועלכע וואוינען אין די האָטעלן, און מען האָט זיי נישט נאָכגעפאָרשט נאָכן אַרויספאָר.

דער בירגערמייסטער האָט שוין נישט געדענקט דעם נאָמען פון ענגלענדער, וואָס האָט געשענקט די הונדערט דוקאַטן. אויף פּיערבאַכס פאַרלאַנג האָט מען געשיקט אין האָטעל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דזשענטעלמען, וואָס אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק מיט קאַספּערס ענין, הייסט לאָרד סטאַנהאָפּ. אָבער ער איז שוין געוועזן אַוועקגעפאָרן. מען האָט געוואוסט, אַז ער איז געפאָרן אין צפון־זייט. ווייטער האָט מען גאָרנישט גע־

וואוסט.

דער פּרעזעס האָט פֿאַרביסן די ליפּן און געברומט:

— אומעטום צו שפּעט!

ער האָט געהאַט אויפֿן פּנים אַן אויסדרוק פֿון אַ יעגער, וואָס האָט פֿאַרלוירן דעם שפּור פֿון דער חיה.

אַנאַ דוימער, ענטפֿערנדיק דעם באַראָן טובער, וועלכער האָט געגלויבט די „הומאַניטעט“ פֿון ענגלענדער, וואָס האָט אַלס באַווײַז פֿון מיטגעפֿיל צו קאַספּערן געשאָנקן הונדערט דוקאַטן — האָט באַמערקט אויף איר געוויינטלעכן לײַכזיניקן אַרט רעדן:

— די גרויסע הערן האַלט מען פֿאַר הומאַניטאַרע, ווען זיי אַנטשולדיקן זיך פֿאַר דעם, וועלכן זיי האָבן אָפּגעטרעטן אויפֿן פֿוס.

קאַספּער, הערנדיק וועגן דער באַלוינונג, וואָס אַן אומבאַקאַנטער האָט באַשטימט צו כאַפּן דעם אָנפֿאַלער, האָט אים אויסגעמאָלט פֿאַר אַ מלאך פֿון הימל, וועלכער איז געקומען אים צו ראַטעווען פֿון ווײַטע לענדער אויף אַ זילבערנעם וואָגן, אײַנגעשפּאַנט אין שוואַרצע פֿערד. דאָס דאָזיקע חלומען האָט דאָס יונגל באַהאַלטן, מורא האָבנדיק, אַז מען וועט אים אויסלאַכן.

די, וועלכע עס האָט געטראָפֿן פּרעזעס פֿײַערבאַכס צאָרן, וואָלטן ניט גענומען פֿאַר אומגוט זײַן צערײַצטקייט, ווען זיי וואָלטן געוואוסט, וויפֿיל חדשים ער מאַטערט זיך שוין אויפֿצוקנוילן דאָס רעטעניש וועגן קאַספּער הויזערס אָפּשטאַמונג און וועגן ערשטן געהיימנישפֿולן פֿאַרברעך, שפּינענדיג אַ ריזיק געוועב פֿון לאָגישע השערות. ער אַליין איז געשטאַנען נעבן דעם רעטעניש אַן איבערראַשטער. די אַנטפּלעקונג פֿון אמת, וואָס איר פֿאַדעם האָט ער שוין געהאַט אָנגעכאַפּט, האָט געקאָנט אויפֿטרײסלען זײַן גאַנצע עקזיסטענץ. וועגן זיך האָט ער, איבעריקנס, ווײַניק געזאָרגט. אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז עפֿנטלעך רעדן וועגן קאַספּערס ענין קאָן הײַסן פֿאַרראַט פֿון די פֿליכטן און פֿאַרטרויען פֿון זײַן אַמט, וועלכן עס האָט אים איבערגעגעבן דער קעניג, וואָרנענדיק אים צו מאַכן אַ פֿאַלשן שריט אין אַזאַ ווײַכטיקן ענין. אַ חוץ דעם האָט די זאַך אַליין פֿאַרלאַנגט פֿאַרזיכ-

מיקייט, כדי זי צו דערפֿירן צו אַ גינסטיקן רעזולטאַט. פֿייערבאַך האָט זיך אַליין געפֿרעגט, צי עס איז ניט בעסער ווייטער בימרע און געהיים צו פֿאָרשן און ערשט אין דער לעצטער, ענדגילטיקער רגע אָנצוכאַפּן פֿאַר די קאַרקן די, וועלכע ער איז חושד. ווען ער וועט די גאַנצקייט פֿון אויפֿגעלעזענעם רעטעניש האַלטן אין דער האַנט!

אין די שלאָפֿלאָזע נעכט האָט פֿייערבאַך געאַרבעט ביי אַ רעפֿעראַט, וועלכן ער האָט שוין פֿון לאַנג אָנגעהויבן, און אין וועלכן ער האָט איבערגעגעבן זיינע מיינונגען וועגן קאַספּער הויזערס פֿאַרוויקלטן ענין. דאָס זענען געווען פֿלאַמענדיקע אותיות, געוואָרפֿן אויפֿן פּאַפּיר מיט גרוים צער; דאָס זענען געווען קלעפּ פֿון אַ האַמער, געווענדט אין האַרטן געוויסן. ער האָט אויך אין נאָרימבערג צונויפֿגעשטעלט אַן אינהאַלטסרייכן מעמאָריאַל, און אים געשיקט דעם קעניג און געבעטן זיין מיינונג.

אָט איז בקיצור די קייט פֿון די דורכדרינגלעכע אויספֿירונגען פֿון פּרעזעס פֿייערבאַך:

„קאַספּער הויזער איז ניט און קאָן ניט זיין קיין אומלעגאַל קינד. ער מוז זיין אַ געזעצלעך קינד. ווען ער וואָלט געווען די פֿרוכט פֿון אַן אומלעגאַלער הייראַט, וואָלט מען ניט אַנגעווענדעט אַזעלכע גרויזאַמע מיטלען, כדי פּטור צו ווערן פֿון אים. דאָס וואָלט זיך לייכטער געלאָזט מאַכן, הויפּטזעכלעך אַ דאַנק דעם פֿאַרמעגן און הויכער אָפּשטאַמונג פֿון איינעם פֿון די צוויי צדדים: פֿון דעם פֿאָטער, אָדער פֿון דער מוטער. אַן אומגעזעצלעכער קינד פֿון אָרעמע עלטערן וואָלט געהאַלטן געוואָרן אין דער היים אָן שאַנד פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

אַלץ באַווייזט — האָט געקלונגען אומדערבאַרעמדיק די באַשולדיקונג, — אַז אין פֿאַרברעך האָבן אָנטיילגענומען באַרימטע און פֿאַרמעגלעכע פּערזאָנען, וואָס האָבן געקענט מיט גאָלד שווייגנדיק מאַכן אויפֿן גאַנצן לעבן די מיילער פֿון די דירעקטע אויספֿירער פֿון פֿאַרברעך. בלויז דער מאַן, וואָס האָט קאַספּערן איבערגעלאָזט אין אַזאַ אָרט, ווי נאָרימבערג, האָט

געקאנט אזוי לייכט צערייסן דעם פאדעם פון חשד.

„קאספער מוז זיין א פערזאן, וואס זיין טויט אדער לעבן וואלטן געענדערט אן אינטערעסן־באשטאנד פון ערשטקלאסיקער וויכטיקייט. ניט נקמה, נישט קיין האס האבן געברענגט דערצו, אז דאס קינד זאל ווערן געהאלטן געפאנגען. מען האט עס באזייטיקט, כדי זיינע זכיות איבערצוגעבן אן אנדער קינד, וואס האט אזוי־נאך געירשנט זיינע רעכט, פריווילעגיעס און רייכטום."

„יענער, וואס האט קאספערן גענערט אין זיין געפאנגענשאפט — זיי: טרויעריק ער זאל אים נישט האבן גענערט — איז טייל־ווייז געווען זיין וואוילטוער. ער האט נישט געוואלט, נישט גע־קוקט אויפן בפירוש ווילן פון די איניציאטארן פון פארברעך, אים דערהרגענען. עס איז אויך מעגלעך, אז האלטנדיק דאס קינד אין א פינצטערער צעלע, האט מען געצויגן נוצן פון שאנטאזש בלויז פון באטאגנען די ווערטער: „דאס קינד לעבט נאך, עס קאן זיך ווייזן יעדע רגע". אט דערפאר האט מען אין דעם ארעמען קינדס עסן נישט אריינגעמישט קיין סם, וואס וואלט א סוף געמאכט צום שוואך־גליענדיקן לעבן."

„יעדער מין פארשווינדן פון א קינד פון הויכן געבורט האט נישט געקאנט בלייבן אומבאמערקט. אויב זייט לאנגע יארן האט מען נישט געמעלדעט וועגן אזא ענלעכן פאל, דארפט מען קאספערן זוכן אין די רשימות פון די געשטארבענע, דאס הייסט, אז אויף זיין ארט האט מען אוועקגעשטעלט אן אנדער קינד — א מת! דער בלומרשטער „קאספער" מיטן אמתן נאמען און ביינאמען, דער אייגנטלעכער יורש, מיט וועלכן דער גאנצער מענלעכער מין פון זיין משפחה ענדיקט זיך, האט אונטער דער מאסקע פון א געשטארבענעם אפגעטרעטן זיינע רעכט אן אנדער פערזאן. אויב דאס פריווילעגירטע קינד איז געווען קראנק, האט זיך דער שווינדל בעסער איינגעגעבן. דערביי האט צוגעהאלפן א דאקטאר. אבער ווער האט באפוילן אזוי צו טון? !"

האט מען דא גדארפט אויפשרייבן דעם נאמען פון הויז, וואו די געשיכטע איז פארגעקומען? דא האט זיך בארא'ן פייער־

באַך אָפּגעשטעלט און ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּיינ:גען דיקע ספקות דורך אַ סך טעג און נעכט. אַגוויין דעם פּלעק פון גרויזאַמען פאַרברעך אויף וועלכע עס איז קרוין — קען מען עס נישט אָנרופן מאַיעסטעט־באַליידיקונג? ווענדן די שנאה פון פאַרביטערטע פעלקער קעגן זייער הערשער, קעגן זייער קעניג — איז עס דערלאָזבאַר?

נאָך לאַנגע ספקות האָט ער זיך ענדלעך אַנטשלאָסן דייטלעך אָנצורופן דאָס הויז, און וועלכן עס איז דערלויבט געווען צו באַנוצן זיך מיט אַ פאַרברעך. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פאַ מיליע, נישט קיין קינדערלאָזע, נאָר אַ באַשאָנקענע דורכן הימל מיט פיר קינדער, אַ פאַמיליע, און וועלכער דער מלאך המות האָט געשוינט אַלע טעכטער, צונעמענדיק בלויז די זין, אַ חוץ איין יונגל, וואָס איז געקומען פון אַ מאָרגאַנאַטישער חתונה ביים באַ זייטיקן אַלע לעגאַלע צערעמאָניעס פון אַן אַלטן קעניגלעכן שטאַם.

— איז עס נישט מאָדנע, — האָט פייערבאַך אומברחמנות דיק געפרעגט — וואָס די מוטער, וועלכע האָט געבוירן דעם מאַ דריי בליענדיקע טעכטער, האָט געבראַכט אויף דער וועלט זכרים, וועלכע זענען שוין אין איר שוים פאַראורטיילט געווען אויף אַ פריצייטיקן טויט?

דאָס איז געווען אַ סיסטעם, וואָס האָט נישט אויסגעוויזן צו שטאַמען פון רבונו של עולם. מען האָט געקענט אָננעמען, אַז די השגחה העליונה האָט אין דער פּאָליטיק פון איינעם אַ הערשנדיקן הויז אָפּגעטון אַן אומזיניק שפּיצל. אַזוי האָט פייערבאַך פעסטגעשטעלט. ער האָט טרעפלעך צוגעגעבן: מיט דער ווערסיע וועגן קאַספּער הויזערס הויכער אָפּשטאַמונג זענען אין הסכם נישט בלויז זיינע חלומות, וואָס האָבן נישט אין זיין איצטיקערווירקלעכקייט קיין רעאַלע אָנרעגונגס־קראַפט, נאָר אויך די ענלעכע קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך מיט אַ צייט צוריק פאַרשפּרייט. זיי קענען אויך זיין פליאַטקעס. אָבער דאָס נישט קענען זאָגן, פון וואַנען די פליאַטקעס שטאַמען, און דאָס כסדר דיקע איבערחזר'ן זיי, ווייזט, אַז דאָס איז נישט קיין רויב אַן

פייער. עמיצענס שלעכט געוויסן, אדער נקמה פון א שותף, אדער א פאראינטערעסירטע דראָאונג, פאראַטן א שטיקל אימה.

דער דורכדרינגלעכער דיכטער האט ניט בלויז אנגערופן די דינאַסטיע און דאס לאַנד, — ער האט אויך אנגערופן דעם פירשט, וואס איז געשטאָרבן מיט א צענדליק יאר צוריק און די פירשטין, וואס האט זיך אוועקגערוקט אין א זייט פון דער וועלט, טרויערנדיק אויפן פירשט; ביידע האט ער געהאַלטן פאר אַזעלכע, וואס האבן א שייכות צום ענין. ער האט אנגערופן די, וואס זענען איבער דעם מת געקומען צו דער מאַכט. נעבן דעם בילד פון א שוואַכן, אבער זייער אמביציעזן מאַן האט ער אוועקגעשטעלט א דעמאָנישע פרוי, וואס האט אנגעפירט מיט דער שפרינג-פעדער פון אלע פינצטערע און טרויעריקע געשעענישן.

דער רעפעראַט מיט דעם אויבנדערמאָנטן אינהאַלט האט אַנטהאַלטן די ביטערקייט פון דעם אויטאָרס פערזענלעכע דערפאַרונגען. ער האט גוט געקענט דאס הויף-לעבן: זיין ביטערע קייט, איינגעהילט אין א ווייַרויך-אַראָמאַט, האט אָן רחמנות צעטרעטן זיינע קרבנות. ער האט דאָרט געאָטעמט פאַרסמטע לופט, האט געגעסן פון יענעם טיש, וואו עס האבן זיך געפינען לעקעכלעך געמישט מיט סם. די בעסטע לעבנס-כחות האט ער אמאָל געשאָנקען יענעם הויף און אלס דאַנק האט ער באַקומען פאַראַכטונג און רדיפות. ער האט געקענט זיינע פאַרשוינען, ער האט געוואוסט, אז אין אזא אַטמאָספערע איז געשאַפן געוואָרן די געשיכטע פון דער הערשנדיקער דינאַסטיע, די רעליגיע איז געווען א געבעט פון שווינדלער, די פּאָליטיק — א רעדל, אין וועלכן בלינדע האבן זיך געדרייט, די עקאָנאָמיק — פאַרשווענדונג און רעכענונג אין קאַפּיטאַלן, וואס זענען אויסגעזויגן געוואָרן מיטן שווייס פון פאָלק, דער מאָנאַרך — א סימבאָל פון פוסטקייט, דאָס פאָטערלאַנד — געשעפט אויף פאַכט, די מענטשלעכע רעכט — א שפּיל פון דעספּאָטיזם, די פרייהייט — א פּאַר באַטענע פרוכט.

אין מעמאָריאַל איז די ביטערקייט פון די פּערזענלעכע ליידן געווען באַזייטיקט, די אויסדרוקן — געקליבענע, איידעלע;

דער מעמאָריאַל איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון נאָרימבערג צום קעניג דורך אַ פאַרטרויאונגס־מאַן. ער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם רעגענט אין אַ פאַרזיגלטן קאָנווערט. דער רעגענט האָט אים געדאַרפט אָפּגעבן אין די הענט פון קעניג. דער איידעלער פײַערבאַך האָט נישט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל עפּעס וויסן פון זײַן תוכן, איידער דער קעניג וועט אַרויסזאָגן זײַן מיינונג.

דעם באַשלוס אַרויסצושיקן דעם מעמאָריאַל דעם קעניג, האָט פײַערבאַך אָנגענומען ערשט נאָכן פאַרברעכערישן אָנפאַל אויף קאַספּערס לעבן. שוין צען טאָג געפינט זיך פײַערבאַך אויפן אָרט פון פאַרברעך, אָבער אָן רעזולטאַט; די אויספאָרשונגס־פּאָליציי איז לחלוטין גאָרנישט דערגאַנגען.

עס איז ענדלעך אָנגעקומען דעם קעניגס דערוואַרטענדיקע תשובה אויפן מעמאָריאַל. עס האָבן זיך אין איר געפונען אַ סך קאָמפּלימענטן פאַר פײַערבאַכס דורכדרינגלעכקייט; גלײַכצײַטיק איז אָבער אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער געפערלעכקייט פון וועג, אויף וועלכן ער גייט אין אַ נאָך גאָר פינצטערן ענין; עס איז אויסגעדריקט געוואָרן דער וואונטש צו זײַן אויסערגעוויינטלעך פאַרזיכטיק אין דער אויספאָרשונג און עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער וויכטיקייט, אַז די זאַך זאָל נישט באַקאַנט ווערן צווישן עולם. צום סוף איז געעצהט געוואָרן צו וואַרטן ביז „אַ פאַרשטענדיקונג אין דער צוקונפט“.

אין צאָרן האָט פײַערבאַך צעריסן דאָס קעניגלעכע פּאַפּיר, צוגעטרעטן מיט די פיס די צעריסענע שטיקלעך, זיך געשלאָגן אין דער ברוסט מיט פאַרצווייפלונג און צום סוף האָט ער זיך צעלאַכט מיט חוזק איבערחזרנדיק אין דער איינזאַמקייט פון זײַן האָטעל־צימער:

— שווײַגן! אייביק ווײַזן!

אין אָוונט איז צו אים געקומען דער בירגערמייסטער. ער האָט זיך באַקלאָגט, וואָס דער דינער האָט אים נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן, כאָטש ער האָט זיך עטלעכע מאָל אין טאָג געמעלדעט און זיך געפרעגט, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרדינט אַזאַ באַהאַנד־

לונג. פײַערבאַך האָט געענטפֿערט:

— באַקלאָגט איַך, ניִשט, מענטש! פֿאַרשטייט, אַז ווער עס ווערט פֿאַרבערענט פֿון דאגות, האָט ניִשט קײַן צײַט אויף העפֿלעכקײַט.

באַראָן בינדער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט דערקלערט, אַז ער קומט מיט אַ וויכטיקער נײַעס. דוימער, וועלכער האָט תיכּף נאָכן אָנפֿאַל מיט פּחד זיך אויסגעדריקט: און אַזאַ אומגליק האָט זיך פּונקט אין מײַן הויז געמוזט טרעפֿן! — וואָלט איצט צופֿרידן געווען, ווען אַן אַנדערער וואָלט גענומען צו זיך קאַספּערן.

— איך פֿאַרשטיי!... עס איז אים ניִשט אָנגענעם, וואָס זײַן הויז געפֿינט זיך אונטער דער כּסדרדיקער השגחה פֿון דער פּאָליציי. און דאָס מוז דאָך זײַן. איך וואונדער מיך בלויז, וואָס ער איילט זיך אַזוי באַפֿרײַט צו ווערן פֿון קאַספּערן.

— די בעלבאָלדם האָט געזאָגט, אַז זיי ווילן אים נעמען צו זיך.

— איך וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל וואוינען בײַ איַך, אָדער בײַ טוכערן.

— המם... באַראָן טוכער איז אַוועקגעפֿאָרן... און איך האָב ליב רו. איבריקנס, די בעלבאָלדם זענען זייער אָרנטלעכע מענטשן. בפֿרט ער — אַ זייער אָנשטענדיקער סוחר. זי האָט אַבּיסל ליב זיך צו ציִרן... אָבער דאָס איז חוזק. קאַספּער וועט בײַ זיי האָבן נענטער צו דער שול, וואָס ער האָט שוין אָנגעהויבן צו באַזוכן.

— האָבן זיי קינדער?

— איין קינד — אַ דרײַצניעריק מיידעלע.

ער האָט ניִשט באַוויזן, קעגן זײַן געוויסן, צוצוגעבן, אַז פֿרוי בעלבאָלד באַגייט זיך שלעכט מיט דער אייגענער טאָכטער, ווײַל אין דער זעלבער סעקונדע איז מיט אַ נידריקן גרוס אַרײַנגעקומען דער גרויער מאַגיסטראַט־ראַט, העד בעלבאָלד, ספּעציעל פֿאָמאַ דיזירט לכּבוד דעם פּרעזעס. ער האָט פֿאַרזיכערט פֿײַערבאַכן, אַז ער וועט באַהאַנדלען קאַספּערן, ווי אַ מוטער אַן אייגן קינד

דעם בירגערמײַסטער האָט דאָ שױער נישט געװאָלט זאָגן אױפֿן אַדרעס פֿון פֿרױ בעלאַלד, װאָס איז נישט באַקאַנט געװען מיט אירע מוטערלעכע מעלות:

אױ, דאָס איז שלעכט!

עס איז אָבער נישט געװען קײן צײַט צו מאַכן די באַמערקונג. פֿײַערבאַך האָט אַפֿילו נישט געשאָנקן בעלאַלדן קײן בליק. ער האָט זיך באַלד געװענדעט צו דוימערן, װעלכער איז געשטאַנען אונטער בעלאַלדס קאָמישער פֿיגור.

— מוזט איר דאָס יונגל אָװעקגעבן?

— עקסעלענץ! בלױז אײַן גאָט װײס, װי שװער דער דאָזיקער באַשלוס איז מיר אָנגעקומען.

— גאָט װײס. צי רימט ער אָבער אײַער שריט. — האָט דער פּרעזעס געזאָגט, איבערלײַבנדיק זיך.

— איך פֿאַרמאַג נישט מײַן טיר פֿאַר קאָספּערן. ער קען בײַ מיר בלײַבן. אָבער איך קען זיך שױן נישט מיט אים פֿאַרנעמען, װי פֿריער. קען דער ערד־אַרבעטער צונױפֿקלײַבן דעם שניט, װען אַן אונטערערדיש פֿײַער מאַכט אַ תּל און פֿאַרברענט יעדעס קערנדל? איך װעל קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן, װאָס קאָספּער איז געװען פֿאַר מיר. איך קען אָבער נישט באַהאַלטן אײן זאַך: דער נס איז אַװעק — די צײַט האָט אים אױפֿגעגעסן!

— גוט! גוט! האָט פֿײַערבאַך געברומט אַ פֿאַרװאָלקנטער,

— גוט, מײַנע הערן, װאָס איר װילט. זײַט אָבער װיסן, אַז איך מאַך אײַך פֿאַראַנטװאָרטלעך פֿאַר קאָספּערס װײַטערדיקן גורל!

דוימער איז אַרױס אַן אומעטיקער. ער האָט געטראַכט:

— װאָס פֿאַר אַ מאַניערן האָבן די הערן, װעלכע זענען בלױז מײַסטער פֿון אײן קונסט: מאַכן פֿאָרװאורפֿן!

נישט װײַט פֿון די קאַזאַרמעס האָט ער אָנגעטראָפֿן דעם ראָטמײַסטער װעסעניק, װעלכער האָט אים באַגריסט מיט אַ הילכיק געלעכטער:

— פּראָפֿעסאָר! זענען טאַקע דאָ מענטשן, װאָס נעמען פֿרנסה די גאַנצע אַװאַנטורע פֿון טױזנט און אײן נאַכט? אין העלן טאָג אַ פֿאַרשלײַערטער מאַן איז געלע הענטשקעס, מיט

אַ האַק אין דער קעשענע... כאַ-כאַ!

דומער איז בייז געוואָרן. דער ראַטמײַסטער האָט ווײַטער פֿריילעך געפּלוידערט:

— וואָס פֿאַר אַן אידיאָטיזמען! ווען יענער וואָלט באמת געוואָלט דערהרגענען, וואָלט ער דאָך ניט צעדראַפּעט הויזערן דעם שטערן, נאָר ער וואָלט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ אַ ביסל טיפֿער!...

דער לערער האָט געשוויגן. געבן אַן ענטפֿער וואָלט געהייסן דערנידעריקן זײַן כּבֿוד. דער חוצפּהדיקער ראָטמײַסטער האָט, ניט אָנטרעפֿנדיק אויף קיין ווידערשטאַנד, ווײַטער געפּלאַפּלט:

— דער ערלעכער קאַספּערל האָט צעבלאָזן זײַנע אַלע קלײנינקייטן, כּדי אויסצוזען אינטערעסאַנט. עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האַלטן אים פֿאַר אַ „פֿויגעלע“, וואָס פֿירט פֿאַר דער נאָז זײַנע וואויל-טוער!

— אָט איז די וועלט! — האָט ער געקלערט. אָט איז איר מיינונג. דער דאָזיקער תּהום פֿון נאַרישקייט און ביזוויליקייט וועט דיך אײַנשלינגען און אַראָפּנעמען די פֿליגל, קאַספּער! בחינם וועלן דײַנע אויגן לײַכטן מיט אומשולד — זיי וועלן דאָס ניט פֿאַרשטיין. בחינם וועסטו לאַכן און וויינען. זיי וועלן דיך באַגעגענען קאַלטע, שטומע, פֿאַרעטערישע... מען וועט דיך אַראָפּשטופּן פֿון גלײַכן וועג אויף אַ מינע...

די ביזט געווען אַ נביא, לײַטזעליקער דומער! אָבער דאַרף מען, ווײַל דער פֿײַנט הויבט אויף די שווערד, פֿאַלן אין זײַנע אָרעמס? דאַרף מען אָפּטרעטן פֿון קאַמפּס-פֿעלד?... אַך, אידעאַליסטן און נשמה-פֿאָרשער האָבן ניט די איבערהאַנט איבער גנבים און פּראָצענטניקעס! זיי גייען זיך רואיק אַהיים, פֿילזאָפֿירנדיק אין דער מחשבה וועגן דער געמײַנקייט פֿון דער וועלט, כּדי אינדערפֿרי אויפֿצושטיין און מודה צו זײַן, אַז די וועלט איז בעסער, ווי זי האָט זיך זיי נעכטן אויסגעוויזן, נעכטן, אין אַ מינוט פֿון שלעכטע שטימונגען

דאָס האַרץ פֿון אַ זינג־פֿויגל

פֿרוי דוימער און אַנאַ האָבן זיך צעוויינט, ווען צעמאָרגנס איז די בעלעגאָלעס קאַרעטע געקומען אויפֿנעמען קאַספּערן. זיי זענען אַרוים פֿון דער וואוינונג. די פֿרוי ראָט ב. האָט געהייסן פֿלינקער אָנטרייבן די פֿערד, כּדי צו פֿאַרקירצן די שיידונגס־מאָמענטן.

— הייסט דאָס געזעגענען זיך? — האָט קאַספּער געפֿרעגט, באַרוישט צוליב דער פּלוצלונגער ענדערונג פֿון זיין גורל.

ער האָט יעצט געוואוינט אין אַן אַלט הויז מיט פֿיל צימער מיט קרומע ווענט און אַ סך געדרייטע טרעפּן. די גרינע שויבן פֿון די פֿענצטער פֿון זיין צימער האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ גרויסן האַנדלס־מאַרק, אויף וועלכן אין דערמיט איז געשטאַנען אַן אַלטער, אייזערנער ברונעם, וואָס האָט זייט אַ צייט, וועלכע מען געדענקט קוים, נישט געגעבן קיין וואַסער. קאַספּערן האָט לכתּחילה געווייִלט דער מאַרק־געטומל, דאָס רופֿן פֿון די סוחרים, די געקריגערײַ, דאָס געשרײַ פֿון חזרים, דאָס הירזשען פֿון פֿערד, דאָס טשווירקן פֿון די פֿויגל. איין „וואונדער" האָט אים אַם־מערסטן פֿאַרנומען: מען האָט פֿאַרמאַכט דאָס פֿענצטער און דער טומל האָט זיך איינגעשטילט. ער האָט געטראַכט:

— אַזאַ דינע שויב מאַכט דעם מענטש איינזאַם!

ער האָט יעצט געוואוינט אין אַן אַלט הויז מיט פֿיל צימערן גונגען. אָן דערלויבעניש האָט ער נישט געקאָנט פֿאַרלאָזן דאָס הויז. מען האָט אים געזאָגט:

— דעם פֿאַרבאָט האָט אַרויסגעגעבן פֿרוי בעכאָלד.

פֿרוי בעכאָלד האָט עס אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן בירגערמײַסטער. דער לעצטער האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַ פֿאַראָרדנונג פֿון פּרעזעס, וואָס האָט דעם ציל צו פֿאַרזיכערן זײַן לעבן. ער איז געווען געהאָרכזאַם. דאָס האָט אָבער דערוועקט אין אים שרעק. ער האָט גענומען פֿאַרשליסן זיך אין צימער. ביז די ראַט־פֿרוי האָט אים גענומען מוסרן:

— וואָס באַדײַט עס? בײַ מיר האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן פֿאַר פֿאַרשלײַערטע שווינדלער!

אָבער דערפֿון האָט זי גענומען דעם חשק צו שפּילן די ראָל פֿון זײַן אַפּוטראָפּוסטע.

זי האָט אַרײַנגעשטעקט די נאָז אין זײַנע ביכער. יעדן טאָג נאָכמיטיק, בעת ער איז צוריקגעקומען פֿון גימנאַזיום (ער איז גלײַך אַרײַנגעטרעטן אין דריטן קלאַס) האָט זי ווי שטענדיק געפֿרעגט:

— ווי איז עס דאָרט הײַנט געגאַנגען?

ער האָט געענטפֿערט ווײַנענדיק:

— שלעכט.

דער גימנאַזיע־דירעקטאָר האָט זיך טאַקע באַקלאָגט, אַז דער שילער, וואָס גייט שטענדיק אונטער דער שוץ פֿון אַ פּאָליציאַנט, ציט אָפּ די קינדער פֿון לערנען זיך. די שול־חברים האָבן אים פֿאַרשיט מיט נישט־קלוגע פֿראַגן. זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר שלעכט דאָס, וואָס ער האָט זיך שווײַגנדיק פֿאַרשלאָסן אין זיך. זיי האָבן געלאַכט פֿון דעם יונגל, וועלכער איז צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זיי און שטעלט אָפּ דעם לערער אַזעלכע קינדערישע פֿראַגן. זיי האָבן אײַנשטימיק אַרויסגעגעבן וועגן אים אַ מײנונג, אַז ער איז שרעקלעך „גאַריש“. אײַנמאָל, בעת אַ שטורעם, איז ער אַנטלאָפֿן אין אַ ווינקל צום אויוון; זיי האָבן אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער און אים געמאַכט אַ קאַצנמוזיק.

עס איז באמת געווען אַ זעלטענע סצענע, ווען דער דאָזיקער אין זיך פֿאַרשלאָסענער יונגל איז אַרוים פֿון שול מיט טומלענדיקע ווײַסע חברה־לײַט און אונטער אים איז געגאַנגען

אַ הִיטעֶר פוּן געֶזעֶץ.
דוּימעֶר האָט געֶפרעגט וועֶגן קאַספּעֶרן די שִילעֶר. זיי האָבן געֶענטפעֶרט:
— עֶר קריכט פוּן דעֶר הוִיט, אָבעֶר עֶר איז אַ טעֶמפּעֶר קאָפּ. מיר פאַרפאָלגן אים נישט אָבעֶר לוִיבן איז נישטאָ פאַרוואָס.
עֶר האָט אַ ביטעֶרן שמייכל געֶטוּן און געֶטראַכט:
— אָט איז אַ מייסטעֶרהאַפטעֶ פאָרם פוּן מאַכן פאָרוואורפן.
עֶר האָט געֶוואָלט אויף אַ ביטרעֶן אופן אַרויסקריגן פוּן ראַט בעֶכאָלד אַ קאָמפּלימעֶנט פאַר קאַספּעֶרן; עֶר האָט אָבעֶר בלויז געֶקריגן אַ נאַאיוו-ניכטערעֶ תשובה:
— דוּ מוזט דיך דעֶרמיט ווענדן צוּ מיין ווייב.
ווירקלעֶך, דעֶר ראַט איז שטענדיק געֶזעֶסן און אוּמעֶטיקן קאַנטאָר. זיין ווייב האָט אָנגעֶפירט מיט אַלעֶם.
דוּימעֶר, נאָכפאָרשנדיק פוּנדעֶרווייטנס קאַספּעֶרס פאָרשריט, איז איצט ענלעֶך געווען צוּ אַן אָפּגעֶבריטן געֶליבטן. אָפט האָט עֶר זיך געֶבראָכן דעֶם קאָפּ איבעֶר פרוי בעֶכאָלדס באַהאַנדלעֶן דאָס יוּנגל. אַנאַ האָט אים דעֶרקלעֶרט דעֶם סוֹד.
— ברוּדעֶר! עֶר איז אַ ליאַלקעֶ צוּ פאַרווילן זיך!
— אַ ליאַלקעֶ? !
— יאָ! עס זעֶנעֶן דאָ מעֶנטשן, וועלכעֶ באַוואוּנדעֶרן אַ פאָרפאָלק, וואָס האָט אַ קינד. עס איז דאָ אַזוינס, וועגן וועֶלכן מעֶן קאָן רעֶדן. די פרוי בעֶכאָלד וויל גילטן פאַר אַ גרויסעֶ דאַמעֶ און באַרמהאַרציקעֶ פרוי. זי האָט ליב צוּ לייענעֶן איר נאָמעֶן אין צייטונג און זי... לאַנגווייליקט זיך נישט. אַ חוץ דעֶם קאָן איר מאַן קריגן אַן אָרדעֶר אַלס אַפּוטרופּוס. אַך! קאַספּעֶר איז מיר אַ שאָד...
פרוי בעֶכאָלד איז געֶוועֶן פאַרשמייעֶט אַ גאַנצן טאָג. אין הויז איז זי נאָר געֶוועֶן דעֶמאָלט, ווען זי האָט געֶדאַרפט אויפנעֶמען געֶסט. אַ געֶבוירעֶנעֶ סנאָבין, האָט זי שטעֶנדיק געֶוואָלט זיין אַרומגעֶרינגלט דורך הערן מיט אָרדעֶרס און דאַמעֶן אין טייערעֶ טואַלעֶטן. דעֶר ים פוּן פראַנצויזישעֶ ראָמאַנעֶן, וואָס זי האָט איינגעֶשלינגעֶן, האָט איר נאָך מעֶר פאַרדרייט דעֶם קאָפּ. זי איז

געװעזן אַ יעגערין אויף „פּלורש”. קאַספּערן האָט זי באַהאַנדלט, װי איר הויף־בלאַזן.

— הערט אוים, װאָס דאָס דאָזיקע קעלבל האָט װידער געזאָגט. אַך, װי ער איז אַמוזירנדיק!... האָט מען זי אָפּט געקענט הערן רעדן. זעענדיק, װי ער שטייט און לערנט זיך אויפן קול לאַטײַנישע װערטער, האָט זי עטװאָס געענדערט די מיינונג.

— װי קלוג ער איז! — און צערטלעך אַ גלעט געטון מיט דער האַנט זײַנע געלאָקטע האָר. װען ער האָט זיך געמאַטערט בײַם לעזן אַן אַריטמעטישע אויפגאַבע, האָט זי געזאָגט:

— װאַרף דאָס אַװעק! צו װאָס טויג עס דיר?

איינמאָל האָט ער אין איר דערװעקט שטאַרקע נײַגעריקײַט. ער האָט זיך געפינען אין דער קיך, בשעת דער קצב האָט געבראַכט אַ שטיק רוי פלײש. זײַן פּנים האָט זיך דערמאָלט אויסקרומט פון װייטיק און די אויגן זײַנע זענען פול געװאָרן מיט צער.

— װערט דער דאָזיקער נאַר װירקלעך איבעראַשט פון חיהש בלוט, אָדער מאַכט ער זיך בלויז אַזוי?

איבערצײַגנדיק זיך, אַז ער מאַכט זיך נישט, האָט זי שטענדיק אים געדראָט:

— אויב דו װעסט מיר אַרומגיין אַזוי טרויעריק, װעל איך דיך פירן אין אַ שעכט־הויז און דו װעסט מוזן קוקן, װי מען האַקט אַראָפּ קעלבער די קעפּ!

ער איז געװאָרן אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט געלאַכט ביז צום צעפּלאַצט װערן.

קאַספּער האָט זיך איצט בכלל געפילט אומגליקלעכער. ער איז נישט ביכולת געװען צו פאַרשטיין די פרוי בעכאָלד, אירע מינעס, בליקן, װערטער, שטיקלעך. אינסטינקטיװ האָט ער זי נישט געגלייבט. יעדע שעה, װאָס ער האָט פאַרבראַכט מיט איר, האָט אים געפּײַניקט. עס האָט אים געקאָסט אַ סך אָנשטרענגונג, כדי צו באַהאַלטן זײַן אַנטיפּאַטיע צו איר; ער האָט זיך אײַנציקװײַז אויסגעלערנט די קונץ צו פאַרשטעלן זיך. עס האָט אים װיי געטון דאָס, װאָס דער גימנאַזיע־דירעקטאָר האָט זיך בא-

קלאָגט פֿאַר זײַן אינצטיקן אַפּאָטראָפּוס, באַראָן טובֿער, אַז ער האָט נישט קײן חשק צו לערנען זיך. אין דער אמתן האָט ער איצט אין זײַן נײַער לאַגע, געאַרבעט זײער שווער.

עס האָט אים געפּײַניקט נאָך אײן זאַך. צײַטנווײַז האָט ער געזען אין אײנעם פֿון די דערווײַטערטע צימערן, אָדער אויפֿן הויף, אַ בלײכן, הינקעדיק מײדל, בעלבֿאָלדס טאָכטער; זי איז אָפּט געשטאַנען און אַרײַנגעקוקט אים אין די אױגן. בעת ער האָט געפּרובט צוצוגײן צו איר, האָט זי אַרויסגעשטעקט די צונג און אַנטלאָפֿן. אַ באַזאָרגטער האָט ער וועגן דעם דערצײלט דעם ראַט.

— קלער נישט דערוועגן קאַספּערל. — האָט בעלבֿאָלד געזאָגט, קנײַטשנדיק דעם שטערן. — זי איז קראַנק. מען דאַרף זי לאָזן אַלײן.

כאַספּער האָט אָבער געפֿילט אַ רחמנות צו דער קלײנער. ער האָט דערפֿון גערעדט מיט דער דינסט, וועלכע האָט בײַז דערקלערט:

— דאָס מײדל הונגערט, ווײַל דער „געפֿונענער" עסט אַלץ אויף.

אַן אויפֿגערעגטער איז ער אַוועקגעלאָפֿן צו פֿרוי בעלבֿאָלד און איר געזאָגט מיט אַ מינע פֿון אַ קלײנעם חכם:

— אויב איר וועט איר נישט געבן מער עסן, וועל איך אַוועקגײן פֿון דאַנען!

פֿרוי בעלבֿאָלד איז אויף אַן אמת אין כעס געוואָרן.

— און וואוהין וועסטו, נאַריש יונגל, גײן? וואו האָסטו אַ הײם?

עס איז אַנטשטאַנען אין איר אַ פֿאַרדאַכט, אַז קאַספּער האָט זיך פֿאַרליבט אין איר טאָכטער. זי האָט אים געוואָלט צווינגען זיך מודה צו זײַן דערין. אויף אירע פֿראַגן האָט ער אָבער געענטפֿערט אַזוי נאַאיוו, אַז זי האָט זיך אַזש פֿאַרשעמט.

— גראַן דיע! — האָט זי אויסגערופֿן — ער פֿאַרשטײט דאָך אַפֿילו נישט, וואָס איז ליבע.

צניעות האָט געהאַט אַז איר נישט געקוקט דערויף, וואָס

אויסגעצייכנטן נאָמען, האָט זי ליב געהאַט צו שפּאַצירן אויף ראָמאַנטישע און גליטשיקע סטעזשקעס, וואָס עס האָט אַ ביסל באַרוישט איר קאָפּ.

— אָבער ניין! — האָט זי געטראַכט — כאָטש ער שפּילט די ראָל פון אַ מלאך, איז ער גענוג דערוואַקסן צו וויסן, וואָס אַ האָן טוט מיט הינער. זי האָט אים דורכן פענצטער אָנגעוויזן אויף דעם ברונעם.

— האָסטו געהערט, אַז אַ באָטשאַן ברענגט קינדער פון אַ ברונעם? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט זיך געוואונדערט.

— קיינמאָל נישט!... דאָס איז דאָך נישט מעגלעך. ווי-נאָך וועט ער דאָרט אַריינפליען? די עפענונג איז דאָך פאַרמאַכט מיט אַ שטאַכעט?

— קוק מיר אין די אויגן, נאַרעלע!

ער האָט געקוקט. פאַר דער אומשולדיקייט פון זיינע אויגן האָט זי אַראָפּגעלאָזט אירע. זי איז צוגעגאַנגען צו דער קרעדענס, אויסגעטרונקען אַ גלעזל וויין און צעשפּרייט די אָרעמס. שטייענדיק פאַרן פענצטער האָט זי געשעפּטשעט:

— יעזוס קריסטוס! שטעל מיך נישט אַוועק פאַר קיין נסיון.

מיר דערמאָנען, אַז זי איז געווען אַ וועלטלעכע פרוי און אַ קיילעכדיק יאָר איז זי שוין נישט געווען אין דער קירכע.

און איינעם אַ זונטיק האָט די ראַט-פרוי דערקלערט קאַספּערן, אַז ער וועט גיין מיט איר און מיט די צוויי זינדלעך פון גענעראַל האַרטונג אויף אַ פּיקניק אין וואַלד. ער האָט געפּאָדערט, מען זאָל מיטנעמען די קליינע בעכאָלד, ווייל זי וועט זיך לאַנגווייליקן אין דער היים.

באַהערשנדיק דעם כעס צוליב דעם, וואָס ער „מישט זיך אַריין אין נישט זיינע זאַכן“, האָט זי מיט די פינגער אָנגענומען אַ לאָק פון זיינע האָר און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אָפּשניידן די האָר!

ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר. זיינע אויגן האָבן גענומען ווילדע פלאַמען.

— ניש אַזוי נאָנט! און נישט אָפּשנײַדן — בעט איך!

— איך װעל דיר כאַפּן, קלײנער פּחדן — האָט זי זיך אָנגערופן מיט געצװוּנגענעם חוזק. זאָג נאָך אײנמאָל „נײן“ און איך ברענג שוין די שער.

בעתן פֿאָרן אויף דער קאַרעטע האָבן דעם גענעראַלס זין, עטוואָס יונגער פֿון קאַספּערן, גענומען אים „פּרוּװן“ װי אין דער שול, װאו מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ װאונדערלעך חיהלע.

— אָ, מיר הערן שוין מוזיק! — האָבן זײ געזאָגט.

— איך הער גאָרנישט און גלויב נישט, אַז איר הערט. איך זע שוין אָבער פֿאַרדאָס פֿאַרן װאַלד אַ פֿעגל.

— און מיר אויך.

— טאַקע אַ פֿעגל?... װאָס פֿאַר אַ קאָליר האָט עס?

אײנער האָט געזאָגט:

— רויט!

דער צװײטער:

— בלוי.

— נישט אמת! חײם מיט גרין.

װען מען איז צוגעקומען, האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז קאַספּער איז גערעכט געװען. די קלײנע, װעלכע עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט זײ פֿאַרשעמט פֿאַר פֿרוי בעכאָלד, האָבן אים פּשוט אָנגעהויבן פֿײַנט צו קריגן פֿון יענעם מאָמענט אָן.

קאַספּערס געפֿינען זיך אויפֿן פּיקניק האָט צוגעצויגן אַ סך נײַגעריקע מענטשן.

מיר װעלן אויסמײַדן צו באַשרײַבן די פּרטים פֿון דער אויסערגעװײנטלעך-אײַנגענעבענער פֿאַרװײַלונג, װאָס איז פֿול געװען מיט טומלען פֿון יונגלעך און פֿלוידערײַ פֿון מײדלעך, באַשטראַלט אין אָװנט פֿון דעם גלאַנץ פֿון כינעזישע לאַמפּיאָנען און פֿאַרהילכט פֿון די רוישנדיקע טענער פֿון אַן אָרקעסטער... מיר װעלן בלויז דערמאָנען, אַז קאַספּער האָט נישט דערפֿילט קײן איבעריק-גרויסע פֿרײד נישט דאַמאָלט. װען מען האָט אים געװאָרפֿן אין דער הויך און נישט דאַמאָלט, װען די יונגערע חברים האָבן מיט אים קאַ-

מאַנדירט. בפֿרט האָט אים נישט שטאַרק געפֿאַלן דאָס, וואָס אַ מחנה יונגלעך האָט אים געפֿירט אין אַ פּראָצעסיע אויף אַן אומפּרוויזירטער טריבונע און איבער זיך האָט ער צווישן געטומל און געלעכטער דערזען אויפֿהויבן אַ פֿאָן מיט דער אויפֿשריפֿט:

„זיין קעניגלעכע הויכקייט קאַספּערל דער ערשטער פֿון שווינדלבורג".

דער רעזולטאַט דערפֿון איז געווען, אַז ער האָט איינעם פֿון די אונטערפֿירער געכאַפּט פֿאַרן אויער און דעם צווייטן — פֿאַר די האָר, און ער האָט מיט ביידע יונגלעך, וואָס זענען געווען די נקמה־זוכנדיקע גענעראַל זיגדלער, אָנגעהויבן אַ געשלעג אויף די פֿויסטן. זיי האָבן קאַספּערן צודראַפּעט דאָס פּנים, געמאַכט אים בלויע צייכנס און ערשט דאַמאָלט אים אַרויסגעלאָזט פֿון זייערע הענט, ווען דער פֿאָטער זייערער האָט זיי שטרענג אויפֿגעפֿאָדערט דערצו. פֿרוי בעכאָלד האָט זיך געאײַלט אַרויסצונעמען קאַספּערן פֿון דער פֿאַרווייַלונג, פֿאָרוואַרפֿנדיק אים:

— שיינע שטיקלעך מאַכסטו מיר!... שעם דיך!... שנעלער אַהיים!....

זי האָט זיך אַליין געזעצט אויף דער קעלניע און געלאָזט די פֿערד אין גאַלאָפּ. די נאַכט איז געווען אַ פֿינצטערע. קיין איין שטערן האָט נישט געלויכטן אין הימל. די רעדער האָבן זיך אָנגעשטויסן אין בוימער און געשפּרונגען אויפֿן וועג. קאַספּערן האָט די נשמה געטאַנצט בעת דעם דאָזיקן משוגענעם פֿאָרן.

בעת זיי האָבן זיך געפֿונען אין דער היים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינער איז נישטאָ אין הויז: נישט דער הער און נישט די דינער. פֿרוי בעכאָלד האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און אַ לאָמפּ אין „גרינעם סאַלאָנדל", האָט זיך געלייגט אויף דער זאָפֿע און צוגערופֿן צו זיך קאַספּערן.

— קום נאָר צו מיר, אומשולדיקער בעל־עבירהניק! קניִ אַנידער!

וואַקלענדיק זיך, צי ער זאָל פֿאָלגן, האָט ער אַנידערגעקניט און געקוקט אויף איר אַ בּאַרוישטער. זי האָט צוגעשטעקט איר לאַנגע, אַ ביסל ציטערנדיקע גאָמבע צו זיין באַק.

— פארוואס שרעקסטו זיך אזוי? צום טייוול! דו האסט נאך קיינמאל נישט אנגערירט קיין לעבעדיק לייב? פארוואס האסטו מורא פאר מיר? האב איך דיר נישט געשאנקען די בעסטע זיסוואַרג? האב איך דיר נעכטן נישט געשאנקען קיין זינג־פויגל? לייג ארויף די האנט אויף מיין הארץ; הער, ווי עס קלאפט!

זי האט א צי געטאן זיין קאפ צו אירע בריסטן. ער האט זיך גענומען ווערן מיט א געשריי, מיינענדיק, אז זי וויל אים ווי־טאן. דערנאך האט זי איינגעזויגן אירע ליפן אין זיין מויל. עס האט אים ארומגענומען א פחד. ער איז אנידערגעפאלן אויף דער ערד און האט זיך געווארפן, ווי אין קאנוואולסיעס. זי האט זיך אראפ־געבויגן צו אים, ווייל זי האט ליב געהאט דעם אראמאט פון זיין קערפער, וואס האט איר דערמאנט דעם האניג פון וואלד־בינען. דאמאלט האט ער זיך א ריס געטאן און זיך באהאלטן אין א ווינקל. עס האט זיך אים געדאכט, אז עס איז געשען עפעס שרעקלעכעס, עפעס מוראדיקס. ער האט זיך געשעמט פאר זיך אליין, פאר זיינע קליידער, פאר די ווענט, פארן פאטעל און בפרט פאר דער העל־לויכטנדיקער לאמפ. ער האט אנגעקוקט זיינע הענט, ווי ער וואלט געוועזן זיכער, אז אויף זיי קלעבט שמוץ. ער האט געציטערט מיטן גאנצן לייב.

פרוי בעכאלד האט פארשטאנען זיין עקל. זי איז געלאפן א דערצארנטע איבערן צימער. צום סוף האט זי זיך געווענדעט צו אים מיט אן אויפגעהויבענעם לייכטער, און ווען עס האט גע־שמעקט דאס ליכט:

— עלנטער! דו מיינסט, אז איך וויל דיך האבן. אוועק פון דאנען. אויב דו וועסט דיך דערוועגן לאזן פאלן א ווארט — וועל איך דיך דערהרגענען!

זי האט געמאכט אן אנשטעל, אז דאס אלץ איז געווען א שפאס. אבער קאספער האט געזען, ווי איר דראענדיקער שאטן, אנגעווארפן פון ליכט אין לייכטער, וואקסט, און גייט אים נאך, ווען ער איז אריין אין די ווייטערדיקע צימערן. אז איבערראשטע האט ער זיך אראפגעגליטשט אויף די שטיגן־פארענטשעס און גע־קומען אין קארידאר.

מיט אײנמאָל האָט ער דערהערט קלינגען שליסלען. עס איז אַרײַנגעקומען דער הער ראַט. ער האָט פֿאַרמאַכט דעם שירעם, שעלטנדיק דעם רעגן און דעם ווינט. דאָס ליאַרעמען פֿון געוויטער האָט פֿאַרטויבט זײַנע ווערטער. פֿרוי בעקאָלד, שטײענדיק אויף דעם עק פֿון די טרעפּן, האָט איבערגעשריגן דאָס געוויטער:

— שטעל דיר פֿאָר! אונזער בן־יחיד טרינקט! ער האָט זיך געלאָזט אַנטרינקען דורך זײַנע קאָלעגן. איך קאָן אים נישט ברענגען אין בעט אַרײַן! נעם אים צו!... מאַרש! מאַרש!

דער ראַט האָט אים ווײַד גענומען אונטערן אָרעם. קאַספּער איז אַ באַרוישטער, מיט אַן אָפּגענומענעם לשון צוליב אַלץ, וואָס איז געשען און פֿון וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קײן חשבון, אַרײַן מיט'ן הער ראַט אין שלאָף־צימער.

— נו, נו, קאַספּערל! דאָס קאָן געשען. איך וועל דיר העלפֿן זיך אויסטון.

דאָ האָט ער דערפֿילט עפּעס אַן אָנגענעמען ריח פֿון קאַספּערן, און אַ פֿאַרוואונדערטער האָט ער געזאָגט:

— עס שמעקט עפּעס פֿון דיר. מײַן ווײַב האָט דיך אודאי אַרומגעוואַשן. מאַך דיר גאָרנישט דערפֿון!... אַ גוטע נאַכט, יונגל!

קאַספּער איז לאַנג, לאַנג נישט ביכולת געווען צו לײגן זיך. ווי ער וואָלט אײַנגעוואַקסן געווען אין דער פּאָדלאָגע. יעדער בליק האָט אים געשטאָכן די אויגן, יעדער דונער האָט אים געזעצט אין קאָפּ. זײַנע הענט און פֿיס זענען געווען קאַלט. ער האָט זיך דערמאָנט דעם ערשטן שטורעם, וואָס ער האָט פֿאַרנומען. דאָס איז געווען אויפֿן טורעם. אַן אַלטע פֿרוי, דעם וועכטערס ווײַב, האָט אים דאַן געזאָגט.

— האָב נישט קײן מורא, יונגל. דאָס קריגט זיך עפּעס אַ זקן אונטער דער טיר. אַ גרויסער אַלטיטשקער מיט אַ הײזעריק קול. קוק נישט דערויף!

און איצט האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס אַ ריז שעלט אויפֿן הויף. עס איז אָבער קײנער נישט געווען, וואָס זאָל אים טרײסטן. דער זינג־פֿויגל אין שטײגל האָט טרויעריק געפּישטשעט. ער וואָלט דעם געפֿאַנגענעם פֿרײַ געלאָזט, גאָר ער האָט מורא־געהאַט פֿאַרן

צאָרן פֿון פֿרוי בעָלאָלד. ענדלעך האָט ער זיך געלייגט, אריבער־געצויגן די דעק און איינגעשלאָפֿן. ער האָט אָבער פֿארגעסן צו פֿארריגלען די טיר. דאָס האָט געבראַנגט אַ טרויעריקן רעזולטאַט. אינדערפֿרי איז דאָס שטייגל געווען ליידיק. אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן אַ טויטער פֿויגל. זיין קליין פֿארבלוטיקט הערצל איז געלעגן אויף אַ טעלער, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין נאַכט־טישל. ער איז געלאָפֿן אין דער קיך פֿרעגן, וואָס עס איז געשען, אָבער ער האָט דאָ געטראָפֿן פֿרוי בעָלאָלד מיט אַ בעזעמל אין האַנט, מיט צעברענטע אויגן און צעלאָזענע האָר. ער האָט געקוקט אויף איר כמעט מיט דער זעלבער איבערראַשונג, וואָס אויפֿן טויטן פֿויג

אַ שליח פֿון אַ ווײַט לאַנד

מיר ווילן נישט פֿאַרבאָרגן, אַז פֿרוי בעקאָלד האָט אין יענער צײַט געליטן פֿון נערוועזע שטימונגען, וואָס זענען שפּעטער איבערגעגאַנגען אין אַ צושטאַנד פֿון פֿולקומענער גײַסטיקער פֿינצטערקײַט. זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַרטאָגס און דאָס גאַנצע הויז פֿאַרפֿולט מיטן טומל מיט איר מאַניע צו אָרדנונג. זי האָט שטאַרק געפּײַניקט קאַספּערן, אויפֿוועקנדיק אים פֿון שלאָף בײַם ערשטן קריי פֿון די הענער. פֿאַר דעם לעצטן קעגנשטעלן זיך האָט זי אים געדראָט אָוועקצונעמען אים פֿון טיש און דער קיך אַרײַן. זי האָט פֿון אים חוזק געמאַכט צווישן זײַנע קאָלעגן, וואָס זענען געקומען אים באַזוכן. זי האָט געמוזט זײַן זייער אַ צניעותדיק ווײַבל, ווײַל די דאָזיקע רדיפֿות האָבן אודאי געהאַט זייער סיבה דערין, וואָס קאַספּער האָט נישט געוואָלט נאָכקומען איר פֿאַרלאַנג.

דומער, וואָס פֿאַר זײַנע אויגן האָט זיך נישט באַהאַלטן די ענדערונג, וואָס איז אַרײַנגעטרעטן אין קאַספּערס לעבן, האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט דעם רעדאַקטאָר פּיסטערליע אויף זײַן שלעכטער לאַגע אין בעקאָלדס הויז. דער לעצטער האָט באַלד אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט אָנגעקלאָגט דעם מאַגיסטראַט, אַז ער דערלויבט, אַז דאָס „סודותדיקע יונגל, אויף וועמענס קאָפּ עס דאַרף הענגען אַ קרוין, זאָל לעבן ווי אַן איינזאַם לײַבל, וואָס האָט אַפֿילו נישט קיין רעכט אַ שפּרונג צו טאָן אין זײַן נאָרע“.

די שטאָט-טאַטעס האָבן שטאַרק דערפֿילט דעם אַפּעל צו זייער געוויסן און באַשלאָסן איבערצוטראָגן הויזערן צום ראַט

טובער. כאָטש דער דאָזיקער אויסוואַל האָט אים געפאַלן, האָט טובער דאָך זיך געקווענקלט איבערצונעמען די ראָל פון אַ דערציער, מורא־האָבנדיק, אַז זיין פּריוואַט־לעבן קען ווערן אַ געגנשטאַנד פאַר די אָנפאַלן פון דער פּרעסע. דעם דאָזיקן אומווילן האָט נאָך פאַרשטאַרקט זיין אַלטע מוטער, וועלכער מען האָט באַרואיקט מיט דער דערקלערונג, אַז די שטאָט וועט באַצאָלן אַלע קאָסטן פון דער דערציאונג. דאַמאָלט האָט דער ראַט מסכים געווען אַריינצונעמען קאַספּערן צו זיך, שטעלנדיק אַ באַדינג, אַז קיינער זאָל זיך ניט מישן אין זיינע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן. ער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז דאָס יונגל, וואָס איז קאַליע געוואָרן פון די שטענדיקע וויזיטן, דאַרף מען אַריינגעמען אין דעם פּרעס פון אַ שטרענגען סיסטעם, וואָס וועט אים ברענגען צו אָרדנונג און צו אַ לעבנס־איינפאַכקייט. דעם דאָזיקן באַדינג האָט מען אָנגענומען!

אַ צערייצטע צוליב דער באַליידיקונג, וואָס מען איז קעגן איר פלומרשט באַגאַנגען צוליבן אָפּנעמען קאַספּערן, האָט פרוי בעהאָלד באַלד אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס אין אַן אָפענעם קאַסטן זיינע ביכער, קליידער און וועש. און ווען אַ אדורכגייענדיקע גוטע מאַרק־הענדלערין וואָלט דעם קאַסטן ניט צוגעדעקט מיט עפּעס, וואָלט דעם יונגלס גאַנצע פאַרמעגן פאַרפוילט געוואָרן פון רעגן, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געגאָסן. קאַספּער איז געזעסן אויפן קאַסטן אַ פאַרוואונדערטער און אַ פאַרצווייפלטער, ביז עס איז ענדלעך אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט און אים דערקלערט, אַז זיין לאַגע איז געענדערט געוואָרן, און אים אָפּגעפירט מיט די זאַכן, אונטער דעם באַגלייט פון אַ מענטשלעכן טומל, אין הויז פון ראַט טובער.

דער נייער אַפּוטרופּוס האָט דאָס יונגל אָפּגענומען פון דער שול און אים געגעבן אַלס הויז־לערער דעם סטודענט שמידט. ער האָט פאַרמאַכט די טיר פאַר די, וואָס האָבן געוואָלט אָנקוקן קאַספּערן. ער האָט איבערגעריסן זיינע פערד־איבונגען, וואָס „געהערן בלויז די גבירים און אַריסטאָקראַטן, און דעם יונגל, וועלכן עס איז באַשטימט צו פאַרדינען מיט זיינע צוויי הענט אויף אַ באַשיידן לעבן — קען עס בלויז דעם קאָפּ פאַרדרייען“.

אויף אַזאַ אופן האָט ער אַ סוף געמאַכט פון די לעגענדעם

ווען קאַספּער הויזערס אומגעוויינטלעכער אָפּשטאַמונג, וואָס האָט געהאַט אַ שערלעכע ווירקונג אויף זײַן פאַנטאַזיע.

דער ראַט טוכער איז געווען אַ מענטש פון פּרינציפּן. „פּרינציפּן" זענען געווען אַן עלעמענט, מיט וועלכן ער האָט דאָס גאַנצע לעבן געהאַט צו טון. ער האָט געשאַפן צווישן זיך און דעם יונגל אַ דיסטאַנס, כדי אַרויסצורופן צו זיך דרך־ארץ. ער האָט אים געלערנט צו האָבן אַן אײַנפאַכע האַלטונג, אַ געלאַסענעם טראָט, רויִקע מאַניערן, וואָס זאָלן נישט אויף אַ פּראָסטן אופן אַרויסווײַזן די געפילן. ער האָט צו אים מיט אַ כיון געוויזן אַ שטרענג פּנים. דער אמתער פּעדאַגאָגישער דערוויז האָט בײַ אים געהייסן: „נישט לאָזן זיך רירן". ער האָט קאַספּערס צײַט אײַנגעטײלט מיט אַרבעטן, וואָס האָבן געדויערט פון פרי ביז אָוונט. אַ חוץ די לעקציעס זענען אין סוף טאָג פאַרפליכטנדיק געווען פּראַקטישע באַשעפטיגונגען: סטאָלערײַ, אײַנבונדערײַ, זייגערמאַכערײַ.

און ווײַל דאָס יונגל האָט זיך אויפגעפירט זייער גוט, אַרבעטזאַם און פלײַסיק, סײַ אין די פיזישע באַשעפטיקונגען און סײַ אין די גײַסטיקע באַשעפטיקונגען, זענען זײַנע פאָרשריט געווען אַ באַווײַז פאַרן דערציִער, אַז ער האָט אויסגעקליבן דעם ריכטיקן וועג אויף וועלכן קאַספּער איז ביז־אַהער נישט געגאַנגען. די פּרינציפּן האָבן טריאומפירט!

כאָטש קאַספּער האָט לכתחילה ליב געהאַט זײַנע נײַע באַשעפטיקונגען און אויסגעפירט אָן ווידערשטאַנד אַלע פאָרשריפטן פון דערציִער, האָט דאָך די אײַנזאַמקײַט אָנגעהויבן צו ווערן פאַר אים אַ לאַסט. ער האָט דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט דורכן פענצטער און זיך צוגעהערט, ווי די ווײַבער פּולידערן אין דרויסן. ער האָט געקענט די שעהן, ווען די גאַס גייען דורך בעקערס און פאַבריקס־אַרבעטער. ער האָט געעפנט די טיר פון זײַן צימער, הערנדיק ווי דער ברוי־טרעגער קלינגט, און צוליב דעם האָט ער געקריגן דורך דער דינערשאַפט דעם זייער נישט סימפּאַטישן צונאָמען „דער אונטערהערער".

אין דער שטילער, עטוואָס געפּרעסטער, אָנגעצויגענער אַטמאָספערע פון טוכערס הויז — אַ געבײַדע, אויפגעבויט אין מ[illegible]

פעלאַלטערליכן סטיל, באַצירט מיט אַ טורעם, געדרייטע טרעפּ, מאַיעסטישע דעכער, איז קאַספּער אַרומגעגאַנגען מיט אַ שטילן טראַט, דערפילנדיק אין די טונקעלע קאָרידאָרן אַ מאָדנע האַרי־קלאַפּונג. אַמאָל האָט צו אים פון קעגנאיבערדיקן, שטענדיק פאַרמאַכטן פענצטער געווינקען עפּעס אַ מענטש מיט גרויע צע־פּאַטלטע האָר איבערן פאַרמעט־פּנים. דאָס איז געווען די אַלטע באַראָנעסע, וואָס האָט צוליב איר קראַנקהייט, קיינמאָל נישט פאַרלאָזט דאָס צימער.

מיט דער צייט האָט קאַספּער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער לעבט אין אַ קאַלטער און פולקום־פרעמדער סביבה. ער האָט גע־לעבט מיטן ווינט. אַנדערע האָבן פון קינדווייז אָן געהאַט זייער היים און זייער בעט, אַפילו אָרעמע האָבן געהאַט זייער מקום. איי־נער האָט געמאַכט שיך, דער צווייטער אַ הויז, דער דריטער האָט געהאַט אַן אַנדער באַשעפטיקונג — יעדער האָט פאַרדינט פון זיין אַרבעט און מיט כח האָט ער נישט געקאָנט אַוועקגענומען ווערן פון זיין פּאָסטן און האָט באַקומען הילף פון וואַרעמע מענטשן־הענט. איז עס נישט דערפאַר, — האָט ער געפרעגט — ווייל זאָרגפולע הענט פון עלטערן האָבן זיי אַלע געפירט צו דער געזעלשאַפט? ער איז אָבער אַ יתום, וואָס איז געקומען גאָט ווייס פון וואַנען און באַהאַנדלט איז ער געוואָרן, ווי אַן איבעריקער. דאָס האָט נאָך מער פאַרעקשנט אין אים דעם ווילן געוואָר צו ווערן, ווער עס זענען געווען זיינע עלטערן. און דער וועג דערצו — האָט ער געמיינט — איז אויסקלויבן אַ פּאַר, וואָס גיט זעלבסטשטענ־דיקייט.

אין איינעם אַ ווינטער־אָוונט איז צו אים געקומען זיין אַפּוט־רופּס; ער איז געקומען נישט דערפאַר, ווייל אים האָט זיך גע־גלוסט אַ שמועס צו טון מיט קאַספּערן, נאָר ווייל די דאָזיקע ווײַזטן, קאַלטע רעגולערע וויזיטן זענען דורך דער צייט געוואָרן פאַרשריפטן פון דער דערציאונג.

דעם יונגלס פּנים, וואָס האָט געטראָגן אַן אויסדרוק פון אַ טרויעריקער פאַרטראַכטקייט, האָט אים דאָס איצטיקע מאָל גע־רירט, און מיט אַ ווייכן ציטער אין קול האָט ער אַ פרעג געטון: — וואָס איז דיר?

— איך קלער, וואָס איך וועל ווערן ! — האָט דאָס יונגל געענטפערט, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף דער האַנט.

דער ראַט האָט אים געגלעט איבערן פּנים, ווי ער וואָלט געזאָגט :

— דער רעכנונג שטימט. וועגן דעם דאַרפסטו מאַכע טראַכטן.

ער האָט אים געפרעגט, צי ער וואָלט נישט געוואָלט ווערן אַן איינבינדער.

— וועל איך קענען ליינען אַלע ביכער, וואָס מען וועט מיר געבן צום איינבינדן ? — האָט דאָס יונגל געפרעגט.

— ניין ! דערמיט וואָלסטו נישט אָפּגעהיטן דיין פאַך ! — האָט געקלינגען די תשובה. קאַספּער האָט געזאָגט, אַז ער וויל ווערן אַ זייגערמאַכער. ער האָט געוואָלט אויסגעפינען ווער עס באַהאַלט זיך צווישן די שפּרינג-פעדערן פון אַלטן זייגער אויפן טורם, כּדי צו קענען אים מאַכן קלינגען, ווען ער וועט וועלן. דער ראַט האָט פאַרקנייטשט די ברעמען: קאַספּער איז צופיל קונדעריש.

צעמאָרגנס האָט באַראָן טוכער צוריקגעקערט צו דער נעכטן באַרירטער טעמע. ער האָט דערקלערט קאַספּערן, אַז אַלס דער־וואַקסענער קען ער עסן מיטיק ביי זיך אין צימער, און לערנען זיך ווייטער בלויז ביז האַרבסט, דערנאָך וועט ער אָפּגעגעבן ווערן צו אַן איינבינדער. כּדי צו געבן דעם יונגל די מעגליכקייט אַ טראַכט צו טון, וואָס פאַר אַ פאַך ער זאָל זיך אויסלערנען, האָט דער באַראָן זיך אַוועקגעזעצט צו דער פאָרטעפּיאַן און גענומען שפּילן אַ לאַנגע סאָנאַטע. ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך מיט אַ פאַרדעכטיקן בליק געווענדעט צום יונגל. קאַספּער האָט זיך אָנגערופן :

— כּדי צו זיין טרויעריק, דאַרף איך לחלוטין נישט קיין מוזיק.

דער באַראָן האָט אומצופרידן געברומט :

— קיינער פרעגט נישט דיין מיינונג וועגן מוזיק ! קענסט גיין אין דיין צימער.

קאַספּער איז אַוועק אַ צופרידענער, וואָס מאָרגן בעתן מיטיק וועט ער נישט דאַרפן זיצן איינגעקאָרטשעט ביים טיש פון דער־ציער. דער דערציער האָט אפילו קאַספּערן געפאָלן מיט זיינע

פֿאַרצעלאַנענע ציין און געפֿלעגטע נעגל אויף די לאַנגע פֿינגער. קאַספּערן האָט זיך געדאַכט, אַז טויבערס קאַלטע באַציאונג צו אים שטאַמט דערפֿון, וואָס ער האָט באַקומען וועגן אים עפּעס מיאוסע ידיעות. נישט איינמאָל האָט זיך פֿון יונגלס נשמה אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— אָבער דאָס אַלץ איז דאָך נישט אמת!

און איינזאַמער האָט ער געטראַכט, אַז ער פֿאַלט צו לאַסט מענטשן צוליב עפּעס אַן אומבאַקאַנטער שולד און זיי ווילן פֿון אים פּטור ווערן. ער האָט געפֿינען רו ביינאַכט, ווען ער האָט, פֿאַרלעשנדיק די לאָמפּ, זיך צוגעקוקט, ווי די לבנה באַוויזט זיך לאַנגזאַם איבער די דעכער. ער האָט געקענט איר וועג. ער האָט געצייטערט, ווען אַ וואָלקן האָט פֿאַרדעקט די פֿלאַמיקע לבנה, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. זיין אויער האָט דאַכט זיך, אין דער נאַכטיקער שטילקייט, אויפֿגעכאַפּט אָפּקלאַנגען פֿון דער גייסטער־וועלט.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך אַ ריס געטון בעת דער לעק־ציע און צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער. דער סטודענט שמידט האָט אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג.

— עס האָט זיך מיר געדאַכט, — האָט דאָס יונגל דערקלערט, — אַז עמיצער איז אָנגעקומען פֿון וויט און מיך גערופֿן אַראָפּ, אונטן.

שמידט האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע באַוועגונג האָט אַ שייכות צו די לעגענדעס וועגן קאַספּערס אָפּשטאַמונג. אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן צו רעדן דערוועגן, מיינענדיק, אַז דער באַראָן טוכער פֿאַרבייט אים צו באַרירן די דאָזיקע טעמע בשעת די שמועסן מיטן שילער. ער האָט געשוויגן....

בסוף פֿאַרן ראַט האָט זיך קאַספּערן איינגעגעבן צו לייענען צייטונגען, און וועלכע ער האָט פֿון צייט צו צייט דערזען דער־מאָנט זיין נאָמען. ער האָט געלייענט מיט אַ ציטער און געכאַפּט, אַז ער ווייסט אים, דעם נאָמען, אַמאָל באַמערקן אין שייכות מיט אַ ווינקטיקער ידיעה וועגן זיין פּערזאָן.

קורץ פֿאַר זיין לעצטער לעקציע מיטן סטודענט שמידט, האָט

ער איז דער „מארגן־פאסט“ — דורך א צופאל איז אין זיינע הענט אריינגעפאלן א אלטער נומער פון דער דאזיקער צייטונג — געלייגט אזא מין פארנעפלטע דערציילונג:

„מיט א צען יאר צוריק האט א פישער ארויסגענומען פון די כוואליעס פון רהיין ביי דער שטאט באנסאך א שווימענדיק פלעשל, און וועלכן עס האט זיך געפינען א צעטל מיט פאלגנדיקן אינהאלט:

„איך בין באגראבן אין אן אונטערערדיש לאך. דער מאן, וואס זיצט אויף מיין טראן, ווייסט פון מיר גארנישט. איך געפין זיך אונטער א שרעקלעכער וואך. קיינער קען מיך נישט, קיינער זוכט מיך נישט, קיינער ראטעוועט מיך נישט און קיינער רופט מיך נישט ביים נאמען!“

אונטער די דאזיקע ווערטער האט זיך געפינען אן אומדייטלעכע אונטערשריפט. — אין אלע דייטלעכע אותיות האט מען אויך געקענט געפינען אין נאמען קאספער הויזער“.

און מאדנע איז געווען, דאס, וואס די דאזיקע ידיעה, וועלכע עס האט אמאל שוין געברענגט די „מאגדעבורגער צייטונג“ און איז לחלוטין פארגעסן געווארן, איז ווידער אויפגעגראבן געווארן דורך אן אומבאקאנטע האנט און איבערגעדרוקט געווארן דורך פיל צייטונגען.

דער כראניקער פון דער „מארגן־פאסט“ האט געמאכט א צושריפט:

„אויב דער דאזיקער שפור וועט נישט העלפן אויפצודעקן דאס געהיימניש פון נארימבערגער „געפינענעם“, וועט אונזער גאנצע פאליציי נישט ווערט זיין קיין צעבראכענער העלער“.

קאספער, אן אויפגעטרייסעלטער פון דער דאזיקער ידיעה, האט זי יעדן טאג עטלעכע מאל איבערגעלייענט, ברעכנענדיק זיך דעם קאפ איבער דעם מאדנעם רעטעניש, און וועלכן ער האט געזוכט דעם שליסל צו דער געהיימניש פון זיין אפשטאמונג. שמידט, טרעפנדיק אים מיט דער צייטונג אין דער האנט, האט זיך נישט איינגעהאלטן נישט צו פרעגן אים:

— וואס קלערסטו דערוועגן, קאספער?

דאָס יונגל האָט אויפגעהויבן די הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט שווערן.

— איך האָב דאָס נישט געשריבן.

— איך ווייס... דו האָסט דעמאָלט נאָך נישט געקענט שרייבן!

— אָבער ווער האָט עס געקענט שרייבן?

— איך ווייס נישט... אודאי עמיצער, וואָס האָט דיר געוואָלט העלפן... אַ געהיימער פריינט!...

דאָס יונגל איז געזעסן אין אַ ווינקל, פאַרטראַכט אין מחשבות. אויפן רוף פון סטודענט האָט ער נישט געענטפערט. שמידט האָט געהאַלט זיין שווייגן. ער איז געזעסן נאָך אַ שעה און כדי נישט צו ווייזן, אַז ער האָט געבראָכן אַ פאַרבאָט — איז ער אַרויס אויף די שפּיץ נעגל.

און אָוונט פון זעלבן טאָג איז אין באַראָנס הויז פאָרגעקומען אַ באַל. קאַספּער, וועלכער איז אויף פאַרווייליונגען פון אַזאַ מין נישט צוגעלאָזט געוואָרן, האָט זיך איינגעהערט אין דער טאַנץ-מוזיק, שטייענדיק אין קאָרידאָר. עס איז צו אים צוגעקומען אַ לאַקאַי מיט אַ זילבערנער טאַץ און געזאָגט:

— נעם דיר אַ שטיקל טאָרט.

— איך האָב נישט ליב קיין זיסוואַרג, — האָט ער געענטפערט.

אין דער זעלבער רגע האָט זיך באַוויזן פון די טרעפּן די באַראָנעסע-מוטער, שורשנדיק מיט דער זיידענער שלעפּ פון קליד. זי האָט דעם באַל-זאַל פריער פאַרלאָזט, און פאָרן שלאָף איז זי, ווי געוויינטלעך, אַרומגעגאַנגען איבערן הויז זעען, צי עס באַהאַלט זיך נישט קיין גנב, אָדער צי עמיצער האָט נישט אונטערגעלייגט קיין פייער. זי האָט שאַרף אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף קאַספּערן און אויסגערופן:

— וואָס?... ער האָט נישט ליב קיין זיסוואַרג!

און דאָ איז געשען עפּעס וואונדערלעכס. קאַספּער האָט זיך פאַר דער אַלטער דאַמע פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט דער האַנט און גענומען שרייען:

— שלאָגט נישט! שלאָגט מיך נישט!...

די דאַמע איז געוואָרן נבהל ונשתומם און געקוקט אויף

ווייַנגע דערשראָקענע אויגן. אויפֿן קאָרידאָר האָבן זיך פֿון באַל־צאַל אַ שייַט געטון געסט, וועלכע זענען געקומען צולויפֿן צוליבן געשרייַ, און גענומען פֿרעגן:

— וואָס איז געשען?

דערווייַל האָט קאַספּער איבערגעלעבט אומגעווייַנטלעכעס: עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַמאָל געשען: דער זעלבער לאָקײַ, וואָס דערלאַנגט זיסיקייטן, די גראָבע דאַמע, וואָס פֿרעגט, פֿאַרוואָס ער וויל ניט עסן קיין זיסיגקייטן, און זייַן געשרייַ „שלאָגט ניט!“ אַלץ האָט ער שוין געזען און געהערט. ער איז דאַמאָלט געווען קליין; זי האָט אויפֿגעהויבן איבער אים אַ האַנט. עס זענען געווען די זעלבע אויסגעפּוצטע געסט, וואָס קוקן אים אָן דערשטוינטע און מיט אַנטציקונג, ווייַל ער, קאַספּער, איז געווען זייער הער!

דער ראַט האָט פֿאַרביסן די ליפּן. אין זייַן הויז איז געשען אַ ניט־דערהערטער סקאַנדאַל. און אַלץ דורך דעם צוגעקומענעם. ער האָט אים שווייַגנדיק אַרויפֿגעפֿירט אין דער הויך, געהייסן אים זיך לייגן אין בעט, פֿאַרלעשן די לאָמפּ און אַוועקגייענדיג געזאָגט מיט אַ שטרענג קול:

— מאָרגן, ווען דו וועסט ווערן רואיקער, וועלן מיר שוין אַ שמועס טון, און דו וועסט מיך פֿאַרשטיין!

אין קאָרידאָר האָט אויף טויבערן געוואַרט דער קוכער. ער האָט שעפּטשנדיק דערקלערט:

— דאָס יונגל איז זיכער אַ לונאַטיקער.

— אַזוי?

קאַספּערס קרענקלעכער מצב האָט דערקלערט די אַוואַנטורע, וואָס ער האָט געמאַכט. דער באַראָן האָט אים געגעבן ווייַן. ער האָט איינגעזען, אַז ער דאַרף פֿאָרן קיין אַנסבאַך און זיך באַראַטן מיטן פּרעזעס פֿייערבאַך וועגן דעם יונגלס צוקונפֿט. ער וועט עס טון נאָך אין אַפּריל.

זייַט יענער רגע איז קאַספּער אַרייַנגעפֿאַלן אין אַ צושטאַנד פֿון געשפּאַנטער דערוואַרטונג. ער האָט געגלויבט, אַז עמיצער טובֿט ערגיץ ווייַט דעם וועג צו אים, אַז ער קומט, אַז ער טוט

קומען. יעדן פֿרימאָרגן האָט ער צו זיך געזאָגט:

— הײַנט, — יעדן אָוונט — מאָרגן. — און ער איז אַנטוישט געוואָרן פֿון די מענטשן, וואָס זענען צו אים יעדן טאָג געקומען און געזען זייערע באַקאַנטע, לאַנגווײַליקע פּנימער.

זײַן איצטיקער מצב האָט געהאַט סימנים פֿון אַ פֿאַרפֿאַלגונגס־שגעון. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, הערנדיק די טראָפּנס רעגן, וואָס זענען געפֿאַלן פֿון די רינעס. בײַנאַכט האָט בײַ זײַן בעטל זיך געמוזט ברענען דאָס אייל־לעמפּל. איינמאָל האָט ער זיך אין פּחד אַ ריס געטאָן אויף זײַן בעטל: עפּעס האָט אָנגערירט זײַן פּנים. דאָס איז געווען אַ שפּין, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ פֿאָדעם פֿון סופֿית. ער האָט זיך אין העמד אַוועקגעזעצט דערווײַטערט פֿון קישן און גענומען רעדן מיט דער שפּין, וואָס איז אַראָפּגעקראָכן אויף דער פּאָדלאָגע און דערנאָך אַרויף אויף דער וואַנט.

— שפּינעלע! פֿאַרוואָס שפּינסטו אַזוי דײַנע פֿעדים?... וואוהין אײַלסטו זיך? פֿאַרוואָס אַנטלויפֿסטו?... איך וועל דאָך דיר קיין שלעכטס נישט טאָן!...

דערפֿון האָט ער זיך פֿאַרקילט. ער איז געלעגן אַ וואָך אין בעט. נישט די שאַרפֿע פֿאָרוואורפֿן און נישט די מילדע ווערטער פֿון ראַט טובֿער האָבן געהאַט אויף אים אַ ווירקונג. ער האָט אָנגעהויבן אומעטיק צו שווײַגן.

— ער האָט די נײַגונגען פֿון אַ היפּאָכאָנדריק! — האָט דער באַראָן פֿעסטגעשטעלט, ער איז איצט שטאַרק פֿאַרזאָרגט געווען צוליב דער ענדערונג פֿון קאַספּערן.

... און אַט מיטאַיינמאָל האָט זיך באַוויזן אַ שליח פֿון אויסלאַנד און געפֿאָדערט מען זאָל אים צולאָזן צום יונגל. דער ראַט האָט אָפּגעזאָגט. דעמאָלט האָט דער גאַסט אים איבערגעגעבן אַ בריוו מיט אַ טײַערן רינג. דער דערציִער האָט אײַנגעפֿונען, אַז ער האָט רעכט צו עפֿענען דעם בריוו. זײַן אינהאַלט איז געווען אַ פֿאַרנעפּלטער און אַ סודותדיקער. דער באַראָן איז געווען פֿאַרדאגהט: זאָל ער דעם בריוו אָפּגעבן, אָדער זאָל די זאַך איבערגעגעבן ווערן דעם פּרעזעס פֿײַערבאַך צום אַנטשיידן? עס האָט געזונגט

דאס רעכטס-געפיל. ווילנדיק דאס יונגל ארויסרייסן פון דער אפאטיע, האט הער טוכער אים געגעבן דעם בריוו און דעם רינג. קאספער האט געלייענט א דערשטוינטער:

„דו, וואס האסט די רעכט, וועלכע א סך לייקענען דיר אפ, גלויב א פריינט, וועלכער ארבעט פאר דיר פונדערווייטנס און וועט בקרוב קומען, כדי דיך ארומצונעמען. נעם דעם רינג אלס באווייז פון געטריישאפט און טו תפלה פארן דערפאלג פון דיין פריינט, וועלכער איז מתפלל פאר דיין מזל“.

דאס יונגל האט פארשטעלט דאס פנים מיט ביידע הענט און געוויינט. דער ראט האט זיך איינגעקוקט אין בלישטשענדיקן בריליאנט, וועלכן ער האט מיט פארוואונדערונג גענומען אין דער האנט.

דער ענגלישער גראף

סוף אפריל האט זיך פארן צווייטראנגיקן גאסט־הויז „אונטערן ווילדן מענטש" אפגעשטעלט א פראכטפולע קארעטע. דער חירט האט זיך נישט געוואוסט וואו אהינצוטון פון פרייד, ווען דער גאסט האט געפאדערט די בעסטע צימערן, נישט פרעגנדיג וועגן פרייז, און זיך פארנויגט מיט פארוואונדערונג פארן אנגעקומענעם און איינגעשריבן אין בוך:

„הייגריך לארד סטאנהאפ, קארל אף טשעסטערפיעלד, פאר אנגליא".

ביז שפעט אין דער נאכט זענען די איינוואוינער מאסנוויי געווען פארזאמלט אונטער די פענצטער פון פרעמדן גאסט, שמועסנדיק וועגן אים. צעמארגנס אינדערפרי האט דער ענגלענ־דער איבערגעגעבן זיין וויזיט־קארטע אנגעזעענע בירגער פון דער שטאט, און אין עטלעכע שעה ארום האט ער זיי אויפגענומען ביי זיך פערזענלעך מיט קעגן־וויזיטן.

לארד סטאנהאפ האט דערקלערט, אז אזוי ווי פריער, קומט ער אויך איצט, א פאראינטערעסירטער מיטן גורל פון קאספער הויזער, פאר וועלכן ער וועט עפעס טון. דער בירגערמייסטער האט העפלעך געענטפערט, אז ער וועט דעם גאסט מעגלעך מאכן פרייע באציאונגען ארום קאספערס ענין, ווי ווייט די פארשריפטן וועלן דערויף דערלויבן. דער לארד האט זיך געוואונדערט:

— וואס פאר א פארשריפטן?

— די פארשריפטן פון ראט טוכער. עס קען זיי בלויז ענדערן דער פרעזעס פייערבאך.

— הממ... דאָס וועט זײַן אַ שווערע אַרבעט... אָבער... האָט מען שוין אויסגעפֿאָרשט דעם מענטש, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט דעם אָנפֿאַל אויף הויזערן?

— ניין... די סומע, וואָס אײַער עקסעלענץ האָט געגעבן, איז צוריקצובאַקומען. עס איז נישטאָ קיין האָפֿנונג צו כאַפּן דעם פֿאַרברעכער.

די ווײַטערדיקע טעג האָט דער לאָרד פֿאַרכּישופֿט די געזעלשאַפֿטלעכע ספֿערן פֿון דער שטאָט מיט די בעלער אין זײַן האָטעל, אויף וועלכע מען האָט דערלאַנגט מאכלים, וואָס זענען געמאַכט דורך אַ פֿראַנצויזישן קוכער, וועלכער איז מיטגעבראַכט געוואָרן מיט אַ סך אַנדערע דינער. ער האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, כּדי צו זאַמלען ידיעות וועגן קאַספּערן. דאָס איז געווען רירנדיק!... מען האָט זיך בלויז געוואונדערט, וואָס ער האָט נישט באַזוכט דוימערן. ער האָט אַרויסגערופֿן דעם וועלטער חיל. ווען דערציילונג ער האָט אויסגעהערט מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט. דער תּפֿיסה־וועכטער האָט זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט אַרײַן, שרײַענדיק, אַז „קאַספּער קען נישט זײַן קיין שווינדלער!“ דער לאָרד האָט געשמייכלט צוליב דעם נײַעם קאַספּערס אָנהענגער און אים באַלוינט אויף אַ פֿירשטלעכן אופֿן.

ענדלעך האָט ער באַשלאָסן צו גיין צו טוכערן, זען זיך מיטן יונגל. ער האָט אָפּגעשלעפּט דערמיט, „כּדי צו באַהערשן זײַן אויפֿגערעגטקייט בײַם געדאַנק צו זען דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע קינד“, ווי ער האָט דערקלערט מענטשן, וועלכע האָבן אים געפֿרעגט, פֿאַרוואָס ער שלעפּט אָפּ.

באַראָן טוכער, וועלכער האָט זיך פֿונדערווײַטנס פֿאָרגעשטעלט דעם לאָרד, ווי אַ מענטש, וואָס איז געקומען צונעמען די רו, האָט אָן חשק גענומען אין דער האַנט זײַן וויזיט־קאַרטע, ער איז אָבער אומשטיינקטיוו פֿאַרכּישופֿט געוואָרן פֿון גאַסט בײַ דער ערשטער פּערזענלעכער באַגעגענונג.

אין דעם כּשוף, וואָס האָט געווייט פֿון גאַסט, איז אָבער געלעגן עפּעס געפֿערלעכעס, וואָס האָט געקענט ברעכן די שטאַרקעקשנות. זײַן שטאָלצע אויסגעגלײַכטע געשטאַלט, די סובטעלע

כמעט ווײַבלעכע געזיכטס=שטריכן, דאָס לעבעדיקע פֿײַערל אין די דורכדרינגלעכע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט די מילדקייט פֿון אַ גאָזל און אַפּשר... די רו פֿון אַ טיגער — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופֿן אַן אומהיימלעכע ווירקונג.

צופֿיל טאַקט און לעבנס=חכמה האָבן געשטעקט אין דעם גאַסטס פֿראַגן וועגן קאַספּערן, אַזוי פֿול דיסקרעציע און איינגעהאַלטענקייט, בעת ער האָט גערעדט וועגן זיך, און דער טײַל לאָרד אַלײן, וואָס האָט אים געדינט פֿאַר אַ גוטע שילד — אַז טוכער האָט תּיכּף פֿאַרגעלייגט אַרײַנצורופֿן קאַספּערן, אײדער סטאַנהאָפּ האָט דעטלער איבערגעגעבן זײַן בקשה.

עס איז געווען שטיל. די זון האָט געוואָרפֿן העלע שטראַלן אין צימער, אונטערן פֿענצטער האָבן געשווירקעט שוואַלבן. רעד לאָרד האָט זיך אויסגעדרייט פֿון פֿענצטער, ווען קאַספּער, וועלכער האָט נישט געוואוסט, ווער עס וויל אים זען, איז אַרײַנגעקומען. ער האָט דעם יונגל אַרומגענומען מיט אַ בליק, וואָס האָט קאַספּערן צוגעשמידט צום אָרט. באַלד איז ער צוגעגאַנגען צו אים און אויסגערופֿן:

— קאַספּער! ענדלעך! אָ, זאָל זײַן געבענטשט די שעה! — און ברייט געעפֿנט די אָרעמס און דאָס יונגל איז צוגעפֿאַלן צו זײַן ברוסט אָן לשון, אַדורכגענומען מיט אַ שוידער פֿון פֿרייד.

ער האָט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס עס האָט אים פֿריער, דערהערנדיק די קאַרעטע, דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן, פֿאַרוואָס עס האָט אים באַהערשט אַ שמחה, ווען דער לאָקײַ האָט אים אַרײַנגערופֿן אין סאַלאָן.

יאָ, דאָס איז דער ווײַטער שליח — דער אָפּגעבער פֿון בריוו און פֿון רינג!

דער זייגער אויפֿן טורעם האָט אויסגעקלינגען די מיטיק=שעה. קאַספּער האָט אין דער לופֿט געפֿילט אַ זיסן ריח פֿון אָט דער שעה!...

דער גאַסט איז געווען אויסערגעוויינטלעך גערירט. טוכער, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע, האָט באַמערקט, אַז זײַן בײז=אײַצט ווײַד קול האָט באַקומען אַ הייזעריקן

קלאַנג און אין די אויגן האָט זיך באַוויזן אַ צעמישטער גלאַנץ, קוישנדיק זיך מיטן יונגל.

לאָרד סטאַנקאָפּ האָט זיך יעאַבילט אַליין צו דערקלערן די דאָזיקע ענדערונג:

— זייט מוחל, ראַט! אָבער... עס איז מיר אַזוי אומאָנגענעם, וואָס איך קאָן נישט רעדן מיט קאַספּערן אונטער פיר אויגן.

דער ראַט האָט געפֿילט, אַז ער קען נישט אָפּזאָגן דעם גאַסט די בקשה, מען זאָל אים דערלויבן צו פֿאָרן מיט קאַספּערן אַביסל אונטער דער שטאָט. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט זיי איז געפֿאָרן אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אין דער קאַרעטע פֿאַרנומען אַן אָרט פֿון הינטן.

קאַספּער האָט זיך צום ערשטן מאָל געקענט אויסרעדן דאָס האַרץ. דאָס באַקלאָגן זיך האָט געקלונגען ווי אַ געגעזן-ווערן. ביז אַהער איז די וועלט געווען פֿאַר אים שלעכט, איצט האָט זיך געעפֿנט פֿאַר אים דער הימל.

די צייט איז אַ שאַד געווען אויף באַקלאָגן זיך. מען האָט גערדאַרפֿט פֿרעגן. עס שטייט דאָך איצט אַ מענטש, וואָס ווייסט, קאַספּער האָט דרייסט און לײַדנשאַפֿטלעך אים אַ פֿרעג געטון:

— ווער בין איך? וואו איז מיין מוטער? וואו איז מיין פֿאָטער?!

אַנשטאָט אַ תשובה, איז דער לאָרד פֿאַרדאַגהט געוואָרן און אומאַרומגעאַרעמט.

— געדולד, קאַספּער! איך וואָלט געמוזט צופֿיל רעדן! עס איז נישט די צייט! דערציייל מיר בעסער פֿון דיינע וואונדערלעכע חלומות. איך האָב עפּעס געהערט וועגן זיי...

קאַספּער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. ער האָט אין אַ פֿרייִלעכער באַגייסטערונג דערציילט, וואָס ער האָט איבערגע-לעבט בעת די חלומות. ווען ער האָט גענומען רעדן וועגן דער מיטער, האָט סטאַנהאָפּ אַ ציטער געטון. ער האָט אַזוי שטאַרק געטוליעט צו זיך דאָס יונגל, אַז ער האָט זיין פּנים נישט געזען. ער, דער לאָרד, האָט אַ שמייכל געטון, ווען קאַספּער האָט דער-ציילנדיק, זיך באַנוצט מיט אויסדרוקן פֿון דער נאָרומבערגער

נאַס־שפּראַך.

— פאַרוואָס טראָגסטו ניִשט דאָס רינגל ? — האָט ער געפרעגט צוריקוועם, — געפעלט דיר עס ניִשט ?

— ניין. אַ שיין רינגל !... איך האָב אָבער ניִשט געגלויבט, אַז עס איז מיינס. דאָס האַרץ האָט מיר גענומען קלאַפּן, ווען כ'האָב עס אָנגעטאָן אויפן פינגער.

— און איצט גלויבסטו ?

— יאָ, יעצט גלויב איך.. איך וועל עס טראָגן... אַ שיין רינגל !..

— צום ווידערזען, ליבער ! — האָט סטאַנהאָפּ אויסגערופן שטייענדיק פאַר טויערס הויז, — קום צו מיר מאָרגן !

די שעהן פון צעשיידונג מיטן פריינט האָבן זיך פאַר קאַספּער לאַנגזאַם געשלעפּט. אַלץ אין ראַטס הויז האָט אויסגעזען צו זיין טויט, ווען יענע האַנט איז אַוועקגעקומען.

צעמאָרגנס צען אַ זייגער איז ער געווען אין האָטל „אונטער ווילדן מענטש“. ער איז פּשוט אַנטלאָפן פון די לעקציעס. דער לאָרד האָט אים געקושט פאַר די אויגן פון אַ סך ניינגעריקע, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין קאָרידאָר. · ער האָט אויף אים געוואַרט. דערנאָך האָט ער אים אַריינגעפירט אין זיין צימער. דאָ האָט זיך פאַר דעם יונגלס אַנטציקטע אויגן באַוויזן אויסגעלייגט אויפן טיש: אַ גאָלדן זייגערל, גאָלדענע ספּינקעס, פאַנטאָפּעל מיט זילבערנע פרענדז, זיידענע העמדער א. ד. ג.

— דאָס אַלץ איז פאַר דיר !

ער איז קוים אומשטאַנד געווען דעם אָטעם צו כאַפּן, אָנקוקנדיק אַזוי פיל הערלעכע מתּנות. דערנאָך האָט ער גענומען דאַנקען מיט וואַרעמע ווערטער.

— דאַנק ניִשט ! דאָס איז אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס איך וויל טון פאַר דיר. פרעג אָבער גאָרניִשט — האָב צוטרוי צו מיר. זיי פאַר מיר אַ זון, אַ חבר, אַ פריינט ! — האָט דער לאָרד געזאָגט.

קאַספּער האָט אַ זיפץ געטון. ער האָט ביז אַהער ניִשט געגלויבט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ גליק אויף דער וועלט : הער

אזעלכע הארציקע ווערטער.

א נײַ וואונדער האט זיך אנטפּלעקט, ווען דער לארד, בא... גלײַטנדיק אים אין שלנותדיקן צימער, האט אים פארבעטן צו א שײן־געדעקטן טיש.

— קײַן ווײַן קען איך אבער נישט טרונקן! — האט קאספּער שנעל געזאגט.

— וואס ווערסטו טון, ווען מיר וועלן וואנדערן אין די צפון... לענדער, וואו דער ריח פון ווײַן טראגט זיך איבער די בערגלעך, געצוירטע אין ווײַנטרויבן? — האט דער לארד געפרעגט.

— וועלן מיר טאקע פארן צוזאמען? — האט דאס יונגל אויסגעגלאצט א פאר אויגן.

— זיכער! איך וועל דיך נישט לאזן דא, וואו מען איז קעגן... דיר אזוי פיל עולות באגאנגען!

— אך!... מיר וועלן אוועק ווײַט!... ווײַט!... — האט דאס יונגל אזש געפּאטשט מיט די הענט.

מיטאמאל האט זיך די פרייד אויסגעלאשן אויף זײַן פּנים.

— וועלן זיי מיך לאזן? — האט ער געפרעגט מיט מורא.

— זיי וועלן מוזן!... דײַ וועג גײט איבער זיי אריבער! — האט דער לארד ערנסט געענטפערט.

קאספּער איז בלײַך געווארן. האפענונג און ספקות האבן גע... קעמפט אין זײַן הארץ. מיט א בעטנדיקער מינע האט ער זיך... פלוצלונג געווענדעט צום לארד סטאנהאפּ:

— הער גראף! וועט איר מיך פירן צו מײַן מאמען?

דער ענגלענדער האט טרויעריק אראפּגעלאזט דעם קאפּ.

— קאספּער! דא רוט א שרעקלעכער סוד. איך וועל דיר דערציילן, אבער דו טארסט נישט זאגן קײנעם קײן ווארט דערפון... וואס איך וועל דיר איבערגעבן. גיב מיר די האנט! שווער! אומגליקלעכער גליקלעכער! זײַ וויסן, אז גאט האט מיך אויסגע... קליבן, איך זאל דיך ברענגען צו דײַן מאמען!

א זיפץ האט אויפגעטרייסלט דאס יונגל.

— ווי זאל איך דיך רופן? — האט ער פײַערלעך געפרעגט, פילנדיק, אז דער נײַער צונויפבונד פאדערט אנדערש צו רעדן.

— אַזוי ווי איצט. זאָג מיר דו! רוף מיך היינריך. בין איך ניסט דיין ברודער? — האָט סטאַנהאָפּ געענטפערט, דריקנדיק אים האַרציק.

דער אַריינגעקומענער דינער האָט זיי געטראָפן אַרומגענומענע. ער איז געקומען מעלדן געסט. סטאַנהאָפּ, ווי ער וואָלט זיך ניט געקענט באַפרייען פון דער אַרומאַרמונג, איז איז דער זעלבער פּאָזיציע נאָך געבליבן דערמאָלט, ווען די געמעלדעטע געסט זענען אַריינגעקומען. מען האָט ביזווילויק געקענט טראַכטן, אַז ער דער מאָנסטרירט זיין האַרציקע באַציאונג צום יונגל. יעדנפאַלס האָבן די נאָרימבערגער באַקומען דורך אַרץ פאַר קאַספּערן זעענדיק, ווי דער לאָרד פירט אים אַראָפּ פון די טרעפּן, האַלטנדיק אַ האַנט אויף זיין האַלדז, און דערנאָך פאַבעט ער צו אים מיט אַ טאַשן-טיכל, ווי אַ געליבטער אַן אַוועקגייענדיקער געליבטע.

ווען דעם לאָרדס מתנות זענען איז אַ שעה אַרום איבערגעטראָגן געוואָרן אין ראַטס הויז, איז טוכער דערשטוינט געוואָרן.

— איך וועל דיר דאָס באַהאַלטן, — האָט ער געזאָגט, — אַזאַ לוקסוס פּאַסט ניט פאַר אַ צוקונפטיק איינבינדער-לערניונגל.

— דאָס איז מיין... קיינער קען עס מיר ניט צונעמען! — האָט קאַספּער אויסגערופן. מען האָט געדאַרפט זען, ווי זיינע אויגן האָבן דערביי אַ בלישטש-געטון מיט צאָרן.

טוכערן איז דאָס פּנים בלייך געוואָרן און דאָס מויל האָט זיך אויסגעקרומט. ער האָט ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ער איז אַרוים פון צימער און ביטער געזאָגט:

— דאָס הייסט אומדאַנקבאַרקייט. אַן עגאָאיסט, וואָס וויל אָפּצושטופן זיין וואויל-טוער, ווען ער האָט געפינען אַ צווייטן, וואָס צאָלט בעסער.

די פּרינציפּן האָבן אויפגעהערט צו טריאומפירן. זיי האָבן זיך צעשיט אין שטויב!

דער אַפּוטרופּס האָט אָבער ניט געוואָלט אָפּטרעטן. קיין כח-מיטלען האָט ער ניט געוואָלט באַנוצן. געוואַלד וואָלט געווען אומטאַקטיש. אויפריכטיק האָט ער אָבער דערציילט דעם לאָרד סטאַנהאָפּ ווי די זאַך זעט אויס. דער לעצטער האָט זיערקלערט

קאַספּערס האַנדלונג אַלס אַ קינדערישן קאַפּריז און צוגעזאָגט פּערזענלעך צו ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל זײַנע מתּנות געבן צו באַהאַלטן דעם דערציִער. דער ראַט איז געווען אַנטצוקט פֿון לאָרדס ליבלעכקייט. ער האָט אָבער אומזיסט געוואַרט, אַז קאַספּער וועט טאָן, וואָס ער דאַרף טאָן. דער לאָרד האָט אָן ספֿק געפּרוּווט אויף אים ווירקן, דאָס ייִנגל האָט אים פֿאַררעדט. ער האָט איבריגנס מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט זײַן דערציִער וועגן זײַנע באַציִונגען מיטן לאָרד. טוכער האָט זיך געפֿילט באַליידיקט דערפֿון, וואָס קאַספּער האָט נישט צו אים קיין צוטרוי. ער האָט אין דער דאָזיקער קאַלטקייט געזען אַ באַווײַז פֿון אַ נידעריקן כאַראַקטער.

מיט דער צײַט האָט דער ראַט איבערגעטראָגן זײַן אַנטיפּאַטיע אויפֿן לאָרד סטאַנהאָפּ, וואָס האָט מיט דעם באַראָנס דערלויבעניש אַמאָל מיטגענומען קאַספּערן אויף אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט, האָט אויסגעפּועלט, אַז דער פּאָליציי-וועכטער (דעם ייִנגלס שומר לויטן אמת) זאָל בלײַבן אַזש אויף 50 שריט פֿון הינטן. דער בירגערמײַסטער האָט, אויף טוכערס אָנקלאַגע, אַז דאָס איז קעגן די פֿאַרשריפֿטן, געצויגן מיט די אַקסלען:

— איך קען דאָך נישט מאַכן קיין פֿאָרוואורפֿן דעם הויכן גאַסט פֿון נאָרימבערג, נישט געקוקט דערויף, האָט פֿאַרבײַגייענדיק דערוועגן דערמאָנט דער גאַסט, אָבער דער לאָרד האָט אים באַרויִקט מיט עפּעס אַ שפּאַסיקער באַמערקונג און ווײַטער נישט אָפּגעהיטן די פֿאַרשריפֿטן, געפֿינענדיק זיך מיט קאַספּערן.

ביידע פֿרײַנט זענען אָפֿט געגאַנגען, נעמענדיק זיך פֿאַר די הענט, אין דער זײַט, וווּ עס איז געשטאַנען דער טורמעשלאָס. אין די אָוונט-שעהן האָט דער טורעם-גלאָק גענומען קלינגען און קאַספּער האָט דערפֿילט, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט אים. די טרויעריקע מינוטע, וואָס ער האָט איבערגעלעבט צווישן די תּפֿיסה-מויערן, האָבן זיך צוריקגעקערט אין זײַן דמיון. סטאַנהאָפּ האָט אים אין זיי געמאַכט פֿאַרגעסן מיט אַ פֿרײַנטשאַפֿטלעכן שמועס.

דער לאָרד איז נישט מיד געוואָרן צו דערציילן אים דעם וואונדער פֿון די לענדער, אין וועלכע ער איז געווען. ער האָט

פֿאַרמאָגט דעם טאַלאַנט צו שילדערן מיט אײַנפֿאַלע און שײנע ווערטער. קאַספּער האָט זיך דערוויסט וועגן די אַלפּן־בערג, אויף וועלכע עס ליגט אײביק אַ שנײ, און וועגן די גרינע טאָלן, וואו עס וואוינען פֿרײַע מענטשן. בלויז דאָס וואָרט „איטאַליען" אַליין האָט אין אים אַרײַנגעאָטעמט כּישוף. ווי לעגענדעס האָבן געקלונגען פֿאַר אים די דערצײלונגען וועגן די הערלעכע סטאַטועס, אָראַנזש־בוימער, לאָרבער, רויזן־גערטנער און וועגן אײביק־בלויען הימל! ער האָט מיטן דמיון געזען רוישנדיקע ימים און ווײַסע זעגלען אויף כוואַליעס....

אַמאָל האָט ער געלאַכט — אַזוי האָט אים דערפֿרײט די האָפֿנונג, אַז ער וועט אַליין נאָך זען. אָבער מיט דער האָפֿנונגס־פֿרײד האָט זיך אויסגעמישט אַ ווײטיק, אַ ווײטיק פֿון בענקשאַפֿט, וועט ער דאָרט אַמאָל אַהינקומען?

אין אײנעם אַ טאָג האָט דער לאָרד געעפֿנט גרויסע שאַפֿלען און אים געוויזן אוצרות, וואָס ער האָט צונויפֿגעקליבן: עס זײַנען געווען זעלטענע מטבעות, רינגען, פּערלען, אַ קראַנץ פֿון קריסטוסעס קבר, אַ ביבל פֿון מיטלאַלטער אין אַ קאָסטבאַרן אײנבאַנד, אינדישע קלײדער, אַ פּאָמפּײער לאָמפּ, אַ פּאָרצעלאַן־סטאַטוע פֿון סעוור א. ד. גל. פֿון אַלעם האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ ריח פֿון ווײַטע לענדער און ווײַטע וועלטן...

— אָט איז אַ מתּנה פֿון גרויספֿירשט פֿון מאָגונציען... און אָט אַ מיניאַטור, געקויפֿט בײַם אַנטיקוואַר אין באַרצעלאָנאַ... די דאָזיקע לײמענע סטאַטועטקעס שטאַמט פֿון סיראַקיז... די קמיעה, וואָס דו זעסט, האָב איך געקריגן אין דער מדבר פֿון אַבדעראַר־מאַן...

די קלאַנגען, וואָס זײַנען געפֿלאָסן פֿון לאָרדס מויל אַזוי לײַכט, האָבן אין קאַספּערס נשמה אָנגעצונדן דעם ווילן צו זען אָט די אַלע ווײַטע לענדער. וואָלט דאָס ניט געווען אַ מין צוגרײטונג צו פֿאַרשטײן די ווײַטע וועלטן, וועלכע ער וועט אַמאָל זען? אַמאָל האָט עס אויסגעוויזן צו זײַן אַזאַ גרויזאַם שפּיל: עס איז, ווי מען וואָלט דערצײלט אַ פֿויגל אין שטײג וועגן פֿרײַען הימל... ווי דער, וואָס דערצײלט, מאַכט חוזק!...

דאָס פּנים האָט זיך אים מאָדנע געענדערט. דער פּרילעבער שמייכל פֿון די ווייסע ציין, וועלכע זענען אַרומגענומען אין אַ ראָם פֿון ראָזע ליפּן, האָט געהאַט אין זיך עפּעס פֿון דער בייטערקייט פֿון אַ חיהלע. אַמאָל איז דער שמייכל פֿאַרשוווּנדן און אַ וואָלקן האָט זיך באַזעצט אויפֿ'ן גראָבן פּנים. בעת די צערטלעכע איז אים באַפֿאַלן אַ לאַסט פֿון טרויער; זיין בליק האָט זיך אויספֿאָרשנדיק געגליטשט אויף קאַספּערס געזיכט. ער האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו דער טיר זען, צי עמיצער הערט זיך ניט אונטער זייער שמועס.

— הייגעריך! זאָג מיר, צי דו ביזט גליקלעך? — האָט קאַספּער זיך גענומען די דרייסטקייט אויף אַזאַ פֿראַגע.

— גליקלעך, קאַספּער?... אַ, ניין!... האָסטו אַמאָל געהערט וועגן דעם ייד דעם אייביקן וואַנדערער — דער אומגליקלעכסטער פֿון אַלע מענטשן? ווען דו וואָלסט געקאָנט זען דעם צעטל פֿון מיינע וואַנדערונגען... אָבער ניין!... איך וועל דיר דערציילן וועגן דעם אַן אַנדער מאָל, ווען דיין גורל וועט זיך אַנטשיידן, ייען דו וועסט זיין אין מיין פֿאָטערלאַנד.

— איז עס מעגלעך? וועט עס געשען?

דער לאָרד האָט אַ ציטער געטון. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געטוזט האָרבן עפּעס אַ געהיימען באַפֿעל. מיט אַ קאַנוואולסיווער לעבהאַפֿטיקייט האָט ער גענומען מאַלן קאַספּערן זיין צוקונפֿטיקע מאַכט. ביז־אַהער האָט ער וועגן דעם דערמאָנט דמזימדיק, מיט אַנצוהערעניש. איצט האָט ער אים דערציילט וועגן זיין מלוכה, וועגן טראָן, וועגן זיינע בירגער... און ער האָט געציטערט דערביי, ווי עפּעס אַ צוואַנג וואָלט אים דערצו געשטופּט און ווי עפּעס אַ געהיימער פּחד וואָלט געהאָנגען איבער אים... ער האָט ווידער געפֿאָדערט אַ שבֿועה צו שווייגן, אַ שבֿועה פֿון צוטרוי.

— איך מוז אַ תּל מאַכן פֿון דיינע פֿיינט, — האָט ער געזאָגט — ווייל דו ביזט טויזנט מאָל מער ווערט, ווי יעדערער פֿון זיי. מיר וועלן קודם אָוועקפֿאָרן קיין צפֿון, כּדי אַריינצוברענגען זיי אין אַ טעות. דערנאָך וועלן מיר אָוועק אין מיין פֿאָטערלאַנד

און צוזאַמענקלײַבן די פֿרײַנט, כּדי צו דערלאַנגען זיי דעם ענדגילטיקן קלאַפּ!

ער איז אויפֿסניי צוגעגאַנגען צו דער טיר זען צי עמיצער הערט זיך ניט אונטער. ער איז צוריקגעקומען און גענומען שילדערן קאַספּערן די פֿרײַהייט פֿון ענגלאַנדס בירגער און די וואונדער פֿון דער נאַטור פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד. ער האָט גערעדט וועגן זײַנע וועלדער, טײַכן, באַלזאַמער לופֿט, וועגן זײַנע פֿרילינגס און האַרבסטס, זומערס און ווינטערס...

שילדערנדיק די בילדער, האָט געציטערט אין זײַן קול אַ ווייטיק־טאָן פֿון אַ פֿאַרטריבענעם, דער צער פֿון אַן אָפּגעשטויסענעם... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פֿאַרלאַנג צו היילן די בענקשאַפֿט מיט דער זיסקייט פֿון זכרונות... ער האָט איצט דערציילט פֿון זײַן אייגענעם לעבן... אין דעם דאָזיקן דערציילן האָט ער זיך געוויזן פֿאַר קאַספּערן, ווי אַ מענטש פֿון אומגעהויערן רײַכטום, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ הויכן אַמט, אַ באַוואונדערטער, אַרויסרופֿנדיק קנאה, דערנאָך איז ער געפֿאַלן אַ קרבן פֿון די רדיפֿות פֿון מאַכט־האָבנדיקע פֿײַנט. ער האָט אָנגעטאָן די קליידער פֿון אַ זון פֿון פֿאַרשאָלטענעם פֿאָלק, אַ פֿאַרטריבענער און אַ וואַנדערער, אָן פֿרײַנט, אַ פֿאַראַכטענער, אַן אויסגעשלאָסענער פֿון כּלל, אין פֿינפֿציקסטן לעבנס־יאָר — אָן פֿאָטערלאַנד, אָן ווײַב, אָן קינדער: אַהאַסוועער!...

קאַספּערס האַרץ איז מיט פֿרײַנטשאַפֿט צוגעבונדן געוואָרן צו דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַסקע, וועלכע ער האָט געטראָגן פֿאַר מענטשן, איז אַראָפּ פֿון פּיעדעסטאַל, אויף וועלכן ער האָט געטראָנט איבער אַנדערע, און אים אַליין האָט ער געעפֿנט זײַן נשמה.

אים האָט באַהערשט אַ ביטערע פֿרייד, הערנדיק די דאָזיקע ודוי פֿון העכסטן פֿאַרטרויען! און אָנשטרענגענדיק דאָס געהער, איז קאַספּער, אַ פֿאַרבשותּפֿטער פֿון די אַלע נײַע זאַכן, וועלכע ער האָט זיך דערוואוסט פֿון דעם סודותדיקן מענטש, ווי פֿאַרשטיינערט געוואָרן.

עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זײַן גײַסט וואַקסט. ער

איז דערפֿון פֿול געוואָרן מיט שטאָלצן גליק. ער איז איצט אויסערלעך געווען פֿולשטענדיק רואיק. אויף זיינע ליפּן האָט זיך כּסדר געשפּילט אַ שמייכעלע. ער האָט זיך געזען אַ בוים, די צווייגן צעשפּרייט אין אַלע זייטן און באַדעקט מיט שמעקעדיקע צוויט... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער הימל, די ערד, די לופֿט — אַלץ שרייט צו אים, רופֿט אים ביים נאָמען.

ער האָט פֿאַרכּישופֿט מענטשן, וועלכע ער האָט דאַמאָלט אָנגעטראָפֿן. יונגע פֿרויען האָבן צו אים געשריבן בריוו. באַראָן טוכער האָט זיך באַקלאָגט אויף די פֿיל מענטשן, וועלכע קומען צו אים און שטייען צו אים צו, ער זאָל הייסן מאָלן קאַספּערס פּאָרטרעט.

מיטאיינמאָל זענען אַנטשוויגן געוואָרן די ביזווייליגע פּליאָטקעס. די גאַנצע שטאָט האָט זיך געפֿילט פֿאַר אַ געטרייען אַפּוטראָפּוס איבער דעם כּישופֿדיקן יונגעמאַן, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פֿון נאָרימבערג. מיטאיינמאָל האָט זיך געשאַפֿן די מיינונג, אַז מען דאַרף דאָס יונגל באַשיצן פֿון די אינטריגעס פֿון ענגלישן גראַף, וואָס האָט בדעה דאָס יונגל צוצונעמען פֿון דער שטאָט נאָרימבערג.

אין אַ געוויסן טאָג איז סטאַנהאָפּ, צו זיין גרעסטער אומצופֿרידנקייט, געוואָר געוואָרן, אַז ער ווערט פֿון אַלע זייטן שפּיאָנירט, מען קוקט זיך צו אים צו און מען האָרכט זיך אים אונטער.

ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך אַנטשליסן אויף עפּעס אַ טאַט... מען דאַרף וואָס שנעלער טון!

די געהיימנישפולע מיסיע און אירע פאלגן

מען האט שוין לאנג געשמועסט און אלע קרעטשמעס און עס-הייזער, אז דער לארד האט בדעה צו אראפטירן הויזערן. און ווירקלעך האט סטאנהאפ אפגעגעבן א געהעריקע בקשה און מא־ גיסטראט. דער בירגערמייסטער האט געענטפערט, אז דעם דא־ זיקן ענין מוז אנטשיידן דער פלענום פון שטאט-ראט און דער לארד וועט מוזן פארשטעלן דאקומענטן, אז ער פארמאגט א פאר־ מעגן, וואס קאן פארזיכערן די צוקונפט פון אדאפטירטן. דער לארד האט זיך געפילט געערגערט. ער האט געוויזן בינדערן זיינע ארדערס, הויף-צייגנישן, בריוו פון אויסלענדישע פירשטענטומס, אבער דער בירגערמייסטער האט אים מיט א נידריקן גרוס דער־ קלערט, אז דער ענין פאדערט אן איינשטימיגע הסכמה פון די שטאט-ראטמענער, א באשלוס פון קאלעגיום, וואס ער אליין קאן אים נישט אומגילטיק מאכן.

סטאנהאפ האט אויף אן אומפארזיכטיקן אופן אין איינער א געזעלשאפט חוזק געמאכט פון דעם „קליין-קעפיקן פעדאנטיזם פון די ראטמענער“. מען האט דאס פונאנדערגעפויקט. עס האבן נישט געהאלפן די איבערבעטונגס-בריוו פון לארד, אנטשול־ דיקנדיק זיך, אז ער איז געווען א ביסל בגלופין ביים מאלצייט-טיש. עס איז אנטשטאנען א ביזוויליקער פארדאכט. מען האט גערעדט וועגן צווייטיקע פערזענלעכקייטן, וואס קומען צום גראף סטאנ־ האפ, וועגן עפעס בארעטונגען ביי פארמאכטע טירן. מען האט זיך געוואונדערט, וואס אזא רייכער מענטש וואוינט אין א צווייט־ ראנגיקער קרעטשמע און נישט אין דעם ערשטן האטל „אונטערן ענגלישן אדלער“. האט ער מורא צענויפצוטרעפן זיך מיט זיינע

לאַנדסלייט? צום סוף האָט מען דערציילט אַ מעשה, אַז ער איז אַמאָל אין זאַקסן געווען אַ גאַנצער מאַכער צווישן די יעזויטן.

לאָרד סטאַנהאָפּ האָט באַשלאָסן אַוועקצופֿאָרן. אויפֿן געזעגענונגס־וויזיט האָט ער דערקלערט דעם בירגערמייסטער, אַז ער וועט צוריקקומען מיט די געפֿאָדערטע דאָקומענטן וועגן זיין פֿאַרמעגלעכקייט. ער האָט אים איבערגעגעבן 500 גולדן פֿאַר קאַספּערן, מיט אַן איידעלער באַוואָרעניש, אַז איבער דעם געלט זאָל נישט האָבן צו זאָגן באַראָן טוכער, וואָס „וויל הויזערן מאָראַליש אַנטוויקלען, אָבער די וואונדערלעכע פּלאַניץ, וועלכע די נאַטור אַליין האָט באַשאַפֿן קעגן דעם מענטשלעכן ווילן, קאָן נישט געהאַמעוועט און אָפּגעשניטן ווערן דורך אַ שטרענגער ענגקייט“.

ווערנדיק געזעגנט דורך דעם בירגערמייסטער מיט דער פֿאַרזיכערונג, אַז „די שטאָט וועט אומגעדולדיק וואַרטן ווידער אויפֿצונעמען אַזאַ גאַסט“, איז ער אַוועק צו טוכערן. דער ווירט און קאַספּער האָבן באַלד געזאָלט צוריקקומען. ער האָט אויף זיי געוואַרט אין סאַלאָן, שרייבנדיק אין זיין נאָטיץ־בוך עפּעס ציפֿערן. ער האָט דערביי אַ טופּ געטון מיטן פֿוס און געקריצט מיט די ציין:

— פֿאַרשאָלטענע בעסטיעס!

ווען עמיצער וואָלט פּלוצלונג אַריינגעקומען אין צימער, וואָלט ער געוואָרן פֿאַרוואונדערט. ער וואָלט נישט דערקענט דעם לאָרד, וואָס איז שטענדיק אין די באַוועגונגען געווען אַזוי לאַנגזאַם און אַזוי הערשעריש. זיינע אויגן האָבן געברענט מיט צאָרן, די דינע ליפּן זיינען געווען אויסגעקרומט מיט אַ פֿאַראַכטונגס־שמייכעלע. די דאָזיקע ענדערונג אין פּנים אין דער איינזאַמקייט האָט גערעדט לטובת דעם לאָרד: שווינדלער, וואָס זיינען אינגאַנצן אַריין אין זייער ראָל, זיינען שוין צוגעוואוינט צו שפּילן אַפֿילו פֿאַר די ווענט. אין זיין נשמה איז, ווייזט אויס, נאָך פֿאָרגעקומען אַ קאַמף פֿון זיין געוויסן.

דאָס רעכענען האָט נישט געגעבן דעם געווינטשטן רעזולטאַט. פֿאַרמאַכנדיק דאָס נאָטיץ־ביכל, האָט דער לאָרד הויך אויסגערופֿן צו זיך, אפֿשר צוליב פֿאָרזיכטיקייט — אויף ענגליש:

— צום טייוול! אויף רעפּרעזענטאַציע־צוועק איז עס די

װײניק!... דא האנדלט זיך װעגן דער קרױן און נישט װעגן א יאריד-מארק-סחורה!

בלוצלונג האט עפעס א סקריפ געטון אין אלטן מעבל. דער לארד האט אויפגעציטערט. ער איז אבערגלויבעריש. דורך דעם אפענעם פענצטער איז ארײנגעדרונגען דאס געריוש פון װינט. עס האט זיך אים געדאכט, אז דאס איז קאספערס קול. ער האט זיך באהערשט, גענומען פון דער שאנק רוסאס א טראקטאט און זיך געמאכט, װי ער איז פארטיפט אין לײענען.

און דאר, װען קאספער איז ארײנגעלאפן אין צימער, האט דעם לארד װידער פארלאזט די זיכערקײט. א װאלקן פון דאגות האט אים פארדעקט דעם שטערן. דער קלאנג פון זיסן קול פון יונגל, װאס איז באאומרואיקט געװארן צוליב דער ענדערונג אין זײן פרײנדס פנים, האט אים צוריקגעקערט דאס לשון. ער האט לײכט געפינען אן אויסרײד פארן מרויער: די גויטװענדיקײט פון אפפארן און צעשײדן זיך.

דעם יונגלס ערלעכע בליקן האבן אפגענומען דעם בײזן װילן פון דעם דאזיקן מענטש און ער האט געמוזט אװעקנעמען פון אים די אויגן, כדי צו געפינען דעם פריערדיקן כח צו שפינען זײנע פלענער. דאס איז געװען די שטענדיק-קאליע-געװארענע און שטענדיק-װידער-פארבעסערטע ארבעט פון א פענעלאפ.

קאספער איז שרעקלעך בלײך געװארן דערהערנדיק, אז דער לארד פארט אװעק. עס האבן נישט געהאלפן די דערקלערונגען, אז דאס אפפארן איז פאר זײן, קאספערס, טובה װעגן. ער איז דעם פרײנט ארומגענומען און מיט טרערן געבעטן:

— הײנריך! זאג אפ דעם לאקאי און נעם מיך אויף זײן ארט. װאס װעל איך דא טון אן דיר!

דער לארד האט זיך לאנגזאם באפרײט פון זײן ארומארמונג. ער האט געמוזט באנוצן זײנע אלע פעאיקײטן, כדי צו בארואיקן קאספערן:

— שעם דיך, קאספער! זײן געפאלן? גלויב אין דער גוטסקײט און אין דער חכמה פון גאט, דעם באשעפער פון דער הארמאניע פון װעלטן, אז ער האט אונז נישט געמאכט צעגויטרעפן.

כדי מיר זאָלן זיך אויף אייביק צעשיידן. עס וועלן אפֿשר פֿאַרביי־גיין שעהן און לאַנגע וואָכן — זײַ אָבער זיכער, אַז עס וועט דערפֿילט ווערן דאָס, וואָס איז דער ציל פֿון אונזער צענויפֿטרעפֿונג. עס זענען דאָס אַזעלכע. וואָס וואַרטן ביז צום טויט אויף רחמים. לערן דיך האָבן געדולד. זיין פֿון פֿירשטן ווייניגן נישט!

אפֿשר האָבן די לעצטע ווערטער געמאַכט, אַז קאַספּער האָט זיך מיט איינמאָל שטאָלץ אויסגעגלייכט, זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט און רואיק. די טרוימערישע אויגן זענען געווען געווענדעט צום שטערן, וועלכן ער האָט אים דורכן פֿענצטער געוויזן מיט אַ פֿינגער. סטאַנהאָפּ, אַלס צייכן פֿון זייער שטענדיקער פֿריינט־שאַפֿט און זיכערן צוריקקומען.

זיי האָבן זיך געזעגנט. אַוועקגייענדיק האָט דער לאָרד דערלאַנגט דעם יונגל אַ קליינע ביטל, פֿול מיט גאָלדענע מטבעות.

— טו דערמיט, וואָס דו ווילסט, און רעכן דיך נישט מיט קיינעם.

דאָס איז געווען אַן אומפֿאָרזיכטיקייט... און אפֿשר אַ ביטערע אויסרעכנונג. אַ דאַנק דעם איז געקומען צו שאַרפֿע סכסוכים צווישן קאַספּערן און זיין דערציער. טוכער, טרעפֿנדיק אים מיט אַזאַ היפּשער סומע געלד, האָט געפֿאָדערט דעם ביטל אים אַוועק־צוגעבן. קאַספּער האָט ערשט געפֿאָלגט נאָכדעם, ווי מען האָט אים געדראָט אָנצוווענדן געוואַלד. דער דערציער האָט דערביי אויסגערופֿן:

— אויב דו וועסט נישט פֿאָלגן, וועל איך דיך אַרויסוואַרפֿן פֿון הויז, און אַלע וועלן זיך דערוויסן, וואָס פֿאַר אַ... הולטיי דו ביזט!

— אַך, ווען דער גראַף וואָלט דאָס געהערט! — האָט מיט ביטערניש געענטפֿערט דאָס יונגל, וועלכן עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט לאָרדס סטאַנהאָפּס אָפּפֿאָרן האָט ער פֿאַרלוירן אַ גרויסן מליץ־יושר.

— אומדאַנקבאַרער! אויך קעגן אים האָסטו געזינדיקט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך באַמת צו ווירקן אויף דיר, דו זאָלסט פֿאָלגן מיך, דיין וואויל־טוער, אָבער דו הערסט אים אויך

ניש גענעבן — האט קאספער ארויסגעפּלאצט.

— דער לארד סטאנהאפּ האט מיר קײנמאל אזעלכע עצות ניש געגעבן — האט קאספער ארויסגעפּלאצט.

ער האט ניש געזאגט, אז ער האט אים געגעבן פאַרקערטע עצות.

— דו, ליגנער... ליגנער!...

באראן טוכערן האט זיך געדאכט, אז אלע זײנע פּרינציפּן לײדן א מפּלה בײ דער דאזיקער שטײנערנער וואנט. ער האט באשלאסן זיך אפּצוזאגן צו זײן קאספּערס דערציער. דאס אויספירן דעם באשלוס האט ער אפּגעלײגט ביז דער לארד וועט צוריקקומען. כדי ניש צו ווערן אויפגערעגט, געפינענדיק זיך מיט דעם עקשן, איז ער ארויסגעפארן אויפן דארף, וואו עס האט זיך געפונען זײן פאמיליע. קאספּערן, וועלכער איז געבליבן אין דער הײם, האט ער באפוילן פלײסיק צו ארבעטן איבער זיך און אים איבערגעלאזט פון זײן געלט פיר טאלער אויף קלײנע אויסגאבן. אוועקפארנדיק, האט ער אים איבערגעלאזט אונטער דער אויפזיכט פון דער דינערשאפט און פון דער פּאליציי.

אין דעם שווײגנדיקן הויז און אויף די זומער־פּארלאזענע גאסן האט דאס יונגל זיך געגערט פון זײן טרויעריקער אײנזאמקײט. ער האט קײנעם ניש אויפגענומען. ער האט פארשלאסן די טיר פאר נײגעריקע. אין אוונט האט ער געשריבן אין אלבום, וואס איז געווען זײן פארטרויאונגס־בוך. ער האט אין אלבום געפירט אזא מין שמועס מיטן גראף. ער האט שריפטלעך געמאכט אײדעלע אנצוהערענישן, וועלכע ער האט לויט דער שבועה ניש געטארט דערמאנען. שטענדיק האט ער, ניש פארשטײענדיק דאס לעבן, פארפולט די אלבום־בלעטלעך מיט זײנע חלומות, וועלכע זענען געווען פאר אים די גרעסטע ווירקלעכקײט. ער האט באשריבן עפּעס א פארכשופטן פּאלאץ. וועלכן ער האט פארלוירן אלס קינד. עס איז געווען א רײד וועגן די שטערן, וואס האבן זיך באוויזן נאכן זון־אונטערגאנג, ווי א אנזאג אויף האפנונג... ער האט אויסגעשטראכן די טעג אין קאלענדאר, ווארטנדיק מיט בענקשאפט אויפן גראפס צוריקקער.

אָנהויב סעפּטעמבער איז אָנגעקומען די ערשטע ידיעה פון לאָרד סטאַנהאָפּ. ער האָט קורץ מיטגעטיילט, אַז ער קומט צוריק. קאַספּערס האַרץ האָט פון דאן אָן גענומען שלאָגן אויפן יעדער רעדער־געריוש אויף דער גאַס. ער איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ משוגענער, הערנדיק קלינגען דעם גלאָק אין טויער.

ענדלעך איז דער דערוואַרטעטער פּרינץ געקומען. ער האָט קאַספּערן האַרציקער באַגריסט, ווי שטענדיק. ער האָט אים דערמאָנט מיט באַדויערן, אַז ער זעט שלעכט אויס. ער האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט, הערנדיק וועגן די סכסוכים מיטן דערציער.

— נאַרישקייטן! זאָג מיר בעסער, צי דו האָסט געטראַכט פון מיר, קאַספּער!

— שטענדיק. איך האָב אַפילו צו דיר געשריבן, היינטיקן

— ווי אַזוי? דו האָסט דאָך נישט געהאַט מיין אַדרעס.

— איך האָב געשריבן אין אַלבום.

— ווייז!

— איך קען נישט.

— אַ סוד?

— יאָ, אַ סוד — האָט קאַספּער פייערלעך געענטפערט.

— איך האָב נישט די דרייסטקייט צו דערווייסן זיך דעם סוד.

סטאַנהאָפּ איז, ווי פריער, איינגעשטאַנען אין האָטל „אונטערן ווילדן מענטש". דאָס איצטיקע מאָל האָט ער אַלע נאָך מער איבערראַשט מיט לוקסוס. ער האָט מיטגעבראַכט אַ גרויסע מחנה דינער. ער האָט געהאַט אַן אייגענע קאַרעטע מיט אַ הערב, איינגעשפּאַנט אין ראַסע־פערד. ער האָט געמאַכט בעלער, אויף וועלכע שאַמפּאַניער האָט זיך געגאָסן אָן אַ מאָס. אין מאַגיסטראַט האָט ער ווי אָן אינטערעס געוויזן אַקרעדיטיוון אויפן באַנקהויז פון שמעון מערקל און אויף גרויסע באַנקן פון פראַנקפורט און קאַרלסרוהע. זיי האָבן דערגרייכט אין די ריזיקע סומען.

נישט געקוקט דערויף האָבן די שטאָט־ראַטמענער, זייענדיק זיך מתוכח וועגן אַראָפּטרוגנס־ענין, זיך געפרעגט:

פֿאַרוואָס וויל דער דאָזיקער מענטש דוקא מאַכן פֿאַר אַ זון קאַספּער הויזערן, וועלכער געפֿינט זיך דאָ אונטער דער אַפּוטרופּסות פֿון דער שטאָט נאָרימבערג?

דער בירגערמייסטער האָט, ענטפֿערנדיק, אַקצענטירט דאָס וואָרט אין דעם לאָרדס בקשה:

— קאַספּערס שטאַרקע צוגעבונדנקייט און דאַנקבאַרקייט צו מיר האָט אין מײַן האַרצן אויפֿגעוועקט וואַרעמע פֿאָטערלעכע געפֿילן.

— מען דאַרף פֿרעגן קאַספּערן אַליין! — האָבן אַלע איינשטימיק געטענהט.

דער אַרויסגערופֿענער האָט דערקלערט:

— איך וועל גיין מיט לאָרד סטאַנהאָפּ אַפֿילו אין עק וועלט!

און דאָך האָט מען געפֿונען אַ סך פֿאָרמעלע סיבות אָפּצושלעפּן דעם באַשלוס אין דעם ענין. אַ סך האָבן געטענהט, אַז דער גראַף איז צופֿיל פֿאַרליבט אין קאַספּערן און אַנדערע האָבן אָנגעוויזן, אַז זײַן פֿאַרשווענדערישקייט וועט האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף דעם יונגל... צום סוף האָט עמיצער געבראַכט אַ ידיעה פֿון באַנקיר מערקל, אַז דעם לאָרדס אַקרעדיטיוון זענען פֿיקטיווע, ווײַל די רעכט זיך צו באַנוצן מיט זיי זענען באַגרענעצט ביז אַ געוויסער סומע.

דערווײַל איז באַראָן טוכער צוריקגעקומען פֿון דאָרף. ער האָט געשיקט צו לאָרד סטאַנהאָפּ אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אים געשטעלט דעם אַלטערנאַטיוו: אָדער ער זאָל דאָס יונגל באַלד צו זיך צונעמען, באַפֿרײַענדיק זײַן ביז־איצטיקן דערציִער פֿון יעדער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָדער ער זאָל אײַנליגן אַ יערלעכע פּענסיע פֿאַר די קאָסטן פֿון זײַן דערציִונג, אָפּזאָגנדיק זיך צו האָבן וועלכע עס איז ווירקונג אויף דער דערציִונגס־מעטאָדע, מכּח וועלכער ער וועט באַקומען רעגולערע מיטטיילונגען פֿון באַראָן טוכער. די דאָזיקע פֿאָדערונג איז בעגרינדעט געוואָרן מיט באַזונדערע מאָטיוון, וועלכע האָבן אַזוי געקלונגען:

„וואָס העכער איך שעץ אײַער איידעלע אומאײַגנוציקייט און די גוטסקייט לגבי קאַספּערן, וועלכע איז ווערט אויפֿן העכסטן

אופֿן געאַכטעט צו װערן, אַלץ מער פֿיל איך פֿאַר מײן חוב אויפֿריכטיק אַרויסצורעדן זיך און בעטן דיר, הויכער מאַן, אַז די זאָלסט צוגײן דײן אויער צו מײנע אמתדיקע אָנװײזונגען. לײדער! קאַספּער איז ניט אַזעלכער, װי עס האַלט אים דײן אײדל האַרץ, װאָס האָט אים, דערקענענדיק אים פֿונדערװײטנס, געשטעלט אויף אײן הויך. קומענדיק צו אים נענטער בין איך מיט בױפּערקײט דערגאַנגען, אַז, ניט געקוקט אויף די גרויסע באַגאַבונגען, מיט װעלכע ער איז באַשאָנקען געװאָרן פֿון דער נאַטור, ער איז אָנגעשטעקט מיטל דעם אונהײלבאַרן סם פֿון פֿוסטקײט. איך בין װײט צו גלויבן, אַז איר זענט מיט עפּעס באַװאוסטזיניק שולדיק אין דער פֿאַרגרעסערונג פֿון דעם דאָזיקן חסרון, אָבער איך מוז דער גאַנצער אָפֿנקײט דערקלערן, אַז זײט דער רגע, װי ער האָט זיך באַקענט מיט אײך, דער אײדלסטער פֿון די מענער, איז דער דאָס ביז-איצטיקע נישקשהדיקע יונגל פּשוט געװאָרן אומדערטרעגלעך!“

דער דאָזיגער בריװ, װאָס איז געשריבן געװען אין אַ לויב-טאָן, און האָט געדראַפּט געפֿעלן װערן דעם אַדרעסאַט, האָט דעם לאָרד סטאַנהאָפּ שטאַרק אויפֿגעבראַכט, „אָדער, אפֿשר האָט ער זיך געמאַכט, אַז ער איז באַלײדיקט. ער האָט גלײך אַרײנגעטראָגן אַ בקשה אין העכסטן געריכט אין אַנסבאַך, אַז ער איז „גרײט צו פֿאַרזיכערן קאַספּערן דאָס גאַנצע לעבן, און ער קען אפֿילו אײנלײגן אַ גרויסע סומע געלט, װאָס די שטאָט װעט באַקומען, ניט צוריקצוגעבן, אין פֿאַל פֿון קאַספּערס טויט „נאָר ער בעט, אַז דער ענין פֿון אַריבערטראָגן קאַספּערן אין נײַע באַדינגונגען זאָל אומגעזױמט דערלײדיקט װערן דורכן געריכט, װײל ער האָט װעגן דעם ניט ברעה צו פֿאַרשטענדיקן זיך מיט'ן באַראָן טוכער“.

באַראָן טוכער, װעמען דער מלוכה-ראַט האָפֿמאַן האָט מיטגעטײלט מכּח דער דאָזיקער אָנקלאָגע, האָט זיך שיער ניט די האָר אויסגעריסן פֿון קאָפּ. אַלס באַװײז פֿון זײן אומפּאַרטײאישקײט האָט ער אָבער איז אַ בריװ געגעבן אַ גוטע מײנונג װעגן לאָרד סטאַנהאָפּ, װערנדיק דורכן געריכט אָנגעפֿרעגט װעגן ענג-

לענדער; ער האָט בלויז צוגעגעבן אַ קלײניקײט: „דער לאָרד האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פֿון קאַספּערס שלעכטע אינסטינקטן". צום סוף האָט ער באַטאָנט, אַז צו יעדער צײַט איז ער גרייט אָפּצוזאָגן זיך פֿון דער דערציִונגס־מיניסטע, וואָס האָט אים געבראַכט בלויז אַנטוישונג, זאָרגן און צרות. ער מיינט, אַז מען דאַרף זיך ניט אַנטקעגנשטעלן סטאַנהאָפּס פֿאַרלאַנג צו אַדאָפּטירן הויזער, אויב ער וועט דעם יונגל ווי געהעריק פֿאַרזיכערן, „וואָס ווײַזט דעם שרײַבנדיקן ניט אויס צו זײַן וואַרשײַנלעך, ווײַל די באַווײַזן וועגן דעם פֿאַרמעגן זאָגן ניט, אַז ער זאָל עס קענען טון, הויפּטזעכלעך דערפֿאַר, ווײַל דאָס פֿאַרמעגן ליגט אין פּאַפּירן, וואָס קענען בײַ דעם איצטיקן וואַקלענדיקן קורס פֿאַלן".

די זאַך איז אַריבער אין צווייטע אינסטאַנצן. סטאַנהאָפּ האָט זיך אײַנגעשפּאַרט. ער האָט באַזײַגט אַלע פּליאַטקעס, בלבולים, בויך־סברות. ער איז שוין געווען נאָנט צו דערגרייכן זײַן ציל, ווי דער ענין איז אַרויף אויף אַ טויטן פּונקט. נאָך אַ קוראַציע, וואָס האָט געדויערט עטלעכע חדשים, איז פֿון קאַרלסבאַד צוריקגעקומען דער פּרעזעס פֿײַערבאַך, און האָט אין אַ בריוו צום נאַרומבערגער בירגערמײַסטער געלייגט אַ שריפֿטלעכן וועטאָ קעגן אַנטשיידן דעם ענין, אײדער ער וועט אַליין ניט אונטערזוכן די דאָקומענטן.

ווערנדיק אינפֿאָרמירט וועגן דער נײַער אָפּשלעפּעניש, האָט לאָרד סטאַנהאָפּ פּשוט באַקומען אַן אויפֿרעגונגס־אַטאַק, צערײַסנדיק דעם בריוו פֿון בירגערמײַסטער. ער האָט זיך גראָד ראַזירט, ווען ער האָט דעם בריוו דערהאַלטן. ער האָט זיך אַ ריס געטון פֿון אָרט און מיט אַ פּנים פֿול מיט זײַף־שוים געלאָפֿן איבערן צימער, ברומענדיק עפּעס צו זיך. דער פֿריזיר האָט מיט צרות געענדיקט זײַן אַרבעט. ער האָט שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע ווילדע אויגן, ווי בײַ דעם דאָזיקן עלעגאַנטן לאָרד, וואָס האָט זיך אין יענעם מאָמענט אַזוי געענדערט".

קען זײַן ווײַל האָט דער לאָרד באַוויזן די מדרגה פֿון זײַן

צאַרן. ער האָט זיך צושפּעט דערמאָנט, אַז ער האָט זיך פֿאַרגעסן. נאָך מיט אַ ציטערנדיקער האַנט פֿון צאָרן האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער. ער האָט פֿאַרחתמעט דעם בריוו און אים אָפּגעגעבן זײַן קוריער מיט אַ באַפֿעל, אַז ער זאָל אים, וואָס עס זאָל אים נישט קאָסטן, צושטעלן דעם אַדרעסאַט העכסטנס ביז 48 שעה. דער שליח האָט דעם בריוו גענומען אין האַנט. אין אַ ווײַל אַרום איז ער אויף זײַן פֿערד פֿאַרשווּנדן אין אַ וואָלקנשטויב, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן אויפֿן הויף. דער קוריער האָט געוווּסט, וואָס עס הייסט אַ באַפֿעל פֿון זײַן הער. אין דער דראָענדיקער מינע פֿון לאָרד האָט ער געלייענט די וויכטיקייט פֿון בריוו. ער האָט געוווּסט צו האַלטן די צונג אונטער די ציין, ווען מען האָט זיך באַמיט דורך אים אויסצופֿאָרשן זײַן ברויט־געבער. ער האָט בלויז געטראָפֿן — און דאָס, ווײַל מען האָט אים נאָך נישט געהאַט אויסגעצאָלט די חודשלעכע שכירות — אַז עס האַנדלט זיך וועגן סומען, וואָס האָבן געדאַרפֿט אָנקומען פֿון פֿראַנקרײַך אין ענגלאַנד, און זענען נישט אָנגעקומען.

פֿון וואו האָבן זיך געצויגן די פֿעדים פֿון דער אינטריגע, וואָס האָבן דעם מיטגליד פֿון אַן אַריסטאָקראַטישן שטאַם אין ענגלאַנד, וועלכער האָט געטראָגן איינעם פֿון די שענסטע נעמען, צענויפֿגעבונדן מיט דער נעבעכדיקער נאָרימבערגער קרעטשמע, וואו דער באַלעבאָס אירער האָט יעדן טאָג געוואַרט, מען זאָל אים באַצאָלן דעם חוב?

עס איז געווען אַ צײַט, ווען דער יונגער לאָרד סטאַנהאָפּ האָט אַרויסגערופֿן באַוווּנדערונג אין די פּאַריזער און ווינער סאַלאָנען. וועגן זײַן פֿאַרשווענדערישקייט זענען אומגעגאַנגען לעגענדעס. זײַנע הוליאַנקעס האָבן פֿאַרטונקלט דעם רום פֿון אַקולוסן. ער האָט געוואַנדערט איבער אייראָפּע מיט אַ שטאַב קאַמערדינער, קוכערס, אַקטיאָרן און האַנדווערקער. ער האָט אַוועקגעגעבן אַ פֿאַרמעגן אויף בלומען פֿאַר פֿרויען. בעת ווינער קאָנגרעס האָט ער אויפֿגענומען קעניגן, אײַנגעאָרדנט געיעגן און פֿאַר זײַנע געסט געמאַכט אַ ספּעציעלע אָפּערע. מיט פּערל און בריליאַנטן

האָט ער פֿאַרשײַט זײַנע געליבטע. ער האָט געשמט אַלס מאָ=
דערנער טומאָן. מען האָט גערימט זײַן גוטסקײַט, ווײַל ער האָט
געשיט גאָלד אַזוי ווי אויף טעפּיכן — אַזוי אויף דער גאַס...

דערנאָך איז געקומען די ירידה. אויף אַן אָוונט איז פֿאַלײַע
פֿון די בורבאָנען איז לאָרד קעסטלרידזש צוגעקומען צו אים און
אים געזאָגט אויפֿן אויער, אַז זײַן באַנקיר איז באַגאַנגען זעלבסט=
מאָרד. די סיבה איז געווען אַ באַנקראָט. סטאַנהאָפּ האָט מיט
אַ שמייכל פֿאַרבאָרגן זײַן צעמישטקײַט. די בלייכקײַט האָט אָבער
אויסגעזאָגט, וואָס איז דער נשמה טוט זיך. זײַנע קאַפּיטאַלן
זענען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. די בעלי=חובות האָבן אויסגעשטרעקט די
הענט. די פֿאַרקויפֿטע ערד=גיטער האָבן נישט געדעקט די קאָלאָ=
סאַלע חובות. עס איז געקומען די רואינע, און מיט דער רואינע—
אײַנזאַמקײַט. ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם פֿאַר=
לוסט פֿון רײַכטום, גלאַנץ און לוקסוס. אין עפּעס אַ האָטעל אין
רוים האָט ער אײַנגענומען סטרייכנין. מען האָט אים געראַטעוועט,
אָבער דער סם האָט, ווײַזט אויס, זיך אַרײַנגעקריגן אין זײַן נשמה.

עפּעס אַ דעמאָן האָט אים געטריבן אין געיעג נאָך גאָלד
אַלץ נידעריקער און נידעריקער. ער איז געוואָרן מעטערניכס אַ=
אַגענט. ער האָט געדינט די יעזואיטן און געשפּילט אין דער גע=
זעלשאַפֿט די ראָל פֿון אַ פּיראַט, פֿאַר וועלכן מען האָט זיך גע=
שראָקן. אומגעוויינטלעכע טאַלענטן האָבן אים דערלויבט אונטער=
צונעמען פֿאַרשידענע אַוואַנטוריסטישע און ריזיקאַלישע געשעפֿטן.
פֿאַראַכטעט אין די הויכע ספֿערן, איז ער נאָך אַרומגערינגלט גע=
ווען מיט כבוד אין די נידריקע קרייזן. ער איז געוואָרן אַ געניטער
נשמה=פֿאַנגער און פֿאַרלוירן די אויפֿריכטיקײַט פֿון זײַן נאַטור.
זײַן צוציענדיקער שמייכל, זײַן גרינטלעכע בילדונג — דאָס אַלץ
איז איצט געוואָרן מלאכה. יעדע באַוועגונג איז פֿאַראויס געווען
באַצאָלט! — ער האָט געהאַט אַ פּרייז בײַ די אַפּגעמער. יעדע
נײַע אונטערנעמונג איז געווען אַ רינג אין דער קייט, וואָס האָט
אים אָן רחמנות געשלעפּט אין אָפּגרונד פֿון שאַנד!

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אין זײַנע הענט איבערגעגעבן
קאַספּערס ענין. עס איז געווען אַ שווערער ענין. אין פּלוג

פּלוּמרשט אַ קליינוּקייט, אָבער איז דער אמתן האָט זי געהאַט אַ ריזיקן פּאַרנעם. ער איז אַרײַנגעקראָכן אין אַ וועלט פון סודות. די גאַנצע זאַך איז אָנגעפירט געוואָרן אונטער די קוליסן און נאָמען פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן באַפעלס-געבער. דאָס, וואָס מען האָט גראָד אים אויסגעקליבן, האָט געריצט זיין אַמביציע און צעשפּילט זיין פאַנטאַזיע און געגעבן די רעכט אויסצואַרבעטן פּלענער. ער איז געוואָרן אײַנגעשלינגען אין געיעג אויף דער ריזיקער סומע שכר טירחא, וואָס ער דאַרף קריגן.

„עס איז דאָ אַ געפינען יונגל, וואָס די מוזט אַרויסרייסן פון אַן אייפּערזיכטיקער סביבה!“ — אַזוי האָט געקלינגען דער באַפעל. דאָס איז געווען זיין שליחות — „נעם אים צו, וואוהין דו ווילסט. זאָל ער פאַרשווינדן אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווען גאָר טירלער און פּשוט. קענסט אים אַרײַנוואַרפן אין ים אַרײַן, הײַסן אַ געדונגענעם באַנדיט אַרײַנזעצן אים אַ שטילעט, אָדער אים פאַרסמען, נאָר די שפּורן זײַנע ווישן אָפּ! טו עס געניט און אויסגערעכנט. אונדזער דאַנקבאַרקייט און די סומע, וואָס איז אײַנגעלייגט ביי ישראל בלווישטיין און ק.“

אין זײַנע אויגן האָט אַרײַנגעקוקט דער דלות — האָט ער געדאַרפט אָפּזאָגן די שמייכלען פון גליק? איבעריקנס, צווייפלען שמעקט מיט געפאַר. ער איז שוין צופיל באַקאַנט געווען מיטן ענין, אַז אָפּזאָגן זיך זאָל ניט דראָען מיט געפאַר. ער איז טאַקע אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער זאַך אין מאָמענט, ווען מען האָט קאַספּערן געוואָלט אָפּרוימען פון דער וועלט מיט אַ געמיינעם מעסער-אַטענטאַט. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער אָרדינגער-קייט פון די מיטלען, וואָס זײַנע באַפעלס-געבער ווענדן אָן. ער איז אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אויף אַ געוויסער צייט... עס האָט געדראָט הונגער, איז ער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, האָט אָנגענומען די אויפגאַבע און... אויף אַזאַ אופן איז ער אַרויף אויף דער אַרענע אַלס „שליח פון אַ ווייט לאַנד“.

אָבער ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט קאַספּערן איז ער אַנטטוישט געוואָרן! אַזעלכע ריינע אויגן! אַזאַ האַרציק קול! דער דאָזיקער פויגל זינגט — ווען דעם האָט דער יעגער פריער ניש

געטראכט. ווי אזוי ער זינגט? ער זינגט וועגן פרײנטשאפט!... מיטאײנמאל האט סטאנהאפ זיך געפילט, אז ער איז געליבט. געליבט אזוי שטארק, ווי נישט דורך קײן געליבטער, שוועסטער, עלטערן, אדער קינדער. דאס איז געווען עפעס מער... אין יעדער פון יענעם מין געליבט־זײן איז פאראן עפעס פון פליכט, פון זינלעכקײט; דא איז געווען וואונדער פון רײנקײט און אומבאגרענעצטן גלויבן.

עס איז פאראן א לעגענדע וועגן א שטאט, וואס איז געווארן א מדבר, און וועלכער עס איז פארבליבן בלויז אײן טיפער קוואל... בלויז אײן יונגל האט געוואוסט דעם סוד, ווי נאר ארויסצוקריגן פון קוואל וואסער. ער האט געשפילט אויף א ציטער און דאס וואסער האט זיך צום טאקט פון זײן מעלאדיע אויפגעהויבן אין דער הויך. דעם לאָרדס נשמה איז געווען א מדבר, דער קוואל האט זיך אין אים אויפגעהויבן אונטער דער מעלאדיע פון קאספערס קול. אונטער זײן בליק האט די נידערטרעכטיקײט ווידער אנגעהויבן צו פילן, וואס עס הײסט שאנד. דער לאָרד האט זיך דערמאנט אן זײן רײנער, אומבאפלעקטער נשמה פון די יונגע יאָרן, ער האט די נשמה געזען אין בילד פון יונגל, וואס האט אים פארגעטערט.

ער איז געווען געבונדן דורך א פארברעכערישן אפמאך; יעדע שעה, וואס ער האט פארברענגט מיט קאספערן, איז געווען פריעראוים באצאָלט!... עס איז פארגעקומען אין אים א קאמף. עס האט אין אים אויפגעבליצט דער געדאנק צו אנטלויפן מיט דעם דאזיקן יונגל און באהאלטן זיך מיט אים. אבער וואו וועט ער געפינען אן ארט, וואו די שפיאָנען פון די געהײמנישפולע נקמה־נעמער וועלן צו זײ נישט דערגרײכן? וואו איז פאראן א ווינקל, וואו זײערע געקויפטע אגענטן וועלן צו זײ נישט אנקומען?... ער האט פאראכטן זײנע באפעלס־געבער, דערצײלנדיק קאספערן וועגן זײן טראָן, מאָלנדיק אים בילדער פון זײן גרויסער צוקונפט... אויף אזא אופן איז ער באגאנגען א טאפלטן פארראט!

ווען ער האט זיך צעשײדט מיט קאספערן, איז דער כשוף אוועק. עס האט ווידער גענומען רעדן דאס קאלטע געלט, וואס

האָט געהײַסן פֿלײַסיק היטן דעם גוט־באַצאָלטן ענין. פֿונדערווײַטנס האָבן זיך אין די בריוולעך צו קאַספּערן אַרויסגעריסן אַזעלכע ווערטער:

„ווען דו וואָלסט ליב־געקריגן אַ פֿרוי אַזוי, ווי דו האָסט מיך ליב, וואָלסטו געווען פֿאַרלוירן!" אָדער:

„ווען איך האָב דיך געפֿינען, איז מײַן נשמה, פֿאַרלירנדיק דעם גלויבן אין גאָט, שוין געווען טויט. דו ביזט געווען דער גלאָק, וואָס האָט מיך אויפֿגעוועקט צו דער אײַביקייט."

דאָס זענען געווען ווערטער געשריבן אין דעם דאַמאָלסט מאָדערנעם פּאָעטישן סטיל, אָבער זיי זענען געווען אמתע און איבערגעגעבן די טיפֿע אויפֿטרייסלונג פֿון זײַן געוויסן.

אין אַזאַ גײַסטיקן צושטאַנד איז ער צופֿרידן געווען, וואָס די זאַך פֿאַרשלעפּט זיך. ער האָט זי אַליין געהאַמעוועט, אָנשטעלנדיק, אַז ער אײַלט זי אונטער, כּדי נישט צו ווערן אויפֿפֿאַלנדיק די, וועלכע ער האָט געדינט. און דאָך האָט ער געוווּסט, אַז ער מוז זײַן אָנגעהויבן ווערק דערפֿירן ביז צום סוף, און ער האָט אין דעיון זיך פֿאַרטיידיקט מיט דעם סאָפֿיזם, אַז עס הענגט איבער אים אַ פֿאַטום, שטאַרקער פֿון ליבע און מיטגעפֿיל.

אין אַ געוויסן טאָג פֿון סוף נאָוועמבער האָט ער פֿאַרבעטן צו זיך קאַספּערן און אַליין איז ער דורך אַ זײַטיקן וועג אַוועק צו טובערס הויז, ווייסנדיק, אַז דער לעצטער געפֿינט זיך שטענדיק אין דער דאָזיקער צײַט אויף אַ ראַט־זיצונג. געפֿינענדיק זיך אין זײַן צימער, האָט ער געזאָגט דער דינערשאַפֿט, אַז ער האָט בדעה צו וואַרטן ביז דאָס יונגל וועט צוריקקומען. ער האָט אויסגענוצט דאָס געפֿינען זיך אַליין, כּדי צו נישטערן אין קאַספּערס ביכער און פּאַפּירן. ער האָט געזוכט אַ בריוו, וועלכן ער האָט אים געשיקט מיט אַ וואָך צוריק. ער האָט אים געוואָלט פֿאַרניכטן, ווײַל ער האָט געשריבן אַזויגס, וואָס האָט אים געקאָנט קאָמפּראָמיטירן אויפֿן העכסטן אופֿן אין די אויגן פֿון די, וואָס האָבן אים געדינגען. ער האָט בחנם געזוכט.

פּלוצלינג האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן טובער. ער האָט אַ קוק געטון אויף די אָפֿענע שופֿלאָדן, אויף די צעוואָרפֿענע פּאַ־

פירן און אויף דעם לאָרדס בלייכן פנים; אויפוועקנדיק זיך פון
איבערראַשונג האָט ער געברומט:
— וואָס איז דאָס? — דער גראַף טוט די אַרבעט פון אַ
שפּיאָן?
דער לאָרד האָט געענטפערט מיט שטאָלץ:
— אויף אַזאַ חשד ענטפערט מען מיט שווייגן!
אָבער ער איז געווען שטאַרק צעמישט. ער האָט נישט גע-
וואוסט, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון זיין אומבאַקוועמער לאַגע. דער
ראַט האָט אויף אים שאַרף געקוקט:
— איך פאַרשטיי גאָרנישט! — האָט ער געזאָגט.
פלוצלינג האָט לאָרד סטאַנהאָפּ אַרויסגענומען אַ טיכל און
עס צוגעלייגט צו די אויגן. ער האָט געוויינט... געוויינט מיט
אמתע טרערן:
— איך פאַרדין, מען זאָל האָבן אויף מיר מער רחמנות, ווי
איר מיינט, באַראָן.
דאָס איז געווען דער אמת. אָבער דאָס געוויין איז
אויך געווען נייטיק, כדי צו קענען צעזאַמלען די געדאַנקען.
— אַך, באַראָן! — האָט ער געזיפצט, ווי נאָך אַרויסצודרייען
זיך — איך בלאָנדזשע אין דער פינצטערניש... איך האָב אָנגע-
הויבן צו צווייפלען אין קאַספּערס אויפריכטיקייט... איר אַליין
האָט מיר אונטערגערוקט דעם חשד...
— אַהאַ! — האָט זיך טוכער דערפרייט.
— איך זוך... איך זוך זיכערע באַווייזן... זיין שריפטלעכע
זדוי.... — האָט דער לאָרד געזאָגט.
— אַך! אודאי דעם אַלבום? — האָט באַראָן טוכער שנעל
אַ זאָג-געטאָן.
— יאָ! יאָ! — האָט דער לאָרד צופרידן אָנגעכאַפּט דעם
אונטערגערוקטן חשד.
— איך ווייס דאָך אַליין נישט, וואו ער באַהאַלט אים. איך
ווייס בלויז, אַז ער האָט אויסגעשניטן פון אים דעם פּאָרטרעט
פון פרעזעס פייערבאַך, וואָס האָט אים דעם אַלבום געגעבן, און
אויף זיין אָרט אַרויפגעשטעלט איינער פּאָרטרעט

בײַ די דאָזיקע װערטער האָט ראַט טובֿער אַרױסגעצױגן פֿון אונטער דער טאָװל, װאָס האָט באַדעקט דעם מיטן פֿון טיש, פֿײַערבאַלס פּאָרטרעט און אים געװיזן דעם לאָרד סטאַנהאָפּ.

די דורכדרינגלעכע אױגן, װאָס האָבן געקוקט פֿון פּאָרטרעט, האָבן דערװעקט אַ פּחד אין דעם נידערטרעכטיקנס נשמה.

— דאָס איז דער באַרימטער מאַן! — האָט ער געברומט, — איך האָב אים טאַקע בדעה צו מאַכן אַ װיזיט אין אַנספּאַך, — האָט ער צוגעגעבן, באַהערשנדיק זיך באַלד.

— דער פּרעזעס װעט זײַן צופֿרידן צו באַקענען זיך מיט אײַער עקסעלענץ! — האָט טובֿער געזאָגט. — זײַט אַזױ גוט און גריסט אים אין מײַן נאָמען.

אין צװײ שעה אַרום איז דעם לאָרדס קאַרעטע געפֿלױגן אױף דעם שאָסע הינטער נאָרימבערג. אַרום האָבן זיך געצױגן אומעטיקע פֿעלדער און טריבע װעלדער, באַדעקט מיט אַ האַרבסטיקן נעפּל. דער גראַף, װאָס איז אין אַ װינקל געזעסן אײַנגעהילט אין אַ פּלעד, האָט אָבער נישט געזען די לאַנדשאַפֿט. זײַנע אױגן האָבן זינלאָז געבלאָנדזשעט. װען אַ קאַטאַרינקע האָט נעבן הײַזבראָן אָנגעהױבן צו שפּילן, האָט דער לאָרד זיך פֿאַרשטופּט די אױערן און אַ קרעכץ געטון. דאָס איז געװען אַן אינסטינקטיװע קללה אױף זײַן אײַנזאַמקײט, אױף זײַן לעבן. אָבער אין אַ װײַל אַרום איז ער װידער געזעסן אױסגעגלײַכט. זײַנע אױגן זענען געװען האַרט און געבלישטשעט מיט דעם קאַלטן גלאַנץ פֿון שטאָל און אױף די דינע ליפּן האָט זיך געשפּילט אַ טײַװלאָנישער שמײכל...

צווייטער טייל

אַ שמועס צווישן איינעם, וואָס פליגט פאַרמאַסקירט, און אַ צווייטן, וואָס ווייסט דעם פּנים

ווען דער לאָרד האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון האָטעל, אין וועלכן ער האָט באַשטעלט אַפּאַרטאַמענטן, האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ דרך-ארצדיקער מינע דער זשאַנדאַמעריע-אָפיציר הויקעל, ער האָט דערמאָנט, אַז ער האָט צופעליק געהאַט דעם כבוד צו זען דעם לאָרד אין הויז פון ראָטמיסטער וועסעניג און דערקלערט, אַז ער מעלדעט זיך צום דינסט פון זיין עקסעלענץ, וואָס געפינט זיך איצט אין אַן אומבאַקאַנטער שטאָט. אין די שאַרפע אויגן פון דער פאַררויטעלטן זשאַנדאַרם איז געלעגן אַזוי פיל גרייטקייט צום דינען, אַז דער לאָרד האָט אָנגענומען זיין פאָרשלאַג צו העלפן אים, אָבער נאָר אין אַ נויט-פאַל; גלייכצייטיק האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס שוין אין דער ערשטער מינוט שטעלט זיך אים עמיצער אין וועג: אפשר אַ געהילף און אפשר אַ שפּיאָן?...

נאָכמיטיק האָט ער געכאַפּט אַ שמועס מיטן האָטעל-אייגנטימער, וועלכער האָט זיך גענומען דערמאָנען, אַז גוט איז געווען אין די אַמאָליגע צייטן, ווען אין אַנסבאַך האָט זיך געפונען דער פירשטלעכער הויף, ווען מען האָט פריילעך געטאַנצט אַ מענועט אין פּאַלאַץ, וואָס איז אויסגעבויט אין ראָקאָקאָ-סטיל. זינט דעם מלחמה-שטורעם האָט אָפּגערוימט דעם הויף, איז דאָס שטעטל געוואָרן אַ „פּראָסטע נעסט פון שטשורעם“.

— איז וואָס, אַז עס איז איבערגעבליבן דער אַזוי שטאָלץ זיך רופנדיקער אַפּעלאַציע-סענאַט? דאָס איז אַ גרוב מיט טינט, אַ לאָך מיט פּאַראַגראַפן — גאָרנישט מער!

— געפינט זיך דער פּרעזעס פיַערבאַך אין דער שטאָט? — האָט דער לאָרד געפרעגט.

— ער איז דאָ, ער איז דאָ. בעסער וואָלט ער נישט געווען. דאָס איז אַ בּיטערע קאַץ, וואָס מישט זיך אין אַלעם אַריַין. זיַין עסק איז, צי די גאַסן זענען ריין, צי מילך ווערט נישט געמישט מיט וואַסער... אַ מענטש אָן סימן עלעגאַנץ... און וואָס פאַר אַ זולל וסובא!...

צומאָרגנס אינדערפרי האָט סטאַנהאָפּ געשיקט זיַין לאָקײַ צום פּרעזעס פיַערבאַך מיט אַ בּיטע וועגן אַן אוידיענץ. ער איז געוואָרן אויפגערעגט ביז גאָר, ווען דער לאָקײַ האָט געבראַכט אַ תּשובה, אַז דער פּרעזעס קאָן אים דערוויַיל נישט אויפנעמען, וויַיל ער איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, און מכּח אַ וויזיט אין די נאָענטסטע טעג דאַרף סטאַנהאָפּ אָפּגעבן אים אַ שריפטלעכן בּקשה מיטן צוועק פון דעם וויזיט.

ער איז גליַיך אַוועק נאָך אַן עצה צום ראַט האָפמאַן, צו וועלכן ער האָט געהאַט עמפּפעלונגס-בּריוו.

דערוויַיל האָט שוין אין שטעטל גענומען קורסירן אַ לעגענדע, אַז אין הויזערס ענין איז געקומען דעם ענגלישן קעניגס אַ קוזין, אַ גרויסער גביר, וואָס האָט אויפן וועג צעוואָרפן אַ זאַק מיט גאָלדענע מטבעות, און שלאָפט אויף שוואַנען-פוך און איז דער פאָטער פון נאָרימבערגער „געפינענעם". פון דער דאָזיקער פּלאַפּלעריַי איז דער לאָרד געווען צופרידן.

דער מלוכה-ראַט האָפמאַן און זיַין גאַסט, אַן אַרכיוו-דירעקטאָר, זענען נישט אימשטאַנד געווען צו דערקלערן דעם לאָרד די האַנדלונג פון זייער עלטסטן, וועמענס שווערע האַנט פּרעסט אויך זיי. אין אָוונט האָט דער לאָרד סטאַנהאָפּ געמאַכט אַ וויזיט אַ געוויסער משפּחה, וואָס האָט אים צוגעשיקט אַן איַינלאַדונג. מען האָט אַ סך גערעדט מכּח פיַערבאַכן. מען האָט דערציילט פריילעכע אַנעקדאָטן פון זיַין לעבן און אויסגעטיַיטשט מיט באַדויערן.

אַז דער גיט מיט זײַן פֿרוי. דאָס פֿאַרלירן צװײ קינדער, אײנזאַמקײט האָבן פֿון אים געמאַכט אַ „מאָדנעם" פֿאַרשױן און אַ מיזאַנטראָפּ. אַנדערע האָבן אים כאַראַקטעריזירט פֿאַר אַ פֿאַנאַטיקער, װאָס איז גרײט צו פֿירן צו דער שחיטה זײַנע אײגענע זין, — װי האָראַץ האָט עס געטון — פֿאַר אַ נוקם ונוטר, װאָס האָט נישט קײן קריסטלעכע געפֿילן.

— נישט לאַנג — האָט געשריבן אױפֿגערעגט אַן אַלטע דאַמע — האָט ער איבערגעשראָקן מיך און מײַן טאָכטער אין פּאַרק, װען מיר האָבן אָפּגעריסן אַ פּאָר נאַרישע עפּל. ער האָט געפּאָכעט מיטן שטעקן און געזאָגט: „דאָס איז אַ גנבה פֿון עפֿנטלעכן אײגנטום!"

— און דאָך, מאַמאַ, װען מיר האָבן די עפּל געװאָרפֿן אין ראָװ אַרײַן, האָט ער זיך נישט אײַנגעהאַלטן פֿון געלעכטער.

סטאַנהאָפּ האָט פֿאַרטײדיקט דעם פּרעזעס. ער האָט ציטירט זײַנע טרוקענע טראַקטאַטן מיט דער גענויקײט פֿון אַ יוריסט אַ קענער און אים געלױבט פֿאַר זײַן „גרױסע טאַט פֿון אָפּשאַפֿן שמיץ".

דער נאָמען פֿון לאָרד סטאַנהאָפּ האָט זיך געפֿונען אױף די מײַלער פֿון גאַנצן שטעטל אײַנװאױנער. מען האָט גערעדט פֿון אים, װי װעגן אַ העלד און קרבן פֿון רדיפֿות, װי װעגן אַ מוסטער פֿון עלעגאַנץ, אַ פֿרײדענקער און אַ מאָדע־מענטש. װיפֿיל סאַלאָנען עס זענען געװען אַזױ פֿיל פּנימער האָט ער באַקומען. דאָ איז ער געװען אַ קאַלטער, דאָרט — אַ לײַדנשאַפֿטלעכער, דאָ — אַ מעלאַנכאָליקער, דאָרט — אַ סימבאָל פֿון רפֿײלעכקײט, אַ געלערנטער, װאָס שפּילט אױף אָרגלען און אַ רעליגיעזן געשטימטער. ער האָט דערצײלט דער פֿרוי אומהאָף מיט שױדער, אַז ער האָט געזען זײַנס אַ לאַנדסמאַן, אַ פּופּר בעיקר, דורכן קראָמער װעזװו פֿליען מיט אַ גלײַכן װעג אין גהינום אַרײַן. אױף אַן אַנדער אָרט ער מיט אַ כשופֿדיקער איראָניע דעקלאַמירט בײַראָנס אַטעאיסטישע לידער!... לאָרד סטאַנהאָפּ האָט אױפֿגעשטורעמט די פּראָװינצער בלאָטע שװימנדיק אױף איר אין אַ גאָלדן שיפֿל.

אױפֿן פֿינפֿטן טאָג איז דער שליח צוריקגעקומען. ער האָט

געבּרענגט אַ פּראָלאָנגירטע פֿולמאַכט, אַ ראַהיזל (צו פֿרי אַרויסגעגעבן צו פֿאָרן קיין אַנסבאַך און פֿאָרזיכטיק זיך אומצוגיין מיט פֿ., נישט דערוועקן מיט עקשנות קיין פֿאַרדאַכט און אַן אָנווײַזונג, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן דעם אָריגינאַל, אָדער אַ קאָפּיע פֿון אַ געווינסן געפֿעפֿרלעכן מאַנוסקריפּט. דער בריוו איז לויט אַ באַפֿעל אין דעם שליחס אָנוועזנהייט פֿאַרברענט געוואָרן. סטאַנהאָפּ האָט באַקומען אַ באַדײַטנדיקע געלט-סומע אין מזומן. ער האָט אָפּגעאָטעמט.

צעמאָרגנס האָט דער גראַף געגעבן אין קאַסינאָ אַ באַל פֿאַר די אָנגעזעענסטע מענטשן פֿון דער שטאָט. די מאכלים זענען געמאַכט געוואָרן לויט ספּעציעלע פֿאָרשריפֿטן. דער אָרקעסטער האָט געפּרוווט אַ טאָג פֿאַרן באַל דער אַמיטריאָן אַליין. פֿאַרן טאַנץ האָט יעדע דאַמע באַקומען אַ בראָשע מיט אַן אויפֿשריפֿט עמאַלירט אין גאָלד: ד י ע ע ט ל ע ק ע ר. ווען דער גראַף האָט געהאַלטן דעם ערשטן טאָסט פֿאַר דעם וואונדערלעכן ווען, וואָס שטייט אונטער דעם דאָזיקן דעווויז (דיע טע לע קער), פֿאַר אַ יתום, וועגן וועלכן עס דאַרפֿן טראַכטן מוטערס, ברענגענדיק קינדער אויף דער וועלט, און מיידלעך, וואָס געבן זיך אַוועק דער ליבע, זענען אַלע גערירט געוואָרן ביז גאָר.

— אַ מאָדנער מענטש! — האָט מען געמורמלט.

ער אַליין האָט אויסגעוויזן צו זײַן גערעכט. ער איז אַרויס אויפֿן באַלקאָן. ער האָט זיך אײַנגעקוקט דעם המון, וואָס האָט זיך פֿאַרזאַמלט בײַ דער אַנטקעגנאיבערדיקער מויער און געוואָרפֿן די אויגן אויף די באַלויכטענע פֿענצטער און אויפֿגעכאַפּט די קלאַנגען פֿון דער מוזיק. פּלוצלונג האָט דער לאָרד דערזען דעם באַקאַנטן זשאַנדאַרמעריע-אָפֿיציר; אויף זײַן פּנים האָט ער דערזען אַ בייז געלעכטערל.

ער האָט באַקומען אַן אומאָנגענעם געפֿיל. אָבער ער האָט זיך באַהערשט. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און גערופֿן צו זיך דעם אָפֿיציר. געבנדיק די האַנט, האָט ער געזאָגט:

— אָפֿיציר היקל — אויב דער זכרון גענאַרט מיך נישט? איך בעט איר זאָלט מיר מוחל זײַן, וואָס ביז-איצט האָב איך

נאָך נישט באַווייזן אײַך צו באַזוכן. כאָטש איר האָט מיר אַ
בערגעלאָזט אײַער בילעט מיט דער אַדרעס.

— אַהאָ! איך האָב נישט קײן פּרעטענזיעס צוצורעכנען זיך
צו די אויבערשטע צען טויזנט! — האָט יענער געענטפֿערט מיט
אַ לײַכטן חוזק אין קול. — אָבער פֿאַרוואָס באַזוכט הײַנט נישט
אײַער עקסעלענץ דעם פּרעזעס פֿײַערבאַך, וואָס וועט שוין נישט
זיך אָפּזאָגן פֿון אײַערע וויזיטן מיט אַ האַרטער עקשנות?

סטאַנהאָפּ איז געוואָרן דערשטוינט.

— פֿון וואַנען ווייסט איר דערפֿון? — האָט ער געפֿרעגט.

— כאָטש איך בין אַ קלײן מענטשל, קען איך דאָך עפּעס
פֿועלן בײַם טריבונאַל־פּרעזעס. דאָס איז אַ מענטש מיט אַ הײסן
קאָפּ... איך האָב געקענט ענדערן זײַן מײנונג וועגן אײַך.

סטאַנהאָפּ האָט מיט אַן אויסגעקרומטער באַוועגונג פֿון מויל
אַרויסגעוויזן עקל אַזאַ נידריקער פּראָטעקציע. דער זשאַנדאַרם
האָט געצויגן די פּלײצעס מיט פֿאַראַכטונג:

— מילאָרד! איך ראָט אײַך נישט אַדורכצולאָזן די גע־
לעגנהײט זיך צו זען מיטן פּרעזעס מאָרגן, כּל זמן ער איז גוט
געשטימט. און וואָס שייך אַ דאָקומענט...

— וואָס פֿאַר אַ דאָקומענט? — האָט זיך דער לאָרד גע־
חאַפּט צוליב די אינפֿאָרמאַציעס, וואָס דער דאָזיקער מענטש
פֿאַרמאָגט.

— דער הער גראַף וועט מיך פֿאַרשטײן, אויב ער וועט מיר
געבן אַן אודיענץ פֿון אַ האַלבער שעה. דאָס, וואָס איך האָב אײַך
צו זאָגן, איז נישט אָן וויכטיקייט, אָבער איך מוז עס נישט דווקא
הײַנט דערצײלן. איך וועל זײַן גרייט אויף יעדן רוף.

דער איבערגעגעבנקײטס־טאָן, מיט וועלכן ער האָט אַרויס־
גערעדט די ווערטער, האָט זיך געגרענעצט מיט חוזק.

— איך וועל זיך ווענדן צו אײַך, — האָט דער לאָרד קאַלט
געזאָגט און אַוועק פֿון באַלקאָן.

דער אָפֿיציר איז אַוועק, אומטערפֿײַפֿנדיק. אין דעם דאָזיקן
פֿײַפֿן האָט געקלונגען חוזק.

געפֿינענדיק זיך אין סאַלאָן, האָט דער לאָרד דערקלערט, אַז

ער האָט בדעה מאָרגן צו מאַכן אַ וויזיט דעם פּרעזעס פֿייערבאַך און אויב ער וועט ווידער באַקומען אַ קאַפּריזנעם אָפּזאָג, וועט ער עס האַלטן פֿאַר אַ באַליידיקונג און מאָרגן וועט ער תּיכּף אָפּפֿאָרן.

— אָבער מילאָרד! האָט געזאָגט מאַדאַם אומקאָף, וואָס איז באַפֿריינדעט געווען מיטן פּרעזעס. — איך ווייס זיכער, אַז זיין עקסעלענץ האָט בדעה צו מאַכן אייך אַ וויזיט היינט און האָט „אונטערן שטערן“.

— אַזוי? איך ווייס נישט דערפֿון. איך בין צופֿרי אַרויסגעגאַנגען פֿון האָטעל.

צוריקקומענדיק פֿון קאַסינאָ האָט זיך דער לאָרד מיט צופֿרידנקייט דערוואוסט פֿון שווייצער, אַז פֿייערבאַך האָט אָפּגעגעבן זיין וויזיט-קאַרטע, נישט טרעפֿנדיק אים אין דער היים.

צעמאָרגנס מיטיק-צייט האָט זיך דעם גראַפֿס קאַרעטע אָפּגעשטעלט פֿאַרן פּרעזעסעס ווילע. גוט אָנגעטאָן, מיט אָרדערס אויף דער ברוסט און מיט אַ בריליאַנטענער שפּילקע אין קראַוואַט איז לאָרד סטאַנהאָפּ געגאַנגען צום גאָרטן. אויפֿן וועג האָט ער באַגעגנט אַ קאַץ. דער אַבערגלויבערישער גראַף האָט עס אָנגענומען פֿאַר אַ שלעכטן סימן און ער וואָלט צוריקגעגאַנגען, ווען ער וואָלט זיך נישט אַליין געשעמט פֿאַר זיין אַבערגלויבערישקייט.

צוליב דעם, וואָס אויף זיין קלינגען האָט קיינער אים נישט געעפֿנט די טיר, האָט ער אַ דריק געטאָן די קליאַמקע און אַריין אין קאָרידאָר. ער האָט דערהערט אַ געשריי פֿון אַ פֿרוי. פֿון ערגעץ איז אָנגעקומען אַן איבערראַשט דינסט-מיידל. עס האָט זיך באַוויזן אַ ריזיקער קאָפּ, אַ פּנים פֿול מיט צאָרן, צעלאָזענע האָר. דאָס איז געווען דער טריבונאַל-פּרעזעס אַליין. ער האָט פֿאַרקריצט די ציין, געדריגעט מיט די פֿיס און געברומט. די סיבה איז געווען אַ טשאַד אין דער קיך.

— אַ קאָמישע פֿיגור! — האָט דער לאָרד געטראַכט, — און פֿאַר אַזאַ קליינעם פּראָווינציעלן טיראַן און פּאָליציייִשן פֿיליסטער האָב איך דערפֿילט אַ נאַרישן שרעק!

ער האָט זיך איינגעבויגן און געזאָגט זיין נאָמען.

פֿײַערבאַך איז פֿאַררויטעלט געוואָרן און דערנאָך פֿרײלעך זיך צעלאַכט. אין דעם דאָזיקן געלעכטער האָט געשטעקט עפּעס אַנטוואָפֿנדיק מילדעס. ער האָט אַרײַנגעפֿירט דעם גאַסט אין זײַן קאַבינעט, וואו אַלץ האָט זיך געפֿינען אין אַ מוסטערהאַפֿטער אָרדנונג. ער האָט גענומען קורץ זיך מתנצל זײַן, וואָס ער האָט ביז=אַהער נישט אויפֿגענומען דעם גראַף.

— איך בעט, איר זאָלט מיר גלויבן, אַז איך האָב דערמיט נישט בדעה געהאַט אָנצורירן אַ מענטש, וואָס טראָגט אַזאַ באַקאַנטן בכבודן נאָמען.

סטאַנהאָפּ האָט דערויף פֿאַרזיכערט, אַז די נעכטיקע וויזיט, כאָטש ער איז נישט געווען אין דער היים, האָט באַזײַטיקט יעדע מיספֿאַרשטענדניש און אין דער איצטיקער רגע איז ער גליקלעך צו זען אַ מענטש וואָס זײַן רום גרײכט אַריבער זײַן לאַנד און פֿאָלק. דער פּרעזעס האָט זיך ווידער פֿאַררויטלט און זיך אויפֿסנײַ נאַאיוו צעלאַכט. אין זײַנע אויגן האָט געבלישטשעט אַ פֿרײדיקער אויסדרוק פֿון דאַנקבאַרקייט. דער לאָרד האָט אויסגעצײכנט געשפּילט די ראָל פֿון אַ מענטש פֿון דער גרויסער וועלט פֿאַר אַ גרויסן מאַן.

זיי זענען געזעסן אײנער קעגן אַנדערן; דער פּרעזעס פֿון געוואוינהייט=וועגן מיטן רוקן צום פֿענצטער, כּדי צו זען דעם גאַסט אין ליכט פֿון טאָג.

— איך האָב געוואָלט זיך זען מיט אײַך — האָט אָנגעהויבן פֿײַערבאַך, — בפֿרט צוליב דעם, וואָס איך האָב נעכטן באַקומען פֿון באַראָן טוכער אַ בריוו, וואָס וועט אײַך אינטערעסירן. דער בריוו איז אַ מאָדנער. דער באַראָן ליגט מיר פֿאָר, איך זאָל דאָס יונגל נעמען צו זיך. אויף וויפֿיל איך ווייס, איז ער ביז=איצט נישט געווען קעגן דעם, אַז איר זאָלט דאָס יונגל צונעמען, לאָרד סטאַנהאָפּ.

— הממ... עס איז גענוג זיך אויסצודרייען צו מענטשן מיט די פּלייצעס, אַז זיי זאָלן ענדערן די פּנימער, — האָט דער לאָרד גיפֿטיק באַמערקט.

— יאָ, אַזוי איז עס... — האָט דער פּרעזעס טרוקן געענטפֿערט, — אָבער דער ענין האַלט אַזוי, אַז איך קען באין אופֿן נישט

מספים זיין, מען זאל דאס יונגל אוועקגעבן אין אנדערע הענט. ענלעך דערצו, וואס איך רעד איצט, האב איך שוין געשריבן צום צום בירגערמייסטער, איר וועט מוחל זיין, לארד, עס רעגירט מיט אונז די פליכט!

אראפלאזנדיק די אויגן, האט דער לארד געענטפערט מיט א פארשטיקט קול:

— אייער עקסעלענץ וועט דערלויבן, איך זאל אים אויפמערקזאם מאכן אויף קאספערס אומדערטרעגלעכער לאגע אין נארימבערג. עס איז מאדנע אבער אמת: זיינע בלומרשטע מליצי־יושר זענען פיינטלעך געשטימט צו אים. דער יונגערמאן שטיקט זיך, זענענדיק געצוואונגען אומאויפהערלעך צו צאלן הויכע פראצענטער פון דאנקבארקייטס־חוב, וועלכן ער איז נישט אומשטאנד צו דעקן. א חוץ דעם האט דער מאגיסטראט, נישט וועלענדיק געבן געלט אויף זיין אויסהאלט, בדעה אים צו מאכן פארא בעל־מלאכה (דא איז דעם לארדס קול שטארקער געווארן, די אויגן האבן געגלאנצט מיט צארן). איז נישט א שאד אזא זעלטענע פלאנץ זאל צעטרעטן ווערן פון דע ריאגעניש נאך ברויט?

— יא! יא! אן צווייפל, עס איז א זעלטן געוויקס... לכתחילת האט מען קאספערן אנגענומען פאר א באשעפעניש פון אן אנדערן פלאנעט, אדער פאר פלאטאנס א מענטש, וואס איז אויסגעוואקסן אין אונטערערדישע מקומות און ערשט אין רייפן עלטער זיך באוויזן פאר דער וועלט.

— זיין עקסעלענץ פארשטייט, אז די דאזיקע וואונדערלעכע דערשיינונג האט מיך געמוזט אינטערעסירן מער ווי אנדערע זאכן. מיין עלטער־עלטער־זיידע האט זיך באהאלטן אין א פאמיליען־קבר פאר קראמוועלס רדיפות, עס ליגט אויף מיר א גערירשנטער שאטן פון אונטערערדישקייט. דער לעצטער פון שטאם, א קינדערלאזער, האב איך באשלאסן צו אדפאטירן דעם אומגליקלעכן אונטערערדישן מענטש, זאל עס זיין אן אידייע פיקס, אבער... עס איז ווערט, מען זאל עס אונטערשטיצן.

פייערבאך האט זיך אויפגעשטעלט. דער לארד איז געווען פארוואונדערט פון גלאנץ, וואס האט מיט איינמאל באשטראלט

זײַן פּנים, פֿון דער קראַפֿט פֿון זײַן קול, װען ער האָט אַרױסגע־
רעדט די דאָזיקע װערטער:
— לאָרד! די ריזיקע פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט, װאָס ליגט אױף
מיר, דערלױבט מיר נישט נאָכצוקומען אײַערע װאונטשן. דאָ
זענען געשטעלט געװאָרן אין קאָן גרױסע זאַכן, העכער עפּעס מײַן
מיטגעפֿיל, טובֿות און ליבע. עס האַנדלט זיך װעגן אַנטדעקן
דעם שענדלעכן פֿאַרברעך אין באַװײַזן דער װעלט, אַז עס װעט
אים טרעפֿן די שװערד פֿון שטראָף, כּדי דאָס פֿאַרברעך מעג
זיך אײַנהילן אין קענינגלעכן פּורפּור!
דעם לאָרד איז איבערן לײַב אַדורך אַ קאַלטער שױדער.
— איז דאָס געזעץ, װעלכן איר װילט מיט כּח מאַכן טרי־
אומפֿירן, װערט די לײַדן פֿון דעם, װאָס קען פֿאַלן אַ קרבן פֿון
אײַער קאַמף?
— יאָ, כּאָטש דער קרבן זאָל אָפּגײן מיט בלוט.
— און אױב עס װעט זיך גיסן בלוט, אײדער איר װעט
דערגרײכן אײַער ציל?
— װעט פֿון קבֿר אױסװאַקסן די שטראָף פֿאַר די מערדער.
— רעכנט איר זיך נישט דערמיט, אַז אײַער אומפֿאָרזיכ־
טיקײט קען אײַך אַמאָל אומברענגען? — האָט דער לאָרד גע־
שעפּטשעט, װאַרפֿנדיק אַן אינסטינקטיװן בליק אױף דער טיר.
דער פּרעזעס איז איבערגענומען געװאָרן מיט דעם לאָרדס
זאָרג װעגן זײַן פּערזאָן, זײַן קול האָט װײַד געקלונגען, װען ער
האָט געענטפֿערט, דרוקנדיק יענעם די האַנט.
— לאָרד! איר רעדט װעגן פּאָרזיכטיקײט. דאָס איז פֿאַר־
שטענדלעך אין מױל פֿון אַן ענגלענדער, װעלכער געניסט פֿון
דער שענקײט פֿון זײַן לאַנד, װאָס גאַראַנטירט אים די פּאָליטיש־
דיקע רעכט. אָבער דאָ בײַ אונז... איז דאָס לעבן װײניקער װערט,
אומזיסט ראַט איר מיך צו זײַן פּאָרזיכטיק. איך האָב פֿאַר
קײנעם נישט קײן מורא, װײל איך האָף שױן נישט אױף גאָרנישט!
עס איז געװאָרן שטיל, דער לאָרד האָט צעגױפֿנעמענדיק די
געדאַנקען, געזאָגט:
— מײַן װאָרנונגס־טאָן װעט אײַך נישט װאונדערן, אױב איר

װעט זיך דערװיסן, אַז ניט דער צופֿאַל האָט מיך געטריבן צום נאָרימבערגער יונגל, — דאָס האָט געטאָן די האַנט פֿון אַ פֿרוי, איינע פֿון די אומגליקלעכסטע אויף דער ערד. איך האַלט זיך פֿאַר איר שליח...

דער פּרעזעס, װי געטראָפֿן פֿון אַ בליץ, האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט:

לאָרד! איר מוזט װיסן...

— איך װייס אַ סך... זייער אַ סך...!

דער פּרעזעס האָט איינגעזױגן זײַנע צעמערדיקע פֿינגער אין דעם אָנגעלן פֿון פֿאָטעל. דער גראַף האָט גערעדט מיט אַן אומעטיק, פֿאַרמאַטערט קול:

— איך װעל ניט באַהאַלטן מײַנע פּלענער. פֿאַרװאָס װיל איך אַזוי שטאַרק באַקומען דאָס יונגל?... איך װעל אײַך ענטפֿערן זייער פּשוט: איך װיל אים אַריבערנעמען אין אַן אַנדער לאַנד, באַהאַלטן אים אויף אַ זיכער אָרט פֿאַר דער שאַרף, װאָס דראָט אים אומעטום אין דער פֿינצטערניש... דאַרף איך מיך דײַטלעכער אויסדריקן?... אַך, איך װייס זאַכן, װאָס פֿאַרקילן מיר דאָס בלוט אין די אָדערן, נעמען מיר אַװעק דעם שלאָף בײַנאַכט, און װאַרפֿן מיך אין פֿיבערדיקן שוידער. פֿאָדערט ניט, עקסעלענץ, געװיסע פּרטים! סיבות, װאָס זענען שטאַרקער פֿון אַ שבועה, בינדן מיר די צונג. איך װייס, אַז איר האָט געקענט אַרײַנקוקן אין דעם שלאַרצן תּהום פֿון דאָזיקן פֿאַרברעכן. איך װעל אײַך זאָגט בלויז איינס: איך קען ניט קיין פּנים, אויף װעלכן דער אויסדרוק פֿון װייטיק זאָל מער קענען רירן דאָס האַרץ פֿון אַ מענטש, װי דאָס פּנים פֿון דער דאָזיקער פֿרוי. פֿון דער רגע אָן, זינט איך האָב זי געזען, בין איך געװאָרן איר קנעכט. דער ציל פֿון לעבן איז פֿאַר מיר: ראַטעװען דאָס קינד, אַרום װעלכן עס זענען פֿאַרהאַן אינטריגעס פֿון אַ גרעסער פֿאַרברעכן, װי דער קאָפּ פֿון דער מעדוזע... עס איז אויף מיר אויסגעפֿאַלן אָנצוהויבן אַ קאַמף קעגן ריזיקע שונאים. איך האָב געמוזט זיך אויסלערנען זאָגן ליגנט, חנפֿענען, טראָגן אַ מאַסקע, מאַכן זיך נידריק, און דאָס אַלץ, כּדי צו געװאונען דאָס צוטרויען פֿון נידריקע... ניט איינ-

מאָל האָב איך מיך אַלײן געפֿרעגט, װי אַזױ מען קען לעבן, בעת מען װײסט װעגן אַזױ פֿיל שרעקלעכע זאַכן!

און דאָך לעבט מען, עסט מען, טרינקט מען, אַז יװי עס לעבן, עסן, טרינקען, װײלן זיך, לאַכן די לײט, װאָס האָבן אַ געװיסן שװאַרץ פֿון פֿאַרברעכנס!...

װידער איז געװאָרן אַ לאַנגע פּױזע פֿון שװײגן. דערנאָך האָט פּײערבאַך האַסטיק זיך אָנגערופֿן:

— און יענע פֿרױ — װאָס װײסט זי? אױף װאָס װאַרט זי? און װאָס װיל זי?

— איך קאָן ניט פֿון אײגענער אָבסערװאַציע אַ סך רעדן אױף דער דאָזיקער טעמע... זאָלן דעם עקסעלענץ גענוג זײַן צװײ פֿאַקטן, װאָס מען האָט מיר איבערגעגעבן. ערשט ניט לאַנג האָט יענע פֿרױ זיך צעװײנט, װען מען האָט אין סאַלאָן פֿון גראַף באַדמער דערמאָנט דעם נאָמען קאַספּער הױזער... אפֿשר איז עס אַן אינטריגע? איך װײס ניט... דער צװײטער פֿאַקט גרעניצט זיך פּשוט מיט מיסטיציזם. פֿאַר צװײ יאָר האָט די גרעפֿין אין דער פּאַלאַץ־קירכע בעתן געבעט געהאַט אַ װיזיע: זי האָט איבערן אַלטאַר געזען אַ פּנים פֿון אַ יונגען מאַן. זי האָט אױפֿגעהױבן די הענט, גערופֿן איר זון בײַם נאָמען „סטעפֿאַן!“ און געפֿאַלן אין חלשות. איר באַגלײטערין, אַן עלטערע דאַמע, װאָס האָט געזען קאַספּערן און באַמערקט די ענלעכקײט פֿון זײַן פּנים מיט דעם געזיכט פֿון דער גרעפֿין — האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די װיזיע האָט זיך געװיזן אין טאָג, װען עס איז געמאַכט געװאָרן דער אָנפֿאַל אױף קאַספּערן. בײדע צדדים שטרעקן אױס די הענט צו זיך... און דער שונא װאַכט...

און אומסגעריכט האָט ער פֿאַרענדיקט:

— גיט אַכטונג, עקסעלענץ, אַז אונזער אָפּשלעפּן זאָל אונדז ניט אַמאָל ברענגען פֿאַרן משפּט פֿון מענטשן און פֿון... גאָט!

מיט פֿאַררױיטלטע ברעמען און מיט פֿאַרנעפּלטע אױגן איז דער לאָרד צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. ער האָט אין דער אומיקער מינוט אַלײן ניט געװאוסט, װעמען ער פֿאַרראַט: די באַפֿעלסגעבער? דעם פּרעזעס? קאַספּערן, צו װעלכן ער האָט

זיך צונגעבונדן? און אפשר זיך אַליין? ער איז אָבער גערירט געוועָן פֿון זײַנע אײגענע װערטער. ער האָט געהאַט אַ האַלוציגאַציע פֿון גלות, ווי די צוואַנציק יאָר נידערטרעכטיקע פֿאַרגאַנגנהייט וואָלטן פֿאַרשוואונדן פֿון לעבן און אויפֿסניי איז ער געוואָרן ריין און אַרומגערינגלט פֿון גלאַנץ פֿון גוטסקייט...

פֿײַערבאַך איז געזעסן נעבן שרײַב־טיש, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפֿן פֿאַטעל. ווי ער וואָלט מיט די אויגן געפֿאָרשט די וויזיעס פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט, האָט ער, אײַנגעקוקט אין אַ ווײַטן פּונקט מחוץ די ווענט פֿון צימער, לאַנגזאַם, כמעט פֿײַערלעך געזאָגט:

— מיר זענען בײדע דינער פֿון אַ ווערק פֿון אונזער לעבן... צימערן פֿאַרן שלעכטן סוף הײַסט אונטערגעבן זיך אָן קאַמף... אָט געפֿין איך זיך אויף אַ געפֿערלעכן פּאָסטן... אָפּנהאַרציקייט קעגן אָפּנהאַרציקייט, גראַף!... אַמאָל האָב איך מיט מײַן אַרבעט פֿאַרשאַפֿט מײַן קעניג אַ נאָמען פֿון אַ גערעכטן... איך האָב געוואָלט מײן מער: אויפֿהויבן מײַן פֿאָלק און מאַכן עס פֿאַר אַ סימבאָל פֿון פֿרײַהייט. מען האָט מיך אָפּגעשטויסן... מען האָט מיך אַפֿילו באַלוינט, אָבער באַלוינט אַזוי ווי אַ לאָקײ אויף עמעריטור!...

פֿון די יונגע יאָרן אָן האָב איך ליב דאָס געזעץ, די גערעכטיקייט, כ'האָב נישט ליב מיט דעם קאַלטן אות פֿון פּאַראַגראַפֿן, נאָר זײַן קערן: די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטס־פֿליכט פֿאַר די באַגאַנגענע טאַטן. איך האָב שטודירט דאָס פֿאַרברעכן, ווי אַ באָטאַניקער שטודירט פֿלאַנצן. איך האָב זיך באַמיט צו געפֿינען די גרענעץ צווישן דער אחריות פֿון שלעכטן ווילן און דער שולד פֿון דער שלעכטער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג אין די פֿעלערן פֿון כּלל! איך האָב געזייט אין מײַן נשמה די אוצרות פֿון די געדאַנקען פֿון די גערעכטיקייטס־אַפּאָסטאָלן. אַ גאַנצע ריי ווערק מײַנע זענען די קייט פֿון אַרבעטזאַמע טעג און נישט דערשלאָפֿענע נעכט. איך האָב קיינמאָל נישט געלעבט פֿאַר זיך, ווייניק פֿאַר מײַן משפּחה... איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער פֿרייד פֿון לעבן, איך האָב נישט געגאָסן פֿון וואוילטאָג, וואָס איז מיר געשאָנקן געוואָרן... איך האָב פֿאַרטיידיקט שוואַכע קעגן שטאַרקערע...

און דאָך האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן אויסצומיידן בלבולים. פֿאַרשקוויצלאַנטן האָבן מיך באַוואָרפֿן מיט בלאָטע. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען דער באַשווינדלטער המון האָט מיך באַוואָרפֿן מיט קללות און דראָאונגען אויף דער גאַס... איך האָב זיך געמוזט באַהאַלטן, אַנטלויפֿן, פֿאַרשליסן זיך אין אַ דאָרפֿיש הייזל...

עס איז אָנגעקומען דער גרויסער קריג... אָך, ווער איך קאָנען איבערגעבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט? די עסטרייכער האָבן מיך באַשולדיקט, אַז איך בין אַ שפּיאָן פֿון נאַפּאָלעאָן, די פֿראַנצויזן האָבן מיך חושד געווען, אַז איך האָב מיך פֿאַרקויפֿט די עסטרייכער. מען האָט קענען מיר אויפֿגעהענגט מיין קעניג...

איך האָב זיך נישט געבויגן!... עס איז אַרויף אויפֿן טראָן אַ נייער מלך. ער האָט מיך גערופֿן. און היינט, שוין אַן אַלטער מאַן, געניס איך פֿון זיין גוטסקייט... פֿון שטילקייט... מיינע פֿיינט זענען ווייכער געוואָרן... און איך זיי געניסן פֿון גוטסקייט... כאַ-כאַ-כאַ!

פֿייערבאַך האָט זיך פּלוצלינג אויפֿגעשטעלט און האָט אַ קוש געטון אויפֿן גראַף.

— לאָרד! — האָט ער אויסגערופֿן — איך ווייס אַליין נישט, וואָס מאַכט מיך אַזוי אָפּגעהאַרציק צו אייך... פֿאַר אייך האָב איך מיך צום ערשטן מאָל באַקלאָגט... מעגלעך, אַז אונדזער געמיינזאַמע סימפּאַטיע צו קאַספּערן האָט אונדז געמאַכט פֿאַר פֿריינט... אָבער אין דעם דאָזיקן ענין גייען מיר זיך פֿונאַנדער.

— הערט מיך, גראַף! פֿאַר מיר איז עס נישט בלויז אַ זעלטענער צופֿאַל. עס איז אַ פֿראַגע פֿון גאַנצן לעבן. איך, אַ גרויסער מאַן, שטעל דורך אָט דעם ענין אַ קשיא דעם גורל: וועט אַלץ וואָס איך האָב מקריב געווען און געטון אין לעבן, געבוירן צום סוף בלויז פֿאַלשקייט, אומגערעכטיקייט, גלייכגילטיקייט? איך מוז מאַכן אַ פּרווו אויף דער ווערט פֿון מענטשן: האָב איך גערעדט אויפֿן ווינט? האָב איך געשריבן אויפֿ'ן זאַמד?... האָט דאָס פֿאַרטרייבן מיך גאָרנישט געגעבן?... און דאָס גוטס, וואָס איך געניס, איז אַ געשמאַקער ביסן, וואָס פֿאַרמאַכט דאָס מויל?... לאָרד! איך האָב אין דער האַנט באַווייזן פֿון אַ שרעקלעך פֿאַר-

ברעגן. איך האָב זײ אין אַן איבערצײַגנדיקן דאָקומענט. איך האָב אַ דוגער, װעלכן איך קאָן אויפֿרײַסן. זײ װײסן דערװעגן, זײ לאָזן מיך צו רו... איך װאַרט גערולדיק. איך װיל, אַז זײ זאָלן אַלײן פֿאַרשטײן די פּליכט, דאָס געזעץ, דעם צװאַנג!...

— אָבער קאַספּער הױזער קאָן זיך פֿון דאַנען נישט דערװײטערן. ער איז פֿאַר מיר אַ לעבעדיק געװער, אַ לעבעדיקער דאָקומענט... איך מוז אים האָבן אונטער דער האַנט! װאָס װאָלט דיך געװען, אײדעלער מענטש, װען דו פֿאַרלירסט דעם געגנשטאַנד פֿון דײַן ליבע? װען איך פֿאַרליר קאַספּערן, װאָלט איך געפֿילט, אַז עס איז אײַנגעפֿאַלן דער פֿונדאַמענט פֿון דעם לעצטן, גרעסטן בנין פֿון מײַן לעבן, װאָס צוזאַמען מיט אים שטעל איך אין קאָן דעם גלויבן אין דער גערעכטיקײט פֿון רבונו של עולם אויף אונזער ערד.

סטאַנהאָפּס פּנים איז געװען טויט־בלײַך. זײַן האַנט, װאָס האָט אָנגעכאַפּט פֿײַערבאַלם האַנט, איז געװען קאַלט, װי אײַז. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז נעבן אים שטײט אַ געשטאַלט, װאָס איז ענלעך צו אים, אַ פֿאַרלוירן געװיסן, אַ שאָטן, װאָס האָט אים אָנגעיאָגט און מיט אַ חוזק'דיק געשרײַ אים אַרײַנגעברומט אין די אויערן, אַז ער איז אַ פֿאַררעטער.

— איך פֿאַרשטײ, עקסעלענץ! — האָט ער אויסגערופֿן — אײן זאַך בעט איך: מאַכט מיך פֿאַר אײַער פֿרײַנט, פֿאַר אײַער געהילף... אײַער צוטרויען איז פֿאַר מיר אַ באַפֿעל פֿון הימל... אַך! — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן, — פֿאַרװאָס זענט איר זיך מתודה פֿאַר מיר? אפֿשר טראָג איך, װי אַלע אַנדערע, אַ מאַסקע? קאָן איך דען נישט קאַספּערן פֿאַרפֿירן? קאָן איך עס דען נישט?

— נײן, לאָרד! — האָט אים דער פּרעזעס איבערגעריסן, — װען דײַן פּנים זאָגט ליגנט, איז דאָס זוכן דעם אמת אויף דער ערד אַן אומזין! צונעמען קאַספּערן פֿון מיר מיט געװאַלד? — דאָס ראַט איך קײנעם נישט, װער עס האָט ליב דאָס לעבן.

— װאָס האָט איר בדעה צו טאָן, פּרעזעס?

— קאַספּער מוז קומען קײן אַנסבאַך.

— אין אײַער הויז?

— ניין... ליידער... איך בין צופיל באַשעפטיקט... און איך מוז אָפט אַוועקפאָרן... און דאָס געזונט איז ביי מיר נישט ווי אַמבעסטן...

— וואָס דען?

— איך האָב געבעטן די באַראָנעסע אומהאָף, זי זאָל מיר שאַפן אַ בכבודע משפחה, וואו קאַספער זאָל געפינען אַ זאָרגפעלטיקע אויפזיכט. איך האָב אים ליב ווי אַן אייגן קינד. איך וועל אַ סוף מאַכן צו די נירנבערגער הערציאונגס-מעטאָדן. אײַך, לאָרד, וועל איך נישט מאַכן קיין שום באַגרענעצונגען אין די באַציאונגען מיט קאַספערן. האַלט מיין הויז פאַר אײַער אייגנס. איך בין אַזוי פאַרמאַטערט פון דער מענטשלעכער ליבע, מיט וועלכער איך בין אַרומגערינגלט, אַז איך פריי מיך אויפריכטיק מיט דער פריינטשאַפט, וואָס איר לייגט מיר פאָר...

זיי האָבן זיך וואַרעם געדריקט די הענט.

דער פּרעזעס איז געבליבן אַליין. פלוצלינג האָט זיך אין אים עפּעס אַ באַוועג געטאָן: עס האָט אויפגעלויכטן אַ פּחד, אַ באַאומרואיגנדיקער און פינצטערער געדאַנק. איצט האָט ער מיטאיינמאָל אָנגעהויבן פאַרשטיין עטלעכע רעטזעלהאַפטע שטריכן אויף סטאַנהאָפּס פּנים, זיינע אַראָפּגעלאָזטע אויגן, דער ציטער אין קול, די מאָדנע אינטאָנאַציע. דער שרעקלעכער פאַרדאַכט איז געוואַקסן פון רגע צו רגע. איז עס מעגלעך? ער, דער דערפאַרענער אָבסערוואַטאָר, האָט זיך געלאָזט פאַרפירן?... עס איז נישט מעגלעך!

ער האָט זיך פלוצלינג אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן, זיך אַוועקגעזעצט בײַם שרייב-טיש און מיט אַ ברענענדיקער שנעלקייט גענומען שרייבן דריי בריוו: איינעם צו אַ פריינט אַן ענגלענדער, וועלכער וואוינט אין פּאַריז, און דעם צווייטן — צום יוסטיץ-מיניסטער ד"ר קליינשראָדט אין מינכען. אין ביידע בריוו האָט ער געפאָדערט וואָס שנעלער צו שיקן אינפאָרמאַציעס וועגן לאָרד סטאַנהאָפּ; אין דריטן בריוו האָט ער געבעטן אורלויב און מיטגעטיילט, אַז ער קומט צו פאָרן אין דער הויפּט-שטאָט.

אַלע דריי בריוו האָט ער אָפּגעשיקט מיטן עקספּרעס.

די נאַכט פֿאַלט צו

וועלנדיק פֿאַרטרײַבן די אומאָנגענעמע געדאַנקען, האָט לאָרד סטאַנהאָפּ, צוריקקומענדיק אין האָטעל, זיך פֿאַרנומען מיט ספּאָרט־איבונגען. מיטאײנמאָל האָט מען אים געמעלדעט דעם אָפּיציר היקל. די פֿאַרטרוילעכקייט פֿון גאַסט, וואָס האָט זיך בריות צעזעצט אין פֿאָטעל, האָט דעם גראַף גערייצט. ער האָט קאַלט געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס האָט איר מיר געהאָלפֿן קריגן אַן אוידיענץ בײַם פּרעזעס פֿײַערבאַך?

— איך פֿאַרשטיי ניט דעם פֿאָרוואורף, בפֿרט, ווען דער לאָרד האָט מײַן בײַהילפֿיקייט אויסגענוצט, — האָט היקעל געשמייכלט.

— הממ... — האָט סטאַנהאָפּ פֿאַרביסן די ליפּן — איך פֿאַרמוטלט אָבער עפּעס אויף אַ געהיימניספֿולן אופֿן...

— אַמווײניקסטן! דער לאָרד טרײַבט איבער... איבעריקנס איז אַלץ אָפּהענגיק דערפֿון, צי דער גראַף וועט וועלן זײַן אָפֿנהאַרציק צו מיר.

— איך? מיט אײַך אָפֿנהאַרציק?

— חלילה! איך פֿאָדער ניט... איך וויל אײַך בלויז זאָגן, אַז איך קאָן האַלטן סוד...

— איר רעדט אומפֿאַרשטענדלעך... ענדער דאַרף איך פֿאָדערן, איר זאָלט זיך פֿאַר מיר אויפֿהערן צו פֿאַרשטעלן...

— איך האָב גאָרנישט צו באַהאַלטן, — האָט דער אָפּיציר קאַלט געענטפֿערט — מען האָט געזוכט אַ מענטש, וואָס וואָלט געקאָנט אויסגעצייכנט לייסטן דינסט אַ גאַסט פֿון אונזער שטאָט.

מײַנע פֿאַרדינסטן אין דער פּאָליציי און די גוטע מײנונג, װאָס עס האָט װעגן מיר דער הער פּרעזעס — האָבן דיקטירט דעם עלטסטן מיך אויסצוקלײַבן. מען האָט אײַנגעזען מײַן גוטן װילן און מען האָט מיך באַשטימט צו דער דיספּאָזיציע פֿון אײַער עקסעלענץ באַלד אין טאָג פֿון אײַער אָנקום! דאָס איז אַלץ!

דער שמועס האָט זיך געענדיקט. לאָרד סטאַנהאָפּ האָט זיך אַנטשולדיקט פֿאַר הינקלען, װאָס ער מוז אַװעקגײן צו דער באַראָנעסע אומהאָף, װאָס דערװאַרט אים. דער אָפֿיציר האָט געבעטן, אַז ער זאָל אים מיטפֿירן צום הויז, װײַל ער װיל װערן מיט אים געזעגן אין שטאָט. זיי זענען אײַנגעשטיגן אין אַ קאַרעטע. דער װעג האָט געפֿירט דורכן פּאַרק. ערגעץ אין דער אַלייע האָט דער קוטשער זיך אָנגעבײזערט אויף אַ אַדורכגײער, װאָס האָט זיך געשטעלט אין מיטן װעג און זיך פֿאַרקוקט אין הימל. ער איז אָפּגעשפּרונגען, אָבער נישט גיך, און די קאַרעטע האָט אים באַשפּריצט מיט בלאָטע. דער אײַנגעבלאָטיקטער האָט די מענטשן און דער קאַרעטע אויסגעזידלט...

— װער איז דער שלימזל? — האָט דער גראַף געפֿרעגט.

— דאָס איז דער לערער קװאַנט, לאָרד. אַ קאָמישער מענטש.

דער צופֿאַל האָט געװאָלט, אַז אין אַ שעה אַרום זאָל דער זעלבער נאָמען „קװאַנט" אַרויסגערעדט װערן דורך מאַדאַם אומהאָפֿס מויל:

— דאָס איז אַ ליכטיקער קאָפּ. אַן אמתער בירגער!

צומאָרגנס האָט סטאַנהאָפּ צופֿעליק געטראָפֿן דעם דאָזיקן קװאַנט בײַם פּרעזעס פֿײַערבאַך. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, װאָס זײַן קוטשער האָט אים פֿאַרבלאָטיקט, אָבער קװאַנט האָט אים אויסגעהערט מיט אַזאַ מינע, װי דאָס, װאָס דעם לאָרדס קאַרעטע האָט אים פֿאַרבלאָטיקט, װאָלט פֿאַר אים געװען אַ כּבֿוד, הגם ער האָט ביז אַהער װעגן סטאַנהאָפּן נישט געהערט. דער פּרעזעס איז געװען אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט זיך געװיצלט װעגן צעשטרײטע מענטשן, װאָס דערזעען גאָרנישט. ענדלעך, װען קװאַנט האָט זיך גענומען געזעגענען, האָט דער פּרעזעס אים אָפּגעשטעלט און מודיע געװען דעם לאָרד:

— גראַף! אַט דעם דאָזיקן קלוגן און ערלעכן מענטש האָב איך אַנפֿאַרטרויט אונדזער טייערן קאַספּער.

דער לאָרד האָט אויפֿמערקזאַם אָנגעקוקט דעם דאָרן מענטש מיט די פֿאַמאַדירטע העלע האָר איבערן הויכן שטערן, לאַנגע נאָז, שעמעוודיקע און טרויעריקע אויגן, און אַ מויל מיט אַ זויערן שמייכל אונטער לאַנג געלע וואָנסעס; די „באַקוקונג“ איז אויסגעפֿאַלן פּאָזיטיוו, ווייל דער לאָרד האָט אָנגעזאָגט אַ ווייזיט דעם לערער, וועלכער האָט עס אָנגענומען מיט אַ נידריקן גרוס.

צומאָרגנס האָט היקעל זיך ווידער געוויזן אין האָטעל „אונטערן שטערן“ און מיט אַזאַ ברען אַרויסגעוויזן דעם לאָרד חשק צו באַדינען אים, אַז דער לעצטער האָט אים פֿאַרבעטן אויף פֿרישטיק און פֿאַרגעלייגט צוזאַמען גיין באַזוכן קוואַנטן.

דעם לערערס הויז, וואָס האָט געגלאַנצט מיט דער ווייסקייט פֿון זיינע ווענט, האָט געמאַכט אויפֿן לאָרד אַ גוטן איינדרוק. די באַשיידענע, אָרנטלעכע ווירטין האָט, פֿאַרבעטנדיק די געסט צום טיש מיט דאַנקבאַרע גרוסן, אויך געפֿאַלן דעם לאָרד. זי האָט זיך געפֿינען אין אַנדערע אומשטענדן. זי איז געוואָרן רויט, ווען ער האָט איר געווינטשן און געפֿרעגט, צי עס איז ערשט „דאָס ערשטע“.

— ניין! — האָט זי געענטפֿערט — איך האָב שוין אַ דריי־יעריג קינד...

עס האָט זיך טאַקע דערהערט אַ געשריי פֿון קינד און די ווירטין איז אַנטלאָפֿן.

די דריי מענער זענען געבליבן אַליין. לאָרד סטאַנהאָפּ האָט דערקלערט, אַז ער איז זייער צופֿרידן, וואָס מען האָט זיין געליבטן קאַספּער, וועלכער איז שוין אַזוי פֿיל מאָל אויסגעפּרוווט געוואָרן מיט פֿאַלשע מעטאָדן, ענדלעך אָוועקגעגעבן אין ריכטיקע הענט. דער לערער האָט מיט הכנעה געשאָקלט מיטן קאָפּ.

היקעל האָט באַמערקט:

— עס איז שוין צייט, אַז אַרום דעם פֿינצטערן ענין פֿון יונגל זאָל שוין ליכטיק ווערן.

אַ פֿאַרוואונדערטער פֿון דער דאָזיקער באַמערקונג, האָט זיך

סטאַנהאָפּ פֿאַרקרומט.

— געװיס, אַרום קאַספּערן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף היקלען — געהײמע שאָטנס, װאָס האָבן, לײדער, אַרויסגערופֿן שלעכטע חשדים.

— מען דאַרף דעם יונגל שטרענג אַ נעם טון און דאַן װעט ער זאָגן, װאָס ער װײס... — האָט היקעל זיך װידער אָנגערופֿן.

— הער היקעל! — האָט דער לאָרד בײז באַמערקט — איך פֿאַרבּיט אײך צו רעדן אין אַזאַ טאָן װעגן יונגל, װאָס איז זיכער אַ קרבן פֿון פֿאַרברעכער...

— אָבער, לאָרד, — האָט היקעל געזאָגט מיט אַ געמאַכטער באַדױערונג, פֿאַרפֿולנדיק דאָס מויל מיט קוכן, — אַזױ איז די מײנונג פֿון אַלע בעסערע און קלוגע מענטשן. איך האָב געכטן געהערט, װי באַראָן לאַנג און דער פּאַסטאָר פֿורמאַן האָבן געלאַכט פֿון דער מפּשות פֿון די נאָרימבערגער, װעלכע גלױבן אין װאונדער!... עס איז באַקאַנט, װאָס עס האָט געשריבן װעגן דעם יונגלס פֿאַרדאָרבנקײט אַזאַ מאַסגעבענדער און דורכדרינגלעכער מענטש, װי באַראָן טוכער. זאָל דער לאָרד װײזן דעם דאָזיקן בריװ דעם הער קװאַנט.

לאָרד סטאַנהאָפּ האָט געקנײטשט די ברעמען. ער האָט קאַלט באַמערקט:

— הער טוכער האָט אַזױ נישט געשריבן. ער דערמאָנט עפּעס קאַספּערס חסרונות, װאָס... איך זע אויך. אָבער װאָס האָבן מיר דעם הער קװאַנטן צו שאַפֿן אַ װעלכע עס איז מײנונג? ער װעט אַלײן דערזען די קרומע צװײגן, װעלכע מען װעט קאָנען אָפּשנײדן, כּדי עס זאָלן אויסװאַקסן גוטע און אײדעלע צװײגן. אויב ער װעט אויסמעקן די מיאוסע פֿלעקן פֿון מײן אוצר קאַספּער, װעל איך אים באַלױנען אויף אַ פֿירשטלעכן אופֿן.

היקעל האָט געשװיגן. קװאַנט האָט געטראַכט: צו װאָס דער שטרײט? אויב ער איז אַ „פֿויגעלע“ — װעט מען אים דען נישט באַלד דערקענען? עס איז נישט גוט, אויב דאָס בײז האָט זיך אין אים אײנגעװאַקסן, אָבער מיט אַ שטאַרקער פּעדאַגאָגישער ענערגיע װעט מען עס שטענדיק קענען אַרױסרײסן.

דער שמועס איז אריבער אויף אנדערע, אלגעמיינע טעמען. דער לערער האט מיט אן ערנסטען טאן דערציילט באנאלע זאכן, ארויסווייזנדיק א פילאזאפישע טיפקייט.

די געסט האבן זיך אויפגעשטעלט פון טיש. בעת דער לארד האט זיך געזעגנט מיט קוואנטן, האט דער זשאנדארם געהאט די געלעגנהייט צו שעפטשען צו קוואנטן:

— דער ערלעכער גראף איז אן אידעאליסט, וואס וויל נישט זען קיין קלארע זאכן, אויב זיי זענען קעגן זיין מיינונג. איך וועט אים טון א גרויסע טובה, אויב איר וועט דעמאסקירן א שווינדלער, וואס פירט אים פאר דער נאז און נוצט אויס זיין גוט הארץ!

ארעמער קאספער! אט ווי מען וויל אויף א ביטערן אופן און מיט כח מאכן די ווענט פון דיין וועלט פאר א תפיסה־בנין, דיינע פריינט וויל מען מאכן פאר שונאים און דיך אליין וויל מען פאראורטיילן אויף איינזאמקייט און שנעלער מאכן פאר א קרבן פון די, וואס באהאלטן זיך אין דער פינצטערניש. דאס געהיימע קול פון הימל וועט שטום ווערן, דיין בוים וועט נישט געבן קיין פירות, עס וועט ווערן נאכט, נאכט, נאכט...

א קאפיטל אין בריוו.

מיר ציטירן גאנצע בריוו, אדער די וויכטיקסטע שטעלן פו[ן] דער קארעספאנדענץ צווישן די אונטן־דערמאנטע פערזאנע[ן]

באראן טובער צום לארד סטאנהאפ.

איך האב דעם כבוד אייך מיטצוטיילן, לארד סטאנהאפ, אז אייער ליבלינג איז פשוט געווארן אומפעאיק צום לערנען זיך, נעפינט זיך אין אצושטאנד פון ברענענדיקער דערווארטונג און ער פארנעמט זיך בלויז דערמיט, וואס ער שרייבט אוים אויף דער מאפע די ערטער, אויף וועלכע ער געפינט זיך אין חלום מיט אייער עקסעלענץ, וואס איז אפשר א נוצלעכער געאגראפישער סטודיום, נאר ברענגט אבער, אז דאס יונגל זאל זיך אין מיין הויז געפינען, ווי אין א תפיסה.

איך בעט אייך, לארד, אז איר, אלס זיין איינציקער פריינט, צו וועלכן ער האט צוטרוי, זאלט באוויליקן איר יירמז אויף אים, ער זאל זיך ענדערן, אדער איר זאלט זיך [illegible] זיין, מען זאל מיך בכלל באפרייען פון דער אפוטרופסות, [illegible] אין אזעלכע באדינגונגען געווארן פאר מיר גענוג שווער.

דוימער צום פרעזעס פ[illegible]

... און דאמאלט ווען אייער עקסעלענץ פארשטיין, אז צוליב דעם דאזיקן פארדעכטיקן און נארישן פארוואורף, וואס מען האט מיר געמאכט, האב איך געוואלט אפטרעטן אן א זייט, און בלויז דער בפירושער וואונטש פון אייער עקסעלענץ האט מיך משפיע געווען צו באזוכן קאספערן, כדי ארויסצוגעבן א מיינונג וועגן אים.

הויזער מאכט דעם איינדרוק פון א דערוואקסענעם 22־יעריקן יונגענמאן. ארייננקומענדיק אין אן אומבאקאנטער געזעלשאפט,

מוז ער ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט. אַזוי אייגנאַרטיק איז זיין פּאַרזענלעכקייט-שרעקעוודיקער און קעצישער טראַט... אַזעלכע אומגעוויינטלעכע זעגען זיינע פּנים-שטריכן — ניט מענלעכע און ניט קינדערישע; ער איז צוגלייך אַלט און יונג: אַ שטערן פון אַ יונגערמאַן מיט קנייטשן פון זקנה, די צום האַלדז אַראָפּהענגענדיקע ברוינע האָר און דער לייכטער פּוך איבער די ליפּן געבן אים צו עפּעס מיידלשעס מיט אַ געמיש פון יונגלערישקייט.

ער צוט צו מיט זיין האַרציקייט, ווערט אויפפאַלנדיק מיט דעם ערנסט, ווייזט אויס צו זיין קלוגער פון זיין עלטער, דערוועקט מיטגעפיל מיט דעם מעלאַנכאָלישן גלאַנץ אין די אויגן. אַמאָל איז זיין אַרט רעדן עטוואָס שווער אַבוסל, זי באַזירט, בפּרט ווען ער רעדט וועגן אויסגעלערנטע זאַכן; אַנטציקנדיק, בעת ער דערציילט זיינע חלומות, און אַריינברענגענדיק אין אַ קינדערישער וועלט. וועגן ליבע ווייסט ער גאָרניט: די פרוי איז פאַר אים אַ סימבאָל פון הויז-ווירטשאַפט — מער גאָרניט!

איך וואָלט קאָספּערן פאַרגלייכט מיט אַ גלייכער פלאַך פון אַ אָזיערע אין ליכט פון אַ שטילער לבנה-נאַכט. ער וועט אַ חיה ניט טון קיין עולה, ער וועט ניט צעטרעטן קיין וואָרעם. אין מענטשלעכן פּנים זוכט ער אַ צלם אלקים. מאָדנע: אַן היים, פאָטערלאַנד, עלטערן ברודער און אָן קינדהייט, ווייזט ער אויס, יעדע רגע צו געדענקען זיין פאַריתומטע איינזאַמקייט, ווי ער וואָלט גוט געפילט, אַז ער איז אויסגעשטעלט אויף דעם חסד און רשעות פון מענטשן. אַלץ, וואָס ער טוט, דאַכט זיך, שטאַמט פון נויטווענדיקער פאַרטיידיקונג.

ער האָט ניט קיין פריינט, אַמאָל טראַכט איך מיט צער, אַז אויך לאָרד סטאַנהאָפּ, וואָס האָט באַוויזן אים אָנצוצונדן מיט טויזנטער הבטחות, איז ניט זיין פריינט. אויב ער וועט בלויז אַ טויזנטסטל פון די הבטחות ניט דערפילן, זע איך פאָר אַ שלעכטן סוף, — דערפאַר, ווייל דאָס דאָזיקע האַרץ פאַרלאַנגט גליק אָן גרענעץ, און אַז אַנטוישטער אין זיינע האָפענונגען, וועט ער אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג אָן גרענעץ.

— אפשר הייסט מיך מיין פּעסימיזם צו קוקן צו שוואַרץ, אָבער...

די אויפֿריכטיקייט גיט מיר דאָס רעכט דרייסט אַרויסצוזאָגן, וואָס איך טראַכט... אייער עקסעלענץ וועט באַווייליקן מיר מודיע צו זיין, צי עס איז אמת, וואָס עס שרייבט פֿרוי קוואַנט צו איר פֿריינט, פֿרוי בעכאָלד, אַז קאַספּער זאָל אין אַנסבאַך וואוינען אין איר הויז. איך מיין, אַז דאָס איז אַ בייזוויליקע רכילות פֿון פֿרוי בעכאָלד...

פֿייערבאַך צום באַראָן טוכער.

איך האָב דעם כבוד אייך מיטצוטיילן, אַז אין הסכם מיט אייער וואונטש ווערט איר באַפֿרייט פֿון דער אַפּוטראָפּסות איבער קאַספּער הויזערן, וועגן וועלכן דער מאַגיסטראַט וועט אייך, אויף מיין באַפֿעל, באַזונדער מודיע זיין. עס איז גלייכצייטיק אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פֿאַראָרדנונג, אַז קאַספּער זאָל אָפּגעגעבן ווערן דעם לאָרד סטאַנהאָפּ — דערווייל בלויז פֿאָרמעל, ווייל דער יונגערמאַן וועט דערצויגן ווערן אין הויז פֿון לערער קוואַנט ביז ער וועט פֿאַרענדיקן דעם בילדונגס-קורס, לויט אַ פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך מיר ביים אָנטייל פֿון לאָרד סטאַנהאָפּ, וואָס וויל דעקן די דערציאונגס- און בילדונגס-קאָסטן פֿונם יונגל. דורך אַ ספּעציעלן דעקרעט האָב איך אַלס קאַספּערס קוראַטאָר נאָמינירט אַן ענגלישן באַאַמטן, דעם אָפֿיציר היקעל. ער וועט קומען צו אייך אין די נאָענטסטע טעג, כדי אַדורכצופֿירן די פֿאָרמאַליטעטן פֿון קאַספּערס איבערטראָגונג. איר וועט באַווייליקן אים וועגן דעם מודיע צו זיין. די מורא, אַז דאָס וועט אים ווייטיקלעך פֿאַרוואונדן, איז, לויט מיין מיינונג, איבערטריבן. אין עטלעכע טעג אַרום פֿאָר איך אַוועק, איך האָף, אַז צוריקקומענדיק וועל איך קאַספּערן טרעפֿן אין די נייע באַדינגונגען אין אַ גוטן מצב.

באַראָן טוכער צום פּרעזעס פֿייערבאַך.

עקסעלענץ! די ידיעה וועגן דעם טויט פֿון מיינס אַ פֿעטער, צווינגט מיך תּיכּף צו פֿאָרן קיין אויגסבורג. איך טרוי אָן קאַספּערן דעם בירגערמייסטער און דעם פּראָפֿעסאָר דוימער... איך האָב מיר נישט גענומען די דרייסטקייט מודיע צו זיין קאַספּערן, אַז דער גראַף פֿאַרלאָזט אים צייטווייליק. מען דאַרף האָבן אַן איבערמענטשלעכע שפּראַך אים אַוועקצונעמען פֿון דער איבער-

ציַיגונג, אַז ער פֿאָרט בקרוב מיטן לאָרד סטאַנהאָפּ קיין איטאַליען, און ענגלאַנד. דער לאָרד האָט דעם יונגלס פֿאַנטאַזיע קרענקלעך צערייצט. איך וועל נישט באַהאַלטן זיך מיט מיַין מיינונג, אַז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג הויזערס, וועלכער פֿאַרמאָגט שוין נישט דעם אַמאָליקן חשק צום לערנען זיך, איז נוצלאָז. מען דאַרף ענדערע פֿאַרברייטערן זיַין האָריזאָנט, אַריַינפֿירנדיק אים אין בירגערלעכע קריַיזן. אויב ער וועט זיך אויסלערנען פֿאַרדינען מיט אַ פֿאַך אַ קראַן — וועט דאָס פֿאַר אים נוצלעכער זיַין, ווי די שלעכטע איַינפֿלוסן פֿון טרוימעריַי, כאָטש דאָס וועט נישט זיַין קיין פֿירשטלעכע קראָן. פֿאַר מיר איז דער דאָזיקער גאַנצער לעבנס־עפּיזאָד אָפּגעשלאָסן. ער האָט מיר בלויז געגעבן די ביטערקייט פֿון פֿיל דערפֿאַרונגען און די געלעגנהייט אַריַינצודרינגען אין די נעכטן פֿון מענטשלעכן שגעון...

דוימער צום פּרעזעס פֿייערבאַך

... איך גיב איבער פֿאַר דעם אורטייל פֿון איַיער עקסעלענץ דעם אמת פֿון אַ גאַנצע ריי פֿאַקטן, וואָס האָבן מיך אויפֿגעטרייסלט ביז צו דער גאָרער טיפֿעניש.

מיט פֿיר טעג צוריק איז צו מיר געקומען באַראָן טוכער און, מיטטיילנדיק, אַז ער פֿאָרט אַוועק, איבערצוגעבן אונטער מיַין אויפֿזיכט קאַספּערן, בעטנדיק, איך זאָל אים מודיע זיַין יעדע ענדערונג פֿון זיַין גורל. די אויפֿזיכט וויל ער ווייטער נישט האָבן, וויַיל, ווי ער טענהט, הייסט אים דער אומצוטרויען, וואָס מען האָט צו אים אַרויסגעוויזן, זיך צוריקציען פֿון דער גאַנצער געשיכטע. אַ טיף־איבערגענומענער איז ער תיכּף אָפּגעפֿאָרן צום וואָקזאַל.

נאָכמיטיק בין איך אַוועק צו קאַספּערן. איך האָב אים געטראָפֿן ליַיענען די עוואַנגעליען. עס איז מיר שווער געווען אויפֿן האַרצן. איך האָב נישט געוואוסט, ווי אַזוי איך וועל קענען איבערגעבן אַ ידיעה, וואָס ברענגט אים אַנטוישונג. עקסעלענץ! גלויבט, אַז מיַינע ווערטער זענען אמתע... דאָס יונגל איז בליַיך געוואָרן און מיר אַזוי אָנגעקוקט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, ווי ער לייענט פֿון מיַין פּנים אַלץ אַראָפּ. ער האָט די וואונדערלעכע מעלה צו קענען לעזן פֿאַרבאָרגענע זאַכן.

ער האָט זיך געזעצט אין אַ ווינקל צווישן שאַנק און אויוון און געוויינט מיט אַזאַ ווייטיק, אַז דאָס האַרץ האָט מיר געשניטן. אַ האַלבע שעה האָב איך אים געטרייסט מיט ווערטער, וואָס דער טיפסטער מיטגעפיל קען נאָר געפינען. אומזיסט! ער האָט אומאויפהערלעך געוויינט, פאַרשטעלנדיק זיך דאָס פּנים מיט די הענט. צוליב מיין פּראָפעסיאָנעלער באַשעפטיקונג האָב איך געמוזט אַוועקגיין. איך האָב אים איבערגעלאָזט אונטער דער אויפזיכט פון אַ דינער, איך בין צעמאָרגנס ווידער געקומען.

— וואָס מאַכט קאַספּער? — האָב איך אים דעם דינער געפרעגט. ער האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען:

— זאָל דער הער זען!

עקסעלענץ! איר וועט זיך פאָרשטעלן, ווי איבעראַשט איך בין געוואָרן, ווען איך האָב קאַספּערן געטראָפן זיצן אין זעלבן ווינקל, אין דער זעלבער פּאָזיציע, דאָס פּנים, נאַס פון טרערן, פאַרשטעלט מיט די הענט. זעכצן שעה האָט ער נישט געגעסן, נישט געטרונקען און נישט געשלאָפן. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ צער, אַז אין דער רגע פון מיין נסיעה וועל איך נישט פאַרגעסן דעם בליק. דאָס איז געווען אַ אַנדערער מענטש! ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן!

עס איז מיר ענדלעך, פּשוט מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג, געלונגען אַרויסצוקריגן פון אים דעם צוזאָג, אַז ער וועט צו מיר קומען אויף מיטיק און בלייבן איבער נאַכט. איך האָב אים דערווייל געמוזט פאַרלאָזן, און ענדיקנדיק די אַרבעט אין דער שול, בין איך געגאַנגען נאָך אים צו טוכערן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז מיט עטלעכע שעה צוריק איז אַוועק צו מיר. איבערגענומען מיט אַ שלעכט פאַרגעפיל האָב איך מיך געאיילט אַהיים. קאַספּער האָט זיך דאָרט נישט געפינען. איך בין איבעראַשט געוואָרן. איך האָב געשיקט די שוועסטער צום בירגערמייסטער, מען האָט געדאַרפט מיטטיילן דער פּאָליציי, וואָס וואָלט אין אַן אומגליקס־פאַל פאַראַנטוואָרטלעך געווען, ווייל לעצטנס האָט זי שטאַרק פאַרנעכלעסיקט די אויפזיכט איבער אים. איך און די מוטער האָבן פּשוט פאַרלוירן די קעפּ. פּלוצלונג

האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן קאַספּער.

איז ער עס געווען?... ניין! דאָס איז געווען דער שאָטן פֿון זיינער!... ער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. אומבאַוועגליך האָט ער געקוקט אין דער פֿלאַם פֿון דער לאָמפּ. די שוועסטער איז צוריקגעקומען מיטן בירגערמייסטער. מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש. ער האָט גאָרנישט געגעסן. ער האָט אָנגעשפּאַרט די גאָמבע אויף די הענט און מיט אַ פֿאַרשטאַרטן בליק האָט ער געהאַלטן אין איין קוקן אויף דעם פֿלאַם פֿון דער לאָמפּ. אונזערע באַמיאונגען צומאַכן אים רעדן האָבן נישט געהאָלפֿן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרגליווערטער. די שוועסטער איז געפֿאָרן נאָך אַ דאָקטאָר. די מוטער האָט צוגעגרייט אַ געלעגער פֿאַרן יונגל. ער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט לייגן — ער האָט אַן אָפּזאָגנדיקן שאָקל געטון מיטן קאָפּ...

מיטאַיינמאָל איז געקומען טובערם לאָקאַי. ער האָט מיטגעטיילט, אַז עס איז אָנגעקומען צו פֿאָרן דער זשאַנדאַרמעריע-אָפּיציר העקל און פֿאָדערט, אַז קאַספּער זאָל גלייך קומען אַהיים, ווייל ער האָט אַ באַפֿעל תיכף צו ברענגען אים קיין אַנסבאַך. איך האָב געשיקט דעם קאַנדידאַט רעגולייז צום אָפּיציר, כדי ער זאָל אים אויפֿקלערן דעם יונגלס שווערן צושטאַנד. איך האָב געהייסן צוגעבן, אַז אַזאַ איילן זיך איז אומפֿאַרשטענדלעך: עס האַנדלט זיך דאָך נישט וועגן איבערפֿירן אַ זאַק קאַרטאָפֿל.

מען האָט דערלאַנגט דעם אָוונט-מאָלצייט. קאַספּער האָט קוים אויפֿגעגעסן אַ לעפֿל זופּ. ער האָט יעדע פּאָר מינוט זיך געטרייסלט פֿון שרעק און כסדר געהאַלטן די אויגן געווענדעט צו דער טיר. ווי מאָדנע עס איז! מיר האָבן אים גאָרנישט געזאָגט, אַז היקעל איז געקומען נאָך אים. און ער — ווי ער וואָלט עפּעס געפֿילט אין דער לופֿטן! ער האָט געהאַט אַ בליק פֿון אַ לונאַטיקער, די אויגן—ברייט געעפֿנט און, איך וואָלט זאָגן, שלאָפֿנדיקע. ער האָט פֿאַרגעפֿילט צו דער צייט. די טיר האָט זיך געעפֿנט און עס האָט זיך באַוויזן דער קאַנדידאַט רעגולייז און הינטער אים — העֶר היקעל.

מיט אַ מאָדנע הילכיק געלעכטער האָט ער באַגריסט קאַספּערן.

— דאָס איז דאָך אַ דערוואַקסענער יונג! — האָט ער אויסגערופֿן. — נו, איך וועל שוין ווײַזן מיט אים אַ שמועס צו טון! און ער האָט געפֿאָדערט, קאַספּער זאָל גלײַך גיין מיט אים, דערקלערנדיק, אַז ער האָט אַזאַ באַפֿעל. איך און מײַן פֿאַמיליע האָבן פּראָטעסטירט. וואָס איז דאָס אײַלן זיך? — אַוועקנעמען דאָס יינגל בײַנאַכט?

— אַזוי איז דער באַפֿעל! — האָט ער געענטפֿערט — איך דאַרף אים אַוועקפֿירן, און איך מוז דעם באַפֿעל אויספֿירן!

קאַספּער האָט געציטערט מיטן גאַנצן לײַב.

— אויב הויזער וועט מיר צוזאָגן, אַז אַ זייגער 9 וועט ער זײַן אין דער היים, וועל איך אים דערלויבן צו געפֿינען זיך דאָ נאָך צוויי שעה.

קאַספּער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער ברוטאַל האָט, אַוועקגייענדיק, אים געדראָט מיט אַ פֿינגער:

— קאַספּער! דו זאָלסט מיר זײַן פּינקטליך. פֿון מיר וועסטו זיך נישט אַרויסדרייען! איך קען דײַנע שטיקלעך!

מיר זענען אַלע פּשוט דערשלאָגן געוואָרן; וואָס פֿאַר אַ צוקונפֿט קען דערוואַרטן קאַספּערן, אויב שוין איצט, ווען ער איז נאָך צומאָל נישט אַוועקגענומען געוואָרן פֿון אונטער דער אויפֿזיכט פֿון נאָרימבערג, איז ער אַזוי ברוטאַל באַהאַנדלט געוואָרן?... וואָס פֿאַר אַ דראָאונגען?...

קאַספּער האָט זיך דערוויילט, ווערנדיק געבעטן דורך אַנאַן, געלייגט אויף דער זאָפֿע און אַנטשלאָפֿן געוואָרן... פֿאַר גיין האָבן מיר אים געמוזט אויפֿוועקן. צוזאַמען מיטן בורגערמײַסטער האָבן מיר אָפּגעפֿירט קאַספּערן. פֿאַר טויערס הויז האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַ המון מענטשן, מערסטנטיילס פֿון די נידעריקע קרייזן. די שטאָט האָט מיט טרויער זיך געזעגנט מיטן יונגל. עס האָט זיך געהערט אַ בייז געברומערײַ קעגן באַפֿעל אים אַוועקצונעמען.

אין קאַספּערס צימער האָט געהערשט אַ שרעקלעכע אומאָרדענונג. דאָס האָט דער היקעל באַוויליקט אַליין אײַנצופּאַקן זײַנע זאַכן. אַלץ איז געלעגן צעוואָרפֿן אויף דער פּאָדלאָגע: די מלבושים, ביכער, פּאַפּירן. דער בורגערמײַסטער האָט דעם אָפּ-

ציר געמאַכט אַ שאַרפֿע באַמערקונג. דער זשאַנדאַרם האָט זיך געפֿילט אַ ביסל געטראָפֿן. ער האָט דערקלערט, אַז אַלץ ווערט געטון פֿאַר הויזערס טובֿה־וועגן, וואָס ליגט אין אויסהיילן אים פֿון זיינע אילוזיעס. איך האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן. כ'האָב דעם פּאַרשוין פּשוט אויסגעזידלט און דערקלערט, אַז אין קאַספּערס אילוזיעס זענען שולדיק די, וואָס האָבן זיי אויפֿגעוועקט צום לעבן און נישט ער אַליין... איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל נישט דערלאָזן, מען זאָל קאַספּערן מיט געוואַלד צונעמען ביינאַכט!

דאָ איז געשען עפּעס מאָדנע אומגעריכטעס פֿאַר מיר. קאַספּער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אָנגערופֿן:

— נעמט מיך צו, הער אָפֿיציר!

— און טאַקע, פֿאַרוואָס זאָלסטו מורא האָבן? — האָט דער אָפֿיציר הילכיק געלאַכט — מען גייט דאָך דיך נישט פֿירן קיין סיביר! — גוט, וואָס דו האָסט זיך אָנגערופֿן! זאָג מיר נאָר, ברודערל, וואו ביזטו געווען דעם גאַנצן נאָכמיטיק? עפּעס האָב איך געהערט דערוועגן. נו! זאָג דעם אמת!

— איך האָב געזוכט אַ וועג — האָט דאָס יונגל געענטפֿערט.

— וואָס פֿאַר אַ וועג?

— דאָס קאָן איך נישט זאָגן.

— הממ... — האָט דער אָפֿיציר געברומט. דו ווילסט, זע איך, וויטער שפּילן אַ קאָמעדיע. נו, איך וועל דיר דאָס אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ אין אַנסבאַך...

עס זענען זיך צונויפֿגעקומען עטלעכע אָנגעזעענע געסט; צווישן זיי האָט זיך געפֿונען באַראָן שערל און דער אַסעסאָר ענדרעלין. דער זשאַנדאַרם האָט זיי כמעט נישט דערלויבט צו געזעגענען זיך מיטן יונגל. ער האָט אים געיאָגט צו פֿאַרלאָזן די שטאָט. איך אַליין האָב קוים געהאַט די מעגלעכקייט צו רעדן מיט אים עטלעכע ווערטער ביים געזעגענען זיך. דערווייל איז דער המון געוואַקסן און גענומען אומצופֿרידן ברומען. הויקעל האָט געפֿאָדערט פֿון בירגערמייסטער, מען זאָל רופֿן פּאָליציי, „כּדי מען זאָל צעטרייבן דעם פּעבל“. דאָס איז אָבער געווען אומנייטיק. דער בירגערמייסטער האָט געבעטן צו זיין רואיק, דער

קלערנדיק, אַז הויזערס אָפּפֿאָר איז פֿאַראָרדנט געוואָרן פֿון מענטשן פֿון דער העכערער מאַכט, וואָס האָבן אים גערן. דאָס איז גענוג געווען צו באַרואיקן דעם אויפֿגערעגטן המון. ווען קאַספּער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער קאַרעטע, האָבן פֿרויען געפֿאָכעט מיט טיכלעך פֿון די פֿענצטער און די יוגנט, געזעגנענדיק אים מיט אַ „וויוואַט", איז נאָכגעלאָפֿן אונטער דער קאַרעטע...

היקעל האָט געהײסן שמײַסן די פֿערד, ווײַל עס איז פֿאַרהאַנ... ח, און באַלד זענען די אָפּפֿאָרנדיקע פֿאַרשוואונדן פֿון אונדזערע אויגן...

... עקסעלענץ! איך האָב אײַך געשריבן דעם גאַנצן אמת, און געשריבן האָב איך הײַנט, אין דער ערשטער נאַכט נאָך קאַספּערס אָפּפֿאָר, — כּדי איך זאָל נישט פֿאַרגעסן קיין שום פּרט... די האַנט טרייסלט זיך מיר פֿון אויפֿרעגונג. עקסעלענץ! איך פֿרעג צי אַלץ, וואָס איז געשען, איז אין אָרדנונג. איך האָב אַ שווער געמיט. איך האָב פֿאַרלאָזט קאַספּערן, אָבער ער איז מיר שטענדיק טײַער... איך האָב מורא פֿאַר אים, עקסעלענץ!...

פֿרוי בעכאָלד צו פֿרוי קוואַנט.

אַנטשולדיקט, וואָס זענענדיק אײַך פֿרעמד, שרײַב איך צו אײַך אין נאָמען פֿון דער פֿרײַנטשאַפֿט צווישן אונדזערע מוטערס. מיט גרויס צופֿרידנקייט דערוויס איך זיך, אַז קאַספּער הויזער ווערט דערצויגן אין אײַער הויז. אַלס קריסטלעכע פֿרוי האַלט איך פֿאַר מײַן חוב צו שיקן אײַך געוויסע אינפֿאָרמאַציעס.

דאָס כּלומרשטע וואונדערלעכע קינד פֿון נאָרימבערג, וואָס איז פֿאַרנאַרישט געוואָרן דערפֿון, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט אים געליבט, האָבן מיר מיט אַ פֿולשטנדיק פֿאַרדאָרבענעם כאַראַקטער אַרײַנגענומען אונטער אונדזער דאַך. מיר האָבן עס געטון, ווערנדיק דיקטירט פֿון ריין־קריסטלעכע געפֿילן. מיר האָבן אים געליבט, ווי אַן אייגן קינד און געהאַט צו אים די גרעסטע אַכטונג — אָבער דער גײַסט פֿון ליגנט, וואָס וואוינט אין אים, האָט אַ תּל געמאַכט פֿון אונדזער געטרײַער זאָרג איבער אים.

מען וועט אויף אַ סך פּאַפּיר נישט אויפֿשרײַבן, ווײַל מיר האָבן זיך אָנגעליטן פֿון אים. איך וויל זיך נישט באַקלאָגן אויף

די אומאָנגענעמלעכקייטן און צרות, וואָס ער האָט אונדז פאַרשאַפט. איך וויל אויך נישט דערמאָנען דעם יונגלס מיאוסע איינגעשאַפטן. עס איז מיר בלויז שווער אַדורכצולאָזן אַ זאַך, וואָס איז פיל ערגער, ווי דאָס, וואָס ער האָט דערהרגעט אַ זינגפויגל, וועלכן ער האָט פון מיר באַקומען אַלס מתנה: דאָס כלומרשטע אומשולדיקע קינד האָט אויף אַ נישט צוווייטיקן איפן זיך דערנענטערט צו מיין 13־יעריקער טאָכטער. אָט איז זיין אומשולדיקייט!

איך וועל זיין צופרידן, אויב איר און אייער מאַן וועלן נישט ליידן פון אים אַזעלכע צרות און אומאָנגענעמלעכקייטן, ווי מיר. אָבער איך האָב מורא, אַז אַפילו לאָרד סטאַנהאָפ וועט זיך בקרוב איבערצייגן, אַז ער האָט אין דער פּערזאָן פון דעם דאָזיקן פוסטן און ליגנערישן יונגל געהאָדעוועט אויף זיין שוים אַ שלאַנג...

איר וועט באַוויליקן צו שרייבן מיר אַמאָל עטלעכע ווערטער, ווי אַזוי דאָס בחורל פירט זיך אויף, ווייל איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז ער זאָל זיך פאַרבעסערן.

פּ. ס. איך בין זייער קראַנק. אַ כך דאָקטוירים זאָגן, אַז דאָס איז אַ לעבער־קראַנקייט און אַנדערע — אַ האַרץ־קראַנקייט. פיל האָט דערצו גורם געווען דער יקרות. אָבער, גאָט צו דאַנק, מיין מאַנס געשעפטן גייען גאַנץ גוט...

היקעלס ראַפּאָרט צו דער העכערער מאַכט וועגן איבערטראָגן קאַספּערן

„ווען איך בין דעם 7. פון היינטיקן חודש געקומען נאָך דעם אויבנדערמאָנטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך, צו להכעיס די פאַרשריפטן, אַרומגעשלעפּט ערגעץ אין דער שטאָט, און ערשט שפּעטער האָט ער זיך געפונען אין דער וואוינונג פון פּראָפעסאָר דוימער. וואָס האָט מיט דער אונטערשטיצונג פון אַנדערע פריינט זיכער געוואָלט שטערן מיין שליחות, וואָס איך האָב בשום אופן נישט דערלאָזט. הויזער האָט ליב צו פאַרשטעלן זיך פאַר אַ פאַרחלומטן ביז באַוואוסטלאָזיקייט און דאָס טוט ער אויף אַ ביטרען אופן, כדי מען זאָל נישט שטערן זיינע להכעיסדיקע שטיק. איך בין עס שגעל דערגאַנגען און האָב זיך נישט געלאָזט

שפּיִעֶן אין דעֶר קאַשעֶ. די שטרענגעֶ אינקוויזיציעֶ, וואָס האָט געהאַט דעֶם ציל אויסצופּאָרשן, וואו עֶר האָט זיך אַ גאַנצן נאָכט־מיטיק אַרומגעשלעפּט, האָט ניִשט געגעבן קיין רעזולטאַט. דעֶר פּעבל האָט געפּרובט צו פאַרשטעלן מיר דעֶם וועג אויף די גאַסן, אָבער מיין ענערגישעֶ האַנדלונג האָט באַזייטיקט די הכנות אַרויסצורופן אומרוען...“

אין אַזאַ סטיל האָט היקעל אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון קאַספּער הויזערס ווייטערדיקער רייזע קיין אַנסבאַך, אונטערשטרייכנדיק, אַז מען דאַרף צווייפלען אין דעֶם אמת פון זיינע חלומות און שטענדיקער מידקייט. עֶר האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אויף די סטאַציעֶס האָט דאָס יונגל זיך געמאַכט, ווי עֶר וואָלט געשלאָפן, און עֶר האָט געוואָלט מאַכן פּליטה, וואָס איך און דעֶר חבר־פּאָליציימאַן האָבן נאָך גרויסער פאַרזיכטיקייט אוממעגלעך געמאַכט. צום סוף פון באַריכט האָט היקעל געשריבן:

„קיין שום וואונדערלעכעֶ מעלות האָב איך ביי דעֶם דאָזיקן קליינעֶם, סימפּאַטישן אינדיווידואום ניִשט באַמערקט, אַ חוץ גרויסעֶ פעֶאיקייטן צו שפּילן קאָמעדיעֶס.

ביינדער צו פייערבאַך.

... איך איל זיך מיטצוטיילן אייער עקסעלענץ, אַז עֶס איז מיר געלונגען צו דערגיין, וואו עֶס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט און וואָס עֶס האָט געטון הויזער אין משך פון די עטלעכעֶ שעה פון לעצטן טאָג, ווען עֶר איז אומדן פאַרפאַלן געוואָרן פון די אויגן. עֶס איז צו מיר געקומען דעֶר טורמע־וועכטער היל מיט אַנטפּלעקונגען, וועלכעֶ איך האָב פּראָטאָקאָלירט אויפן פאַל, ווען אייער עקסעלענץ וועט ניִשט געפעלן דעֶר קורצער באַריכט, וואָס ליגט דאָ איצט פאַר אים.

קאַספּער איז געקומען אין דער תּפיסה און געפאָדערט, אַז היל זאָל אים ווייזן זיין קאַמער אין טורעם. עֶר איז אַריין אין איר און זיך געלייגט אין זעלבן ווינקל, וואו עֶר איז אַמאָל געשלאָפן אויף שטרוי, ברומענדיק עפּעס צו זיך.

היל זאָגט, אַז עֶר האָט געהאַט די אויגן פון אַ לעטאַרגיקער. עֶס איז אים ענדלעך געלונגען צו פועלן, אַז עֶר זאָל אַוועקגיין פון

געלעגער. ער איז אַוועק און גענומען אָנקוקן די הענט און די פּנימער פֿון דעם וועלכערס קינדער, פֿון וועלכע ער האָט אַמאָל באַקומען אַ הילצערן פֿערדל. ער האָט געקוקט אַזוי, ווי ער וואָלט נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין קליינע קינדער. הילס פֿרוי האָט אַפֿילו מורא באַקומען, אַז ער זאָל זיי עפּעס ניט טאָן; ער האָט געהאַט וואַנזיניקע אויגן. אָבער היל האָט זי באַרויִקט, דערקלערנדיק, אַז דאָס יונגל איז זייער אַ גוטער.

מיטאַיינמאָל איז ער אויפֿגעשפּרונגען און גענומען אַנטלויפֿן. אַ פֿאַרוואונדערטער איז היל געלאָפֿן נאָך אים. ער האָט מורא געהאַט, אַז לויפֿנדיק וועט זיך דאָס יונגל טאָן עפּעס אַ רעה, ווייל ער האָט געהאַט די באַוועגונגען פֿון אַ לונאַטיקער. צום גליק איז קאַספּער, אײדער ער איז נאָך אָנגעקומען צום טייך, אַריין אין וואַלד. היל וועלכער איז כּסדר געגאַנגען אונטער אים, האָט באַמערקט, אַז קאַספּער האָט אַנידערגעקניט פֿאַר עפּעס אַ בוים און מתפּלל געווען צו אים, ווי אַ געצנדינער, איבערחזרנדיק אָן אַ סוף בלויז איין וואָרט: „אָ, בוים! אָ, בוים!“ ווען היל איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט דאָס יונגל ווי זיך אויפֿגעוועקט און האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף גיין אויף מיטיק צו דוימערן, כאָטש די מיטיק-שעה איז שוין לאַנג אַוועק. היל האָט אים אָפּגעפֿירט ביז צו דעם טויער פֿון דוימערס הויז און אַוועק ערשט דאַמאָלט, ווען די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט הינטער דעם יונגל. ער האָט פּשוט מורא-געהאַט פֿאַר אים... דאָס אַלץ איז זייער מאָדנע!

לאָרד סטאַנהאָפּ צו הער גרויען...

„איך געפֿין מיך נאָך אַלץ אין דעם לאַנד, בענקנדיק נאָך די בולוואַרן, אָפּערע און סאַלאָנען פֿון פּאַריז. איך וועל קומען צו דיר, טייערער, אויף יום-טוב. איך לאַנגווייליק מיך דאָ, כאָטש אַלע פֿרייען זיך מיט מיר. מען האָט מיין נאָמען איינגעהילט אין אַ לעגענדע. אַ חוץ דעם טרייבט מען רכילות, אַז איך בין אין גאַנצע באַציאונגען מיט דער אַריסטאָקראַטישער מאַדאַם אים-האָף — אַז אומגליקלעכע אין איר פֿאַמיליען-לעבן. לײדער איז די דאָזיקע דאַמע די סאַמע צניעות אַליין. די ערלעכע דײַטשן דינגען צו מיר, ווי די סגעבט; למשל, דער קאַנצעלאַריע-דירעקטאָר אין

מיר גרייט צו פוצן די שטיוול.

... צו דער זאך! פאַרוואָס האַלט מען מיך דאָ ווייטער, אויב איך האָב שוין אויסגעפירט דעם באַשטימטן טייל פון דער אַרבעט? וואָס וויל מען נאָך פון מיר? איך בין שוין זאַט אויף דער דאָזיקער סעודה און איך וואָלט געוואָלט האָבן צייט צו פאַרדייען זי."

ווייטער שרייבט דער לאָרד אין אַ חוזק־טאָן, איבערשפּרינגענדיק פריי פון איין טעמע צו דער צווייטער, אַז ער האָט בדעה אַריינצוטרעטן אין רוים אין אַ קלויסטער, אָדער ער וועט זיך אין ענגלאַנד פאַרשרייבן צו די פּוריטאַנער. ער פרעגט אָן וועגן די פּראָצענטער פון זיינע קאַפּיטאַלן, וואָס געפינען זיך אין אַ פראַנצויזישער באַנק. ער באַקלאָגט זיך פאַרן פריינט, אַז ער ווערט טראַקטירט דורך די באַפעלס־געבער מיט פאַראַכטונג און דערמאָנט פאָרזיכטיק וועגן די גייסטיקע פעדים, וואָס פאַרבינדן אים מיטן פריינט אינם דינסט „געווויסע פּערזאָנען" א. אַ.ז. וו.

צום סוף פון בריוו איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ביטערן טאָן, באַקלאָגנדיק זיך אויף דער לאַסט פון די קייטן, מיט וועלכע מען האָט אַרומגענומען זיין שליחות, און ער דראָט די קייטן צו צערייסן... אָבער באַלד האָט ער צוגעגעבן, אַז דאָס איז בלויז אַ פאַנטאַזיע און שוואַכע אויפרייסן פון גערייצטן געוויסן. ענדלעך בעט ער דעם פריינט צו באַמיען זיך, מען זאָל אים אַרויסשיקן ווייטערדיקע סומען געלט, ווייל ער פילט שוין אַ דוחק. דער עיקר שכחתי האָט געקלינגען:

„דעם לערער האָב איך באַצאָלט פאַר אַ האַלב יאָר. דאָס איז אַ נוצלעכער מענטש, וואָס לאָזט זיך נישט איבערקויפן, ווי ברוטוס, און דערלויבט צו ציען אים אין אַלע זייטן, ווי אַ פּאָסטפערד. ער פאַרמאָגט „פרינציפּן", ווי אַלע דייטשן. זיי געגריסט! איך וויל שלאָפן!..."

א תפלה צו דער זון.

קאספער איז אינדערפרי אנגעקומען קיין אנסבאר. לארד סטאנהאפ האט אים אויפגענומען אין זיין סאלאן אין האטעל. ער האט אים געפרעגט, ווי אזוי די רייזע איז אריבער. דאס יונגל האט געענטפערט אין א פריינטשאפטלעכן, אבער איינגעהאלטענעם טאן. בלויז די אויגן האבן ווי פרעמד געקוקט אויפן לארד. פאר דעם דאזיקן שטומען אויסדרוק האט דער גראף אמשטארקסטן מורא געהאט. ער איז געווען צופרידן, וואס דער אפיציר היקעל איז אריינגעקומען, בעטנדיק אדורכצורעדן עטלעכע ווערטער אין שכנותדיקן צימער. דער לארד האט אפגעאטעמט.

געפינענדיק זיך אליין, האט דאס יונגל ארויסגענומען דאס רינגל פון פינגער און עס געלייגט אויף א פאפיר, אויף וועלכן ער האט גענומען שרייבן עפעס אויף ענגליש. דער לארד איז צוריקגעקומען און געזאגט:

— היקעל האט מיר דערציילט, אז דיין צוקונפטיקער לערער האט פארגעבריים א צימער פאר דיר. עס וואלט געווען גוט, אז מיר זאלן באלד גיין אנקוקן עם.

— גוט! — האט קאספער גלייכגילטיק געענטפערט.

— כדי אויסצומיידן נייגעריקע, וועלן מיר פארן, ווילסטו גיין צופוס?

— צופוס. זאלן מענטשן וויסן, אז איך גיי ווי אלע אויף צוויי פיס.

דער לארד האט באמערקט אויפן טיש דאס רינגל. ער האט פערקנייטשט די ברעמען. ער האט אבער גארנישט געפרעגט

זיך עֶר האָט דאָס רינגל פאַרשלאָסן אין אַ שופלאָד און קאַלט
געזאָגט:

— איך בין גרייט.

צום גליק האָבן די אַנסבאַכער נישט אַרויסגעוויזן זיך
פאַר צודרינגלעכע מענטשן. דער לאָרד און קאַספּער זענען אָן
שטערונגען אָנגעקומען צו קוואַנטס הייזל. איבן טויער איז
געהאָנגען אַ קראַנץ פון לאָרבער און אינמיטן — אַן אויפשריפט:
„זייט געגריסט!“. קוואַנט איז געווען יום־טובדיק אָנגעטון. זיין
פרוי האָט מיט אַ גרויסן שאָטלענדישן שאַל גוט באַהאַלטן איר
מצב.

קאַספּערס צימער האָט זיך געפינען אין סוף פון דער וואוי-
נונג. עס איז געווען אַ גאַנץ אָנגענעם צימער מיט אַלטמאָדיש
מעבל. דאָס בילד איבער דער זאָפע האָט פאָרגעשטעלט אַ יונג-
פרוי, וואָס שטרעקט אויס די הענט צו עמיצן, וועלכער איז אַוועק
אין דער טיפעניש פון אַ וואַלד. אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט
זענען געהאָנגען לאַנגע פאַסן לייוונט מיט פאַרביקע, אויסגע-
האַפטעוועטע אויפשריפטן „ווער עס שטייט אויף פרימאָרגן, וועט זיך
נישט דאַרפן באָרגן“, און ד. גל. די פענצטער האָבן אַרויסגע-
קוקט אויף גרינע טאָלן און אויף שניי־באַדעקטע פלאַכן פון בערג.

קאַספּער האָט אויף אַלץ געקוקט, ווי דורך אַ נעפל... עס
האָבן זיך אים כּסדר געחלומט פורן מיט אַנטלויפנדיקע מענטשן,
הייזער, ביימער, פעלדער... דאָס האַרץ האָט אים וויי געטון: —
וועט די דאָזיקע רייזע, וועגן וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג גע-
חלומט קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן?

דער לאָרד האָט זייער הויך גערעדט צו קוואַנטן, ווי ער
וואָלט זיך מיט אַ כּיוון געוואָלט מתנצל זיין פאַר קאַספּערן:

— אויב מען האָט מיר, נישט געקוקט אויף אַלע מיינע
באַמיאונגען, נישט געגעבן די מעגלעכקייטן שוין איצט מיטצו-
נעמען דאָס יונגל קיין ענגלאַנד, פריי איך מיך כאָטש, אַז ער ווערט
איבערגעגעבן אין די הענט פון אַזאַ פאַרדינסטפולן פּעדאַגאָג, ווי
— זאָג מיר, פרוי: האָסטו באַמערקט ביי דעם יונגל עפּעס
באַזונדערעס?

— איך האָב באַמערקט, אַז ער איז נישט צו איבריק געהאָרכזאַם און ער טראָגט זיידענע זאָקן, ווי אַ מאַרקיז.

— אָט דאָס טאַקע! אָט דאָס טאַקע!... נו, פון זיידענע זאָקן וועלן מיר אים אָפּגעוועגען. זיי פּאַסן נישט צו אונזער באַשיידענער וואוינונג. אָבער איך פרעג דיך: קענסטו פאַרשטיין מענטשן? קענסטו פאַרשטיין די וועלט?... וועגן אַזאַ איינעם רעדט מען גאַנצע יאָרן, ווי וועגן עפּעס אַ מופת! ?... אַזאַ איינער רופט אַרוים נייגעריקייט צווישן אַנגעזעענע מענטשן!... געפינט זיך נישט צווישן זיי אַזעלכע, וואָס קענען זעען מיט די אייגענע אויגן? !.. איך פאַרשטיי עס נישט!..

דער לאָרד און קאַספּער, האָבן, קומענדיק אין האָטעל, זיך געזעגנט איינער קעגן אַנדערן. דאָס שווייגן האָט דעם לאָרד געאַרט. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוקריגן פון קאַספּערן אַ מיינונג וועגן זיין לערער און זיין ווייב:

— ווי געפעלן זיי דיר? — האָט ער געפרעגט.

— המם... אַזוי... אַבּיסל... — האָט דאָס יונגל ברומענדיק געענטפערט.

זיין איינדרוק איז געווען אַן אומבאַשטימטער. ער האָט אפילו זיך נישט צוגעקוקט צו זיינע צוקונפטיקע דערציער.

סטאַנהאָפּ איז געוואָרן צעמישט פון זיין קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט. מיט איינמאָל האָט ער שרייענדיק אים פאָרגעוואָרפן:

— פאַרוואָס האָסטו אויסגעטון דאָס רינגל? וואָס מיינסטו דערמיט? רעד... אויב נישט וועט דיר זיין ביטער!...

קאַספּערס אויגן האָבן געפלדיק אָנגעקוקט דעם לאָרדס געשטאַלט; דערנאָך זענען זיי געבליבן הענגען אויף דעם טאַפּעט פון דער וואַנט און ער האָט געזאָגט מיט אַ מעלאַנכאָליש קול:

— עס וועט מיר זיין ביטער?... איז מיר דען שוין איצט נישט ביטער?...

ער האָט עפּעס אַנדערש געקענט ענטפערן. האָט ער געקענט דערציילן וועגן דעם, ווי ער האָט געזוכט וועגן צו דער צוקונפט, ווי ער האָט געוואָלט אויספאָרשן זיין פאַרגאַנגענהייט,

באַזונדיק די תּפֿיסה־קאַמער, ווי ער האָט באַגראָבן זײַנע חלומות אונטער אַ שײַן־צעוואַקסענעם דעמבן־בוים, צו װעלכן ער האָט תּפֿלה געטון? האָט ער געדאַרפֿט דערציילן, וויפֿיל ער האָט אַדורכגעליטן לעצטנס? נאָך דער ענדערונג פֿון לאָרדס פּלאַן, האָט זיך אַלץ געענדערט אין זײַנע אויגן. — דערויף האָט אים געפֿעלט ווערטער!

— דו באַשולדיקסט מיך!... פֿאַרוואָס?!... האָב איך נישט געקעמפֿט פֿאַר דיר, ווי ווײַט איך האָב געקענט—ווי פֿאַר אַן אייגן בלוט און פֿלייש?... האָב איך געקענט קומען צו אַ הסכם מיט אָט די נאַרישע פּערזאַנען?! איך האָב נאָך בדעה שטענדיק זיך צו זאָרגן פֿאַר דיר... אָבער איך פֿאַרבייט דיר צו האַלטן מיך פֿאַר אַ בעל־חוב און צו האָבן אויף מיר אַ מאָראַלישן דרוק!... אויב די וועסט האָבן צו מיר פּרעטענזיעס אָנשטאָט דאַנקבאַרקייט, זענען מיר פֿרעמדע מענטשן!

סטאַנהאָפּ האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז עמיצער האָט קאַספּערן אונטערגעהעצט קעגן אים. דעם דאָזיקן חשד האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן, ווען קאַספּער האָט אים מיט אַ קינדערישן טרויער דערציילט, אַז מיט'ן אויסטון דעם רינג האָט ער אים גאָרנישט געוואָלט אָנרירן... ער האָט בלויז געוואָלט ווײַזן, אַז עס איז אַוועק די צײַט פֿון... מעשהלעך און הבטחות, אַז... ער האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי ער זאָל אויסדריקן יענעם „צײַט צו טון!". ער האָט דאָס אויסגעלייגט אויף דער סימבאָלישער שפּראַך פֿון אַ קינד:

— דאָס הילצערנע פֿערדל איז געוואָרן לעבעדיק!

די אויגן האָבן אים אַזוי געגלאַנצט, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס שפּילצייג איז געענדערט געוואָרן אויף לעבן, אַז סטאַנהאָפּ האָט געפֿילט, ווי עס רעדט צו אים אַזאַ אײנער, וואָס פֿאָדערט זײַנע נישט־פֿאַרעלטערטע רעכט און דערמאָנט די צוגענומענע פּריווילעגיעס פֿון זײַן אָפּשטאַמונג... דעם לאָרד האָט אַרומגענומען אַ פֿאַרבאָרגענער שוידער... וואָס וועט זײַן, ווען דער דאָזיקער מענטש, אין וועלכן ער אַליין האָט אויפֿגעוועקט די האָפֿנונג, וועט דערזען זײַן פֿאַראַט?... אָבער ווידער

האָט אים אַרונטערגענומען אַ כּשוף, וואָס האָט אויסגעהויכט פֿון דעם דאָזיקן יונגל, וואָס האָט מיט אַזאַ שטאָלץ דערמאָנט, אַז ער איז אַריבערגעוואַקסן די קינדערישע חלומות און ער פֿאָדערט טאַטן. ער האָט זיך געזעצט נעבן אים, האַרציק אָנגענומען זיין האַנט און געזאָגט:

— איך פֿאַרשטיי דיך!... איך האָב לחלוטין נישט בדעה אײַנצוהאַלטן דיין פֿערד אין געלויף צו דער צוקונפֿט!... איז עס לעבעדיק—פֿאָר דערויף!... אַזוי איז דיין ווילן... איך וועל דיר נישט שטערן; איך האָב דיר געזאָגט דעם אמת: לויטן געבורט ביזטו גלייך מיט די מעכטיקסטע פֿירשטן. עס האָט דיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דער הויך אַ טײַוולאָנישע רשעות, אַ פֿאַרברעכערישע אינטריגע... אָבער ווייס: ווי ווייט דיינע פּרעטענזיעס און האָפֿנונגען זאָלן נישט זיין גערעכט, קען דער ערשטער טראָט, וואָס דו וועסט מאַכן צו זיי, באַטייטן דיין ירידה, דאָס ערשטע אומפֿאָרזיכטיקע וואָרט — דיין טויט. דו וועסט פֿאַרניכטעט ווערן, איידער דו וועסט אויסשטרעקן אַ פֿינגער!... אָט הער, וואָס איך באַשווער דיך: פֿאַרמאַך דאָס מויל אויף זיבן שלעסער. ציטער פֿאַר דעם חלום, ער זאָל דיך נישט פֿאַראַטן! מעגלעך, אַז דו וועסט ווערן דאָס, וואָס דו דאַרפֿסט זיין לויט'ן געזעץ, אָבער דערווייל ראָט איך דיר: האַלט דיין פֿערד אין שטאַל.

קאַספּער האָט זיך אויפֿגעהויבן אַן איבעראַשטער. ער האָט אויסגעצוויגן די הענט... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער סופֿיט פֿאַלט אויף אים אַרויף, אַז דאָס מעבל רוקט זיך ביי צו אים צו, כּדי אים צוצוקוועטשן, אַז די לופֿט הויכט אַרום אים מיט סם...

— אָבער יונגל! — האָט סטאַנהאָפּ געזאָגט. עס וועט דיר גאָרנישט העלפֿן! ביזט געבוירן געוואָרן אונטער אַ בייזן און צוגלייך גוטן שטערן! האָסט מיטגעבראַכט אין דיין בלוט די העכערקייט איבער מענטשן... און צוזאַמען דערמיט — טויט!... נו, — האָט ער פּלוצלונג פֿאַרענדיקט — עס איז צייט צו גיין שלאָפֿן. מאָרגן אינדערפֿרי וועלן מיר מתפּלל זיין אין דער קירכע, גאָט זאָל אונז צושיקן אַ דערלייכטערונג און אַן עצה...

כאָטש מען האָט אים אויסגעבעטן אַ באַקוועם געלעגער אויף

אַ זאַפּע אין עס־צימער, אין שכנות מיטן לאָרד, האָט קאַספּער אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. עס האָבן זיך אים געחלומט שטראָמען בלוט אין אַלע זייטן... די שטראָמען בלוט האָבן געצויגן צווישן רויזן און אין פּורפּור פון די מערב־וואָלקנס און צווישן מענטשן... זיי האָבן פון מענטשן געמאַכט שונאים איינער קעגן אַנדערן... ער האָט געזען דעם לאָרד סטאַנהאָפּ גיין דורך אַ ים פון בלוט...

ער האָט מורא געהאַט איינצושלאָפן... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ווען ער וועט איינשלאָפן, וועט אין דער פינצטערניש זיך באַווייזן אַ שטילעט און פאָדערן בלוט פון זיין האַרץ... ער האָט זיך געוואָרפן ווי אין פיבער... אַך, בעסער נישט זען, דערשטיקן דאָס קול פון בלוט, אין דערנידריקונג, אַבי לעבן, לעבן, לעבן!... אָ, קאַספּער וויל נישט שטאַרבן! — ער וועט פאַריגלען טיר און פענצטער, וועט זיצן שטיל ווי אַ מויז, פאַרגעסן די שטאָלצע חלומות, דעם פריינטס הבטחות, ער וועט קליין ווערן, באַגראָבן דאָס הילצערנע פערדל — אָבער ער וועט לעבן, לעבן, לעבן!...

די דעק האָט אים געשטיקט. ער האָט זי אַראָפּגעוואָרפן. ער האָט זיך אַ ריס געטון פון דער זאַפּע. אַ באָרוועסער איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער. דער ווינט האָט געטריבן די צעריסענע וואָלקנס אויפן טונקעלן נאַכט־הימל. קאַספּערן האָט זיך געדאַכט, אַז פון די כמאַרעס הערט זיך אַ שפּאָטיש־וואַרנדיק געפייפעריי. אָדער אַ דראָענדיק־דערמאָנענדיק געפליסטער:

„היט זיך!“

ער האָט געוואָלט אויפוועקן דעם לאָרד, וועמען ער האָט געהערט כראָפּען אין שלאָף־צימער. אָבער ער איז נישט דרייסט געווען איבערצורייסן אים דעם שלאָף. וואָס וועט אים יענער העלפן? ער האָט דאָך אים געזאָגט: „אונטער אַזאַ שטערן ביזטו געבוירן געוואָרן! — דאָס איז געווען אַלץ. ער האָט געציטערט. דאָס פּנים האָט ער פאַרשטעלט מיט די הענט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַלט אַרויס דורכן פענצטער, אַז דער נאַכט־וועכטער, וואָס האָט זיך געדרייט אויף דער גאַס קעגן איבער דעם האָטעל, האָט אים איינגעטוליעט אין זיין מאַנטל און

שלעפּט אים ערגיץ אויף שניי־בערג.. דער קאָפּ האָט אים געמוישט...

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט אים אויפגעוועקט אַן אי־בעראשט קול. פאַר אים איז געשטאַנען אין שלאָפראָק לאָרד סטאַנהאָפּ, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן אין דער נאַכט פון די טריט אין צימער.

קאַספּער האָט צו אים אויסגעשטרעקט די הענט און אַ געבעט:

— הייגריך! — האָט ער געשריגן — פיר מיר צו דער מאַמען! בלויז איינמאָל!... איינמאָל זי זען!... נישט איצט — שפּעטער! אָבער בלויז איינמאָל זען!

דעם גראַף האָבן טרערן געשטיקט אין האַלדז.

— געדולד, יונגל! — האָט ער געזאָגט אַ געריר־טער.

— ווי לאַנג נאָך?... איך בין געווען אַזוי געדולדיק!

— איך זאָג דיר צו!...

— ווען?!... ווען?!... ווען וועט עס געשען?!...

— אין אַ יאָר אַרום!

— אַך, אַ יאָר... עס איז אַזוי לאַנג...

— אין אַ יאָר... אַ קורץ יאָר... וועל איך צוריקקומען...

— און דו וועסט מיך נעמען צו... איר?

— כ׳וועל דיך נעמען!

— שווער!

— איך שווער!

— גוט... אָבער... ווי אַזוי קען איך דיר גלויבן?

— אויב איך וועל דאָס נישט טון, רייס אַרויס מיין נאָמען פון דיין האַרץ אויף אייביק! — האָט געענטפערט סטאַנהאָפּ און אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן צוליב דער קראַפט פון דעם יונגלס געבעט און עקשנותדיקן ווילן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַלט אַריין אין אַ וואולקאַן־קראַטער, ווי זיין פריינט, וואָס איז „אַראָפּ אין גהינום!"

— גיב מיר אַ וואָרצייכן... זאָג מיר איר נאָמען...

— איך קען נישט... ניין! ניין! פאָרער עס איצט נישט, קאַספּער!

— אָבער אין אַ יאָר אַרום?

— אין אַ יאָר אַרום — גוט!

דער לאָרד איז צוריק אין שלאָף־צימער. ער האָט אנידער־געקניט נעבן טישל און אויפֿן קול געגומען זאָגן אַ תּפֿילה.

קאַספּער, אַ פֿאַרמאַטערטער, איז אונדערפֿרי אײַנגעשלאָפֿן.

מיטיק־צײַט האָט אים אויפֿגעוועקט דער גראַף.

— קום מיט מיר אויף אַ שפּאַציר.

זיי זענען געגאַנגען. אויפֿן וועג זענען זיי אַרײַן אין אַ קירכע. עס איז דאָרט קיינער נישט געווען. קאַספּער איז געוואָרען פֿאַרוואונדערט דערפֿון, וואָס לאָרד סטאַנהאָפּ האָט, אנידער־קניענדיק פֿאַרן אַלטאַר, אָנגעלעגט דעם קאָפּ אויף די שטיינערנע טרעפּלעך און געבליבן לאַנג אין דער דאָזיקער אומבאַוועגלעכער פּאָזיציע.

— פֿאַרוואָס טוט ער אַזוי תּשובה?—האָט ער געפֿרעגט,— האָט ער דען עפּעס שלעכטס געטון אין לעבן?... וויל ער מיט תּפֿלה פּועלן, מען זאָל אים מכפּר זײַן? גאָט איז דאָך אָבער נישט אונטער דער ערד, נאָר... הויך!

דאָס יונגל האָט אָנגעקוקט די געמאָלטע שויבן פֿון דער גאָטישער קירכע. וואָס איר שטילקייט האָט אָנגעפֿולט זײַן האַרץ מיט אַ הייליקן ציטער.. און אין אַ שטילן טאָן האָט ער גע־נומען זאָגן אַ נאַאיווע תּפֿלה, וואָס ער האָט אויסגעקלערט.

— זון!... מאַך, אַז אַלץ זאָל נישט זײַן אַזוי, ווי עס איז... עס זאָל זײַן אַנדערש. דו ווייסט, ווי עס איז, דו ווייסט, ווער איך בין. לײַכט מיר, זון, כּדי מײַנע אויגן זאָלן דיך שטענדיק קענען זען!...

דורך די שויבן איז אַרײַנגעפֿאַלן אַ כוואַליע גאָלדענע שטראַלן פֿון דער זון, — קאַספּערן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט באַ־קומען אַ גוטן ענטפֿער פֿון דער זון...

עפּעס וועגן הער קוואַנט און עפּעס וועגן אַן אומבאַקאַנטע דאַמע

קאַספּער האָט געוואוינט ביי קוואַנטן. ביים ערשטן מיטיק, בעת מען האָט קוים די זופּ אַרײַנגעברענגט, האָט ער געהערט:

— עס הויבט זיך אָן פאַר דיר, קאַספּער הויזער, אַ נײַ לעבן. איך בין ביי דער האָפנונג, אַז דו וועסט זיין פלייסיק און פאָלגן דעם רבונו של עולם. ווער עס האָט שטענדיק אין זינען דעם באַשעפער, דעם גייט גוט אויף דער ערד!

צוריקקומענדיק פון דער שול, האָט דער לערער געפרעגט די פרוי, ווי אַזוי קאַספּער האָט זיך אויפגעפירט.

— איך האָב נישט באַמערקט.

— די מוזט שטענדיק האָבן אָפענע אויגן, יעטע!

ער אַליין האָט גוט געהיטן. מען קען זאָגן, אַז ער האָט געפירט אַ האַנדלס-בוך פון קאַספּערס פאַרשריטן. ער האָט געווייטיקט איבער דעם, וואָס דער ד ע ב ע ט האָט שטענדיק איבערגעשטיקן דעם קרעדיט. און דאָך האָט אין זיין האַרץ זיך געפינען אַ ווינקל, אין וועלכן עס האָט זיך געפינען אַ בייזע פרייד... צוליב דעם איבערגעוויכט פון די עבירות.

דער לערער קוואַנט האָט בכלל געהאַט אַ טאָפּלט פנים. אין זיין נשמה האָט פון איין זייט געוואוינט אַן אויסגעצייכנטער בירגער, אַ שטייער-צאָהלער, אַ פאַמיליען-פאָטער און אַ פּאַטריאָט און פון דער צווייטער זייט איז קוואַנט געווען בלויז... קוואַנט. אַלס געזעלשאַפטליכער מענטש האָט ער אָנטייל גענומען אין אַלע וואָכעדיקע ענינים פון דער שטאָט, בעת דער פאַרבאָרגענער

קוואַנט האָט זיך געריבן די הענט, ווען עס איז געשען אַ פֿאַרפֿאַל: עמיצער איז געשטאָרבן, אַ פֿאַרדינסטפֿולער באַאַמטער האָט צעבראָכן אַ פֿוס, מען האָט באַגנבעט די פֿאַראײנס־קאַסע, עס איז אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה אין הויז פֿון אַ באַנקיר, אַ גרעפֿין האָט זיך געטראָפֿן אַן אומגליק. דער רעוואָלוציאָנערער קוואַנט האָט געקוקט די השגחה העליונה אויף די פֿינגער און ער איז געווען צופֿרידן פֿון די פֿאַרפֿאַלן, וואָס זענען, לויט זײַן מײנונג, געווען אַ שטראָף פֿאַר די עבירות. דער געזעלשאַפֿטלעכער קוואַנט איז געווען צופֿרידן פֿון זײַן גורל. דער פֿאַרבאָרגענער קוואַנט האָט זיך געפֿילט אָנגעגריפֿן און דורך קנאה דערפֿילט אַ שׂמחה פֿון יענעמס היזק. אַזוי האָבן זיך אין אײן נשמה געלעבט צוויי קוואַנטס; אַמאָל איז די גרענעץ צעריסן געוואָרן, און אַ שרעקלעכער לאַם האָט זיך אַרײַנגעקריגן אין דעם פֿרומען טײל, וואָס איז געווען דער „צלם אלקים“... ווי־נאָך האָט מען דאַן געקענט ווײסן, וועלכער קוואַנט עס האָט באַקומען בירושה 2000 טאָלער און וועלכער עס האָט געקריגן פֿאַר אַ נאַרישער דערפֿינדונג אַן אָרדער, וואָס באַצירט קוואַנטס שײנע ברוסט?...

קוואַנט האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה פֿון פּויערים און פּאַכטאָרן און די פּויערישע כיטרעקײט האָט זיך אין אים אויסגעמישט מיט דער פֿרומקײט פֿון די פּאַכטאָרן. קודם כּל האָט קוואַנט פֿײַנט געהאַט ליגנט! ער וואָלט קײנמאָל נישט געזאָגט קײן ליגנט!

צוליב אַזאַ מוסטערהאַפֿטער צניעותדיקײט איז קוואַנט געווען אַ הילפֿלאָזער פּאַרשוין. מען האָט אים געקענט טרעפֿן שטענדיק אַ גוט־פֿריזירטן, אום זונטאָג האָט ער געטראָגן אונטערן אָרעם אַ דיק געבעט־בוך, אין געוועלב האָט ער פֿאַרצײכנט אין זכּרון, וויפֿיל פֿונט קאַווע עס האָט גענומען די קעכין פֿון גענעראַל ג. און אַז דער ראַט האָפֿמאַן האָט אים שוואַך באַגריסט; אין דער שול האָט ער מיט אַ רוט געשלאָגן די שילער און ווען עס איז אין דער הײם נישט געווען קײן געסט, האָט ער דעם ווײַב דערצײלט פּיקאַנטע מעשׂהלעך. אַזאַ קוואַנט ווײַזט אונז אויס צו זײַן קאָמיש. אָבער בײַ קאַספּערן האָט ער אויסגענומען מיט

זײַן אָפֿיציעלער צניעות און דערמיט, וואָס ער האָט זיך שטאַרק מטריח געווען בײַם אויספֿירן אַלע פֿאָדערונגען פֿון פּעדאַנטיזם.

די אײנציקע פֿרייד קאַספּערס איז געווען לאָרד סטאַנהאָפּ, וועלכער איז פֿאַרבליבן אין אַנסבאַך, וואַרטנדיק, אַז פּרעזעס פֿייערבאַך זאָל צוריקקומען. זיי זענען ביידע אָפֿט געגאַנגען שפּאַצירן אין די בערג־וועלדער, וווּ די קאַלטע לופֿט האָט אויפֿגעפֿרישט דעם יונגלס גוף און נשמה. זיי האָבן ווידער פֿאַרבונדן אַ האַרציקע פֿריינטשאַפֿט. קאַספּער האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן די ביטערע שטימונגען, וואָס זענען געקומען פֿון זיינע אַנטוישונגען. דער לאָרד האָט אויסגעמיטן צו שמועסן מיט אים וועגן פּערזענלעכע זאַכן. ער האָט אַנטוויקלט דעם יונגלס גייסט, דערציילנדיק געשיכטעס פֿון העכערע און קלענערע מענטשן, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט פֿאַרשידענע גלגולים, און וועלכע ער האָט אַליין געקענט; ער האָט אים אויסגעלערנט צו האָבן אַ מין פֿילאָזאָפֿישן בליק אויף דער וועלט. ער האָט ציטירט לויטן זכרון ערטער פֿון די הומאָריסטישע ווערק פֿון לאָרד טשעסטערפֿעלדס אַ קרוב. דער טאָן פֿון זיין דערציילן איז אַמאָל געווען ווייד, האַרציק, אָפֿט סקעפּטיש און חוזקדיק און אַמאָל ווייטיקלעך. דער לאָרד האָט זיך דערפֿרייט, זענדיק אומגעריכט אין קאַספּערן אַ קלוגן און עמפּינדלעכן צוהערער, וואָס האָט מיט דער רייפֿקייט פֿון זיין פֿאַנטאַזיע אויסגעשפּרייט זיינע בילדער און מיט אַן אויפֿמערקזאַמער פֿאַראינטערעסירונג געשטעלט טרעפֿלעכע פֿראַגן.

אָבער אין אַ געוויסן טאָג האָט דאָס געשפּרעך אויפֿן שפּאַציר צופֿעליק באַדראָט דאָס גלייכגעוויכט פֿון זייער פֿריינטשאַפֿטלעכער באַציאונג. דער לאָרד האָט זיך געפֿרעגט, צי קאַספּער פֿירט נאָך זיין טאָג־בוך. ער האָט באַקומען אַ באַשטימטן ענטפֿער.

— וועסטו אים אַמאָל מיר ווייזן, נישט אמת?

— יאָ! — האָט קאַספּער געענטפֿערט, נישט האָבנדיק די דרייסטקייט אָפּצוזאָגן דעם לאָרד און האָפֿנדיק, אַז ער וועט פֿאַרגעסן זיין קאַפּריז.

אָבער ווען זיי האָבן זיך צופֿעליק געפֿינען אין קאַספּערס

צימער, האָט אים דער לאָרד דערמאָנט זײַן צוזאָג.

— אַך! עס איז מיר איצט שווער צווישן אַזוי פֿיל בילער צו געפֿינען מײַן אַלבום! — האָט דאָס יונגל געזאָגט, ווערנדיק רויט.

— איך זע, אַז דו ווילסט דיך מיט אַ לײַכטן תירוץ אַרויסדרייען פֿון האַלטן דײַן וואָרט! — האָט דער לאָרד געקנייטשט די ברעמען, — איך האָב דאָס נישט גערעכנט אויף דיר!

אויף דער שוועל האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן קוואַנט.

— דער עקסעלענץ, דאַכט זיך מיר, איז נישט צופֿרידן פֿון קאַספּערן.

— אַזוי איז עס. אָדער ער האָט מיר נישט געדאַרפֿט צוזאָגן צו געבן זײַן טאָג־בוך, אָדער, צוזאָגנדיק, האָט ער געדאַרפֿט האַלטן זײַן וואָרט.

ער האָט קאַלט געזעגנט דעם שווײַגנדיקן קאַספּערן און אַרויס מיטן לערער.

— און איר זענט צופֿרידן פֿון אים? — האָט ער געפֿרעגט אין פֿאָדער־צימער.

— איר וועט אַזוי גוט זײַן, גראַף, אַרײַנגיין אין מײַן קאַבינעט... די זאַך פֿאַרלאַנגט ברייט אַרומגערעדט צו ווערן. איך בעט אַ אױדיענץ אויף אַ פֿערטל שעה.

זיי האָבן זיך געזעצט. קוואַנט האָט גענומען אַזוי אומפֿירלעך רעדן וועגן זײַן מעטאָדע צו לערנען לאַטייַן און דײַטש, אַז דער לאָרד האָט אָנגעהויבן גענעצן.

— אָבער די רעזולטאַטן?! — האָט ער אומגעדולדיק געפֿרעגט.

און ווידער האָט דער לערער גענומען אַרײַנלאָזן זיך אין פּרטים.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַספּער איז שוואַך אין קאַליגראַפֿיע און אָרטאָגראַפֿיע, אַז ער האָט אַ שוואַכע ידיעה אין געוויסע פֿאַלן פֿון דער לאַטייַנישער גראַמאַטיק, אַז די דײַטשע איבונגען מאַכט ער גוט, בפֿרט בײַם שטעלן די פּונקטואַציע־צייכנס.

— ענדליך הערט מען באַטש גוטס! — האָט דער לאָרד געזאָגט.

— אַזוי איז עס! עס איז מאָדנע, ווײַל באַרימטע שרײַבערס אפילו באַנוצן אָפט נישט ריכטיק די פּונקטואַציע־צײַכנס. פֿאַרדאָס מוז די ברוך־צאָלן גײט עס שלעכטער. אויב ער מאַכט אַ פֿעלער, באַמױט ער זיך נישט אויסצובעסערן אים.

— ווײַטער! ווײַטער!

— וואָס שייך געשיכטע — לאַנגוויליקן אים שרעקלעך די ביאָגראַפֿיעס פֿון קעניגן און מלחמות. ער האָט ליב בלויז אַנעקדאָטן! און דער געאָגראַפֿיע איז ער אויך נישט פֿויגלדיק. בכלל איז עס פֿאַר מיר אַ רעטעניש, וואָס אין נאָרימבערג האָט מען באַוואונדערט זײַן זכרון. וואָס שייך די צײַכענונגען...

— אַך! איר וועט מיר שוין אַן אַנדערש מאָל דערצײלן.

— איך מוז בלויז צוגעבן, אַז רעליגיע וועט אים לערנען פּאַסטאָר פֿורמאַן... און בכלל זענען די קאָסטן פֿון הויזערס אויס־האַלט און בילדונג טײַערער געוואָרען צוליב'ן יקרות...

— גוט! גוט!... שטעלט מיר צו אַ רעכנונג. איך וועל באַצאָלן...

— אַ דאַנק. ווי מײנט דער לאָרד: וואָלט נישט געווען ריכטיק, ווען איך נעם אַן קאַספּערס ברוו פֿאַר פּשוטע איבונ־גען?... איך וועל רעדן אײַנפֿאַכער: איך וואָלט די ברוו אַדורכ־געזען און מיט רויטן טינט זײַ אויסגעבעסערט. אויף אַזאַ אופֿן וואָלט איך געקענט באַמערקן קאַספּערס פֿאַרשריט און סטיל...

— גוט! גוט! גוט! אַ שײנער אײנפֿאַל!

— ווען זײַ זענען אַראָפּ אויף די טרעפּן, האָט דער לערער, אויפֿהויבנדיק דאָס לעמפּל און דער הויך, דערזען אַ שאָטן. ער האָט מיט כעס געמורמלט:

— קאַספּער האָט זיך אונטערגעהערט.

דאָס יונגל האָט געזאָגט:

— איך האָב אויף דיר געוואַרט, הײַנריך. איך בעט דיך, קום אַרײַן צו מיר אין צימער אויף אַ רגע.

סטאַנהאָפּ האָט דעם יונגל נישט געקענט אָפּזאָגן. ער איז

ערין.

— איך האָב דיר צוגעזאָגט צו ווייזן מיין טאָג־בוך. אָט איז עס! (ער האָט אַראָפּגענומען אַ מיולענע דעק פון אַ שאַפלאַד, וואָס ער האָט געעפנט, און געוויזן דעם אַלבום) אָבער איך בעט דיך... לייען עס ניט!

לאָרד סטאַנהאָפּ איז אויפגערעגט געוואָרן.

— איך האָב ניט בדעה אַריינצוקוקן אין דיין אוצר. אָבער לאָז מיך צורו מיט דיינע קינדערישע שטיקלעך.

קוואַנט האָט דעם לאָרד צוגעפירט צו דער טיר. ביים געזעגענען זיך האָט ער געזאָגט:

— עס דאַכט זיך מיר, אַז ער שרייבט ניט קיין שום טאָגבוך... דעריבער האָט ער ניט געוואָלט ווייזן די ווייסע בלעטלעך פון אַלבום. ער האָט פּשוט געזאָגט ליגנט, כדי זיך צו רימען...

דער לאָרד איז איינגנטלעך ניט געווען נייגעריק צו זען, וואָס קאַספּער שרייבט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז דאָרט געשילדערט אין באַגייסטערטע פאַרבן. ניט געקוקט דערויף האָט ער צעמאָרגנס אַלס „שטראָף" צוגענומען קאַספּערן דריי זיינע בריוו, וועלכע ער האָט אין דער שטיל געהאַלטן פאַר געפערלעכע. קאַספּער האָט זיי צוריקגעגעבן, ניט רעדנדיק קיין וואָרט...

פלוצלינג האָט זיך דער לאָרד אָנגערופן אין אַ וויילן טאָן:

— קום צו מיר מאָרגן 8 אָוונט. מיר זענען פאַרבעטן צו דער באַראָנעסע אימהאָף.

ביי דער טיר האָט ער געזאָגט:

— הער, קאַספּער!... איך האָב זיך דערוויסט, אַז דער פּרעזעס וועט ערשט צוריקקומען נאָך ניי־יאָהר. איך קאָן אַזוי לאַנג ניט וואַרטן. מאָרגן... פאָר איך אַוועק.

— מאָרגן? — האָט דאָס יונגל געפרעגט מיט אַ טרויעריק קול.

— מאָרגן!...

— מוז עס זיין דווקא מאָרגן?

— עס מוז זיין... עס איז מיר דאָ געוואָרן לאַנגווייליק.

בײַ דער באַראָנעסע אומהאָף האָט זיך פֿאַרזאַמעלט דאָס „שמאַליץ" פֿון דער געזעלשאַפֿט אין אַנסבאַך. צום ערשטן מאָל האָט זיך קאַספּער עפֿנטלעך געוויזן. ער האָט אַרויסגערופֿן סימ-פּאַטיע צווישן די דאַמען, וועלכע האָבן באַוואונדערט זײַנע קלײנע אויערן, קלײנע הענט, שלאַנק געשטאַלט, און אַפֿילו דעם צײכן אויפֿן שטערן. די מענער האָבן זיך מיט אים אויפֿריכטיק אַנט-ציקט, אָדער זיי האָבן אַזוי געמאַכט, כּדי צו געפֿעלן זײַן אַפּי-טרופּוס, דעם הויכן גאַסט.

דער לאָרד האָט באַשטעלט אויף דעם דאָזיקן אָוונט אַ טויץ קופּערנע שטיכן מיט זײַן פּאָרטרעט אין דער קלײדונג פֿון אַן ענגלישן דזשענטלמאַן און זיי צעטײלט די אָנגעזעענסטע בירגער נאָכן טאָסט, וועלכן ער האָט געהאַלטן לכּבֿוד די „טײַערע אַנס-באַכער, וועלכע ער מוז מיט באַדויערן פֿאַרלאָזן".

נאָכן מאָלצײַט האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבהאַפֿטיקע דיס-קוסיע וועגן זײַנע פּאָרטרעטן. עמיצער האָט געזאָגט, אַז אַ גרוי-סער קינסטלער לײגט אינטואיטיוו אַרײַן אין פּאָרטרעט די גאַנצע אינדיווידואַליטעט פֿון דער פּאָרטרעט-פּערזאָן. ראַט האָפֿמאַן איז געווען אין דער מײנונג, אַז דער פּאָרטרעט ווערט געמאַכט אַזוי ווי מען באַשטעלט אים. לאָרד סטאַנהאָפּ האָט זיך דערפֿון געפֿינען שטאַרק אָנגעגריפֿן. ער האָט דערקלערט, אַז ער ווייס פֿון אַ פּאָרטרעט פֿון אַן אומבאַקאַנטער פּערזאָן דערקענען איר כאַראַקטער.

דערויף איז די באַראָנעסע אומהאָף אַרײַן אין שלאָף-צימער און אין אַ ווײַל אַרום האָט זי געבראַכט אַ פּאָרטרעט פֿון אַ וואונ-דערלעך-שײנער פֿרוי אין אַ גאָלדענער ראַם. מען האָט דעם פּאָרטרעט אַוועקגעשטעלט פֿאַרן לאָרד און די ווירטין האָט גע-זאָגט:

— ביטע, לאָרד... רעדט — מיר הערן.

דער לאָרד האָט זיבן מאָל פֿאַרגרעסערט די ערנסטקייט פֿון זײַן פּנים.

— זי איז הימליש שײן! — האָט ער פֿײַערלעך געזאָגט.

— דאָס זעען מיר... אָבער דער כאַראַקטער?

— די זיסע שווערקייט פון א מזרח־טיפ פאראייניקט מיט דער גראציעזקייט פון אן אנדאלוזיערין... די מילדקייט פון א קלויסטער־שוועסטער... פארליבט אין דער אידישער רו פון דארף...

די באראנעסע אימהאף איז אויסגעבראכן מיט א געלעכטער.

— לארד! איר זאגט בכיון דעם היפוך פון אמת!

דער לארד האט אויסגעקרומט דאס מויל מיט א ביטער שמייכעלע.

— אויב איך האב געמאכט א פעלער, וועט איר אזוי גוט זיין אויסבעסערן דעם פעלער.

— אך! די גאנצע געשיכטע איז... צופיל טראגיש, כדי איך זאל דא רעדן פון איר... איך וויל נישט טרויעריק מאכן מיינע געסט...

פון אלע זייטן האט מען גענומען בעטן, אז די באראנעסע זאל דערציילן עפעס פון איר פריינדין. מען האט ווירקלעך גע־הערט א רירנדיקע דערציילונג, וואס האט אלע איבערגענומען...

די יונגע פרוי איז, אלט זייענדיק זיבעצן יאר, געווען א הויף־דאמע אין עפעס א דייטשישן פירשטנטום. אין א געווויסן טאג איז איר ברודער, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט אומגעוויינט־לעכע פעאיקייטן, און באשטימט געווארן, נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער, אלס פינאנץ־מיניסטער, טרויעריק און פארזארגט געקומען אהיים.

— איך ווייס נישט, וואס איך זאל טון! איך האב אנט־דעקט א שווינדל, וועלכן עס זענען באגאנגען אונדזערע העכסטע מענטשן... מען האט פארשווענדעט ריזיקע סומען — האט ער געזאגט.

— דערצייל עס דעם פירשט! — האט די שוועסטער געראטן. ער האט דערציילט.

— דער פירשט האט געהייסן דעם שווינדל פארטושן.

— דערצייל עס דעם פאלק! — האט די שוועסטער געזאגט.

דער ברודער האט גערופן א מיטינג. א טאג פארן מיטינג האט אים א פרייגט פארבעטן אין א געוויסן קלוב. ער איז נישט

אָנגעקומען אויפֿן אָרט. ער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אָן ידיעה. מען האָט דאַמאָלט נאָר געהערט סודותדיקע שאָסן.

די ענערגישע פֿרוי האָט געהייסן דורכנישטערן די גאַנצע געגנט, אויפֿגראָבן די ערד, זוכן אויף די גרונטן פֿון די טײַכן. זי האָט געוואָלט געפֿינען דעם טויטן קערפּער. זי האָט אָנגעהויבן אַן אויספֿאָרשונג. מען האָט איר געפּרוווט שטערן. נישט באַקומענדיק קיין מוחל־בײַם פּירוש, האָט זי פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד. זי איז אַוועק קיין לאָנדאָן, האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע פֿון די אַרבעטער און פּויערים, שטודירט סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן... זינט יענער צײַט — זעקס יאָר — פֿירט זי אַ היים לעבן, פֿול מיט שטענדיקע איבערלעבונגען און מערקווירדיקע מעשים... זי האָט געהאַלטן פֿאָרלעזונגען אין רוסלאַנד, אונגאַרן, עסטרײַך... זי איז אַוועק קיין אַמעריקאַ... איצט געפֿינט זי זיך אויפֿ'ן מזרח...

— אַט פֿון וואַנען עס שטאַמט די מזרח־פּאָליטיק! — האָט די באַראָנעסע געשמייכלט, ענדיקנדיק איר דערציילונג — איר האָט געטראָפֿן לאָרד, אַז זי איז אַ גוטע... אָבער איר גוטקייט איז אַן אַנדערע... עס איז אַן ענערגיש מיטגעפֿיל...

די אָנוועזנדיקע האָבן זיך געפֿונען אונטער אײַנדרוק פֿון דער דערציילונג. אין סאַלאָן, בײַם קאַמין, האָט מען געהערט רעדן וועגן עמיצן, וואָס קעמפֿט ערגעץ ווײַט מיט בייזע גײַסט, צווישן שטורעם און געוויטערם פֿון דער וועלט — און איז דאָך שטענדיק ליב. דעם גרעסטן אײַנדרוק האָט די דערציילונג געמאַכט אויף קאַספּערן. זײַנע פֿאַרחלומטע, ברייט־געעפֿנטע אויגן זענען געהאַנגען אויפֿן מויל פֿון דער דערציילנדיקער. אַלע אַרום האָבן דערפֿילט דעם אומגעווײנטלעכן כישוף פֿון דער דאָזיקער מערקווירדיקער פֿאַראינטערעסירטקייט. ער האָט זיך אויף די שפּיץ נעגל דערנענטערט צו פֿרוי אימהאָף און זי געפֿרעגט שעפּטשענדיק:

— און ווי אַזוי הייסט זי?

— איך קאָן עס דיר איצט נאָך נישט זאָגן, מײַן יונגל. אַן אַנדער מאָל וועל איך דיר זאָגן איר נאָמען...

קאַספּער איז אַהיימגעקומען אַ פאַרטראַכטער, אַן אויפגע־
רודערטער ביז צום גרונט פון זיין נשמה. דאָס ערשטע מאָל איז
די עקזיסטענץ פון דער פרוי געשטאַנען פאַר אים אין אַן אַנדער
ליכט, און אַן אומגעוויינטלער ליכט. און דאָס בילד פון דער
אומבאַקאַנטער פרוי אויפן פאָרטרעט האָט זיך צונויפגעגאָסן
מיטן בילד פון זיין מוטער, וואָס איר נאָמען האָט ער אויך נישט
געקענט...

יוסף און זײַנע ברידער

אין אַ הערלעכן קאָסטיום, וואָס לאָרד סטאַנהאָפּ האָט אים געשאָנקען, איז קאַספּער געשטאַנען פֿאַר זײַן קאַרעטע. ער האָט פֿאַרקריצט די צײן, כּדי נישט צו צעוויינען זיך. דאָס האַרץ האָט אים וויי-געטאָן. זײַן איינציקער פֿרײַנט פֿאָרט אַוועק אין דער ווײַטער וועלט... דעם יונגלס גערירטקייט האָט אָפּגעפֿילט דער לאָרד... ער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. ער האָט אים געבענטשט מיט אַ ציטערדיקער האַנט. בעת די קאַרעטע האָט זיך גערירט, האָט סטאַנהאָפּ זיך אומגעדרייט אויף זײַן זיץ-אָרט און גאָר געשריגן צו קוואַנטן און צו היקלען:

— היט מיר מײַן זון!

דער לערער האָט געלייגט די האַנט אויפֿן האַרץ. דער שאַנדאַרם האָט, גריסנדיק, זיך אײַנגעבויגן.

באַראָן אומהאָף און דער ראַט האָפֿמאַן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרשפּעטיקט אויף עטלעכע מינוט, האָבן כאָטש, נישט קענענדיק געזעגענען זיך מיטן לאָרד, געוואָלט טרייסטן זײַן ליבלינג, און אים מיטגענומען אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק; קוואַנט האָט דער-לויבט.

און עס איז געשען אַ מאָדנע זאַך.... דער לערער איז אַראָפּ-געלאָפֿן פֿון וועג, שנעל אַהיים, באַפֿוילן דעם ווײַב צו שטיין בײַם פֿענצטער אין דער הויך און אַכטונג געבן, צי קאַספּער קומט נישט צוריק. אַליין האָט ער מיט היץ גענומען נישטערן אין דער קאָמאָדע, שאַנק און אין גאַנצן יונגלס צימער. אומזיסט! ער האָט נישט געפֿינען. דער אַלבום איז ערגעץ פֿאַרלוירן געוואָרן!...

— וואָס זאָגסטו, יעטע, דערצו? ווי דאָס „פֿייגעלע“ איז

בּיטרע!... דער חברה־מאַן האָט אַ נאָז!...
זי האָט אים צוגעבאַסעוועט פון רגילות, כאָטש אין דער אמתן האָט זי ליב געהאַט דאָס יונגל, וואָס איז צו איר געווען זייער העפלעך.

קוואַנט האָט זיך ניִשט געקאָנט טרייסטן. זיין מיסיע אָפּ־צוזונדערן פאַלשקייט פון אמת האָט איִן איצטיקן פאַל געליטן אַ מפּלה. ער האָט געהאַלטן צום ווייב אַ לאַנגע רעדע:

— קאָנסטו עס גלויבן, יעטע, אַז דאָס דאָזיקע יונגל, וואָס זיצט אַזוי שטיל ביים טיש, האָט יאָרן לאַנג געפוילט איִן אַ לאָך? ער איז כּלומרשט אומשלודיק... אָבער די אויגן פון פרוי בעכאָלה זענען אַריינגעדרינגען איִן דער טיפעניש פון זיין נשמה... ער איז אַ גוטהאַרציקער, אָבער... די גוטהאַרציקייט איז אַ קינסטלעכע. ווען איך גיי אַריין אומבאַמערקט איִן זיין צימער, דאַכט זיך, ווי ער וואָלט ניִשט געווען פון אונדזער וועלט... און באַלד מאַכט ער אַזאַ נעבעכדיקע מינע, אָוום אַנטוואָפנט מיך... עמיץ שטעקט דער־ריִן.. ער איז אומדערטרעגלעך. איך וועל אים נאָך איִבעראַנדערשן.. אָבער איך מוז וויסן, וואָס עס שטעקט אונטער דעם אַלעם... איינמאָל האָט ער איִן העלן טאָג אַראָפּגעלאָזט די פאָרהאַנג. וואָס האָט ער דאַמאָלט געטון איִן צימער?....

און אָוונט פון זעלבן טאָג האָט יעטע, ליגנדיק שוין איִן בעט, אומרואיק אויפגעהויבן די אויגן צום סופיט:

— דו הערסט, ווי מען גייט אויבן כּסדר?

— איך וועל אים שוין אָפּגעוויינען צו שפּאַצירן ביינאַכט!

— האָט קוואַנט געבּרומט. אָנטוענדיק שטיל די פאַנטאָפל, איז ער אַרויף איִן דער הויך. ער האָט אַריינגעקוקט דורכן לאָך פון שליסל. איִן צימער איז געווען פינצטער. ער האָט גאָרניִשט געזען. ער האָט אַ דריק געטון די קליאַמקע. די טיר איז געווען איִנעווייניק פאַרשלאָסן. דער „אומרואיקער גייסט“ איז געגאַנגען און „געשמידט זיינע פּלענער“. קוואַנט האָט צו אים אַריינגע־שריִגן:

— די נאַכט איז געמאַכט מען זאָל שלאָפן! מאַך ניִשט קיין גערודער!

די טריט זענען שטיל געוואָרן...

ווען דער לערער איז אַראָפּגעגאַנגען האָט ער די פֿרוי געשטראָפֿן וואָרפֿן זיך אין יסורים. עס איז געווען פֿאַרן געבורט. די דינסט האָט גערופֿן אַ דערפֿאַרענע פֿריינדין פֿון קעגנאיבער. אָבער פֿרוי קוואַנט האָט געפֿאָדערט, דער מאַן זאָל ברענגען אַן אַקושערקע. קוואַנט האָט געוואָלט אָננעמען די דינסט פֿון דער פֿריינדין.

— ניין! ניין! — איז זיין ווייב צוגעשטאַנען. — גיי אַליין. זי איז נאַריש... זי וועט מיר עפּעס טון...

ער האָט זיך געמוזט אָנטון. אַ צעשטרייטער האָט ער אומגעוואָרפֿן אַ נאַכט-טישל. ענדלעך איז ער אַרויס פֿון הויז, שעלטנדיק די נאַכט און די ווייבערישע קאַפּריזקייט.

קאַספּער, וועלכער האָט שוין געוואָלט זיך לייגן, האָט פּלוצלינג געהערט, ווי אונטן קרעכצט אַ פֿרוי... די קרעכצן האָבן זיך איבערגעחזרט, זענען געוואָרן העכער און שאַרפֿער... אין הויז איז מען אומאויפֿהערלעך געגאַנגען... געלאָפֿן... טריט דאָ און טריט דאָרט... מען האָט געהערט שרייענדיקע פֿרויען-שטימען...

ער איז געווען איבעראַשט. אַ שווייס האָט אים צוגעקלעבט די האָר צום שטערן. ער האָט זיך אַ ציטערדיקער איינגעהערט. ער האָט דערשטיקט אַ פּאַראַליז פֿון ווילן, האָט פֿאָרגעפֿילט אַ קאַטאַסטראָפֿע. ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען. ער האָט פֿאַרלאָזט דאָס צימער, איז אַראָפּ פֿון די טרעפּן...

די טיר פֿון פֿרוי קוואַנטס שלאָף-צימער איז געווען אָפֿן. זי האָט זיך געוואָרפֿן אין יסורים אויפֿן בעט, רופֿנדיק גאָט און דעם מאַן...

אך! וואָס איז עס געווען אַזוינס, וואָס קאַספּער האָט אין אַ ווייל אַרום דערזען? עפּעס אַ פֿרוי האָט זיך אויסגעדרייט פֿון בעט פֿון דער קראַנקער פֿרוי און עפּעס אויפֿגעהויבן אין דער הויך; דאָס איז געווען אַ קליין באַשעפֿעניש — אַ מענשלעכער וואָרעם דריגעט מיט קליינע פֿיסלעך און הענטלעך און ליכט פֿון לאָמפּ... איינגאַנצן אין בלוט!...

קאַספּער האָט זיך איינגעטוליעט אין אַ טונקל ווינקל אויף

דיִ טרעפּן. אַ מיר האָט אַ סקריפּ געטאָן... קוואַנט איז צוריקגע-
קומען מיט דער אַקושערקע. אַן אַלטע פֿרוי, אַ שכנה, האָט אים
פֿאַרשטעלט דעם וועג מיט די ווערטער:

— מזל-טוב!... שוין!... אַ טעכטערל, דער לערער!

— אָ! — האָט קוואַנט געענטפֿערט מיט אַ געשריי, אין
וועלכן עס האָט זיך געהערט אַ פֿאָטערלעכער שטאָלץ.

איצט איז אַרויסגעקומען די דינסט. די שכנטע האָט איר
געלייכטן. קאַספּער האָט, אויסבויגנדיק דעם קאָפּ, דערזען, אַז די
דינסט טראָגט אַ שיסל פֿול מיט בלוט.

ער האָט געציטערט, אַרויפֿקומענדיק צו זיך. ער האָט קוים
כּח געהאַט אויסצוטאָן זיך. ער איז געפֿאַלן מיטן פּנים צום קישן
און זיך צעוויינט. עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי פֿון זיינע אויגן
וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן אַ שלייער. ער האָט געהאַט אַ וויזיע: אַ
פּראָסטיקע נאַכט. אויפֿן הימל צוברענט זיך אַ פֿייער-העלקייט,
ווי אַ רונדיקע שייב פֿון בלוט... די נאַכט ווינט זיך, ווי די פֿלאַך
פֿון דער רויטער פֿליסיקייט אין דער שיסל...

דאָס הייסט געבוירט?... אַזוי האָט אים די מוטער געבוירן...
אין דער תּפֿיסה-פֿינצטערניש פֿון דער פֿרויס אינגעווייד... צווישן
קרעכצן און ווייטיק ווייזן זיך קליינע מענטשעלעך... אין בלוט!...
אין בלוט!... אין בלוט!...

אין פּחד און אין מיטגעפֿיל האָבן זיך גענומען ווייזן פֿאַר
אים בילדער פֿון געהיימען בונד צווישן לעבן און טויט... ער האָט
געזען אין די טיפֿעניש פֿון דער פֿאַרבלוטיקטער ערד די געהיימע
וואָרצלען און פֿעדעם פֿון „זיין“... ער איז קוים איינגעשלאָפֿן אינ-
דערפֿרי...

אויפֿגעוועקט האָט אים קוואַנט, קלאַפּנדיק שטאַרק אין דער
טיר...

— וואָס, הייבסט שוין אָן צו ווערן אַ פֿעטער? — האָט ער
אויך פֿריינטלעך געזאָגט — פֿון וואָס איז ביי דיר אַ נאַס קישן?...

— אַנטשולדיקט... איך האָב געוויינט אין שלאָף — האָט
קאַספּער געענטפֿערט.

— וואָס? אין שלאָף האָסטו געוויינט?!

ניִשט גלויבנדיק איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען און דער האַנט די קאַראַפֿע מיט וואַסער, געקוקט וויפֿיל וואַסער עס געפֿינט זיך אין איר און געזאָגט:

— האָסט געטרונקען וואַסער... צי דו האָסט אויסגעגאָסן?... אומגערן... ניִשט אמת?!...

קאַספּער האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ פּאָר פֿאַרוּישטע אויגן. ער האָט געשוויגן; ער האָט ניִשט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער דאָזיקער מענטש וויל פֿון אים.

— טו דיך אָן... מיר וועלן לייענען אַ קאַפּיטל פֿון דער ביבל.

ווען קאַספּער איז אַראָפּ אויף דער געוויינטלעכער לעקציע אונדערפֿרי, האָט אים קוואַנט פּלוצלינג געזאָגט:

— גאָט האָט מיר היינטיקע נאַכט געשאָנקען אַ טעלטערל.

— ווי אַזוי... געשאָנקען? — האָט דאָס יונגל אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן.

קוואַנט האָט פֿאַרמאַכט דאָס מויל. קאַספּערס גלייכגילטיקייט האָט אים שווינדליק געמאַכט. „וואָס פֿאַר אַ מענטש איז האַרץ!" — האָט ער געטראַכט.

— נו, לייען!

דאָס קאַפּיטל תנ"ך איז גראָד אויסגעפֿאַלן וועגן יוסף הצדיק און זיינע ברידער. עס איז געווען אַ רייד וועגן די חלומות, אין וועלכע יוסף האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז געוואָרן אַ בינטל זאַנגען אין פֿעלד און אַנדערע בינטלעך זאַנגען — זיינע ברידער — בוקן זיך צו אים, ווי צו אַ מלך. דערנאָך איז געשטאַנען וועגן זייער שנאה, וועגן דעם, ווי זיי האָבן יוספֿן אַריינגעוואָרפֿן אין אַ ברונעם, ווי איינער פֿון די ברידער האָט אים געראַטעוועט, ווי אַנדערע האָבן געבראַנגט יעקבן יוספֿס פֿאַרבלוטיקטע קליידער, און ווי דער פֿאָטער האָט זיך דערויף צעוויינט.

קאַספּערן האָט דאָס קול אויפֿגעהערט צו פֿאָלגן. ער האָט צונויפֿגעדריקט דאָס מויל, פֿון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זיפֿץ. קוואַנט איז דערשטוינט געוואָרן. ער האָט פֿון אַ זייט אַן אויספֿאָרשנדיקן קוק געטון אויף דעם יונגל.

— הער! — האָט ער פּלוצלינג אַ שאַרפֿן זאָג געטון. — די

װעכט דאָך מיר נישט גײן אײנרעדן, אַז די דאָזיקע אײנפאַלע געשיכטע האָט דיך אַזוי שטאַרק גערירט. איך בין זיכער, אַז דו קענסט שוין פֿון לאַנג די געשיכטע... און װײסט זײער גוט, אַז יוספֿן איז קײן האָר נישט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון קאָפּ און אַז עס איז אים נאָר גוט געגאַנגען אין מצרים... איך גלויב נישט דײַנע טרערן...

מיטאײנמאָל איז זײַן קול װײך געװאָרן:

— קאַספּער! איך מײן דאָך דײַן גוטס... מיט אַזעלכע שטיקלעך װעסטו מיך נישט געװאונען... איך װיל, אַז דו זאָלסט אָנהױבן ערנסט צו נעמען ס׳לעבן... דו ביזט פֿאַרבלענדט, יונגל, אויב דו מײנסט, אַז אַלע מענטשן זענען נאַריש און דו קענסט זײ פֿירן פֿאַר דער נאָז... גלויב מיר: איך בין דײַן בעסטער גוטער פֿרײַנט... אָבער פֿיר מיך נישט פֿאַר דער נאָז, װי אַלע אַנדערע. נו! נו! װיש אָפּ די טרערן — איך װעל פֿאַרגעסן װעגן דעם הײַנטיקן פֿאַל...

קאַספּער האָט אויף אים געקוקט מיט אַ אָפֿן מויל און אָפֿענע אויגן. און ער האָט װידער געטראַכט:

— װאָס װיל דער דאָזיקער מענטש פֿון מיר?

קװאַנט האָט אים אויסגעװיזן צו זײַן דער סודותדיקסטער מענטש פֿון אַלע, װעלכע ער האָט נאָר געזען...

דער שלאָס פֿאַלקענהויז

פֿרעזעס פֿייערבאַך איז נאָך אַ פֿיר־חדשימדיקער אָפּוועזנהייט געקומען קיין אַנסבאַך. ער האָט זיך געענדערט. ער איז דאַרער געוואָרן. אויף זיין שטערן האָבן זיך פֿאַרמערט די קנייטשן פֿון אַ בייזער פֿאַרטראַכטקייט. מען האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער האָט זיך נישט געפֿרעגט וועגן קאַספּערן. ערשט די פֿירטע וואָך האָט ער גערופֿן הויקלען און קוואַנטן. דער ערשטער האָט אים דערמאָנט, אַז עס איז נויטיק צו פֿאַרשטאַרקן די אויפֿזיכט איבער קאַספּערן.

— גוט! — האָט ער געבורמט.

דער צווייטער האָט אים אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט, וואָס האָט נישט אַנטהאַלטן נישט קיין שלעכטע און נישט קיין גוטע מיינונג; צום סוף האָט ער געוויזן דעם בריוו, וואָס פֿרוי בעהאָלד האָט געשריבן צו זיין ווייב.

— פֿייערבאַך, איבערלייענענדיק, האָט אים געמוסרט:

— מייערער קוואַנט! איר דאַרפֿט זיך נישט רעכענען דערמיט, וואָס עס שרייבט די דאָזיקע בלאָזן־פֿרוי. בכלל איז נישט אייער זאַך צו פֿאַרנעמען זיך מיט קאַספּערס פֿאַרגאַנגענהייט. איר דאַרפֿט פֿון אים מאַכן אַ בראַוון מענטש פֿאַר דער צוקונפֿט, און גאָרנישט מער. איר האָט פֿאַרשטאַנען?

קוואַנט האָט זיך געפֿינען געטראָפֿן פֿון דעם אָפּשניט, וואָס ער האָט באַקומען פֿון פּרעזעס פֿייערבאַך, און ערשט אין צוויי טעג אַרום האָט ער מיטגעטיילט קאַספּערן, אַז דער פּרעזעס האָט אים פֿאַרבעטן אויף אַ זונטיק־מאָלצייט.

קאַספּער איז געקומען אין דער באַשטימטער שעה. אָבער

עס איז אים אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן אין קאָרידאָר. עס האָט זיך ענדלעך באַוויזן פֿייערבאַכס טאָכטער, פֿרײַלין הענריעטע, און דערקלערט, אַז דער פֿאָטער וועט אים נישט קאָנען אַוועקגעבן אַ סך צײַט. ער איז שטאַרק פֿאַרזאָרגט און צעשטרייט: הײַנאַכט האָבן זיך אומבאַקאַנטע פֿאַרברעכער אַרײַנגעקריגן דורכן פֿענצטער אין זײַן קאַבינעט און אַדורכגענישטערט אַלע פּאַפּירן. עס זענען נישט געווען קיין גנבים, ווײַל זיי האָבן נישט צוגענומען קיין שום ווערט־זאַכן. זיי האָבן געזוכט דאָקומענטן, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט געפֿינען, ווײַל דער פֿאָטער האָט זיי גוט באַהאַלטן. זי האָט געשוימט פֿון אויפֿרעגונג צוליב דער דאָזיקער געשיכטע.

פּלוצלינג האָט זיך געעפֿנט די טיר. דער פּרעזעס איז געשטאַנען אויף דער שוועל מיט עפּעס אַ יונגן מענטש, וואָס זײַן אומגעוויינטלעך שיין און טרויעריק פּנים איז געוואָרן אויפֿפֿאַלנדיק קאַספּערן. דאָס יונגל האָט ליב געהאַט אַזעלכע מענלעכע פּנימער. ווי ער האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דאָס געווען פֿייערבאַכס אַ שטיף־זון, וועלכער האָט לאַנג זיך אַרומגעבלאָנקעט אין אויסלאַנד, היטנדיק זיך פֿאַר די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון זײַנע מאַכטהאָבנדיקע פּאָליטישע פֿײַנט. ער איז געקומען פֿרעגן אַן עצה דעם דערפֿאַרענעם מאַן.

— יע, דאָס איז אונדזער קאַספּער, אַנזעלם — האָט פֿייערבאַך געזאָגט. באַגריס דיך יונגל... גיי אין סאַלאָן. וואַרט, איך וועל באַלד צוריקקומען.

צום ערשטן מאָל האָט קאַספּער געזען הענגען אויף דער וואַנט אין סאַלאָן אַ גרויס בילד פֿון נאַפּאָלעאָן אין קאָראָנאַציע־קאָסטיום. דאָס געניאַלע פּנים פֿון גרויסן קייסער האָט אויף אים געהויכט מיט כּשוף. אינסטינקטיוו איז ער געבליבן שטיין אין מיטן צימער און נאָכגעמאַכט נאַפּאָלעאָנס פּאָזע.

דער פּרעזעס, אַרײַנקומענדיק אומבאַמערקט, האָט אים געטראָפֿן אין אַזאַ פּאָזיציע. ער האָט אַ ציטער געטון. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער געפֿינט זיך פֿאַר אַ מיסטישער צערעמאָניע פֿון די מיטגלידער פֿון די מיטעלאַלטערלעכע אָרדנס.

קאספער האט זיך דאך — אויף וויפיל פייערבאכס השערות האבן געהאט א שפור פון אמת — געפינען אין אן ענגען שייכות מיטן העלד פון פראנקרייך און פון דער וועלט!

— דו ווייסט, ווער דאס איז?

קאספער האט געשאקלט מיטן קאפ „ניין“.

— קיינער האט דיר נאך נישט געזאגט וועגן קייסער נאפאלעאן? איך וועל דיר זאגן. דאס איז א גרויסער, זייער גרויסער מאן. איך האב געהאט דאס גליק אים צו זען. איך האב מיט אים פערזענלעך גערעדט — אלס שליח פון אונדזער קעניג מאקסימיליאן. עס איז דעמאלט געווען א גרויסע עפאכע, וועלכער עס איז אזוי וויניק געבליבן...

ער האט אראפגעבויגן דעם קאפ, ווי אונטער דער לאסט פון עלטער. עס איז אנגעקומען א כוואליע זכרונות וועגן די גרויסע איבערקערענישן אין דער געשיכטע, דערנאך — א צווייטע — א ביטערע, וועגן די קארליקלעך, מיט וועלכע ער איז געקומען אין צוזאמענשטויס, און האבן אים געשמאכן מיט זייער מאראלישן עלנט... ער האט זיך איינגעקוקט אין קאספערס בלייך פנים, ווי ער וואלט דערין געזוכט א מעגלעכקייט אויפצוועקן גרויסע זאכן. דערנאך האט ער זיך אפגעטרייסלט, ווי א חילפלאזער, אוממעכטיקער מענטש, און צוריקקערנדיק צום געוויינטלעכן שמועס, האט ער געפרעגט:

— דערנערט מען דיך גוט?

— איך קאן זיך אויף גארנישט באקלאגן — האט קאספער געענטפערט.

פייערבאך האט נישט פארשטאנען די צווייטייטיקייט פון דאזיקן ענטפער.

— שרייבסטו צום גראף סטאנהאפ?

— איינמאל א וואך. ער געפינט זיך איצט אין שפאניען.

— ווייט.

— זייער ווייט! — האט קאספער אפגעזיפצט.

דער שמועס איז געווען געענדיקט. אין דער היים האט קוואנט געמאכט קאספערן א באמערקונג: דיין וויזיט האט צו

לאַנג געדויערט. די האָסט דיך נישט געקענט דערמאָנען, אַז מיר וואַרטן אויף דיר מיטן אָוונט=מאָלצייט.

דאָס אָוונט=ברויט און מיטיק זענען אין לערערס הויז געווען פּמעט רעליגיעזע צערעמאָניעס. די ווערטער (צווישן אונז גערעדט, ספּעציעל געשיקט דורך דער קעלנער) האָט כּסדר געפּרעגט:

— ווי שמעקט אייך דאָס עסן?

קוואַטש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ „יאָ" און זיך גאַנץ גע=שמאַק באַלעקט. אויב עפּעס אַ מאָל האָט זיך נישט איינגעגעבן — האָט עס קוואַטש איראָניש אויסגעלאַכט. די פרוי קוואַטש האָט זיך דאָס זייער גענומען צום האַרצן. דער פּעדאַגאָג האָט ליב געהאַט זויערע אוגערקעס און וואַרעמע סאַלאַט פון קאַרטאָפל און אוגערקעס, ווייזנדיק אַזוי=נאָך, וואָס פאַר אַ באַשיידענעם גע=שמאַק ער האָט. גאַלמיטיק האָט ער אין שלאָפראָק און אין די פּאַנטאָפל געלאַפט אַ דרימל ביי דער באַליבטער צייטונג.

מיר מוזן באַמערקן, אַז זייט קאַספּער האָט זיך אַריינגעצויגן צו קוואַטשן, זענען די פריילעכע מינוטן פון פּאַרטיפן זיין אין עסנוואַרג=עניינים פאַרשווונדן. עס האָט אים אינגאַנצן פאַרנומען דער געדאַנק אויסצופאָרשן „וואָס שטעקט אונטער דעם דאָזיקן קאַספּערן", ד. ה. ער האָט נישט אַראָפּגענומען דעם קאָנטראָלירנדיקן בליק פון יונגל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ הונט, וואָס האָט צופעליק אויפגעפּרעסן עפּעס אַ פאַרסמטע זאַך און לויפט אַרום אויף דער וועלט, בילנדיק אויף שאָטנס און פליגן, ווי זיי וואָלטן שולדיק געווען אין דעם ווייטיק, וואָס פאַרברענט אים די געדערים.

אין אָוונט איז געקומען אַ גאַסט — דער אָפיציר היקעל. ער האָט זיך געפונען אין אַ שלעכטער שטימונג. ער האָט זיך געוואָלט צעשטרייען און פאַרגעסן די 65 גולדן, וואָס ער האָט פאַרשפּילט אין קלוב אין פּאַראַאָן. ער האָט דערציילט קוואַטשן, אַז נישט=געלאַפּטע פאַרברעכער האָבן זיך אַריינגעקריגן אין קאַבינעט פון פּרעזעס. דער לערער האָט זיך באַקלאָגט, אַז קאַספּערע האָט וועגן דעם גאָרנישט דערמאָנט. ער האָט דערביי צוגעגעבן:

— די מענטשלעכע חוצפּה גייט שוין צו ווייט... אַריינקריגן זיך אין לאָקאַל פון טריבונאַל=פּרעזעס!

אין דער מחשבה איז ער אָבער צופֿרידן געווען, וואָס דעם עקסעלענצס גלויבן אין זײַן אומבאַרירלעכקייט איז ענדלעך געבראָכן געוואָרן.

— מען האַלט, אַז דער דאָזיקער אײַנבראָך האָט אַ שייכות מיט קאַספּערס ענין — האָט זיך דער זשאַנדאַרם אָנגערופֿן.

קוואַנט האָט ברייט געעפֿנט די אויגן און געוואָרפֿן אַ זײַטיקן בליק אויף קאַספּערן, וואָס איז בלייך געוואָרן פֿון איבעראַשונג און מיט עקל געקוקט אויף הינקעלס געפֿלעגטע שאַרפֿע נעגל. אַפֿילו פֿרוי קוואַנט האָט אויפֿגעהערט צערעווען אַ זאַך און מיט אינטערעס זיך אײַנגעהערט, וואָס מען שמועסט.

— זיכער... — האָט דער זשאַנדאַרם זיך צערעדט — זיכער האָט עס אַ שייכות מיט אים... דער טריבונאַל-פּרעזעס ווייסט דערפֿון זייער גוט... ער האָט עס באַלד דערשמעקט... אָבער ער וועט שווײַגן... אין מינכען האָט מען אים אויסגעריסן די אויערן... ער האָט אויפֿגעהערט צו זײַן אַזוי זיכער אין זיך.

— ווי קענט איר אַזוי רעדן וועגן מלוכה-ראַט? — האָט קאַספּער אַרויסגעפּלאַצט, רויט ווערנדיק ביז צו די אויערן.

קוואַנט האָט אויף אים אַ שאַרפֿן קוק געטון:

און דאָס וואָס איז?... האָסט פֿאַרגעסן, אַז דו דאַרפֿסט האָבן דרך-ארץ פֿאַרן פּאָליציי-אָפֿיציר הינקל? פֿאַרן באַראָן אומהאָף וואָלסטו דיך אַזוי נישט פֿאַרגעסן. איך וועל וועגן דעם שרײַבן דעם לאָרד סטאַנהאָפּ.

— עס איז נישט כדאי! — האָט הינקל געענטפֿערט מיט אַ טאָן, וואָס האָט געזאָגט: ע, מען האָט מיך גאָרנישט אָנגערירט. — אָט אַ מאַמע-קינד, דאַכט זיך אים, אַז ער מוז פֿלוידערן, וואָס ער וויל. צו-וואָס באַאומרואיקן דעם גראַף? און אַזוי שרײַבט ער מיר, — (דאָ האָט ער אַרויסגעצויגן אַ בריוו פֿון דער קעשענע) — אַז ער איז פֿאַרזאָרגט איבער קאַספּערן און באַפֿעלט אַ שטרענגע אויפֿזיכט איבער אים.

— דאָס איז נישט אמת! — איז קאַספּער אויפֿגערעגט געוואָרן. — דאָס האָט ער נישט געשריבן.

קוואַנט האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— און דאָך האָסטו מיט דײַן האַלטן אַלץ בסוד שטאַרק וויי־געטון דעם גראַף... פאַרוואָס האָסטו אים נישט געוואָלט ווײַזן דאָס טאָג־בוך, וואָס ער האָט דיך געבעטן?

— איך וועל אים דאָס דערקלערן, בעת ער וועט צוריק־קומען.

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָט זיך היקל צעלאַכט מיטן גאַנצן האַלדז, — און פון וואַנען ווײסטו, אַז ער וועט צוריקקומען?

— ער וועט קומען דעם 8־טן דעצעמבער... ער האָט מיר אַליין צוגעזאָגט. בלויז צען חדשים און 16 טעג פעלן ביז דאָס יאָר וועט זיך ענדיקן.

קוואַנט האָט געצויגן מיט די אַקסלען. היקל האָט געוואָלט געווינען קאַספערן. ער האָט אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפ'ן אַקסל:

— נו, רעכענען קענסטו אויסגעצייכנט... הגם דו ביזט נאָך אַ קינד, נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט דיר אָפּגעשוירן דײַנע שיינע לאָקן.

— איך האָב זיי אים אָפּגעשוירן, ווײַל ער האָט געוואָלט אויסזען, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש — האָט דער לערער באַ־מערקט.

— נו, גיי שלאָפן, קאַספער.

דורך אַ שפּאַרע פון דער טיר האָט ער נאָכגעפּאָרשט דעם אוועקגעגאַנגענעם.

— דאָס איז אַן אָריגינעלער טיפּ! — האָט ער געזאָגט, צוריקקומענדיק אויפן אָרט. — ער גייט שווערלעך, אויב ער פילט, אַז עמיצער קוקט אויף אים. און אַז אַנדערש מאָל שפּרינגט ער אויף די טרעפּן ווי אַ ציג. נישט אמת, יעטע?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, זויגנדיק דאָס קינד און געזאָגט:

— אַ מאָדנע יונגל... ווי לאַנג איך זאָל אים נישט אויס־לופטערן דאָס אַנטועכץ, וועט ער שטענדיק אינדערפרי נאָכאַמאָל אויסלופטערן. ער וויל אויסזען, ווי אַן אויסגעפּוצטער הונט.

— אַ קליינער קאָמעדיאַנט — האָט דער לערער געזיפצט.

יעדן טאָג זעט ער בײַ מיר אַ נומער פֿון דער „בײַערישער דעפּוטאַטן-קאַמער“ און געבט ניט ער מיר אַ פֿרעג: „וואָס איז דאָס די דאָזיקע טורמע-קאַמער?“... ער מאַכט זיך, ווי ער וואָלט נישט געוואוסט די עלעמענטאַרסטע זאַכן. צו אַזעלכע „שטיקלעך“ דאַרף מען האָבן דאָס געדולד פֿון אַ מלאך...

— דאָס אַלץ איז שווינדל! — האָט היקל פֿילאָזאָפֿיש באַמערקט, און אין זײַנע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פֿלעמל פֿון שנאה.

אין די אויגן פֿון חשובן זשאַנדאַרם איז אַלץ אויף דער וועלט באַצײכנט געוואָרן מיט איין וואָרט: „שווינדל“. די גרויסע שאַפֿנדיקע אַרבעט פֿון פֿעלקער, פֿון מלוכה-מענער, געלערטע, דערפֿינדער — דאָס אַלץ איז געווען אַ שווינדל. הערנדיק וועגן מאָרדן, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און פֿון זײַן מויל האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס באַליבטע וואָרט „שווינדל“. ווען עמיצער האָט אים דערקלערט, אַז די שטערן אין הימל זענען באַזונדערע וועלטן, האָט ער געענטפֿערט: „און איך מיין, אַז דאָס זענען בלויז ליכטלעך“... די גאַנצע נאַטור האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ שווינדל. בלויז צו איין זאַך האָט ער זיך ערנסט באַצויגן: צום אָפּנעמען די שכירות, וואָס איז, לויט זײַן מיינונג, אַ סך קלענער, ווי זײַנע פֿאַרדינסטן.

ער האָט געשטאַמט פֿון אַ נידעריקן קלאַס. אַ זון פֿון אַ לוין-אַרבעטער און אַ וועשין, האָט ער זיך באַמיט מיט כּח צו פֿאַרמעקן די שפּורן פֿון זײַן אָפּשטאַמונג. ער האָט זיך דערשלאָגן צום אַמט פֿון אַ זשאַנדאַרם. אַ שטאָלצער פֿון זײַן מונדיר, האָט ער געשפּילט אַ ראָל פֿון אַן עלעגאַנט. בעתן דינסט האָט ער געמאַכט געהיימנישפֿולע מינעס. ער האָט מיט די מינעס געפֿאַנגען דעם ראָט האָפֿמאַן, וועלכער האָט געגלויבט, אַז אונטער די דאָזיקע געהיימנישפֿולע הועיות באַהאַלטן זיך עפּעס וויכטיקע סודות, וואָס זענען אָנפֿערטרויט געוואָרן דעם זשאַנדאַרם דורך הויך-געשטעלטע לײַט. עס איז געווען באמת געווען אַ רעטעניש דאָס, וואָס ער האָט באַוויזן צו געוואונען פֿײַערבאַכם גוטע מיינונג. דער לעצטער האָט אינסטינקטיוו דערפֿילט זײַנע חסרונות — ער האָט אים נישט איינמאָל אויסגעמוסרט איבער

זיי; אָבער הירשל האָט מיט אַזאַ ליבן שמייכל אויסגעהערט דעם טריבונאַל־פּרעזעס'ס מוסר, אַז פּייערבאַך האָט אים געדופן צו זיך בלויז צוליב דער אָנגענעמלעכקייט צו זאָגן מוסר.

לעצטנס האָט הירשל איבערצייגט פּייערבאַכן, אַז מען דאַרף צוליב זיכערקייט פאַרטאַפּלען די וואַך איבער קאַספּערן. דער וועטעראַן־אינוואַליד, וואָס איז דורך הירשלען באַשטימט געוואָרן צו דעם צוועק, איז כּסדר נאָכגעקראָכן אויף קאַספּערס שפּאַצירן. דאָס יונגל איז פּשוט פאַרצווייפלט געוואָרן צוליב דעם מאַנגל פון איינזאַמקייט. ער האָט זיך בעסער געוואָלט אָפּזאָגן אינגאַנצן פון זיינע שפּאַצירן, ווי פילן אונטער זיך דעם הינקענדיקן וועטעראַן־אינוואַליד. ער האָט זיך דעריבער באַקלאָגט פאַרן פּאַסטאָר, וועלכער האָט אים געטרייסט מיטן שפּריכוואָרט: „געדולד ברענגט רויזן"... איבעריקנס, האָט דער פּאַסטאָר אינטערווענירט מכּח דעם ביי פּייערבאַכן, אָבער דער פּרעזעס האָט ניט קיין צייט געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט דעם דאָזיקן עניין, ווייל ער איז אויפסניי אַוועקגעפאָרן אויף אַן אַמט־רעוויזיע אין דער סביבה.

צוריקקומענדיק האָט פּייערבאַך גערופן הירשלען:

— קענסט פאַלקענהויז?...

— געוויס!... אַן אַלטער פירשטלעכער יעגער־שלאָס אין וואַלד אונטער דריסדאָר... אַ פאַרלאָזטע, אומבאַוואוינטע געביידע...

— יאָ, דאָס איז עס!... הער נאָר, הירשל... איך האָב באַקומען אַ ידיעה, אַז נאָך מיט פיר יאָר צוריק האָט דאָרט געוואוינט אַן איינזאַמער וואַלד־וועכטער... קיינער האָט אים קיינמאָל ניט געזען אין דער שכנותדיקער קרעטשמע... שפּעטער האָט ער זיך געקויפט אויף אַ לענגערער צייט אין די ווייטע דערפער. דערנאָך האָט אים עמעצער אַן אורלאָפּירטער זשאַנדאַרם געזען אַלס פאַרוואַלטער פון געוויסע פּריצישע גיטער... ענדלעך איז דער דאָזיקער מענטש דערמאָרדעט געוואָרן בעתן שלאָף אין אַן אָקטאָבער־נאַכט 1830.

— איך ווייס גאָרנישט דערפון.

— מען דאַרף די זאַך גענוי אויספאָרשן.

— איז מיר דערלויבט צו פֿרעגן, מיט וואָס דער מאָרד האָט אַ שייכות?

— מיט קאַספּער הויזערס געפֿאַנגשאַפֿט אַלס קינד.

— הממ... — האָט היקל אַ ברום געטאָן, פֿאַרנויגנדיק זיך.

— יאָ... איך האָב שוין לאַנג אַ חשד, אַז אין פֿאַלקנהויז, ניט ווײַט פֿון נאָרימבערג, האָט דער אומבאַקאַנטער וואַלדוועכטער געהאַלטן קאַספּערן געפֿאַנגען.

— עקסעלענץ! איז דאָס נויטיק צום רעפֿעראַט וועגן הויזערן. וועט זיך דער דאָזיקער רעפֿעראַט בסך־הכּל באַווײַזן אין דרוק?

— ביזט צו נײַגעריק, מײַן ליבער, איצט באַפֿעל איך דיר צו האַלטן די צונג אונטער די ציין וועגן דעם ענין. דו האָסט בלויז מאָרגן צו רופֿן צו מיר דעם ראָט האָפֿמאַן און קאַספּערן. זאָג, אַז מיר וועלן מאַכן אַן אויספֿלוג קיין פֿאַלקנהויז.. וועגן ציל פֿון אויספֿלוג — קיין וואָרט ניט!...

דאָס באַקוקן דעם שלאָס האָט ניט געגעבן קיין רעזולטאַט. אויב פֿײַערבאַך האָט זיך גערייכט צו געפֿינען אַן אונטערערדישן דורכגאַנג — האָט ער שוין לאַנג געמוזט פֿאַרשטיין ווערן. אָבער די שאַרפֿע אויגן פֿון טריבונאַל־פּרעזעס האָבן נעבן וואַלדהײַזל באַמערקט אַ בערגל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך מענטשלעכע הענט. די פֿאַרפֿוילטע האָלצענע קלעצער האָבן געוויזן, אַז דאָ האָט געמוזט שטיין אַ געבײַדע. פֿײַערבאַך האָט אַנטדעקט, אַז עס געפֿינען זיך דאָ שטיינער, וואָס זענען פֿאַרשיט מיט זאַמד. ער האָט אַוועקגעשאַרט דאָס זאַמד. עס האָבן זיך געפֿינען זיבן טרעפּן. ער איז אַראָפּ אונטער דער ערד. ער האָט זיך געפֿינען אין אַ נידריקן און שמאָלן קאַנאַל. ער האָט צוגעטרעטן די ערד און אַוועקגעשאַרט אַ געלן מעך. אַלץ איז דאָ געווען פֿינסטער און האָט גאָרניט געזאָגט. אײַנבויגנדיק זיך, האָט ער אָנגערירט אַ פֿײַכטע וואַנט. ער איז צוריק אַרויף אין דער הויף. זײַנע באַקן זענען רויטער געוואָרן. ער האָט געוואָרפֿן אַן אויספֿאָרשנדיקן בליק אויף קאַספּערן.

קאַספּער איז געשטאַנען רויִק... האָט דער גײַסט פֿון דער

פֿאַרגאַנגנהייט נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף אים ?... האָבן אין איס נישט אויפֿגעוואַכט קיין זכרונות ?... פֿילט ער נישט, אויף וואָס פֿאַר אַן ערד ער טרעט ?... קאַספּערס אויגן האָבן פֿײַער- באַכן נישט געענטפֿערט דעם פֿאַרלאַנגטן „יאָ!“.

זיי זענען צוריקגעגאַנגען, אין וואַלד זענען זיי צוגעקומען צו דער קאַרעטע, וואָס איז געשטאַנען אין דער הויפּט-אַלייע. פּלוצלונג האָט קאַספּער פֿאַרקלענערט דעם טראָט. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שווערער פֿאַרטראַכטקייט, ער האָט זיך מיט אַ פֿאַרוואונדערטן בליק אַרומגעקוקט, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

דער ראַט האָפֿמאַן האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿײַערבאַכן:

—איך פֿאַרשטיי נישט אַ לאָגיק, וואָס הייסט אַ גוט- געהיטענעם און געפֿערלעכן געפֿאַנגענעם מיטאַיינמאָל אַרויס- לאָזן אויף אַן עפֿענטלעכן פּלאַץ... צווישן מענטשן ?

— מיין גאָט ! עס קענען דאָך זיין פֿאַרשידענע סיבות. דעם וועכטער האָט געקענט נמאס ווערן דאָס היטן... אָדער ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים כאַפּן... אפֿשר האָט מען אים באַפֿוילן צו דערהרגענען דעם געפֿאַנגענעם... און ער האָט פּלוצ- לונג רחמנות געקריגן אויף אים... ער האָט געקענט אָננעמען, אַז אַלס אַנאַלפֿאַבעט, אָדער אַלס האַלבער אידיאָט וועט מען אים אַרײַנציִען אין אַ פֿולק זעלנער און קיינער וועט זיך מיט אים נישט אינטערעסירן. עס איז געשען אַנדערש... און פֿון דאַמאָלט אָן שפּינען די, וועלכע ציטערן פֿאַר דעם תחית המתים פֿון דעם געגנשטאַנד פֿון זייער פֿאַרברעכן, דעם פֿאָדעם פֿון נײַע פֿינצטערע אינטריגעם !

— זייער סובטעל אַרײַנגעדרינגען ! — האָט דער ראַט גע- לויבט דעם רעדנדיקן. אין דער אמתן איז ער דורך אים נישט איבערצייגט געוואָרן.

אויפֿן צוריקוועג האָט פֿײַערבאַך אָפּגעשטעלט די קאַרעטע צוליב דער מאַדאַם אימהאָף, וואָס איז אַנטקעגנגעקומען און געווינקן מיט אַ פֿינגער.

— איך וואָלט בלויז געוואָלט פֿרעגן קאַספּערן, פֿאַרוואָס ער

פאַרגעסט מיך צו באַזוכן, — האָט די באַראָנעסע העפלער געזאָגט.

— אַך! איך האָב אַזוי פיל אַרבעט! — האָט דאָס יונגל טרויעריק אַרויסגעשטאַמלט.

— מען זיצט נישט אַזוי לאַנג אין דער היים ביי די לעקציעס. עס איז דאָך פרילינג.

— אַך, יאָ... פרילינג! — האָט ער זיך אַרומגעקוקט מיט אַ בלאַנדזשענדיקן בליק, ווי ער וואָלט ערשט איצט, אויף איר דערמאָנונג, באַמערקט די ענדערונג פון יאָר-צייט.

— ווען דו וואָלסט געוועזן געקומען צו מיר, וואָלסטו זיך דערוואוסט, אַז איך האָב אַ גרוס פון דער שענער דאַמע, וואָס איר נאָמען האָסטו געפרעגט.

— ווי הייסטו זי? — האָט ער לעבעדיק אויסגערופן.

— קלאַראַ פאָן קאַנאַוואורף!

דער נאָמען האָט פאַר אים געהאַט אַ שיינעם, נשמה-דערפרייענדיקן קלאַנג. דער פונק פון פרייד האָט זיך אָבער באַלד פאַרלאָשן אין זיינע אויגן.

— וואָס קען עס מיר העלפן? — האָט ער געטראַכט, — וואָס טויג עס מיר?...

כוואַנט ארבעט מעשים

אַהיימקומענדיק האָט קאַספּער באַמערקט, אַז עס איז געשען עפּעס וויכטיקעס. דער לערער, וואָס האָט פֿאַרבעסערט זיינע העפֿטן ביים פֿענצטער (כדי איינצוברענגען זיך נאַפֿט) — האָט צו אים נישט אויסגערעדט דעם קאָפּ. פֿרוי קוואַנט, זויגנדיק דאָס קומפּעט־קינד, האָט נישט געענטפֿערט אויף זיין „גוטן אָוונט!"... אַ פֿאַרוואונדערטער און אומצופֿרידענער איז ער אַרויס אין גערטנדל. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטיינערנער באַנק און גענומען האַרציק פּלוידערן מיט קוואַנטס אַ פֿיר־יעריק ייִנגל, וואָס האָט זיך געפּינען נעבן אים. פּלוצלונג איז פֿון קאָרידאָר אַרויסגעפֿאַלן דער לערער און אָוועקגענומען דעם קליינעם, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז קאַספּער זאָל אים נישט אָנשטעקן מיט עפּעס אַ קראַנקהייט.

קאַספּער איז אַריין אין עס־צימער.

— וואָס איז געשען? — האָט ער מיט געבעט געפֿרעגט דעם לערערס פֿרוי.

— וואָס? דו ווייסט נישט?... עס איז דאָך געשטאַנען אין דער „גאַרימבערגער צייטונג". פֿרוי בעכאָלד איז אַרויסגעשפּרונגען אויפֿן ברוק...

— אַרויסגעשפּרונגען?!... פֿאַרוואָס האָט זי דאָס געטון?

— זי האָט זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דאַר איר הויז!... זי איז דערהרגעט געוואָרן צום טויט. מען זאָגט, אַז זי איז שוין לאַנג געווען משוגע!

קאַספּערס אויגן האָבן זיך ברייט געעפֿנט. ער האָט אָפּגעזיפֿצט.

— עס האָט דיך, זע איך, נישט שטאַרק איבערגענומען, — האָט קוואַנט געזאָגט, שטייענדיק אויף דער שוועל.

דאָס יונגל האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און טרויעריק געזאָגט:

— אַך, הער לערער! דאָס איז געווען נישט קיין גוטע פֿרוי!

קוואַנט איז צוגעשפּרונגען צו אים, צושטעלנדיק די פֿויסטן נעבן זיין פּנים און געברומט:

— אומגליקלעכער! דו דערוועגסט דיך צו באַפֿלעקן דעם אָנדענק פֿון אַ געשטאָרבענער!... אַך! דו האָסט ענדלעך אויפֿגעדעקט דיין נאַקעטע נשמה!... פֿע!... פֿע!... אַוועק פֿון מיינע אויגן... איך וועל דיר דאָס געדענקען... האָסטו נישט געטראַכט, אַז דיין אומדאַנקבאַרקייט האָט זי געקענט טרייבן צו אַזאַ טאַט? מיאוסער עגאָאיסט! יענעמס לייד גייען דיך גאָרנישט אָן!

— אָבער, מאַן מיינער, באַרואיק דיך! — האָט פֿרוי קוואַנט געבעטן, זעענדיק ווי קאַספּערס פּנים ווערט גרוי, ווי אַש.

— ביזט גערעכט, יעטע! איך וואַרף בחינם אַרויס רייד! אַ מענטש, וואָס אַפֿילו דער טויט רירט אים נישט, איז טויב אויף מוסר!

קאַספּער איז אַוועק צו זיך. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צום פֿענצטער. איינגעהילט אין די בלוטיקע שטראַלן פֿון דער אונטערגייענדיקער זון, האָט ער לאַנג געצערטלט די האַצינט-רויז אין בלומען-טאָפּ. עס זענען אים געקומען אין קאָפּ מאָדנע געדאַנקען. פֿאַרוואָס קען מען זיך נישט באַהאַלטן אין דער קנאָספּע פֿון אַ בלום... ביז עס וועט זיך ענדיקן דאָס יאָר און זיין איינציקער פֿריינט וועט צוריקקומען?...

עטלעכע טעג כּסדר האָט מען געהאַלטן אין איין שמועסן וועגן פֿרוי בעכאָלד. שבת ביים טיש האָט קאַספּער אַליין דערמאָנט איר נאָמען, אויסדריקנדיק זיין טיפֿע חרטה, וואָס ער האָט געמאַכט אַ פֿעלער, און האָט באַשולדיקט די פֿאַרשטאָרבענע.

— אַהאַ! דאָס געוויסן פּלאָגט אים! — האָט קוואַנט געהערט מיט פֿרייד. ער האָט פֿאַרצויגן דאָס מויל, ווי ער וואָלט ברעה געהאַט צו זאָגן:

— רעדט ס'רײניקע און איך װעל טראַכטן ס'מײניקע. — ער האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן דאָס שװײַגן. ער איז אויסגע־בראָכן מיט ביטערניש:

— די האָסט דאָךגעדאַרפֿט באַגראָבן אין דער ערד פֿון שאַנד קלערנדיק דערפֿון, װאָס דו האָסט געטון מיט דעם אומ־שולדיקן טעכטערל פֿון פֿרוי בעכאָלד.

— װאָס האָב איך געטון מיט איר? — האָט קאַספּער געשטױנט.

— מאַך דיך נישט פֿאַר קײן נאַאיװ שעפּעלע! צום גליק, האָב איך דאָס אַלץ אויפֿן פּאַפּיר. — ער האָט געעפֿנט אַ שופֿ־לאָד פֿון אַ טיש, אַרויסגענומען פֿרוי בעכאָלדס בריװ און אים אַװעקגעלײגט פֿאַר קאַספּערן. אין בריװ האָט זיך געפֿינען אַן אָרט אונטערגעשטראָכן מיט אַ רויטער בלײַשטיפֿט װעגן דעם „כּלומרשט אומשולדיקן יונגלס דערנעענטערונג צו מײַן 13־יעריקער טאָכטער“.

קאַספּער האָט לאַנג געלײענט און נישט געקענט פֿאַרשטײן. דערנאָך האָט אַ פּורפּור־רויטקײט באַדעקט זײַן פּנים. ער האָט אַ קרעכץ געטון: „אָ, מענטשן!... מענטשן!...“ און אַרויסגע־לאָפֿן פֿון צימער.

מאַן און װײַב האָבן זיך אָנגעקוקט. פֿרוי קװאַנט האָט זיך אָנגערופֿן:

— נײַן! עס איז אומגלויבלעך!... די פֿרוי־ראַט האָט זיך געמוזט טועה־זײַן. װײסט ער דען, װאָס אַ פֿרוי איז?

— ביזט לײַכטגלויביק — האָט דער לערער געזאָגט, אַביסל געטראָפֿן פֿון זײַן װײַבס באַמערקונגען. — װען איך האָב אים דערצײלט װעגן דעם געבורט פֿון מײַן טאָכטער, האָט ער זיך אױפֿגעפֿירט, װי אַ דערװאַקסענער מענטש... עס קען אָבער זײַן, אַז ער איז אַזוי װײט נישט דערגאַנגען, װי די אָרעמע פֿרוי בעכאָלד האָט געמײנט.

— גײ בעט אים איבער. ביזט געװען צו שטרענג.

— מיט אים זיך איבערבעטן איז נישט שװער. ער װערט אַזוי געבעכערדיק און צערטלעך, אַז ער אַנטװאָפֿנט דעם מענטש און פֿאַרטונקלט די אמתע מײנונג. איך מוז דערװעגן אַ רעד־טון

מיט'ן פּאַסטאַר פֿורמאַן.

דער בכבודער גלח האָט געמוזט שמייכלען, בעת דער לערער האָט אים מיט אַ מיידלשער שעמעוודיקייט און מיט ניין מאָס רייד איבערגעגעבן דאָס רעטעניש. ער האָט געענטפערט, אַז לויט זיין מיינונג איז קאַספּער אין סעקסועלע ענינים נאָך אינגאַנצן אַ קינד. ערשט ניט לאַנג האָט ער ביים אויסטייטשן אַ געוויסע דראַסטישע שטעל אין דער ביבל אַרויסגעוויזן אַ פֿולשטענדיקע אומוויסנדיקייט און ווען דער פּאַסטאָר האָט אים גענומען אויפֿקלערן, איז זיין פּנים רויט געוואָרן, אַזוי אַז מען האָט געקענט זיין שעמעוודיקייט פֿאַרגלייכן מיט דער שעמעוודיקייט פֿון אַ יונג, אומשולדיק מיידל.

קוואַנט האָט זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט. ער איז אָבער אַהיימגעקומען אין דער מיינונג, אַז די רויטקייט, וואָס וועגן איר האָט דערמאָנט דער פּאַסטאָר, איז נאָר אַ באַווייז פֿון אַ פֿאַרדאָרבענער פֿאַנטאַזיע, וואָס האָט דעם יונגל געמאָלט פֿאַר די אויגן אומאָנשטענדיקע בילדער בעתן לייענען די הייליקע ביכער פֿון אַלטן טעסטאַמענט... ער האָט זיך געגורט די לענדן, וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייט אויפֿצודעקן די האַרטע נוס — דאָס רעטעניש קאַספּער הויזער!

דעמזעלבן טאָג איז קאַספּער געגאַנגען באַזוכן פֿרוי אומהאַף. ער איז אָבער שנעל צוריקגעקומען דערציילענדיק, אַז די באַראָנעסע האָט אים ניט אויפֿגענומען, ווייל זי ליגט קראַנק. ער האָט בלויז גערעדט מיט דער דינערשאַפֿט וועגן איר.

— זי וועט קיינמאָל ניט געזונט ווערן! — האָט ער אויסגערופֿן.

אַזוי?... — האָט זיך דער לערער געוואונדערט — פֿאַרוואָס?

— עס פֿעלט איר גאָרניט אויף דער וועלט... זי איז שיין און רייך... אָבער איר מאַן טוט איר אָן עגמת נפֿש. ער איז גאַנט מיט אַנדערע פֿרויען!

— זיי זעגען דאָך שוין אַדורכגעקומען.

— ניין... זייער צוזאַמענלעבן איז נאָך ערגער געוואָרן!... זי זאָל אים איצט ווידער געבוירן אַ קינד!

פֿאַנט איז דערשטוינט געוואָרן. ער האָט נישט געגלויבט זײַנע אויערן. וואָס פֿאַר אַ דיבורים!... ער האָט געגעבן דעם ווײַב אַ צײַכן, זי זאָל אַרויסגיין. איצט איז ענדלעך די צײַט אָליין געוואָר צו ווערן!

— איך וויל מיט דיר רעדן, ווי אַ טאַטע מיט אַ זון — האָט ער געזאָגט.

קאַספּער, אַ פֿאַרוואונדערטער, האָט אויסגעשפּיצט די אויערן. ער איז אים געווען דאַנקבאַר בלויז פֿאַר די צוויי ווערטער.

— זאָג מיר, קאַספּער, האָסטו שוין אַמאָל געהאַט צו טון... מיט אַ פֿרוי?

— איך פֿאַרשטיי נישט.

— מאַך דיך נישט פֿאַר קיין קינד און רעדן קלאָר.

— אָ! איך ווייס שוין!...

— נו, דו זעסט — זאָג דרייסט!

און קאַספּער האָט דערציילט דעם לערער, אַז ערשט נישט לאַנג איז ער אונדערפֿרי געגאַנגען אָפּגעבן די וועש דער וועשין. און דער וואוינונג האָט זיך בלויז געפֿינען אַ מיידל, וואָס האָט געאַרבעט בײַ איר. זי האָט אויף זיך גאָרנישט געטראָגן, חוץ אַ העמד. מען האָט געקענט זען די גאַנצע ברוסט... — אַך, דאָס איז געווען העסלעך! — האָט ער פֿאַרענדיקט די דערציילונג. זי האָט מיך געפֿרעגט, צי איך וויל זײַן איר חתן... און צום סוף...

קאַספּער האָט זיך געקווענקלט און געשמייכלט.

— האָט זי געוואָלט, איך זאָל זי קושן.

און דו?

— איך האָב געזאָגט, אַז איך קען זיך נישט דערויף.

— און וואָס ווײַטער?

— גאָרנישט. איך בין אַרויס. זי האָט געקוקט אויף מיר דורכן פֿענצטער.

— פֿון וואַנען ווייסטו?

— איך האָב מיך אומגעקוקט.

אַהאַ! דו האָסט זיך אומגעקוקט!... ווי הייסט זי?

— איך ווייס נישט!

— אַ שיינע געשיכטע! — האָט קוואַנט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל.

ער איז איצט טיף איבערצייגט געווען אין קאַספּערס שולד. ער איז אַוועקגעגאַנגען...

עס איז גאָרנישט געשען? — דאָס איז אומגליק! איבעריקנס, ווענדן זיך די דאָזיקע מוידן נאָר צו אַזעלכע מאַנספּערשוינען, וואָס טראָגן אויפן שטערן אַ צייכן פון פולשטענדיקער פאַרדאָרבנקייט.

זאָגט דען קאַספּער ניט קיין ליגנט? — האָט ער געטראַכט — ער וואָלט ניט דערציילט וועגן עפּעס אַ מיניסטער, מיט וועלכן ער האָט גערעדט אין טעאַטער, און אַז ער האָט געלייענט אַ ביכל, וואָס ער האָט פאַר די אויגן ניט געזען... מען זעט בעשיינפערלעך, אַז ער איז אַ ליגנער... יאָ, האָט ער זיך ניט גערימט, אַז ער האָט געקריגן עפּעס אַ טיכל פון אַ קורלענדישער פירשטין, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען?

דער לערער האָט אויפסניי איבערגעגעבן זיין ספקות דעם פאַסטאָר, בעטנדיק ער זאָל זיך אַרויסזאָגן.

— אָבער טייערער קוואַנט! דאָס זענען דאָך קליינע קינדערישע ליגנס, וואָס פאַרדינען אפילו ניט, מען זאָל זיי אָנרופן ליגנס. קאַספּער האָט אַ נשמה פון אַ קינד. קינדער פאַנטאַזירן. גלויבן אין דעם, וואָס זיי טראַכטן אַליין אויס. דאָס איז גלאַט אַ פלוידערײַ — קאַפּריזן פון אומשולדיקער פוסטקייט. קאַספּער שפּילט זיך מיט די אייגענע ווערטער, ווי אַנדערע מענטשן, ניט מער, ער מאַכט עס ווייניקער געשיקטער. מען קען אים לייכטער כאַפּן!

— הערט אויס, חשובער פאַסטאָר, אַזאַ פאַקט: איך האָב אים פאַרבאָטן צו לייענען ביינאַכט... איך האָב זיך אָבער איבערצייגט, אַז ער האָט אונטערגעוואָרפן דער דינסט אַ לייכטער מיט אַ שטיק אויסגעברענט ליכט און ביי איר האָט ער צוגענומען דעם לייכטער מיט אַ האַלב-אויסגעברענט ליכט... הייסט דאָס ניט קיין שווינדל?

דער פאַסטאָר האָט געצויגן מיט די אַקסלען.

— אוה פֿאַרגעסט, אַז קאַספּער איז אַ געוויינטלעכע באַשעפֿעניש... וואָס קען נישט איבערטראָגן אַזוי פֿיל באַגרענע־צונגען.

— מיט וואָס איז ער אומגעלוינטלעך? וואו זענען באַווייז?

— אפֿילו דאָס, וואָס איך דערצייל איך אַצט, איז אַ באַווייז... איך מאַך אַמאָל עקספּערימענטן מיט אַן עלעקטרישער מאַשין... עס פֿליען דערביי פֿונקען... קאַספּער, דערזענדיק איינמאָל די פֿונקען, איז בלאַס געוואָרן. ער האָט געציטערט מיטן גאַנצן לייב, כאָטש ער איז געשטאַנען פֿונדערווייטנס. ער האָט מיר דערנאָך געזאָגט, אַז ער האָט דערפֿילט אַ שטעכעניש אין די פֿינגער און עטלעכע טעג האָט ער געהאַט קאָפּ־ווייטיק...

— דער פּאַסטאָר גלויבט דערין?

— יאָ.

— המם...

קוואַנט איז אַרויס פֿון גלחס שטוב אַן אומצופֿרידענער... יאָ, קיינער וויל נישט אָנערקענען קיין עבירה אין אַן עבירה, וואָס דאָס דאָזיקע יונגל טוט אָפּ... מען זוכט אויס אַנעקדאָטן, כּדי צו פֿאַרענטפֿערן אים... ווען איך וואָלט אַזוי — האָט דער לערער געטראַכט — געוויזן מופֿתים, און דערנאָך וואָלט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז זיי זענען פֿאַלש און איך בין גאָרנישט אומשטאַנד צו ווייזן אַזעלכע — וואָלט מען מיר דערלאַנגט אַ טוץ פֿייגע מלקות פֿאַר שווינדל, אָדער מען וואָלט מיך אַריינגעוואָרפֿן אין אַ משוגעים־הויז; אָבער דעם „מלאך“ פֿאַרשיט מען מיט מתּנות! יעדער משעפּעט אים צו פֿליגל!

ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעם דאָזיקן רעטעניש. אָ, ווי ער האָט געוואָלט אַריינדרינגען אין קאַספּערס הויזערס פֿאַרגאַנגנהייט! גאָט אַליין מוז אים העלפֿן אין דער אַרבעט צו דעמאַסקירן דעם גייסט פֿון פֿאַלשקייט, וואָס וואוינט אין דעם יונגל און באַגייט עולות קעגן מענטשלעכן שׂכל. די וועלט, ווי זי איז באַשאַפֿן געוואָרן דורכן רבונו של עולם, איז קלאָר און פּשוט. דער שטן קרומט אויס דאָס פּנים פֿון דער וועלט...

קוואַנטין האָט זיך וואָס אַמאָל אַרויסגעוויזן צו זײַן אמת, אַז דעם יינגלס טאָג-בוך עקזיסטירט און איז אַ ודוי, וואָס קאַספּער באַהאַלט פאַר מענטשן, און דאָרט, אין בוך שרײַבט ער דעם אמת, ווער ער איז, און איז זיך מודה, אַז ער איז שפּילט אַ קאָמעדיע...

ער האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרײַז צו קריגן אין זײַנע הענט דאָס טאָג-בוך. עס האָט זיך טאַקע דערצו געמאַכט אַ געלעגנהייט.

צ זעם אַ קול רופֿט

אין איינעם אַ זומער-אָוונט איז פֿאַר קאַספּערן געשטאַנען היקל מיט אַ טריאומפֿירנדיקן אויסדרוק אויפֿן פּנים און אים דערלאַנגט אַ צעטעלע, וואָס ער האָט באַקומען אין אַ בריוו פֿון לאָרד סטאַנהאָפּ מיט דער ביטע עס אָפּצוגעבן אים. דאָס צע-טעלע האָט דערהאַלטן אַ טרוקענעם און קאַטעגאָרישן באַפֿעל: „גיב אָפּ דאָס טאָג-בוך דעם הער אָפֿיציר“.

— יאָ, יונגעלע מיינס — האָט ער געזאָגט, — און אויב דו וועסט אַליין נישט געבן מיר דאָס טאָג-בוך, וועל איך געצוואונגען זיין צו באַנוצן געוואַלד!...

קאַספּער האָט זיך געריבן די אויגן. דאָס פּנים איז אים פֿאַרשטאַרט געוואָרן.

— גוט — האָט ער געזאָגט מיט אַ געהאָרכזאַם, הויך קול, — איך וועל אַוועקגעבן דאָס טאָג-בוך, אָבער מאָרגן... פּערזענלעך אין די הענט פֿון פּרעזעס פֿייערבאַך.

— זאָל זיין אַזוי! איך וועל קומען מאָרגן מיטיק. דו וועסט מיטנעמען דאָס טאָג-בוך און מיר וועלן גיין צוזאַמען צום הער פּרעזעס.

ער האָט געוואָלט געווינען צייט. ע' האָט געשפּינען אַ פּלאַן אויפֿן וועג אַרויסצורייסן קאַספּערן דאָס טאָג-בוך, שטיצנדיק זיך דערויף, אַז דער לאָרד, וואָס וויל, קיינער זאָל פֿריער פֿאַר אים נישט איבערלייענען קאַספּערס נאָטיצן, וואָלט אים דערפֿאַר באַלוינט. מיט'ן אָפּשלעפּן האָט קאַספּער אויך געהאַט זיין אויסרעכענונג. ער איז אַוועק פֿון דער היים און געלאָפֿן באַקלאָגן זיך צום פּרעזעס. פֿייערבאַך האָט זיך געפֿינען אין סענאַט. אַ

אומגליקלעכער, האָט געבעטן העגריעטן, אַז זי זאָל דערציילן דעם פֿאָטער וועגן געפּלאַנטן געוואַלד.

צעמאָרגנס איז פּרעזעס פֿײַערבאַך געקומען אין קוואַנטס וואוינונג און צוזאַמען מיטן לערער איז ער אַרײַן אין קאַספּערס צימער.

— הער פּרעזעס! — האָט זיך קאַספּער אָנגערופֿן, דערזענדיק פֿײַערבאַכן, — כּדי צו מאַכן אַ סוף פֿון דעם אומאַנגענעמער לאַגע, האָב איך נעכטן פֿאַרברענט דאָס טאָג־בוך.

— פֿאַרוואָס? — האָט פֿײַערבאַך ווײַך געפֿרעגט.

— מען זאָל מיך נישט צווינגען אַוועקצוגעבן עס.

— ער זאָגט ליגנט! — האָט קוואַנט אויסגערופֿן. — ער האָט קיינמאָל נישט געפֿירט קיין טאָג־בוך. איך האָב אַדורכגענישטערט אַלע ווינקעלעך אין זײַנע שופֿלעדער. איך האָב נישט געפֿינען קיין צייכן פֿון אַ טאָג־בוך.

— וואָס זאָגסטו דערויף, קאַספּער? — האָט דער פּרעזעס געפֿרעגט.

— איך זאָג נישט קיין ליגנט. איך האָב געהאַלטן אויפֿגעהאַנגען דאָס טאָג־בוך אויף אַ נאָגל אויף דער אונטערשטער וואַנט פֿון דער קאַמאָדע.

— ווער האָט דיר דערלויבט אַרײַנצוקלאַפּן אַ נאָגל אין דער קאַמאָדע?

קאַספּער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— גענוג מיט דער דאָזיקער אינקוויזיציע! — האָט דער פּרעזעס געזאָגט. — דאָס טאָג־בוך איז פֿאַרברענט געוואָרן.

ער איז אַ פֿאַרוואָלקנטער אַוועקגעגאַנגען. קוואַנט איז אים נאָכגעלאָפֿן.

— הער פּרעזעס...

— גענוג מיט דער דאָזיקער אינקוויזיציע... איר וואָלט מער געפּועלט בײַ קאַספּערן מיט גוטן. וואָס קען זיך דען געפֿינען אין זײַן טאָג־בוך?... קינדערישע האַרץ־אַראָפּרעדענישן! איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס לאָרד סטאַנהאָפּ וויל דווקא האָבן דאָס טאָג־בוך. ווען איר וואָלט זיך באַצויגן צו אים בעסער, וואָלט ער

נישט געווען אזוי איינגעשפארט.

— אייער עקסצעלענץ קען אבער נישט אזוי קאספערן, ווי איך, וואס וואוין מיט אים צוזאמען. מיט גוטן קען מען ביי אים גארנישט אויספירן. ווען איך וויל ביי אים עפעס פועלן, רעד איך צו אים ווייך און ליב, מיט דעם גרעסטן געדולד ווייז איך אים אויף, וואס איך פארלאנג איז ריכטיק. צום סוף קען ער מיר א זאג טון, אז איך זאל זיך פילן, ווי אפגעפאטשט.

פייערבאך האט זיך געערגער. ער האט פארשנעלערט די טריט. די דאזיקע קליינע שפארעגישן האבן אים דערעסן. ער האט קודם כל געוואלט רו.

ער האט קוים געהאט אוועקגעגאנגען, ווי קוואנט האט גענומען מאכן אן אויספארשונג און דער קיך. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז מען האט געבארגט א העמערל און די קעכין האט געהערט קלאפן...

הייסט עס, אז ער האט יא געהאט א טאג-בוך... גוט — אבער צי איז עס געווארן פארברענט?

ער איז ארייננעלאפן און קאספערס צימער און געעפנט דאס טירל פון אויווען; עס איז געווען זומער, און אז מען האט געלטן געברענט, האט נאך היינט געמוזט זיין א צייכן, אויב קאספער האט נישט געזאגט קיין ליגנט. מיט די הענט, וואס זענען איינגעריסט געווען פון סארזעם, האט ער ארויסגעשלעפט א שפאר ביסל אש, און וועלכן עס האבן זיך געפינען איבערבלייבעכצער פון קויל-געווארענעם פאפיר, וואס האט זיך געשייט ביי יעדער בארירונג.

— יא! דו האסטפארברענט, אבער... אויף איין טאג-בוך איז דא צופיל... אש!

קאספער האט געענטפערט מיט פאראכטונג:

— ווייל איך האב פארברענט אלע בריוו פון הער סטאנהאפ. ווירקלעך, ער האט זיי טאקע פארברענט, פילנדיק זיך נעלכטן שטארק געטראפן פון גראפס באפעל. ער האט אפילו פארברענט די העפטן מיט איבונגען, וועלכע סטאנהאפ האט, איבערקוקנדיק זיי, איינגנהענטיק אויסגעבעסערט.

— אַלס שטראָף וועסטו היינט ניט גיין מיט אונז אין פּאַרק צו דער פּאַנטאָ־לאַטעריע, — האָט קוואַנט געזאָגט, הגם פרוי קוואַנט, וואָס האָט זיך צו דער פאַרוויילונג געמאַכט אַ נײַ קלייד, האָט אים די גאַנצע צייט געשולדערט, וואָס פאַר אַ גרויסע פרייד ער וועט דאָרט האָבן, האָט דאָך אויף קאַספּערס געזיכט קיין איין מוסקול ניט קיין ציטער געטאָן נאָכדעם, ווי קוואַנט האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט מיטגענומען ווערן.

ער האָט זיך דערוואַרט ביז דאָס פאָר־פאָלק קוואַנט איז אין אָוונט אַוועק. דעמאָלט האָט ער אָנגעצונדן אַ ליכט, צוגע־גאַנגען צו דער וואַנט, אַראָפּגענומען אַ בילד און אַרויסגעצויגן זײַן טײַערסטן, איינציקן אוצר — דאָס טאָג־בוך, וואָס איז געהאַנגען אויף דער פאַרקערטער זײַט פון בילד. ער האָט טריאומ־פירנדיק געשמייכלט. ער האָט געפירט אין באָד אַרײַן זײַנע פאַרזאָרגער. ער האָט איבערגעקוקט די נאָטיצן און צוגעשריבן נײַע... דאָס איז געווען די קאַרגע פרייד פון זײַן לעבן!

ער האָט ניט אַוועקגעגעבן! ער האָט ניט געקענט אַוועקגעבן דאָס טאָג־בוך, ניט בלויז צוליב זײַן אינהאַלט, וואָס אַ היילינקע קינדערישע פאַרטרויליכקייט האָט שטאַרק איבער־געשעצט, נאָר צוליב אַן אַנדערער, פאַר אים וויכטיקער, סיבה; אויף דעם ערשטן זײַטל פון טאָג־בוך האָט זיך געפינען אַן אויפשריפט: „איך שרײַב בלויז פאַר דעם דאָזיקן מענטש". די פּערזאָן, וואָס ער האָט לכתּחילה געמיינט איז געווען פײַערבאַך. ווען דער לעצטער האָט זיך אַביסל דערווײַטערט, האָט ער מיט דער אויפשריפט געמיינט דעם לאָרד סטאַנהאָפּ. דער לאָרד איז אָבער אַוועקגעפאָרן און מיט זײַן האַנדלונג אין קאַספּערס אויגן פאַרלוירן די רעכט צו זײַן דער איינציקער פרײַנט—דעמאָלט האָט דאָס יונגל צוגעשריבן אונטער דער אויפשריפט: „די דאָזיקע איינציקע פּערזאָן וועט זײַן מײַן מוטער!"...

דאָס איז געווען פאַר אים אַ שבועה און ער האָט זיך מיט דער דאָזיקער שבועה געפילט געבונדן ביז צום טויט.

ער האָט שוין ניט געקענט איבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז עמיצער קען אַרײַנקוקן אין דער געשיכטע פון זײַן לעבן, און

די געשיכטע פון זיינע ליידן און פון זיין צער, וואָס איז געווען באַשריבן אין אַלבום אין דער פאָרם פון אַ קינדעריש-אויפריכטיקן שמועס מיט זיך אַליין.

אין עטלעכע ווערטער איז געווען איבערגעגעבן זיין פרייד צוליב דעם, וואָס די בלומען, וועלכע ער האָט געפלעגט אין סוף פון דער אַליי, האָבן אויפגעבליט. די בלומען האָבן געטראָגן זיין נאָמען. ווייטער האָט בלויז דער איינער אויסדרוק „אַך" באַטייט פאַר אים „שמערץ". די סבה פון שמערץ איז געווען באַצייכנט: „מיין נ אָ מ ע ן האָט צעטרעטן אַ ציג". דאָס האָט געהייסן: איין בלום, וואָס ער האָט געהאָדעוועט, האָט צעטרעטן אַ ציג. אַנדערשוואו האָט אַן ענערגישער אַפאָריזם אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן זיין קינדהייט: „איך גרוב איז מיר געווען גוט, ווייל איך האָב נישט געזען קיין מענטשן און נישט געקענט די וועלט".

עס האָבן זיך אויך געפונען פּאַטעטישע זאַצן:

„וואָס איז ווערט דער מענטש, וועלכער פילט נישט קיין מיטלייד צו דעם, וואָס האָט נישט לחלוטין נישט געהאַט קיין קינדהייט, ווייל ער האָט אין דער פינצטערניש פאַרברענגט יאָרן, וועלכע אַלע מענטשן פאַרברענגען אין ליכט פון דער זון?"

עס האָבן זיך געפונען שיינע ציטאַטן פון ביכער, וואָס האָבן קאַספּערן שטאַרק אַנטציקט. אַ שפּאַר אָרט איז אין טאָג-בוך אָפּגעגעבן געוואָרן אויף זכרונות פון שיינע חלומות, בילדער, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט די הערלעכע מינוטן, וואָס ער האָט פאַרברענגט אין קעניגלעכן שלאָס אונטער דער אויפזיכט פון אַ שיינער דאַמע — זיין מוטער! דערביי האָט זיך געפונען אַ צושריפט:

„דאָס אַלץ האָט געמוזט זיין וואָר, איידער איך האָב מיך געפונען אינם גרוב".

די געשעענישן אין לעבן זענען איבערגעגעבן געוואָרן דיסקרעט, רמזימדיק. אַמאָל זענען זיי בלויז באַצייכנט געוואָרן דורך אַ דאַטע מיט צו אויסרופצייכן. דער אָנפאַל אין דוימערס הויז איז דערמאָנט געוואָרן מיט איין זאַץ: „אין דעם דאָזיקן

טאָג האָב איך געקענט אויפֿהערן עקזיסטירן".

דער איינדרוק פֿון אַ שׂרפֿה איז באַשריבן געוואָרן אין פֿאָלגענדיקע ווערטער: „איך האָב געקוקט דורכן פֿענצטער אויף דעם פֿײַער־ים; איך האָב געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט ברענט"...
די כאַראַקטעריסטיקעס פֿון מענטשן זענען געשילדערט געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן: לויטן ריח האָב איך אַלע דערקענט. דער קוואַנט שמעקט מיט קעלער־לופֿט, זײַן פֿרוי — מיט וואָל, דער פּרעזעס מיט — טאַבאַק, דער גלח — מיט אַלטע מלבושים, היקעל — מיט פּאָמאַדע. בלויז דער לאָרד סטאַנהאָפּ האָט אַ ריח פֿון פֿעלד".

אויף איינעם פֿון די בלעטלעך האָט זיך געפֿונען אַ צייכנונג, גאַנץ שיין אויסגעפֿירט: אַ שלאָף־וויזיע — אַ סטאַטוע פֿון אַ פֿרוי מיט אַ שטרענג געזיכט, שרעקעוודיקע אויגן, — אַ סימבאָל פֿון גורל. אונטער דער צייכנונג האָבן זיך געפֿונען צוויי פֿערזן, וואָס זענען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין שלאָף; אויפֿוועקנדיק זיך, האָט זיי קאַספּער אַרויסגערעדט מיטן מויל:

„קיין קרוין איז נישטאָ און עס ראָסטעט די שווערד.
עס לויפֿט אָן אַ רײַטער מײַן שניי־ווײַסער פֿערד!"

פֿאַרטיפֿט אין לייענען זײַנע זכרונות, האָט קאַספּער אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן דער צײַט. ער האָט מיט היץ פֿאַרשריבן די איינדרוקן פֿון די לעצטע טעג. ער האָט נישט געוווּסט, אַז קוואַנט איז שוין אַהיימגעקומען מיטן ווײַב און דערזענדיק ליכט אין זײַן פֿענצטער, האָט ער אָנגעכאַפּט דאָס ווײַב פֿאַר דער האַנט און געשריגן:

— נאַ, אָט האָסטו אַ באַווײַז, אַז ער ברענט ליכט בײַנאַכט!

קאַספּער האָט נישט געוווּסט, אַז נאָך דער דאָזיקער באַמערקונג האָט זיך דער לערער אַרויפֿגעדראַפּעט אויף אַ באַרן־בוים, אויף וועלכן ער האָט, נישט באַמערקט דורך קאַספּערן, געקענט זען, וואָס ער טוט.

— איך האָב אים געכאַפּט, יעטע! — האָט ער געשריגן אויפֿן באַרן־בוים. — ער שרײַבט זיכער דאָס טאָג־בוך, קיין אויפֿגאַבן אויף מאָרגן האָט ער נישט און קאָרעספּאָנדענץ פֿירט ער

לעצטנס מיט קײנעם נישט.

נאָך די דאָזיקע ווערטער איז קוואַנט שנעל אַרויסגעלאָפֿן אויף די טרעפּן.

מיטאײנמאָל האָט קאַספּער דערהערט, ווי מען קלאַפּט שטאַרק אין דער טיר און דעם לערערס הײזעריק־געוואָרענע שטים שרײַט:

— באַלד זאָל ווערן אויפֿגעמאַכט! שנעל!

ער איז איבערראַשט געוואָרן. ער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט פֿאַרלאָשן די לאָמפּ. ער האָט פֿריִער געמוזט באַהאַלטן זײַן אוצר אויף אַ זיכער אָרט אונטער דעם בילד.

דער דערצאָרנטער לערער איז אַרײַן אין דער קיך, געכאַפּט אַ האַק, כּדי אויפֿצוהאַקן די טיר. אַ באַאומרואיקטע צוליבן מאַנס געשרײַ: „ליכט!“ — איז פֿרוי קוואַנט געלאָפֿן צו אים מיט אַ ליכט. אָבער קאַספּער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון דעם אויפֿגעעפֿנטן צימער.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפֿרעגט.

פּלוצלונג האָט ער באַמערקט די האַק אין לערערס האַנט. ער האָט זיך צוריקגעצויגן אַ ציטערדיקער, באַהאַלטנדיק זיך אין אַ ווינקל, האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט צו פֿאַרטײדיקן זיך.

— אַ, הויזער! זע, וואָס פֿאַר אַ צרות דו טוסט מיר אָן! — האָט זיך אָנגערופֿן דער לערער, דערשרעקנדיק זיך אַביסל, וואָס ער האָט זיך פֿאַרגאַלאָפּירט. — דו קענסט אפֿילו דעם בעסטן גוטן פֿרײַנט, וואָס ליבט דיך מער ווי אַלע, באַשולדיקן אין וועלן באַגײַן... אַ מאָרד!

און שאָקלנדיק טרויעריק מיטן קאָפּ איז ער אַרויס מיט דער פֿרוי, וואָס האָט שעפּטשנדיק געבעטן:

— באַרויִק זיך, מײַן טײַערער!

די דאָזיקע נאַכט האָט קאַספּער זיך נישט אויסגעטאָן. ער איז אײַנגעשלאָפֿן אויף דער זאָפֿע. ער האָט זיך געמאַטערט אין שלאָף. עס איז קוים געוואָרן טאָג, ווי עמיצער האָט אים געכאַפּט פֿאַרן אָרעם. פֿאַר אים איז געשטאַנען קוואַנט מיט אַ פּנים פֿון אַ גרויסאינקוויזיטאָר. הינטער זײַנע פּלײצעס האָט

אַפּוירגעקוקט חיקל מיט אַ טיוולאָניש געלעכטערל אויף די ליפּן.

— שטיי אויף!... דער הער אָפיציר וויל מיט דיר רעדן.

ער האָט זיך אויפגעזעצט... חיקל האָט פייערלעך געזאָגט:

— אין נאָמען פון לאָרד סטאַנהאָפּ פאָדער איך נאָכאַמאָל: גיב מיר אַליין דיין טאָג־בוך.

— ניין, הער אָפיציר. פאַר קיין שום זאַך ניט אין דער וועלט!

קוואַנט האָט פאַרבראָכן די הענט:

— הויזער! הויזער! דיין עקשנות האָט איבערגעטרעטן אַלע גרענעצן.

— איך האָב שוין געזאָגט — דאָס טאָג־בוך איז פאַר־ברענט געוואָרן.

— דו זאָגסט ליגנט!... האָסט אים געשריבן ביינאַכט! איך ווייס זיכער.

— יאָ! איך האָב געשריבן. אָבער וואָס ווילט איר פון מיר?... בין איך דען אַ חיה?... אַ זאַך?... אייער אייגנטום?... פאַר איך גאָרניט באַזיצן?

— ערלעכע מענטשן האָבן ניט מורא צו ווייזן זייערע טאָג־ביכער. בלויז זינדיגע האָבן מורא.

חיקל האָט צוגעבאַסעוועט צו קוואַנטס „טרעפלעכע" מיינונג.

— ווי לאַנג דאַרף איך וואַרטן? — האָט ער קאַלט גע־פרעגט.

— איך וועל בעסער שטאַרבן אויפן אָרט, איידער זיך אייך אונטערגעבן! — האָט קאַספּער געענטפערט, פאַרקרייצנדיק די הענט אויף דער ברוסט.

— דו קלויבסט אים פאַרן טויט אַ מיאוסן מאָמענט. שטאַרבנדיק ביי אַזעלכע באַדינגונגען, פאַרדינסטו צו קריגן אַזאַ מצבה: „דאָ ליגט דער שווינדלער קאַספּער הויזער".

— און אייביק פאַרשאָלטן צו זיין... זעלבסטמאָרד איז אַ געדאַנק פון ניט ערלעכע מענטשן! — האָט דער זשאַנדאַרם צוגעגעבן.

פּלוצלונג האָט זיך חיקלס בליק אָפּגעשטעלט אויף דעם שוועל.

ער האט באמערקט, אז עס הענגט קרום. דער אינסטינקט פון א זשאנדארם האט אין אים א רעד-געטון. אין איין אויגנבליק האט ער אראפגעריסן ס'בילד און מיט א מינע פון א זיגער האט ער אין דער האנט געהאלטן דעם אלבום.

קאספער איז בלייך געווארן ווי א לייוונט. ער האט גע-צימערט ווי א בלאט. מיטאיינמאל איז אבער געשען עפעס אומדערווארטנדיקעס. דאס יונגל איז מיט א מאיעסטעטישן שטאלץ אויסגעגאנגען צו אים. עס איז אין אים אין דער רגע געלעגן אזא אימפאנירנדיקעס, אז דער פאליציאנט האט זיך גענומען צוריקציען...

— גיב אפ! — האט קאספער א געשריי געטון.

היקל איז געשטאנען אומזיכער, דערשראקן, בלאס.

קאספער האט אים ארויסגעריסן זיין טאג-בוך. מיט אן ענערגישער באוועגונג האט ער עס צעריסן — איין מאל און נאכאמאל. די צעריסענע שטיקער האט ער געווארפן אויף דער פאדלאגע.

עס איז נישט באקאנט, וואס עס וואלט געשען, ווען עס וואלט זיך נישט באוויזן א פערטער עדות. אויף דער שוועל איז גע-שטאנען דער פאסטאר פורמאן, וואס האט זיך שווייגנדיק צוגע-קוקט צו דער גאנצער סצענע.

— איז נישט א שאד, וואס דו מאכסט א חל פון דיין ארבעט, קאספער? — האט קוואנט געזאגט אין א געמאטן זיסן טאן. און גלייכצייטיק האט ער זיך אראפגעבויגן צו דער פאדלאגע און אויפגעהויבן די צעריסענע שטיקער פאפיר.

— הער פראפעסאר! נישט רירן! — האט קאספער אויס-גערופן, פארטרעטנדיק דעם צעריסענעם טאג-בוך.

און ער האט צוגעגעבן:

— דאס איז א קרבן, וואס געהערט דעם פייער.

קיינער האט זיך נישט דערוועגט ארויסצורעדן א ווארט, ווען קאספער האט מיט א זאפאלקע אונטערגעצונדן די פאפירן. א פלאם האט א זעץ געטון. אלע זענען געשטאנען שווייגנדיק און געקוקט אין די ברענענדיקע שטיקער פון טאג-בוך. עס איז

בלויז איבערגעבליבן אַ קופּע אַש...

קוואַנט און היקעל זענען אַרויס. עס איז געבליבן דער פּאַסטאַר פֿורמאַן. הגם קאַספּער איז נאָך דער דאָזיקער אומגעווינטלעכער אָנשטרענגונג אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן אַפּאַטישן צושטאַנד און גערעדט צעצויגן, האָט דער פּאַסטאָר אויס געהאַט די מעגלעכקייט אַרײַנצוקוקן אין זײַן פֿאַרזאָרגטער נשמה...

— אַ מאָדנע זאַך! — האָט ער געזאָגט, אָפּגעבנדיק דער ווענן אַ באַריכט פֿײַערבאַכן, — אַזאַ קלוגער מענטש, ווי קוואַנט, איז ווי פֿאַרכשופֿט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן הויזערן. אין זײַן רואיקייט זעט ער בונט, אין זײַן מעלאַנכאָליע—חוזק, און געלעכטער — ביזוויליקייט, אין שווײַגן — אינטריגעס, און אומגעשיקטקייט — אונטערגראָבן זיך. מיר דאַכט זיך, אַז $2\times2=4$ אין קאַספּער מויל איז פֿאַר אים ליגנט. אַלץ אין דעם דאָזיקן יונגל ווײַזט אים אויס צו זײַן פֿאַרדעכטיק: סײַ ווען ער שלאָפֿט, סײַ ווען ער שטייט אויף אינדערפֿרי — און אַלעם זעט ער עפּעס שלעכטס. ער וואָלט אַ בעלן געווען צו צעשנײַדן קאַספּערס האַרץ און זען, וואָס דאָרט טוט זיך. מײַן גאָט, ווי אַזוי וועט זיך דאָס ענדיקן ?...

דער פּרעזעס האָט געהערט אַן אָנגעכמורעטער. דאָס אַלץ האָט אים געאַרט. ער האָט געפֿילט, אַז עס האָט זיך אים נישט אײַנגעגעבן אײַנצואָרדענען קאַספּערס לעבן ווי געהעריק. אָבער ער האָט שוין נישט געהאַט דעם גלויבן אין זיך, אַז ער וועט פֿאַר אים געפֿינען אַ בעסער אָרט. עס האָט זיך דאָ אַרײַנגעמישט עפּעס אַ פֿאַטום, וועלכן ער, פֿײַערבאַך, איז נישט אומשטאַנד אָפּצוטרײַבן. דער פֿאַטום גייט נאָך דעם יונגל פֿון געבוירן־ווערן אָן. דערווײַל האָט ער גערופֿן היקלען און אים שאַרף געמוסרט.

היקעל האָט זיך געבויגן און דרייען. ער האָט פֿאַרזיכערט, אַז אַלץ האָט געהאַט אַ ציל צו פֿאַרבעסערן קאַספּערס כאַראַקטער און אים גוטס צו טון, אָבער די ווינטשן פֿון הער פּרעזעס זענען הייליק און ער וועט וועגן זיי מודיע זײַן קוואַנטן. ער איז אַוועק, פֿילנדיק פֿאַראַכטונג צו קאַספּערן צוליב דעם האַרבן

מוסר, וואָס עס האָט אים צוליב אים געמאַכט דער פּרעזעס. ער האָט דאָפּלט פֿײַנט געקריגן דאָס יונגל.

— איך בין ראַטלאָז! איך ווייס נישט, וואָס אָנצוהויבן! עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב דאָס יונגל אַרײַנגעטריבן אין אַ טײַך! — האָט דער פּרעזעס געזאָגט צו דער טאָכטער, וואָס האָט אים נאָך הײקעלס אַוועקגיין געטראָפֿן מיט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק.

— זי האָט אים געפּרוּווט טרייסטן:

— אפֿשר אַ דאַנק דעם וועט זיך אונזער קאַספּער אויסלערנען שווײַגן?

— ווייסטו וואָס? — האָט ער געשמייכלט, — דו רעדסט קלוג! ער וועט זיך אויסלערנען שווימען. איז עס נישט מערקווירדיק, וואָס אונזערע מאַכטהאָבער גייען קיינמאָל נישט אַדורך די האַרבע שול פֿון לעבן? אַ סך געראַכטיקער וועט זײַן דער הערשער, וואָס האָט אויף זײַן אייגענער הויט געפֿילט די מענטשלעכע דערנידעריקונגען. איך האָף, אַז קאַספּער וועט אין דאָזיקן קאַמף דאָרט ווערן, ווי שטאָל... ער וועט גייסטיק וואַקסן! איבעריקנס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן — זאָל גאָר דאָס ביכל אָפּגעדרוקט ווערן!...

פֿײַערבאַך האָט אַלץ געלאָזט גיין, ווי עס גייט, נישט דערפֿאַר, ווײַל עס איז אין אים שטום געוואָרן דאָס קול פֿון גערעכטיקייט און שייכות מיט קאַספּערס ענין. אדרבה. דאָס קול האָט אין אים שטאַרקער גערעדט, בפֿרט לעצטנס, ווען דער פּרעזעס האָט געהאַט אַ חשד, אַז לאָרד סטאַנהאָפּ, הגם ער האָט ווײַטער געגעבן געלט אויף קאַספּערס אויסהאַלט, זאָרגט זיך זייער ווייניק וועגן פֿאַרלײַכטערן דעם יונגלס גורל.

— אפֿשר, — האָט פֿײַערבאַך נישט איינמאָל געטראַכט אין שלאָפֿלאָזע נעכט — זאָגט דאָס פּנים פֿון דאָזיקן מענטש ליגנט? אפֿשר האָבן די אײַנפֿלוסרײַכע פֿײַנט פֿון יונגל אַרײַנגעצויגן דעם לאָרד, וואָס האָט פֿאַרלוירן זײַן אייגענע צוקונפֿט און שעפּט הכנסות פֿון עפּעס אומבאַקאַנטע קוועלן?!...

צוליב דעם האָט זיך דער פּרעזעס נאָך מער געפֿילט באַ-

דעלפֿטיקטער אין דער אינטערוועניץ. ער האָט דערווייל געזען אייני‑ גינסטיקע ווירקונג פֿון זיין אַרבעט: אין פֿאַרעפֿנטלעכן אַ טייל פֿון מאַנוסקריפּט וועגן קאַספּער הויזער. בלויז אַ טייל, כּדי מיט דער באַרמיטקייט פֿון זיין נאָמען פּאָפּולער מאַכן די אומגע‑ ווינטלעך‑שיינע נשמה פֿון דעם יונגל און זיין פּירשטלעכע אָפּ‑ שטאַמונג, בלויז אַ טייל — כּדי נאָך נישט אַלץ צו דערציילן די וועלט, ד. ה. דאָס, וואָס איז נאָך דערווייל אַן השערה און קען, אויב מען זאָל עס צו שטאַרק אונטערשטרייכן, משפּיע זיין הויזערס שונאים צו באַגיין שריט, וואָס זאָל געפֿערלעך זיין פֿאַר אים: אפֿשר אַ נייער אַטענטאַט אויף זיין לעבן...

מיר וועלן איבריקנס נישט באַהאַלטן. אַז אין דער פֿאָרזיכ‑ טיקייט, מיט וועלכער ע האָט דעם דרוקער אָוועקגעגעבן זיין מאַ‑ נוסקריפּט, האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָל די מורא, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר עלטערע מענטשן. ער, פֿייערבאַך, וואָס זיין ענערגיע האָט שטענדיק געבראַכן אַלע בלבולים, וואָרנונגען און אפֿילו אָפֿענע דראָאונגען, איז פֿאָרט געווען אַן אַלטער מאַן. זייט דעם איינבראָך פֿון געהיימע פֿאַרברעכער אין זיין וואוינונג איז פֿייערבאַך אַריינגעפֿאַלן אין אַ היפּאָכאָנדרישן שרעקעוודיקן צו‑ שטאַנד: ביינאַכט איז ער מיט אַ ליכט אַרומגעגאַנגען איבער די שטובן, געקוקט אונטערן בעט און געזען אין די שאָטנס באַהאַל‑ טענע פֿיינט. ער איז אויפֿגעטרייסלט געוואָרן אין אַ געוויסן טאָג, איבערלייענענדיק אַ צעטל אויף די טירן פֿון זיין הויז. עס האָט געקלונגען, ווי אַ דראָאונג, אָדער אַ דערמאָנונג:

„ריטער פֿייערבאַך, אָ, נעם אַרוים די שווערד פֿון שייד...
שעם דיך פֿאַר דער שרעק! געדענק דיין מוט פֿון יוגנט‑צייט!
שטעק די שווערט אין דיינע פֿיינט און פֿאַלשע פֿריינט אַריין,
וועסטו צווייפֿלען — דאַן אַ טויטער פֿאַלסטו פֿון דער שאַרף
אַליין!“...

סוף אָקטאָבער האָט קוואַנט באַזוכט דעם פּרעזעס פֿייערבאַך. ער איז געווען ערנסט פֿאַרדאַגהט. ער האָט מודיע געווען, אַז מיט קאַספּערן איז געשען עפּעס אומגעווײנטלעכעס. ער האָט געכטן באַקומען אַ בריוו פֿון לאָרד סטאַנהאָפּ און פֿון דער דאָ‑

זיקער מינוט אַז האָט ער זיך מאָרגן געענדערט. ער רירט ניש
אַז דאָס עסן בײַם מיטיק, ער זעט אויס, ווי ער וואָלט פֿאַרלוירן
דעם פֿאַרשטאַנד, ער מאַכט נישט קײן לעקציעס, ער ענטפֿערט
נישט אויף קײן פֿראַגן, און קוקט כסדר מיט אַ צעמישטן בליק
אין דער ווײַטקײַט.

— איך האָב זיך מיט׳ן ווײַב אונטערגעהערט בײַ זײַן טיר.
ער קרעכצט בעתן שלאָף, ער שרײַט אפֿילו מיט אַ האַרצרײַסנדיק
קול! — האָט דער לערער געענדיקט זײַן ראַפּאָרט.

—ווייסט איר נישט, וואָס איז בריוו שטייט געשריבן?

— נאַטירלעך, ווייס איך. עפֿענען די בריוו זײַנע — דאָס
איז מײַן פֿליכט.

פֿײַערבאַך האָט זיך געקרומט מיט פֿאַראַכטונג... ער האָט
געטופּעט מיט אַ פֿוס:

— נו, און וואָס האָט איר געלייענט?

— אָט מאַקע גאָרנישט, וואָס זאָל באַרעכטיקן אַזאַ שטאַרקע
ענדערונג. דער גראַף שרײַבט, אַז קענען זײַנע האָפֿנונגען איז ער
נישט אומשטאַנד צו קומען צו פֿאָרן אין באַשטימטן יערלעכן
טערמין. מען קען זען, אַז דאָס יונגל האָט זיך אין שייכות מיט
לאָרד סטאַנהאָפּס צוריקקער אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן עפּעס
נישט קלוגע האָפֿנונגען. זײַן עקסעלענץ וואָלט אַזוי גוט געווען
און די האָפֿנונגען אים אַרויסגעשלאָגן פֿון קאָפּ אַרויס...

— גוט! גוט! — האָט אים דער פּרעזעס פֿאַרמאַכט דאָס
מויל.—איך וועל זיך דערמיט פֿאַרנעמען. איר קענט אַוועקגיין...

ווען קוואַנט איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט געבושעוועט
אַ שרעקלעך געוויטער. ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אין אַן
אַכסניה און וואַרטן. דער ווינט האָט אומגעדרייט בוימער אויף
די סקווערן, אַראָפּגעריסן בלעטער און אויפֿגעהויבן טומאַנען
זאַמד.

נישט געקוקט אויפֿן געוויטער האָט קאַספּער אומבאַמערקט
זיך אַרויסגעגליטשט פֿון הויז. ער האָט געפֿילט אַ נויטווענדיקײַט
צו באַקלאָגן זיך פֿאַר עמיצן, וואָס איז גינסטיק געשטימט צו
אים. ער האָט אויסגעקליבן די באַראָנעסע אימהאָף.

קומענדיג צום טירל פון גאָרטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט דערפילט אין דער ברוסט אַ גאַנצן רוישנדיקן ים מיט ווייטיקן.

— מיט וואָס קען זי מיר העלפן? — האָט ער געטראַכט— וואָס קענען פאַר מיר זיין אירע טרייסט־ווערטער?... ווערטער! — ווערטער! — ווערטער! — מער גאָרנישט!

ער איז נישט אַריין אין דער ווילע. עטלעכע רגעס איז ער אַזוי געשטאַנען ביים פּאַרקאַן און געקוקט אויף די באַלוישטענע פענצטער. ער איז פאַרוואונדערט געוואָרן. פון דער ווילע האָט זיך געהערט עפּעס אַ זינגנדיק קול. ער האָט נישט געוואוסט, צי אויפן דאַך האָט זיך געפונען אַ עאָל־האַרפע, אויף וועלכער דער ווינט האָט געשפּילט אַ טרויעריקן נגון...

ער איז אַוועקגעגאַנגען אַ מאָדנע־פאַרחלומטער. צוריק אַהיים האָט ער אויסגעקליבן אַ הינטער־וועג, אפילו אַ לענגערן. ער האָט באַגעגנט עפּעס אַן האַלב־איינגעפאַלענע, אומבאַוואוינטע חורבה. עס האָט זיך אויף איר געפונען אַן אויפשריפט: „אונ־מער גאָטס אויג“. עס האָט זיך אים געדכאַכט, אַז ער האָט שוין די דאָזיקע חורבה געזען. אָבער ווען?... זייט זיין אָנקום קיין אַנספּאַך איז ער אין דער דאָזיקער געגנט נאָך נישט געוועזן.

נאָך אַ מאָדנערע באַגעגעניש האָט ער געהאַט, ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים. אויף די טרעפּן איז געווען שטיל. קוואַנט איז נאָך נישט געקומען. ער איז אַוועק צו באַקאַנטע, וואָס ביי זיי האָט זיך געפונען פרוי קוואַנט מיט די קינדער. די דינער־שאַפט איז אַרויס. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ קול — אַ שוואַך קול, ווי דאָס פּליסטערן פון אַ פעלד־פייגל. קאַספּער האָט דײַטליך געהערט רופן:

— סטעפאַן!

ער האָט זיך אומגעקוקט. ער איז אַרויס אויף דער גאַס. קיינער איז נישט געווען. אָבער ווידער האָט ער דערהערט דאָס רופנדיקע קול. יעצט האָט עס געקלונגען, ווי אַ דערשטיקט זיפצן:

— סטעפאַן!

ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און געפרעגט:

געשעצט, נאָר צוליב אַן אַנדערער, פאַר אים ווײַכטיקער, סיבה; — ווער איז.

איבער דער טיר, אין דער הויך, האָט ער געזען אַ פּנים — אַ וויזיע. דאָס פּנים האָט אויסגעזען ווי לאָרד סטאַנהאָפּ, נאָר עס איז מאָדנע אויסגעקרומט געווען. דאָס מויל אָפן, מיאוס — גישט צום דערקענען מיאוס און די אויגן שרעקעוודיקע און פול מיט צער. נאָכאַמאָל האָט זיך אין דער פינצטערניש געהערט פון אײַנגאַנג, בײַם אָנהויב פון די טרעפּן:

סטעפאַן!

ער איז געווען זיכער, אַז מיט דאָזיקן נאָמען רופט אים עמיצער... ער האָט זיך פאַרוואונדערט... דאָס פּנים איז אָבער פאַרשוואונדן געוואָרן... קאַספּער איז עטלעכע מאָל געגאַנגען הין און צוריק איבער די טרעפּן, ער האָט געפאָרשט די קאָרידאָר=ווינקלען און אויפסנײַ אַרוים פאַרן הויז — קײַנער איז נישט געווען!

אין אײנעם אַ דעצעמבער=אָוונט איז אין היקעלס וואוינונג אַרײַנגעפאַלן דער לערער קוואַנט. ער איז געווען שרעקלעך אין פּעם, האָט געוואָרפן אויפן טיש אַ דינע בראָשור און געשריגן:

— זעט... וואָס וועט איר זאָגן וועגן אַזאַ מעשה?

היקעל האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען:

— עס איז גאָרנישט... איך האָב עס געלייענט... פּרעזעס פײַערבאַך האָט אַ מאַניע צו שרײַבן.

— נײַן. איר קוקט צו=לײַכט אויף דעם וואָרפן מענטשן זאַמה אין די אויגן. סוף כל סוף איז עס אַ באָבע=מעשה, אַ פּלוידערײַ — איך בין זיכער דערין. אָבער זײַט אַזוי גוט און גיט נאָר אַ קוק אויפן נאָמען: „קאַספּער הויזער אַלס משל פון אַ פאַרברעך, אויס=געפירט אויפן גײַסטיקן לעבן פון אַ מענטש“... דאָס איז דאָך פּונקט אַזוי, ווי מען וואָלט דעם נאַרישסטן פון מײַנע שילער רעק=קאָמענדירט דער וועלט אַלס זעלטענעם עקזעמפּלאַר פון דער מענטשלעכער נשמה. און אַזעלכע זאַכן שרײַבט אַ באַרימטער קרימינאַליסט! די רעגירונג דאַרפט דאָס קאָנפיסקירן אַלס דע=מאָראַליזירנדיקע ליטעראַטור! וואָס וועט זײַן, אַז קאַספּער וועט

די בראָשור לייענען? ער וועט וואַקסן פֿון נחת און זיבעטן הימל! מיין גאַנצע אַרבעט איבער אים וועט גיין קאַפּוט!

— גיין! ער טאָר עס נישט לייענען. מיר מוזן צו דעם נישט דערלאָזן.

— מיר וועלן גוט היטן... האָט איר אָבער געהערט דאָס נייעס? דער פּרעזעס באַמיט זיך, אַז קאַספּער זאָל אַרבעטן אַלס סעקרעטאַר און דער געריכטס־קאַנצעלאַריע.

— און דער לאָרד ווייסט דערפֿון?

— איך האָב וועגן דעם נישט געשריבן. איך קען נישט זיין איצטיקן אַדרעס.

— און איר וואָס זאָגט דערצו?

— איבעריקנס... אויב קאַספּער טויג נישט צו קיין מלאכה, און צו טיפֿערע סטודיומס האָט ער נישט קיין פֿעאיקייטן — זאָל ער ווערן אַ סעקרעטאַר! איך האָב נאָר מורא, אַז עס זאָלן נישט האָבן אויף אים קיין שלעכטן איינפֿלוס זיינע געריכטס־קאָלעגן...

בעתן מיטיק און זעלבן טאָג האָט קוואַנט זיך געשפּילט מיט אַ מעסער כמעט נעבן קאַספּערס פּנים. דער לעצטער האָט זיך אויפֿגערעגט און געבעטן, אַז ער זאָל „אויפֿהערן דאָס שפּיל, וואָס דענערווירט אים".

— דאָס איז שלעכט! אַ מאַנספּערשוין טאָר נישט זיין קיין פּחדן. ער מוז גרייט זיין שטענדיק צו שטאַרבן בעת אַ מלחמה.

— איך וויל נישט שטאַרבן!! — האָט דאָס יונגל האַרט געענטפֿערט.

פֿרוי קוואַנט האָט זיך צעלאַכט.

— ער איז אַ גרויסער פּחדן. ערשט נישט לאַנג האָט מיר דער קאַדעט הוגאָ דערציילט, אַז אין פֿאַרגאַנגענעם זומער האָט קאַספּער מורא־געהאַט און באָד אַריינצושפּרינגען און באַסיין וואַסער. אַז מען האָט אים געוואָלט אַריינוואַרפֿן, האָט ער זיך אַרויסגעריסן און אַנטלאָפֿן...

קוואַנט האָט זיך געטרייסלט פֿון געלעכטער:

— דאָס הייסט אַ פּחדן!

אין דער זעלבער רגע האָבן זיך באַוויזן אין שטוב באַראָנעסע

אומהאָף און פֿרײַלײַן שטיבלויער, וואָס זענען געקומען באַזוכן קאַספּערן און געוואָר ווערן, וואָס ער מאַכט. דער לערער האָט זיי איבערגעגעבן, וואָס דאָס ווײַב האָט דערציילט. די דאַמען האָבן אָבער נישט געלאַכט, נאָר געקוקט מיט מיטגעפֿיל אויפֿן פֿאַררוימלטן פּנים און בייזע אויגן פֿון שווינגדיקן קאַספּערן. צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געקלאָגט אויף קאָפּ־ווייטיק, האָבן זיי זיך געאײַלט אַוועקצוגיין.

— וואָס פֿאַר אַ נאַרישקייט! — האָט מאַדאַם אומהאָף געזאָגט צו איר חברטע. — די דאָזיקע מענטשן טוען אומזיסט חושד זײַן קאַספּערן אין פּחדנות. ער וויל נישט שטאַרבן — ער וויל נישט, ווי יעדער, וואָס פֿילט אין זיך אַ מאַכט אויסצופֿירן אַ גרויסע שליחות אין לעבן. דאָס איז אַ נשמה, וואָס פֿילט טיף אָפּ פֿרייד און צער און שרעק... און אַלץ!...

אונדערהײַם האָט די באַראָנעסע געפֿינען אַ בריוו פֿון אַ פֿרײַנט, פֿרוי קאַנאַוואָורף. עס איז געווען אַ קורצער, אָבער אַן ענטוזיאַסטישער בריוו:

„כ'האָב ערשט אַדורכגעלייענט פֿייערבאַכס בראָשור. איך בין אויפֿגעטרייסלט ביז צו דער טיפֿעניש פֿון מײַן נשמה. איך מוז, איך מוז קומען צו פֿאָרן צו אײַך, כּדי צו באַקענען דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע יונגל. איך וועל קומען צו פֿאָרן אין מערץ. וואָס זאָגט קאַספּער וועגן דער בראָשור?“

אויף דער לעצטער פֿראַגע האָט פֿרוי אומהאָף נישט געקאָנט ענטפֿערן. זי האָט וועגן דעם נישט געפֿרעגט קאַספּערן, רעכנענדיק, אַז אויב ער האָט וועגן דעם נישט דערמאָנט קיין וואָרט, איז דער גאַנצער ענין פֿאַר אים אָנגעווייטיקט.

הויזער האָט געוואוסט וועגן פֿייערבאַכס ביכל. אָבער ער האָט זיך געפֿינען אין אַ צושטאַנד פֿון אַפּאַטיע. אַ חוץ דעם האָט ער זיך געפֿילט געטראָפֿן דערפֿון, וואָס דער פּרעזעס האָט אַזוי ווייניק געטון פֿאַר זײַן פֿאַרטיידיקונג. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס ביכל איז בלויז אַ בלאַסע אָפּשפּיגלונג דערפֿון, וואָס ער ווייסט שוין לאַנג וועגן זיך, ווײַל ער האָט עס אַליין איבערגעלעבט.

אָבער אַ צופֿאַל האָט געענדערט זײַן מיינונג וועגן דער בראָ־

שור. אין אַ געווינטן טאָג האָט ער זיך געפֿינען אין דער קאַנצעלאַריע פֿון דער געריכטס=קאַמער. ער האָט געהאַט גענומען אין דער האַנט עפּעס אַלטע לאַנגווײַליקע אַקטן, כּדי זיך צו מאַכן קאָפּיעס, ווי עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער פּרעזעס האָט געהלשט אויף אַ זיצונג און מען האָט אים געמוזט אָפּפֿירן אַהיים. קאַספּער האָט געציטערט. ער האָט נישט געהאַט קיינעם, מיט וועמען ער זאָל זיך קאָנען טיילן זיין צער, ווייל די קאָלעגן, זעענדיק אים אַ שווייגנדיקן, זענען אַוועק פֿון אים מיט שנאה. ער איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער און אויף דעם טוי פֿון דער שויב אויפֿגעשריבן פֿײַערבאַכס נאָמען. עס איז צו אים צוגעקומען איינער פֿון די אַלטע געריכטס=סעקרעטאַרן, און זעענדיק אים אַ ווײַנענדיקן בײַ אַזאַ מלאכה, האָט ער געזאָגט:

— יאָ! יאָ! הויזער... ווען מיט דעם דאָזיקן מענטש זאָל געשען אַן אומגליק, וואָלט עס געווען אַ גרויסע אבדה... אין אונזערע עפּאָכע פֿון קאַרליקלעך מוז מען מיט ליבע זוכן נאָך אַזאַ מענטש, ווי ער... דאָס איז דאָך אַ טיטאַן, וואָס איז גרייט אַרויסצורײַסן די שטערן פֿון הימל פֿאַרן נצחון פֿון גערעכטיקייט!

ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין באַגײַסטערונג:

— דאָס איז אַ פּראָמעטעאוס... און דאָס בוכל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן דיר?... עס איז אַ שײַטערהויפֿן, אויף וועלכן ער האָט געוואָרפֿן די בלבול=מאַכער און נאַראָנים... נישט אמת?

— הער דילמאַן! — האָט קאַספּער געענטפֿערט — איך האָב דאָס בוכל נישט געלייענט.

דער באַאַמטער איז געווען פֿאַרבליפֿט.

— צום טײַוול! — דו האָסט עס נישט געלייענט?

ער איז צוגעשפּרונגען צו אַ שופֿלאָד, אַרויסגענומען פֿײַערבאַכס בראָשור, זי אַרײַנגעשטופּט הויזערן אין דער האַנט, און כּמעט מיט צאָרן אויסגערופֿן:

— דו מוזט עס לייענען! עס איז אַ סקאַנדאַל נישט צו קענען זײַן שטאַרקסטן פֿאַרטיידיקער...

קאַספּער איז געקומען אַהיים מיט דער דעה דורכצולייענען

דאָס בײַכל. אָבער דאָס מיטיק האָט זיך שטאַרק פֿאַרלענגערט, װײַל פֿרױ קװאַנט האָט דערצײלט, אַז פֿײַערבאַך איז שטאַרבלעך קראַנק און איר מאַן האָט אױף דער ידיעה װעגן זײַן קראַנקײט געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה װעגן דער גאָרנישטדיקײט און אומזיכערקײט פֿון מענטשלעכן לעבן. געפֿינענדיק זיך אַלײן אין זײַן צימער האָט קאַספּער אַרױסגענומען די בראָשור און געװאָלט אָנהױבן לײענען. אָבער עס האָט אים אַדורכגענומען די זאָרג װעגן פּרעזעסעס געזונט־צושטאַנד און ער איז געלאָפֿן צו פֿײַערבאַכן געװאָר װערן, װאָס ער מאַכט.

דערװײַל איז קװאַנט, אױפֿהױבנדיק זיך פֿון נאָכמיטיק־דרימל, געגאַנגען זען, װאָס קאַספּער טוט. ער איז צוריקגעקומען מיט אױסגעגלאָצטע אױגן.

— יעטע! — האָט ער אױסגערופֿן — גיב אַ קוק, װאָס איך האָב אַנטדעקט! זע, װאָס איך האָב געפֿינען אױף קאַספּערס טיש.

ער האָט געװיזן די בראָשור.

— װאו ביזטו געװען? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ שאַרף קול קאַספּערן אױף דער שװעל.

— איך בין געגאַנגען געװאָר װערן, װאָס דער פּרעזעס מאַכט.

— המם... אַזױ... גוט... איך האָב מיט דיר צו רעדן װעגן אַ זײער װיכטיקער זאַך. — איך װעל גײן אַרױף צו דיר אין דער הױך.

זײ האָבן זיך געזעצט. קאַספּער האָט אַ פֿאַרװאונדערטער געװאַרט.

— דו האָסט מיר פֿאַרשאַפֿט אַ גרױסע אומאָנגענעמלעכקײט — האָט ער זיך פֿײַערלעך אָנגערופֿן. — זע, װאָס איך האָב געפֿינען אױף דײַן טיש... זע!... אַך! קאַספּער, איך האָב צו דיר גאָרנישט, װאָס דו האָסט געװאָלט אַדורכלײענען אַ מעשה־ביכל װעגן דײַן לעבן. אָבער פֿאַרװאָס... פֿאַרװאָס האָסטו עס באַהאַלטן פֿאַר מיר? איך װעל דיך נישט פֿרעגן, פֿון װאַנען דו האָסט די בראָשור גענומען, װײַל איך װײס, אַז דו װעסט זאָגן ליגן... דו האָסט נישט קײן צוטרױ צו מיר... דו װילסט קײנמאָל נישט

עפֿענען מ'האַרץ פֿאַר מיר, כאָטש איך גיב דיר צו עסן, דערציִ דיך און טראַכט אומאויפֿהערלעך, מ'זאָל דיר גוט זיין... איך האָב דיך ליב ווי אַ פֿאָטער.

קאַספּער האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פֿאַרגליווערטן בליק. ער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט. דער לערער האָט זיך אַ ביסל צעמושט.

— ענטפֿער! — האָט ער אַ דרינגע־געטון מיט אַ פּוס.

— איך האָב נישט געהערט, וואָס איר האָט געזאָגט, ווייל איך קלער, אַז בקרוב וועט געשען עפּעס שרעקלעכעס. אַך, גלויבט מיר!

— דו ביזט אַ מיאוסער קאָמעדיאַנט — האָט קוואַנט אויס־געריפֿן און זיך אויפֿגעשטעלט. דאָס געשפּרעך איז געווען גע־ענדיקט. אוועקגייענדיק האָט דער לערער מיט פֿאַראַכטונג אַ וואָרף געטון אויפֿן טיש פֿייערבאַכס בראָשור.

קאַספּער האָט געהאַט רעכט צו האָבן שלעכטע פֿאַרגעפֿילן. דעמזעלבן טאָג האָט אים הענריעטע נישט געוואָלט צולאָזן צום פֿאָטער. זי האָט געהאַט אַ טרויעריק אויסזען. אויך די אַנדערע טעג האָט זי אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן צום קראַנקן. עס האָט זיך אים אפֿילו געדאַכט, אַז זי איז צו אים געוואָרן שלעכט גע־שטימט. פֿאַרן אַרכיוויסט וואָרם האָט ער אויסגעדריקט זיין באַ־דויערן, וואָס ער קאָן זיך נישט דערבעטן קיין זעאונג מיטן פּרע־זעס. וואָרם האָט עס מיטגעטיילט פֿייערבאַכן און ענדלעך איז קאַספּער — נאָך אַ גאַנצע וואָך דערשלאָגן זיך דערוועגן — צו־געלאָזט געוואָרן צום בעט פֿון חולה.

דער פּרעזעס איז דאַר געוואָרן, זיינע אויגן האָבן באַקומען אַ מאַטן גלאַנץ און דאָס קול איז שוואַך געוואָרן. ער האָט האַר־ציק געדריקט צו זיך דאָס יונגל און געזאָגט צו אים ווייך:

— זעהסט, יונגל, דער דאָקטאָר האָט מיר פֿאַרבאָטן איבער־צונעמען זיך. מען לאָזט צו מיר קיינעם נישט צו... פֿאַרוואָס האָסטו דיך אַזוי שטאַרק מטריח געווען צו זעען זיך מיט מיר? וואָס ווילסטו מיר זאָגן?

קאַספּער איז רויט געוואָרן.

— איך האָב געלייענט! איך האָב געלייענט! — האָט ער אויסגערופֿן, צולייגנדיק דאָס מויל צו די הענט פֿון פּרעזעס.

פֿײַערבאַך האָט אים ווייך און האַרציק געגלעט די האָר.

— מײַן טײַערער קאַספּער! דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס איך האָב דערווײַל געקאָנט טון פֿאַר דיר. מיר האָבן נישט יהושעס שופֿר, כּדי אײַנצוּוואַרפֿן די מויערן פֿון אומווירדיקן יריחו... אָבער זײַ געדולדיק און האַלט די צונג אונטער די ציין... אַמבעסטן — רעד נישט דערפֿון... זאָל איך זיך נאָר אַרויסקריגן פֿון מײַן קרענק... וועסט זען... איך וועל טון מער... איך וועל אַלץ טון...

די אויגן האָבן אים גענומען בלישטשען. דאָס קול איז קרעפֿטיקער געוואָרן. אַ באַאומרויִקטע האָט העגריעטע פֿון דער טיר געגעבן אַ צייכן קאַספּערן, אַז ער זאָל אַרויסגיין. ער האָט זיך תּיכּף אויפֿגעשטעלט. פֿון יונגלס פּנים האָט אָבער פֿײַערבאַך דערקענט, אַז ער וויל נאָך עפּעס זאָגן.

— האָסט אַ בקשה? — רעד!

— דער... דער אינוואַליד, וואָס מען האָט מיר געגעבן אַלס וועכטער, פֿאַרשפּעטיקט זיך און זאָגט מיר דו. ער פֿאַרשאַפֿט מיר אומאָנגענעמלעכקייטן דערמיט, וואָס איך מוז אויף אים וואַרטן און צופּאַסן די טריט צו זײַנע. ער וואַרט אויף מיר איצט בײַם טויער. איך וואָלט געקאָנט גיין אָן אים צום געריכט...

העגריעטע איז אַרײַנגעקומען און אומגעדולדיק אַ באַוועג געטון מיטן קאָפּ.

— איך וועל זיך איבערלייגן — האָט פֿײַערבאַך געזאָגט... גיי, העגריעטע דערלויבט מיר נישט מער צו רעדן.

קאַספּער איז אַוועק. ער האָט זיך געפֿילט געדריקט צוליבן אומפֿרײַנטלעכן בליק, מיט וועלכן העגריעטע האָט אים צוגעפֿירט צו דער טיר.

ער וואָלט אויף איר נישט בייז געווען, ווען ער וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען דעם בריוו, וואָס פֿײַערבאַכס טאָכטער האָט געשיקט צו אַנזעלמען. אָט איז אַ שטיקל פֿון בריוו:

„טײַערער אַנזעלם! פֿאָרלײַפֿיק איז אין פֿאָטערס געזונט-צושטאַנד אַרײַנגעטרעטן אַ פֿאַרבעסערונג. ער איז אויפֿגעשטאַנען

און גייט אַרום אין דער וואוינונג, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן. אָבער דער דאָקטאָר זאָגט, אַז זיין לאַגע איז נאָך אַלץ אַ געפערלעכע און דער קראַנקער דאַרף אויסמיידן געריירט צו ווערן. נישט געקוקט דערויף פּלאַנט דער פאָטער אַ נייע רייזע אין שייכות מיט קאַספּער הויזערס ענין און כמעט יעדן טאָג קאָנפערירט ער דערוועגן מיט הינקלען, וועלכן איך וואָלט נישט געגלויבט קיין וואָרט.

אַך! דער דאָזיקער הויזער! ער שרייט צום הימל. אויב מיין פאָטערס בראָשור וועט די מענטשן נישט עפענען די אויגן — זענען זיי פּשוטע בהמות, אָדער בלוטדורשטיקע היענעס. אַן אַלטע מעשה! דער, וואָס האָט געראַטעוועט רוים, זאָל אין ירושלים גילטן אַלס קליינער, עלטער רב! אמת, די בראָשור וועגן הויזערן איז צעכאַפּט געוואָרן אין צוויי אויפלאַגעס. פּלוצלינג האָט זיך אָבער אַלץ אָפּגעשטעלט. דער פאַרלעגער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן די ווייטערדיקע, דריטע, אויפלאַגע. און מיר אַליין קאָנען דערויף קיין געלט נישט געבן, ווייל מיר פילן אַ דוחק, נישט געקוקט אויף דער שווערער לעבנס-לאַנגער אַרבעט פון מיין פאָטער. ער האָט אין דער שטיל אַ סך געלט צעטיילט אויף פילאַנטראָפּישע צוועקן.

„איבעריקנס, ווען עס וואָלטן זיך אַפילו געפינען מיטלען אַרויסצוגעבן אַ דריטע אויפלאַגע, וואָלט דערצו נישט דערלאָזט אַ געהיימער באַפעל פון אויבן. אַט פון וואַנען עס שטאַמט דעם פאַרלעגערס נעגאַטיווע באַציאונג. מיין פאָטער האָט טאַקע אין דאָזיקן ענין ברעה אַוועקצופאָרן. ער וויל מיר גאָרנישט פאַרטרויען, ווייל ער וויל מיר נישט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש. איך האָב עס געהערט פון וואָרמען...

יאָ! יאָ! טייערער אַנזעלם! איך ציטער, מיין פאָטער זאָל גאָרנישט אויספירן און די פירות פון זיין אַרבייט זאָל זיין אַ הילצערנער צלם אויפן בית-עלמין, ווייל אויף קיין מצבה וועט קיין געלט נישט זיין... דו ביזט אויך אַזעלכער, און איך בין אויך געווען אַזעלכע דאָס גאַנצע לעבן. יעצט דריקן זיך מיר צענויף מיינע ציין פון ווייטיק און ביטערניש...

איך ליב דעם פאָטער דערפאַר, ווייל ער האָט געקענט ליב

קריגן מיט דער גאַנצער נשמה קאַספּערן היטן; זײַן ליבשאַפט איז מער, ווי די זאַך איז ווערט... איך האָב ליב דעם פֿאָטערס לעבן און געזונט און איך וויל נישט, אַז ער זאָל פֿאַלן אַ טויטער אויף זײַן אומדאַנקבאַרן וועג... קײן שום זאַך האָט פֿאַר מיר נישט קײן גרעסערן ווערט, ווי דאָס לעבן פֿון מײַן טײַערן פֿאָטער... צי וועל איך זיך לאַנג פֿרײַען מיט אים ?... בלויז דער רבונו של עולם ווײסט עס... זאָל ער עס ווײסן, נאָרע רזאָל אים מיר נישט צונעמען!"

אין מאָמענט, ווען העגריעטע האָט געשריבן דעם בריוו, האָט פֿײַערבאַך ווידער געהאַט אַ קאָנפֿערענץ מיט הינקלען בײַ פֿאַרמאַכטע טירן. ער האָט אים געטרייסט, קעגן דער טאָכטערס מײַנונג. דער פֿיפֿיקער זשאַנדאַרם האָט שטענדיק געוואוסט צו היטן זײַן גוטן נאָמען בײַם פּרעזעס.

— גוט! גוט! — האָט ער געזאָגט. — איך בין גרייט אַוועקצונעמען קאַספּערן דעם אינוואַליד, אָבער עקסעלענץ! ווי אַזוי וועל איך דערנאָך קענען גאַראַנטירן זיכערקייט אונזער יונגל, וואָס קען אַמאָל, צוליב זײַן נאַיווער אומפֿאָרזיכטיקייט, קומען דאָרט וואו עס דראָט אים געפֿאַר... און נאָך דער בראָשור פֿון אײַער עקסעלענץ האָט זיך די געפֿאַר פֿאַרטאָפּלט.

— יאָ! יאָ! דאָס איז אמת!... דו באַדינסט זיך אָבער מיט דעם אינוואַליד, כּדי אַלײן צו קענען גײן אין קלוב מאַכן אַ קערטל... זעסט, מײַן ליבער, איך ווייס אַלץ! — האָט דער פּרעזעס געלאַכט.

— עקסעלענץ! איך קען אײנער אַלײן שטענדיק נישט היטן הויזערן. יעדער מענטש מוז האָבן אין טאָג אַ פֿרײַע שעה פֿאַר זײַן אײגענער באַקוועמלעכקייט!

— כאַ! — כאַ! און צו כאַפּן אַ פֿלירט! — האָט אים דער פּרעזעס געדראָט מיט אַ פֿינגער.

— אַך! עקסעלענץ!... דאָס איז שוין פֿאַרבײַ... איך האָב שוין נישט קײן צײַט צו פֿירן ראָמאַנען, כאָטש אין אונזער שטאָט געפֿינט זיך איצט אַ דאַמע, אין וועלכער מען קען זיך פֿאַרליבן ביז משוגעת...

— נו, זאָג, ווער איז זי דאָס אַזוינס!

— אַ צוגערייזטע... אַ פֿרײַנדין פֿון דער באַראָנעסע אומהאַט

— וואָס איר האָט שוין געפּרובט מיט איר אָנצוהויבן, העראַפּיציר?

— כ'האָב נישט אָנגעהויבן, ווײַל איך ווײס, אַז ער איז אַ פּחיגומדיקע אַרבעט. איך האָב זי געזען אין פֿענצטער אין פּאַרטער... ווען איך בין צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און געוואָלט אַ רעדטון עטליכע ווערטער — איז זי אַנטלאָפֿן אַזאַ איבעראַשטע, ווי איך וואָלט געוועזן לוצופֿירם אַ זון!...

— אַך, עקסעלענץ, איך וועל מיר נעמען דאָס רעכט צוריקצוקערן צום ענין. אויב דער אינוואַליד שטערט קאַספּערן...

— טאָ לאָז דאָס יונגל אַלײן גײן. איך בין זיכער, אַז ווילאַנג איך געפֿין מיך דאָ, וועט זיך קײנער נישט דערוועגן אָנצורירן קאַספּערן אַ האָר אויפֿן קאָפּ.

— יאָ, דאָס איז אמת... אָבער זײַן עקסעלענץ האָט דאָךבּרעה אַוועקצופֿאָרן... אַוועקצופֿאָרן מיט מיר.

— יאָ, איך דאַרף דיך זײער האָבן, פּרײַנט!

— נו, דאַרף מען קלערן, אַז אין דער צײַט, וואָס מיר וועלן זײַן פֿאַרבײַזט, זאָל קאַספּער זיך געפֿינען אונטער דער אויפֿזיכט פֿון זיכערע מענטשן, וואָס זאָלן אַכטונג געבן, עס זאָל אים קײן שלעכטס נישט געשען.

— געפֿין אַן אויסגאַנג! — האָט דער פּרעזעס געזאָגט אַ פֿאַרדאַגהטער.

— איך האָב שוין געפֿינען. דעם אינוואַליד קענען מיר באַזײַטיקן. איך האָב אויף זײַן אָרט אַ העלדישן זעלנער, וואָס אויף אים קענען מיר זיך פֿאַרלאָזן. ווען אײַער עקסעלענץ וואָלט געוואָלט זיך ווענדן צום פּולקאָווניק מיט אַ בקשה צו באַפֿרײַען אים פֿון דינסט אויף די עטליכע שעה וואָס קאַספּער געפֿינט זיך נישט אין דער געריכטס־קאַנצעלאַריע, אָדער אונטער דער אויפֿזיכט פֿון לערער קוואַנט, דאַמאָלט...

— דו זאָגסט, אַז דאָס איז אַ זיכערער מענטש?

— זיכער, ווי גאָלד.

— ווי הײסט, ער?

— שולדקנעכט!

— גוט! עס איז דערליידיקט.

ער האט זיך אוועקגעזעצט צום שרייב־טיש און אנגעשריבן א בריוו צו דער קאמענדע. איבערגעבנדיק דעם בריוו היקלען, האט ער געזאגט.

— געדענק... מיר פארן דעם 28־טן אפריל.

פלוצלונג האבן זיך אויף זיין שטערן באוויזן טיפע קנייטשן פון שווערע זארגן.

דער פּרעזעס פּאַרט אָפּ

אין עטלעכע טעג דערנאָך האָט קוואַנט זיך באַקלאָגט פֿאַר הינקלען, קוקנדיק אויפֿן זייגער:

— עס איז שפּעט !... און דאָס יונגל קומט נישט צוריק. שוין ס׳דריטע מאָל אין משך פֿון צוויי וואָכן איז ער אין טעאַטער. דאָס איז אַ ביסל צופֿיל ! ער האָט שוין אויסגעגעבן דאָס גאַנצע טאַשן-געלט, וואָס ער האָט געקריגן פֿון לאָרד סטאַנהאָפּ, און דאָס געלט, וואָס דער לאָרד האָט געשיקט דורך אייך, צעקריכט.

— נו, וועט ער אויפֿהערן צו גיין אין טעאַטערס. אין דעם הייַנטיקן חודש האָט דער לאָרד גאָרנישט געשיקט פֿאַר אים.—זייער ריכטיק ! ער האָט קאַליע געמאַכט ס׳יונגל.

— בכלל, ווייַזט אויס די גאַנצע געשיכטע צו קאָסטן דעם לאָרד צו טייַער. איך קום אייך מאַקע זאָגן, טייַערער פּראָפֿעסאָר, אַז די איצטיקע סומע געלט, וואָס איך האָב געקריגן פֿון סטאַנהאָפּ, באַטרעפֿט אַ העלפֿט פֿון דער חודשלעכער פּענסיע.

— וואָס? וואָס אַזוינס?—איז קוואַנט געוואָרן אויפֿגערעגט.— איר נעמט צופֿיל געלט ביי אים פֿאַר קאָספּערן ? אַ חוצפּה פֿון אַן ענגלענדער !...

— איך קען גאָרנישט העלפֿן. אָט האָט איר דעם פּאָסט-טשעק, וואָס מען האָט מיך געהייסן אָפּגעבן אייך. קוקט נאָך, צי עס שטימט.

זיי זענען שטיל געוואָרן, ווייל עס איז אַרייַנגעקומען קאַספּער. ער האָט זיך באַגריסט און אַרייַן אין זייַן צימער.

— ווי האָסטו זיך געוויילט ? — האָט אים קוואַנט אָפּגע-שטעלט.

— זייער אַ שלעכטע זאַך! די גאַנצע צייט האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן וועגן ליבע!... און צום סוף האָט מען געטון אַ שידוך. בעסער געווען צו געבן אַ נדבֿה אַ בעטלער, איידער אויסגעבן אויף אַ בילעט.

— אַזוי צי־אַזוי וועסטו מוזן באַגרענעצן דיינע הוצאות אויף טעאַטער. ווייל עס איז, לויט מיין רעכנונג, געבליבן פֿאַר דיר נישט קיין סך טאַשן־געלט.

— אַך, אַ שאָד... די נייע וואָך וואָלט איך אומבאַדינגט געוואָלט זיין אין טעאַטער. מען גיט „דאָן קאַרלאָס“— און דאָס זאָל זיין אַ פּראַכטפֿול שטיק.

— פּראַכטפֿול?... ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?

— די באַראָנעסעס אַ פֿריינדין, מאַדאַם קאַנעגוואורף.

— וואו האָסטו זי געזען?

— אין טעאַטער, הייַנט. קען איך גיין שלאָפֿן?

— גיי... ווער האַלט דיך.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט קוואַנט אַ אויפֿגערעגטער געשמועסט מיט זיין ווייב, פֿאַרוואָס דער לאָרד סטאַנהאָפּ האָט זיין פּלוצלינג פֿאַרקלענערט די חודשלעכע שכירות. הגם קאַספּער האָט געגעסן זייער ווייניק — דערין האָבן זיך ביידע מודה געווען — האָט די ווירטין באַשלאָסן צו פֿאַרקלענערן די קאָסטן פֿון זיין מיטיק ביז אַ גולדן און זיין אָוונט־ברויט ביז 85 פֿעניג. ביי דער געלעגנהייט איז אָפּגעמאַכט געוואָרן בכלל צו פֿאַרקלענערן די אויסהאַלט־קאָסטן פֿון הויז־געזונט.

— שווער! — האָט פֿרוי קוואַנט געזיפֿצט. — איך מוז אָפּשפּאָרן ביי דער קוך אַזויפֿיל, ווי פֿריער.

צעמאָרגנס אַ זייגער פֿיר נאָכמיטיק האָט קאַספּער זיך געקליבן צו גיין אין דער אָראַנזשעריע. ער האָט זיך אָפּגערעדט מיט פֿרוי קאַנעגוואורף, אַז זיי וועלן זיך דאָרט טרעפֿן. עס האָט אים באַהערשט אַן אומפֿאַרשטענדלעכע גערירטקייט ביים געדאַנק, אַז ער וועט שפּאַצירן מיט דער פּערזאָן, וואָס ער האָט נעכטן באַקענט. ער האָט עס געהאַלטן פֿאַר אַ סוד און נישט געוואָלט וועגן שפּאַציר דערציילן דעם לערער.

— וואוהין גייסטו? — האָט אים קוואַנט פֿאַרהאַלטן, אָנ־
דירנדיק מיט דער האַנט זיין היטל.
— צום זייגערמאַכער!... דער זייגער... איז מיר קאַליע גע־
וואָרן — האָט קאַספּער געזאָגט, רויט ווערנדיק.
— ווייז עס אַהער!
דער לערער האָט צוגעשטעקט דאָס זייגערל צום אויער.
— דאָס זייגערל גייט אויסגעצייכנט. אויב דו פֿאַרמאָגסט
נאָך אַ פֿונק פֿון ערע, מוזטו מיר מודה זיין, וואוהין דו האָסט בדעה
צו גיין!
— אין דער אָראַנזשעריע!
— צו וואָס?
— אָנצוקוקן די בלומען.
— אַהאָ! גיט נאָר אַ קוק — וואָס פֿאַר אַ ראָמאַנטיקער ער
איז געוואָרן!... די בלומען וויל ער אָנקוקן. פֿאַרוואָס האָסטו עס
באַלד נישט געזאָגט?
— כדי איר זאָלט נישט חוזק מאַכן דערפֿון, וואָס איך וויל
אָנקוקן די בלומען.
— הממ... הממ... גוט! אָבער דו מוזט וואַרטן ביז פֿינף.
דער פּרעזעס האָט ווידער אָפּגעשאָפֿט דיינע רעכט צו גיין אָן
אַ וועכטער. אַ זייגער פֿינף קוקט דאָ אַהער אַ נייער חבר, דער
זעלנער שילדקנעכט. היקעל האָט עס אויסגעפּועלט. און איך
האָב אים נעכטן אונטערגעשטיצט.
— אַך! — האָט זיך פֿון קאַספּערס מויל אַרויסגעריסן אַ
זיפֿץ — ביים פּרעזעס איז שטענדיק גערעכט דער, וואָס קומט
צום סוף.
קוואַנט האָט אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכל און עפּעס פֿאַר־
שריבן.
— איך האָב פֿאַרצייכנט דיין מיינונג. נאַטירלעך וועט מען
דעם פּרעזעס דאָס מודיע זיין. דערווייל האָסטו צו וואַרטן. איך
מוז אויספֿירן די אינסטרוקציעס.
ס'ערשטע מאָל האָט זיך שילדקנעכט פֿאַרשפּעטיקט מיט
אַ האַלבער שעה. ווען קאַספּער איז געקומען אין דער אָראַנ־

זשעריע, האָט מען שוין פֿאַרמאַכט דאָס טויער. דורך די שטאַכעטן האָט ער טרויעריק געקוקט אויף דעם פֿאַרלאָזענעם גאָרטן.

— מיר קאָנען צוריקגיין — האָט ער זיך געווענדעט צום זעלנער, וואָס האָט אים שווייגנדיק באַגלייט.

אויפֿן צוריק-וועג, נעבן שלאָס-פּלאַץ, האָט עמיצער אויף אַ דעליקאַטן אופֿן אָנגעכאַפּט קאַספּערן ביים אָרעם.

— אַנדערהאַלבן שעה האָב איך געוואַרט אויף דיר! — האָט זיך דערהערט אַ מעלאָדיש קול.

— אַך! פֿרוי קאַנאַוואָרף! — האָט קאַספּער אויסגערופֿן מיט פֿרייד; און תּיכּף צוגעגעבן מיט אַ געפּרעסט קול:

— איך וועט מיר מוחל זיין. איך האָב נישט געקאָנט האַלטן וואָרט. איך בין נישט קיין פֿרייער מענטש.

זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם.

— מיר וועלן זיך אַביסל אַדורכגיין צוזאַמען.

זיי זענען געגאַנגען. הינטער זיי, אין אַ נישט-שטאַרקער דערווייטערונג איז נאָכגעקראָכן דער וועכטער — אַ זעלנער אַ פּויער אין אַ גרינגעם מונדיר מיט אַ ברוין בערדל און סימפּאַטיש פּנים.

— איך בין דאָ אַהערגעקומען צו פֿאָרן צוליב אייך! — האָט מאַדאַם קאַנאַוואָרף געזאָגט מיט אַ זיס קול, פֿאַרמרוזשענדיק די אויגן.

ער האָט געענטפֿערט כמעט נישט העפֿלעך, ווערנדיק פֿלוצלינג אויפֿגערעגט.

— דאָס האָב איך שוין געכטן געהערט... ווען די באַראָנעסע האָט אייך פֿאַר מיר פֿאָרגעשטעלט אין טעאַטער. אָבער וואָס ווילט איר פֿון מיר?

— דו ווערסט אומגעדולדיק, קליינטשיקער... וועגן דעם איז שווער צו רעדן גייענדיק. מיר וועלן געפֿינען ערגעץ אַ זייטיק אָרט.

שווייגנדיק זענען זיי אַוועק אויף אַ פֿעלד, וואָס האָט זיך געפֿונען נאָענט פֿון וואַלד, וועלכער איז געווען איינגעהילט אין די לעצטע שטראַלן פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון. דאָ האָבן זיי, אויפֿן וואונטש פֿון פֿרוי קאַנאַוואָרף, זיך געזעצט אויפֿן גראָז. דער זעלנער, וועלכן קאַספּער איז באַלד פֿון אָנהייב געפֿאַלן, האָט

זיך געזעצט ווייט פון זיי אויף אן אומגעוואָרפענעם סאָסנע-בוים. זיי האָבן געקענט אומגעשטערט רעדן.

פרוי קאָנאָוואָרף האָט אים אין זייער בילדלעכע פאַרבן געשילדערט איר גוט, וואָס זי האָט ערשט נישט לאַנג געקויפט אין דער שווייץ: א הערלעכע ווילע אין די אַלפּן-בערג, אויף א שטיל-אָרט, מיט אן אויסבליק אויף דעם שנייאיקן שפּיץ פון דער „יונג-פרוי". זי האָט איר דערציילן געענדיקט:

— זאָג מיר בלויז איין וואָרט „יאָ" — און איך נעם דיך אהין... דיינע אויגן וועלן נישט זאַט ווערן קוקנדיק אויף די שנייִקע בערג און טאָלן... וועסט לעבן, ווי עס וועט זיך דיר גלוסטן. דו וועסט דיך אזוי באַהאַלטן, אז קיינער וועט דיך נישט געפינען. וועסט פטור ווערן די קייט פון שקלאַפעריי... וועסט אַנטלויפן—יאָ?

ער האָט אויף איר א קוק געטון און אינסטינקטיוו האָט זיך אים אַרויסגעריסן:

— איר זענט שיין!

זי האָט א שמייכל געטון:

— דאָס האָט מען מיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט און נישט וועגן דעם האַנדלט עס זיך. דו ענטפערסט מיר נישט אויף מיין פראַגע: וועסט פאָרן?

— ניין! — האָט ער שווער אָפּגעזופצט.

— פאַרוואָס?

— ווייל נישט דאָס איז מיר באַשערט... ווייל נישט דאָס איז מיר באַשערט... — האָט ער טעמפּ איבערגעחזרט.

זי האָט אים אָנגעקוקט. זי האָט געזען, אז איצט וועט זי גאָרנישט פועלן. ער איז געווען באַהערשט פון גלויבן אין דער גוטווענדיקייט פון זיין פאַרשקלאַפקייט. אָדער אפשר האָט ער נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דאָרניקיס וועג, אויף וועלכן ער האָט מוטיק געוואָרט אויף דער ענדערונג פון זיין גורל. זי האָט באַשלאָסן איר פאָרשלאַג צו באַנייען אין א געהעריקן מאָמענט. דערווייל האָט זי אים געוואָלט אַרויסרייסן פון זיין שווערער שטימונג. זי האָט פאָרגעלייגט א געיעג: ווער וועט שנעלער לויפן? קאָספּער האָט מסכים געווען. זיי האָבן זיך געווילט ווי קינדער.

— אַך. די לופֿט אויסגעצײַכנט, יונגל.
— און איר אויך... איר זענט אַביסל װילד!
— אפֿשר.

זײַ זענען זיך פֿרײַלעך צעגאַנגען, װי צװײ אַלטע פֿרײַנט. צעגײענדיק זיך, האָבן זײ זיך נאָך געזעגנט מיט אַ האַנט־באַװעגונג אין דער לופֿט... פּלוצלינג האָבן זײ בײדע זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ װײַל. זײ האָבן דערזען היקלען שטײן נעבן אַ געל־געמױערט הויף הויז... בײדע האָבן אַ ציטער געטאָן, דערזעענדיק דאָס פּנים פֿון דאָזיקן מענטש. עס איז אין איצטיקן מאָמענט געװען אַזױ בלאַס, די אויגן האָבן בײז און צאָרניק געקוקט און די ליפּן האָט אויסגעקרומט אַ בײזװיליקער שמײכל. הינטער אים איז געשטאַנען אַ גרויסער הונט — אַזױ טריב װי זײַן הער. היקעל, אײַנגעקוקט אין דער הויף, האָט זײ ניט באַמערקט. קאַספּער און שילדקנעכט האָבן שנעל זיך אַרײַנגעדרײט אין אַ שכנותדיק געסל, צופֿרידענע, װאָס ער האָט זײ ניט באַמערקט.

היקעל איז געשטאַנען פֿאַרן קאָרטן־הויז, װאו ער האָט מיט עטלעכע מינוט צוריק פֿאַרשפּילט די שכירות פֿאַר אַ גאַנצן חודש. ער איז געװאָרן װילד פֿון כעס. אַ פֿאַרצװײפֿלטער איז ער אַװעק אַהײם. דאָ האָט ער געטראָפֿן אַן אומבאַקאַנטן מענטש, װעלכער האָט אים איבערגעגעבן אַ בריװ און תּיכּף אַװעקגעגאַנגען. דעם זשאַנדאַרמס שאַרפֿע אויג האָט באַמערקט, אַז דער שליח האָט געהאַט אַ קינסטלעכע באָרד און באַקנבערד. דער בריװ איז געװען שיפֿרירט. מען האָט מיט רעכט גערעכנט, אַז דער פֿלײַסיקער עקס־אַגענט װעט װיסן װי אַזױ צו לעזן דעם שיפֿרירטן בריװ, װעלכער איז געװען נוגע די רײַזע, װאָס פֿײַערבאַך נעמט אונטער מיט אים, היקלען — עס האָט זיך אין דעם בריװ געפֿינען עפּעס אַזױנס, פֿון װעלכן דער אָפֿיציר איז װי עלעקטריזירט געװאָרן. די זאַך האָט געפֿאָדערט אַ ישוב הדעת. ער האָט זיך אַװעקגעזעצט און אין לאַנגע הפֿסקות אויסגעטרונקען דרײַ גלעזלעך בראַנפֿן. דערנאָך האָט ער אַ פֿײַף־געטאָן, אַרױסגענומען פֿון שופֿלאָד די לעצטע עטלעכע גולדן, גענומען דעם נײַעם מונדיר, אויסגעגלײַכט דעם מונדיר און מיטן הונט װידער אַװעק אין שפּיל־הויז.

דאָ האָט ער אין קאָרידאָר נאָך לאַנג געקלערט, איידער ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס. אין זעלבן מאָמענט האָבן אים באַמערקט עטלעכע באַקאַנטע, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון שפּיל־הויז.

היקעל האָט ניט געהערט צו די מענטשן, וואָס דאגהן זיך אַ סך: ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אויפֿסניי אַרײַן אין קאַסינאָ. דאָס איצטיקע מאָל האָט ער געהאַט גליק. ער האָט געוואונען. ער האָט די גאַנצע געוואונענע סומע אַוועקגעשטעלט אויף איין קאָרט. ער האָט ווידער געהאַט גליק. צופֿײַפֿנדיק פֿריילעך איז ער אַוועק אַהיים מיט אַ קלינגענדיקער קעשענע מיט געלט. אויפֿן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ פּאַרטער־פֿענצטער פֿון האָטעל „אונטערן שטערן", וואו ער האָט נעכטן געזען די צוגערייזטע דאַמע. ער האָט אַ נײַגעריקער אַרײַנגעקוקט. אינעווייניק איז געווען פֿינצטער. פֿרוי קאַנאַוואורף איז שוין געשלאָפֿן.

שילדקנעכט איז פֿאַרפֿליכטעט געווען יעדן אינדערפֿרי אָפּצוגעבן היקלען אַ ראַפּאָרט וועגן דעם פֿאַרלויף פֿון נעכטיקן טאָג. איצט האָט זיך אין די דאָזיקע ראַפּאָרטן כסדר איבערגעחזרט דער נאָמען פֿון מאַדאַם קאַנאַוואורף:

„מיר זענען געווען מיט איר אין באַראָנעסע אומהאָפֿס גאָרטן". „מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד". דער זעלנער האָט באַמערקט, אַז היקעל, הערנדיק די ראַפּאָרטן, קנייטשט די ברעמען און צופּט זיך די וואָנסעס. ער האָט זיך געאײַלט שטענדיק צוצוגעבן, הגם עס איז ניט אמת געווען:

— איך האָב געהערט, וואָס זיי רעדן. זיי האָבן געשמועסט וועגן וועטער;

אָדער:

— זיי האָבן גערעדט עפּעס וויסנשאַפֿטלעכע זאַכן.

היקעל האָט פֿאַרלוירן צו אים דאָס צוטרויען. דער אומצוטרוי איז געוואַקסן, ווען ער האָט איינמאָל דערזען דעם זעלנער זיצן אין דער קיך בײַ אַ ליכט און באַמיען זיך צו פֿאַרשטיין פֿײַערבאַכס בראָשור.

— פֿון וואַנען האָסטו דאָס ביכל? — האָט ער געפֿרעגט —

פֿון הויזערן? דערוועג זיך נישט צו לייקענען עס, אַנדערש — וועל איך דיר אַרויסטרײַבן, — האָט ער געטופּעט מיט די פֿיס.

דערווײַל איז געשען אַן ערגערע זאַך. קאַספּער האָט געשלאָסן אַ האַרציקע פֿרײַנטשאַפֿט מיטן פּשוטן, ערלעכן זעלנער און אויסגעהערט מעשׂות פֿון זײַן קינדווײַז און וואַנדערנדיקן לעבן. די עלטערן זענען שילדקנעכטן פֿרי אָפּגעשטאָרבן; ער איז געוואָרן אַ געזעל בײַ אַ פֿעטער — אַ שוסטער, וועלכער האָט אים אומברחמנותדיק געשלאָגן; דערנאָך האָט ער זיך אַ הונגעריקער געוואַלגערט אויף דער וועלט... זײַן שווערער גורל אין דער קאַזאַרמע, אונטער דער הערשאַפֿט פֿון פֿעלדפֿעבל, האָט בײַ קאַספּערן אַרויסגערופֿן מיטגעפֿיל. אויך דער זעלנער האָט אויסגעדריקט באַדויערן צוליב קאַספּערס גורל. אײנמאָל אין אָוונט האָט קאַספּער טרויעריק געזאָגט:

— אַך, ווי גערן איך וואָלט הײַנט געוואָלט גיין אין טעאַטער. איך האָב אָבער נישט די נאַרישע זעכציק גראָשן, כּדי צו זען דאָס שטיק „דאָן קאַרלאָס“.

דער זעלנער האָט זיך דערויף אָנגערופֿן:

— איך האָב... איך קאָן באָרגן, אָבער קיינער דאַרף דערפֿון נישט וויסן.

קאַספּער איז געקומען פֿון טעאַטער אַ פֿרײלעכער. ער האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן נישט צו דעקלאַמירן שילערס אַ דרײַ פֿערזן פֿאַרן לערער, וועלכער איז געווען פֿאַרוואונדערט, וואָס ער איז אַזוי שפּעט אַהיימגעקומען.

„דער מענטש איז פֿיל מער, ווי עס מײנען פֿיליסטערס...
אָ, ציטערט... עס פֿאַלן די בענדער פֿון חלום דעם לאַנגען...
ער וועט זיך דערמאָנען די הײליקע רעכט, וואָס געהערן
צו אים!“ —

קאַספּער, הערנדיק געלטן די דאָזיקע פֿערזן, האָט אַזוי הילכיק אַפּלאָדירט, אַז זײַנע שכנים אויף דער גאַלעריע האָבן אײַנגעשטילט מיט אַן אומצופֿרידן ברומערײַ דעם ענטוזיאַסט, וואָס קען זיך נישט האַלטן אין טעאַטער אַזוי ווי מען דאַרף.

קוואַנט האָט געפֿרעגט:

— פֿון וואַנען האָסטו גענומען געלט אויף טעאַטער?

קאַספּער האָט זיך אַרויסגעדרייט:

— איך האָב געבאָרגט ביים קאַנצעליסט נאַנץ.

צעמאָרגנס האָט דער לערער געמאַכט אַן אויספֿאָרשונג. גאַנץ האָט אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט געבאָרגט קאַספּערן געלט. צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, האָט קאַספּער האַרט געענטפֿערט:

— ווען וואָס גייט עס דען?... איך האָב מיר געבאָרגט זעכציק גראָשן ביי שילדקנעכטן.

עס איז געגאַנגען געווען, אַז מען זאָל היקלען אינפֿאָרמירן וועגן אַזאַ דיסציפּלין=בראָך. היקל האָט דעם לערער באַפֿרייט פֿון זיין אַמט אַלס קאַספּערס וועכטער. שילדקנעכט האָט דאָס יונגל גערופֿן דורכן פֿענצטער און אים מודיע געווען וועגן זיין דימיסיע:

— איך האָב באַקומען אַן אָפּשניט... אַ שאָד... איך זאָג מיך אָבער נישט אָפּ פֿון מיין דינסט ביי אייך. איך וועל דאָ קומען פֿון צייט צו צייט. איך וועל אַמאָל אַ פּייף טון... אויב איר וועט מיך דאַרפֿן האָבן זאָלט איר אַראָפּקומען און געבן מיר באַפֿעלן. איך וועל אַלץ טון!

— דער הער מלוכה=ראַט פֿאָרט אַוועק מיטן הער אָפֿיציר. זעקס אַ זייגער און ער וואָלט אייך געוואָלט זען פֿאַרן אָפּפֿאָרן.

קאַספּער איז תיכּף אַוועק צום פּרעזעס. זיין בייזער גורל האָט געוואָלט, אַז אויפֿן וועג האָט זיך איבערגעקערט אַ וואָגן מיט ציגל. עס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַ סך מענטשן און קאַספּער האָט נישט געקאָנט אַדורך. ער האָט געמוזט צוריקגיין און פּרוּוון אָנקומען צום פּרעזעס דורך אַן אַנדערן וועג, דורך הינטער=גאַסן. ער האָט זיך דערביי פֿאַרשפּעטיקט. דער פּרעזעס איז שוין געווען אַוועקגעפֿאָרן. ביים טויער פֿון הויז האָט קאַספּערן אויפֿגענומען די פֿאַרוויינטע העגריעטע און דער ראַט האָפֿמאַן, וועלכע האָבן שווייגנדיק אויסגעהערט קאַספּערס זיך אַנטשולדיקן דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט. מיט שווערע טריט איז ער אַוועק אַהיים.

שילדקנעכט

דער הײַ-יעריקער מאַי איז געווען אַ רעגנדיקער. אין די שיינע טעג האָט קאַספּער געמאַכט שפּאַצירן מיט מאַדאַם קאַנאַוואָרף. ער האָט פֿאַרנאַכלעסיקט זײַן פּאָסטן. ער האָט זיך אויסגעדריקט פֿאַר די קאָלעגן:

— דאָס דאָזיקע נאַרישע שרײַבערײַ איז מיר צוגעגעסן געוואָרן.

דאָס האָט אַרויסגערופֿן פֿאַרוואונדערונג צווישן זיי.

קאַספּערס נײַער וועכטער איז געווען אַזאַ חוצפּהדיקער און צודרינגלעכער, אַז מאַדאַם קאַנאַוואָרף האָט געבעטן דעם ראַט האָפֿמאַן, וואָס האָט פֿאַרטרעטן פֿײַערבאַכן, ער זאָל קאַספּערן איבערלאָזן בלויז אונטער איר אויפֿזיכט.

— מסכּים! איך האָף, אַז איר וועט אים נישט פֿאַרפֿירן! — האָט ראַט האָפֿמאַן זיך געוויצלט.

פֿון דאַמאָלט אָן האָט קוואַנט גענומען אַזוי פּײַניקן קאַספּערן, פֿאַררופֿנדיק זיך, אַז ער מוז אויספֿירן די אינסטרוקציעס, אַז מאַדאַם קאַנאַוואָרף איז געקומען פֿאָדערן פֿון אים אַ חשבון. זי האָט געמאַכט אַזאַ אימפּאָנירנדיקן זשעסט, אַז דער לערער איז געוואָרן אונטערטעניק צו איר, ווי אַ שעפּעלע, בויגנדיק זיך כּסדר.

— זאָגט מיר ענדלעך — האָט איר דאָס יונגל ליב?

— אַזוי פֿיל, ווי פֿיל ער פֿאַרדינט — האָט ער צווײדײַטיק געענטפֿערט.

— איך מיין, אַז דאָס הייסט „שטאַרק ליב“, ווײַל מען דאַרף זײַן פֿון שטיין, קאַספּערן נישט ליב צו האָבן.

— נאַטירלעך! געוויס! — האָט ער מסכּים געווען.

זי איז אַוועקגעגאַנגען, נישט פֿאַרשטייענדיק דעם דאָזיקן מאָדנעם מענטש. און ער האָט נאָך איר אַוועקגיין גענומען זיך בייסן די ליפּן פֿון פֿאַרדרוס, וואָס ער האָט זיך פֿאַר איר דערשראָקן.

ער האָט געעפֿנט אַלע אירע בריוועלעך צו קאַספּערן, שטיצנדיק זיך אויף זיינע רעכט אַלס אַפּאָטראָפּוס. אַזוי ווי זייער אינהאַלט איז געווען אַ גאַנץ אומשולדיקער, האָט ער לאַנג שטודירט צווישן די שורות, רעכנענדיק, אַז די זענען געשריבן מיט אַ ספּעציעלן אַלפֿאַבעט. קאַספּער האָט דערפֿילט אַן עקל, באַמערקנדיק די אויספֿאָרשונג און געבעטן זיין פֿריינדין, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ.

לויט קאַנטס באַפֿעל, איז דער נייער וועכטער, אַ געבוירן־גראָבער פּאַרשוין, פּלוצלונג אויסגעוואַקסן צווישן די צווייגן, בעת קאַספּערס אַ שפּאַציר מיט פֿרוי קאַנאַוואורף. דער שמועס פֿון דער באַוואַכטער פֿאַר איז אָבער ווי שטענדיק געווען אַ גאַנץ אומשולדיקער; זיי האָבן געשמועסט וועגן דער שיינקייט פֿון די בלומען, וואָלקנס, בערג...

אין דאָזיקן פֿרילינג האָט זיך קאַספּער געפֿילט גליקלעך. ווי ער וואָלט ערשט דאָס ערשטע מאָל ברייט געעפֿנט די אויגן אויף דער ...ינקייט פֿון דער נאַטור. מאַדאַם קלאַראַ האָט זיך געדאַכט, אַז זי שפּאַצירט מיט אַ קינד, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַריינגעפֿירט געוואָרן אין אַ גאָרטן. זי האָט זיך געפֿילט שטאָלץ, צושרייבנדיק זיך אַ טייל איינפֿלוס, אויף דעם וואוקס פֿון קאַספּערס נשמה. זי איז געווען גערעכט.

... האָבן זיך איצט — אויף איר וואונטש — גערופֿן ביי די נעמען. עס האָט זי געוויילט און גערירט דאָס, וואָס קאַספּער האָט זי „אויפֿגעקלערט“, האַלטנדיק פֿאַר איר מאָראַלישע דרשות, ווי למשל, אַז זי דאַרף זאָרגן פֿאַר איר געזונט. ווירקלעך, אויף די שפּאַצירן האָט זי זיך קיינמאָל נישט געפֿילט פֿאַרמאַטערט. עפּעס האָט זי מיטגעריסן.

זי האָט באַוויזן צוויי מאָל אין טאָג צו לויפֿן אויף איבער הונדערט און צוואַנציק טרעפּ פֿון גלאָקן־טורעם. דעם אַלטן

גלאָקן=טורעם האָט זי אַזוי שטאַרק ליב=באַקומען, אַז אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון דער באַראָנעסע אומהאָף, וועלכער זי האָט דער=ציילט ווי ליב זי האָט דעם טורעם, האָט זי זיך איבערגעצויגן אין אַ דירה פֿון אומהאָפֿס פּאַלאַץ, פֿון וועלכער מען האָט געקענט זען אין אָוונט דאָס רויטע, שטראַלנדיקע ליכט פֿון טורעם.

יעדן טאָג, ווען עס איז געווען אַ שיין וועטער, האָבן זיי געמאַכט אַן אויספֿלי צו אַן אַנדער געגנט אונטער דער שטאָט.

— איך קען אין ערגיץ קיין אָרט ניט געפֿינען — האָט זי געזאָגט קאַספּערן. — איך בין אַן אַוואַנטוריסטקע פֿון געבוירן=אָן.

ער האָט געהערט די פֿאַרכּשופֿטע ווערטער, וואָס זענען געקומען פֿון איר שיין רויזן=מויל.

אין אַ געווינן אָוונט האָט זי צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין אַ שמועס פֿינערבאַכס בראָשור.

— לאָמיר ניט רעדן וועגן דעם! — האָט ער געבעטן. — זיינע אויגן האָבן געפֿינקלט. זי האָט פֿאַרשטאַנען.

— ווילסטו עס נעמען אויף דיר די דאָזיקע אויפֿגאַבע, — האָט זי געפֿרעגט.

— יאָ... אַליין! — האָט ער טויב געענטפֿערט. — אָבער ליידער בין איך אַליין.

— אָרימער קאַספּער! שטענדיק געפֿינסטו זיך אַליין אין אַ תּפֿיסה. אַמאָל — אונטער דער ערד, היינט — אויף דער ערד.

— יאָ, יאָ!... אָבער איך בעט דיך, לאָמיר ניט רעדן דער=פֿון. מען טאָר נאָך ניט!...

און אין האַנט האָט ער אַרויפֿגעלעגט אויף זיין מויל, די צווייטע אויף איר מויל. פּלוצלונג האָט ער דערפֿילט אַ פֿלאַם אין די באַקן. ער האָט געפֿרעגט:

— איז די דאָזיקע פֿרוי ענלעך צו מיין מוטער?

עס האָט אים באַהערשט אַ מאָדנע, ביז=איצט פֿרעמד גע=פֿיל. ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער באַנק און אַנטלאָפֿן. זי האָט אויף אים געקוקט אַ פֿאַרוואונדערטע און אַ גערירטע.

זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס עס האָט זיך אַרומ=גענומען אַ בענקשאַפֿט נאָכדעם, ווי ער איז אַוועק; עס האָט זי

געכאַטערט אַז אומרו װעגן אים. זי איז פֿאַמעלעך אַהיימגעגאַנגען, כאָטש אַרום האָט געבליצט און געדונערט: דער שטורעם איז געהאַנגען אין דער לופֿטן.

קאַספּער איז באַלד אַהיימגעקומען. אַ זייגער זעקס אינדערפֿרי האָט אים איפֿגעוועקט אַ קול פֿון דער גאַס. עמיצער האָט גערופֿן: קוואַנט! קוואַנט!.. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער דערקענט דערין היקעלס קול. ער האָט געהערט, ווי אונטן האָט זיך דאָס טויער אויפֿגעעפֿנט. עמיצער איז אַרײַנגעקומען אין הויז. ער איז געוואָרן פֿאַרמאַטערט, האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זײַט און אײַנגעשלאָפֿן.

איצט האָט אים איבערגעוועקט פֿון שלאָף אַ פֿאַרטױבנדיק קלאַפּן אין דער טיר אַרײַן.

— קאַספּער! עפֿן!...

קוואַנטס שטים איז געווען פֿאַרענדערט, הייזעריק. דאָס יונגל איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט, האָט אויפֿגערוקט די ריגל. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער לערער. זײַן פּנים איז געווען גרינלעך־גראָ. ער האָט געזאָגט:

— פּראָפֿעסאָר פֿײַערבאַך איז געשטאָרבן!

אַ באַרוישטער האָט זיך קאַספּער אַנידערגעזעצט אויפֿן בעטל. קוואַנט האָט זיך אָנגערופֿן:

— טו דיך אָן! מיר וועלן גיין אַהין.

אין צען מינוט אַרום זענען זיי געגאַנגען אויף דער גאַס פֿון הײליקן קרײַץ. קומענדיק נענטער צו פֿײַערבאַכס הויז, האָבן זיי באַמערקט קופּקעלעך שמועסנדיקע אויפֿגערעגטע מענטשן. פֿאַרן הויז האָט זיך דעם בעקערס יונגל מיטן פֿאַרטוך אָפּגעווישט די טרערן פֿון די אויגן. מען האָט גערעדט וועגן דעם פֿאַרשטאָרבענעמס פֿאַרדינסטן און טובֿות.

— דעם קערפּער האָט מען נאָך נישט געבראַכט — האָט פֿײַערבאַכס אַ דינער געזאָגט קוואַנטן.

— היקעל האָט מיר דערציילט. מיר קומען מיט אַ קאָנדאָלענץ־וויזיט.

פּלוצלונג האָט זיך אין דער הויך דערהערט אַ האַרצרײַסנדיק

גענעשרײַ. דאָס גענעשרײַ האָט זיך יעדע ווײַל איבערגעחזרט. דאָס האָט די פֿאַרצווײַפֿלטע הענריעטע געוויינט.

— אומגליקלעך מיידל! — האָט קוואַנט געזאָגט אַ צעשטרײַטער.

קאַספּער איז מיט אים אַרויף אין דער הויך. אין סאַלאָן האָבן זיי דערזען הענריעטן, אַ אויסגעטויטע, כמעט אין די וועש, מיט ברענענדיקע אויגן. זי האָט זיך געריסן פֿון די הענט פֿון צוויי פֿרויען, וואָס האָבן זי בחינום געפּרובט באַרואיקן.

— זיי האָבן אים פֿאַרסמט! פֿאַרסמט! — האָט זי געליאַרעמט. — איך האָב פֿריערויס געוואוסט, אַז מען וועט אים פֿאַרסמען.

קאַספּער האָט זיך אײַנגעקוקט אין נאַפּאָלעאָנס פּאָרטרעט, און זײַן קאָפּ האָבן געבלאָנדזשעט אומזיניקע געדאַנקען:

— פֿאַרוואָס איז דער דאָזיקער קייסער אַזוי אומבאַוועגלעך? פֿאַרוואָס גייט ער נישט אַרויס פֿון די ראַמען?

— מיר וועלן גיין! — האָט צו אים געשעפּטשעט קוואַנט, — דאָ איז צופֿיל טומל.

אויפֿן הויף האָבן זיי געטראָפֿן שטיין דעם ראַט מיעג און אויספֿרעגן הינקלען די פּרטים פֿון אומגליק.

— מיר זענען אָנגעקומען קיין אַקסענפֿורט — האָט דער זשאַנדאַרם דערציילט. — זײַן עקסעלענץ האָט זיך געפֿילט זייער גוט. אין אָוונט האָט ער זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויף אַ ווייטיק אין דער ברוסט. ער האָט זיך צופֿרי געלייגט. דער דאָקטאָר האָט אים געלאָזט בלוט. אונטערפֿרי האָט ער שוין נישט געלעבט. אָן צווייפֿל, עס איז אַ האַרץ-אַטאַק.

אַהיימקומענדיק האָט קאַספּער פֿאַרבראַכט עטלעכע שעה אין זײַן צימער. ער האָט זיך געלייגט אויף דער זאָפֿע, מיט די הענט אויפֿן קאָפּ, טעמפּ געקוקט אין סופֿיט.

עס האָט אים ענדלעך אַ רוף געטאָן פֿרוי קוואַנט:

— מען האָט געבראַכט דעם טויטן קערפּער פֿון פּרעזעס.

קאַספּער איז געלאָפֿן צו פֿייערבאַכס הויז. דער הויף און די וואוינונג זענען שוואַרץ געווען פֿון מענטשן. קאַספּערן האָט

זיך געראַנגלט, אַז אין דער וואַלגערונג שפּירט זיך עפּעס אַ מאָדנער, חלשותדיקער ריח. מיטאַמאָל האָט אים די באַראָנעסע ליבלעך אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און אים אַריינגעפֿירט אין גרויסן צימער, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט קרעפּ. דאָ איז געלעגן דער פּרעזעס אויף אַ קאַטאַפֿאַלק צווישן ליכט און אַלעאַנדער. אויף זיין פֿאַרוועלקט פּנים האָט זיך ניט געפֿונען קיין צייכן פֿון זיין אַמאָליקער גרויסקייט. דאָס אויסגעקרומטע מויל אונטער דער פֿאַרשפּיצטער נאָז האָט אויסגעדריקט שרעק.

קאַספּער האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געזען אַ טויטן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם טייערן פּנים פֿון אַפּוטרופּוס און פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען.

מיטאַמאָל האָט זיך פֿון אַ קופּקעלע מענטשן אויסגעטיילט אַ געשטאַלט, אָנגעטון אין טרויער. העגריעטע האָט אויסגעצויגן צו אים אַ האַנט און מיט אַ פּנים, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך סימנים פֿון משוגעת, גענומען שרייען:

— זעט! זעט... צוליב דיר האָט ער געמוזט שטאַרבן.

פֿון איבעראַשונג האָט דאָס יונגל געעפֿנט דאָס מויל, ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן — עס האָט אים אויסגעפֿעלט אָטעם. ער איז אַנידערגעפֿאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. די דינערשאַפֿט האָט אים אַרויסגעטראָגן. דירעקטאָר וואַרום און פֿרוי אימהאָף האָבן אים אָפּגעמונטערט. די באַראָנעסע האָט אים געוואָלט אָפּפֿירן אַהיים.

— ניין! ניין! — האָט ער זיך איינגעשפּאַרט. איך וועל גיין אַליין.

פֿרוי קלאַראַ, דערוויסנדיק זיך וועגן פֿאָרפֿאַל, איז געקומען צו פֿאָרן נאָך אים מיט אַ קאַרעטע. זי האָט אים געטראָפֿן אין דער מינוט, ווען ער האָט זיך געפֿונען ביים טויער פֿון קוואַנטס גאָרטן. עס האָט אים דאָ אָפּגעשטעלט היקעל, וועלכער איז אים אויך נאָכגעגאַנגען.

— דו האָסט אַ גרונט טרויעריק צו זיין — האָט ער געזאָגט צו אים אין אַ צווייידייטיקן טאָן. — ווער וועט איצט זאָגן פֿאַר דיר אַ גוט וואָרט?

קאַספּער האָט אויפגעהויבן צו אים אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן. ער האָט נישט געוואוסט, צי יענער חוזקט, צי ער ווייזט אַרום מיטלייד. ער איז געשטאַנען אַ שטומער. פרוי קאַנאַוואָרף איז אויסגעשטיגן פון דער קאַרעטע. דערזעענדיק דעם זשאַנדאַרם האָט זי געמאַכט אַ טראָט צוריק, שטאַרק דערשראָקן. היקעל איז צו איר צוגעקומען און זיך העפלעך פאַרנייגט:

— איר ווערט, מאַדאַם, דערלויבן, אויסצונוצן די געלעגנהייט און אויסצודריקן אייך מיין איבערגעבענסטע געפילן. — און מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער אָנגענומען איר האַנט און אַ קוש געטון. אַ בלייכע האָט זי די האַנט אַראָפּגעלאָזט, ווי זי וואָלט אָפּגעשטאָרבן פון שרעק. זי האָט לאַנג נאָכגעקוקט, ווי היקעל גייט אַוועק.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס דער דאָזיקער מענטש דערשרעקט מיך אַזוי! — האָט זי געטשעפּטשעט צו קאַספּערן.

קאַספּער האָט אָבער אויסגעוויזן צו זיין גלייכגילטיק צו אַלעם. שאָקלנדיק מיט קאָפּ, אָן אַ געזעגנונגס־וואָרט, איז ער אַריין אין קאָרידאָר.

געפינענדיק זיך אין הויז, האָט ער אַ קוק געטון אין שפּיגל. ער האָט נישט דערקענט זיין אייגן פּנים. עס איז געווען שטאַרק פאַרענדערט און בלאַס. זיינע אויגן האָבן אין דער פינצטערניש געברענט, ווי צוויי יאָהאַנעס־ווערעמלעך, די פיס האָבן זיך אים געוואַקלט. מיט ציטערדיקע ליפּן האָט ער אויסגעפּליסטערט:

— איך קען דיך און דערייבער רוף איך דיך! אויב דו ביזט מיין מוטער — וועסטו מיך דערהערן! איך וועל שיקן צו דיר אַ שליח. אויב דו ביזט אַ מאַמע — צעגער נישט לענגער. איך ווייס שוין מער נישט פון קיין פּחד. און זעען וויל איך דיך אַזוי שטאַרק. איך הייס קאַספּער האויזער און דיך רופט מען אַנדערש. רוף מיך אין דיין שלאָס דורך אַ געטריען שליח, וואָס גאָט וועט צו דיר שיקן. איך דערוואַרט אַ תּשובה דורך אים!

פלוצלונג האָט אים באַהערשט אַן אומרואיקייט. אין דער פינצטערניש האָט ער אָנגעשריבן די זעלבע ווערטער. ער האָט

דעם ברױװ אַרײַנגעלײגט אין אַ קאָנװערט. ער האָט נישט געהאַט קײן זיגל. ער האָט צעשמאָלצן דאָס ליכט און מיט חלב פֿאַרזיגלט דעם ברױו, אױספּרעגנדיק אױף אים מיט אַ רינג דעם דעװיז: „שטאָלץ און מילד“.

דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט, קרײַצנדיק די הענט אױף דער ברוסט, װי ער װאָלט מיט דער מאַכט פֿון גײַסט געװאָלט עמיצן אַרױסרופֿן. און פּונקט װי ער װאָלט פֿאַרמאָגט די דאָזיקע מאַכט, אָדער צי דאָס איז געװען אַ גליקלעכער טראַף — פֿון דער פֿינצטערניש איז צו אים דערגאַנגען אַ באַקאַנטער פֿײַף. שעפּטשענדיק האָט ער גערעדט אין פֿענצטער:

— שילדקנעכט! איך גײ צו דיר!

ער איז אַראָפּגעגאַנגען און מיטן זעלנער אַרײַן אין אַ זײַטיק געסל, װאָס האָט געפֿירט אױף אַ פֿעלד. זײ זענען לאַנג געגאַנגען שװײַגנדיק. זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ צאָל-הײַזל, װאו עס איז געשטאַנען אַ ליטער-װאָגן. קײן מענטשן און קײן פֿערד זענען דאָ נישט געװען. זײ האָבן זיך געזעצט אױפֿן דישל.

— פֿאַרלאַנגט איר עפּעס? — האָט דער זעלנער זיך ענדלעך דערװעגט צו פֿרעגן, אַ גערירטער פֿון קאָספּערס געהײמנישפֿולער האַלטונג.

—אַלץ! אַלץ!

— צום באַפֿעל!

— אָט איז דער ברױו. צו מײַן מוטער. דו װײסט?

— איך װײס. איך האָב געלײענט די בראָשור פֿון מלוכהראַט. זי איז די פֿירשטין סטעפֿאַניע. זי װאױנט אין פֿירשטנטום, פֿון װעלכן איך שטאַם.

— שװערסטו איבערצוגעבן איר דעם ברױו?

— מען דאַרף נישט קײן שבועות. איך װעל אָפּגעבן, אָדער... איך װעל געבן דעם האַלדז.

— דו װײסט דאָך, אַז איך אַלײן קען דאָרט נישט גײן. זײ װאָלטן אַרױסגעשיקט פֿאַרפֿאָלגער, מען װאָלט מיך געכאַפּט אין אַ שלנותדיקן דערפֿל און אַרײַנגעװאָרפֿן אין דער תּפֿיסה, אָבער...

וואו וועסטו באַהאַלטן דעם ברײו ?

— אין שיך...

— ווען לאָזטו דיך אין וועג ?

— ס׳קען זײן — באַלד.

— האָסט געלט ? עס קען דיר צונויץ קומען.

— איך האָב אַ טאַלער. עס וועט גענוג זײן.

— אפשר וועט עס נישט גענוג זײן ? וואַרט אַ ווײל. איך קום באַלד צוריק.

זיי האָבן זיך געפֿיִעגן לעבן דער באַראָנעסעס פּאַלאַץ. קאַספּער איז צוגעגאַנגען און אָנגעקלאַפּט אין אַ פּאַרטער־פֿענצ־טער. דאָס פֿענצטער האָט זיך געעפֿנט. אַ פֿאַרוואונדערטע האָט פֿרוי קאַנאַוואורף אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ.

— קלאַראַ ! איך דאַרף 10 דוקאַטן. אָבער פֿרעג נישט וועגן גאָרנישט !...

דאָס איז געווען אַ באַפֿעל, וואָס האָט אויך געקלינגען ווי אַ געבעט. אַז אַ וואָרט אוי זי אַרײַן טיפֿער אין צימער, צוגעגאַנגען צו דער קאַסעטקע. אין אַ ווײל אַרום האָט זי אים איבערגעגעבן די געפֿאָדערטע 10 דוקאַטן.

לויפֿנדיק איז קאַספּער אַוועק פֿון שילדקנעכטן. ער האָט אים געגעבן דאָס געלט. בײַם וואַלד־שייד־וועג האָבן זיי זיך געזעגנט מיט אַ האַרציקן האַנט־דרוק. ווי פֿאַרשכורט האָט קאַספּער געקוקט אויף דעם אָפּגייענדיקן זעלנער. דערנאָך האָט ער זיך אין דער פֿינצטערניש געוואָרפֿן אויף דער ערד און געקושט דאָס גראָז. ער האָט דערפֿילט דאַנקבאַרקייט צו דער ערד.

צוריקקומענדיק האָט ער זיך פֿאַרמאַכט אין צימער. מען האָט אים גראָד איצט נישט נאָכגעקוקט, ווײל קוואַנט איז געווען פֿאַרנומען, שמועסנדיק מיטן ווײַב וועגן אַן אויסערגעוויינטלעכן נײַעם :

— דער ראַט האָפֿמאַן זאָל פֿאַרעפֿנטלעכן, האָט מיר היקעל דערציילט, אַז פֿײַערבאַכס בראָשור איז געווען זײַנס אַ פֿעלער, וואָס איז ווערט צו באַדויערן.

— אַך ! וואָס מענטשן רעדן דאָרט... מען שמועסט, אַז דער

פּרעזעס איז פֿאַרסמט געוואָרן.

— יעטע! חזר נישט איבער אַזעלכע שטותים. היקעל האָט ווידער באַקומען אַ לײַטנדיקן אַמט אין דער אויספֿאָרשונגס־פּאָליצײ און ער דראָט, אַז ער וועט אַרײַנפּאַקן אין קרימינאַל די פֿאַרשפּרײטער פֿון פֿאַלשע קלאַנגען. אָבער וואָס האָט הײַנט הויזער געטון?

— ער האָט זיך אין דער קיך באַקלאָגט אויף פליגן.

— המם... ער האָט שוין נישט קיין אַנדערע דאגות.

— איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל עפֿענען די טיר און זיי אַרויסיאָגן. ער זאָגט, אַז דעמאָלט וועלן אויפֿן אָרט פֿון איין פֿליג צוריקקומען צוואַנציק.

— ער האָט פּונקט איבערגעצײלט!...

צו פֿײַערבאַכס לויה זענען געקומען פֿון נאָרימבערג דוימער און טובער. דוימער האָט תּיכּף באַזוכט קאַספּערן. ער האָט דערוועגן געשריבן דער שוועסטער:

„איך וואָלט געזאָגט ליגנט, ווען איך וואָלט געשריבן, אַז איך בין צופֿרידן געווען פֿון דער באַגעגעניש. עס טוט מיר נישט בלויז וויי, וואָס דאָס יונגל איז אַזוי בלאַס און פֿאַרשלאָסן אין זיך, און בײַ זײַנע גרויסע פֿעאיקײטן איז ער קוים דערגאַנגען צו אַ מדרגה פֿון אַ געריכטס־סקרעטאַר. עס האָט מיר אָבער וויי געטון די מאָדנע פֿרײַלעכקייט פֿון זײַן פּנים, אַן אומעטיקע פֿרײַלעכקייט — עפּעס אַ רעטעניש. איבריגנס הערט ער און זעט אַזוי, ווי ער וואָלט נישט געהערט און נישט געזען. אַ חוץ דעם איז ער געוואָרן מער מאַן. ער האָט געהייסן אָפּגעבן דיר אַ גרוס“.

דוימער האָט אומזיסט געזוכט קאַספּערן אויף פֿײַערבאַכס לויה. די באַראָנעסע אומהאָף האָט אים גערופֿן צו זיך פֿאַר דער לויה און אים פֿאַרהאַלטן, ווילנדיק אײַנברענגען דעם יונגל ריר־דיקע מאָמענטן. ער איז געווען אַפּאַטיש און זיך געלאָזט פֿאַר־האַלטן.

אויפֿן בית־עלמין איז דוימער צוגעגאַנגען צו קוואַנטן, כּדי צו פֿרעגן אים וועגן יונגלס גײַסטיקן און פֿיזישן צושטאַנד

— עס גייט אים גאַנץ גוט! — האָט דער לערער געענט־

פֿערט מיט אַ שמייכל. — ער איז אַפֿילו אַביסל געדריקט צוליב דעם, וואָס מען צערטלט אים נישט אַזוי ווי אין נאָרימבערג, און ער שלאָגט זיך נישט אַרויס פֿון קאָפּ, אַז ער איז עפּעס אַ וואונ־דער־מענטש. איר האָט אים דאָרט קאַליע געמאַכט, הער דוימער, אַרומרינגלנדיק אים מיט אַ בלומען־ריח. אָבער מיר זענען דאָ שוין אויף די שפּורען... נישט לאַנג — און איר וועט עפּעס הערן...

דוימער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט דערפֿילט אַ ווייַ־טיק אין דער נשמה, עפּעס ווי אַ געוויסנס־ביסן. וואָס צוליב זײַן נישט־אויסהאַלטעוודיקייט איז דאָס ייִנגל אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַזעלכע הענט. ער איז באַלד נאָך לויה אַוועקגעפֿאָרן, נישט זעענדיג זיך מיט קאַספּערן. אויפֿן וועג האָט אין דער טיפֿעניש פֿון דער נשמה געקלינגען דאָס וואָרט, וואָס ער האָט אים אַמאָל געזאָלט וואַרפֿן:

— אָ, מענטש! מענטש!

אַ טרויער איבערן מענטש האָט אים געשניטן ס'האַרץ.

אַן איבערגעריסן שפּיל

אין משך פֿון די קומענדיקע וואָכן האָבן אין דער שטאָט קורסירט מאָדנע קלאַנגען, וואָס זייערע קוועלן איז אוממעגליך געווען צו געפֿינען. מען האָט געשמועסט, אַז פּרעזעס פֿײַערבאַך איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון עפּעס אַן אַטענטאַט, און אין דעם דאָזיקן אַטענטאַט האָט אָנטייל גענומען דער לאָרד אַליין און — אַמוואונדערלעכסטן — צום סוף האָט מען גערעדט, אַז דער לאָרד האָט בדעה צו פֿאַרפֿירן אַ פּראָצעס קעגן קאַספּער הויזערן פֿאַר שווינדל און ער האָט זיך שוין פֿאַרזיכערט די הילף פֿון אַ בערימטן אַדוואָקאַט. דעם נאָמען פֿון פֿריערדיקן אָפּגאָט אין די סאַלאָנען האָט מען איצט אַרויסגערעדט מיט עקל.

אַ פֿאַרזאָרגטע צוליב די דאָזיקע קלאַנגען איז פֿרוי אומהאָף אַוועק צו קוואַנטן און פֿרעגן אים, וואָס ער זאָגט וועגן דעם.

— עס איז אמת! — האָט ער געענטפֿערט. — די קאָרט האָט זיך איבערגעדרייט. לאָרד סטאַנהאָפּ האַלט איצט קאַספּערן פֿאַר אַ געוויינטלעכן שווינדלער.

זי איז געווען איבערראַשט, און אַוועק אָן אַ וואָרט.

— אײַ, די דאָזיקע האַרציקע ווײַבלעך! — האָט הי̇קעל געחוזקט פֿון דער מאַדאַם אומהאָף, שמועסנדיק מיט קוואַנטן וועגן דער ענדערונג פֿון קאַספּערס גורל. דער אָפֿיציר האָט זיך לעצטנס שטענדיק געפֿינען אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט זיך געדינגען אַ וואוינונג אויף דער הויפּט־גאַס און געלעבט, ווי אַ גרויסער האַר. מען האָט געשמועסט, אַז ער האָט געווינען אין קאָרטן ריזיקע סומען. אַנדערע האָבן געשעפּטשעט וועגן עפּעס טונקעלע קוועלן פֿון זײַנע הכנסות.

נאָך איין ידיעה האָט באַאומרואיקט די שטאָט. דער זעלנער, וואָס איז געווען הויזערס וועכטער, איז ניט צוריקגעקומען אין די קאַזאַרמעס. ער איז פאַרשווּנדן אויף אַ סודותדיקן אופן. מען האָט גערעדט, אַז מערדער האָבן אים באַזייטיקט, ווייל ער האָט צופיל געוואוסט. מען האָט פאַרהאַקט טיר און פענצטער אויס פחד פאַר די ניט אַנטפּלעקטע פאַרברעכער. איבערהויפּט האָט מען געוואָרפן חשדים אויף די פרעמדע.

מען האָט אפילו ניט אויסגעמיטן די פרוי קאַנאַוואָרף. זי האָט זיך לעצטנס אָפטער געפינען אין די שכנותדיקע דערפער, שמועסנדיק מיט די פויערים. זי האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַרבעטער-קינדער און זיך געוויילט מיט זיי. דאָס אַלץ האָט איר פאַרשאַפט דעם נאָמען פון עפּעס אַ געפערלעכער מוסיאַנערקע... עס איז אמת, אַז איר אויפפירונג האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. זי האָט זיך שטענדיק געפינען אין באַוועגונג, האָבנדיק דערביי אויפ'ן פנים אַ געהיימנישפול געלעכטערל, זי האָט אויסגעוויזן צו זיין לייכטזיניק און צוגלייך האָט זיך גערעדט, אַז זי וויל עפּעס פאַרטויבן אַ ווייטיק, וואָס זיינע סיבות האָט קיינער ניט געקענט.

און אַ געוויסן טאָג האָט זי אויף דעם פאָרוואורף פון דער פריינדין, באַראָנעסע אומהאָף: — דו ליבסט ניט! דו ברענגסט דיך אום!" — זיך געוואָרפן אויף דער זאָפע (זי איז אָן אָטעם געקומען פון אַ שפּאַציר) און קורץ און אויסמיידנדיק געענטפערט: — איך ווייס דערפון... אָבער עס קען מיר גאָרניט העלפן... איך מוז אַוועקפאָרן!

— דו וועסט דאָך אודאי ניט אַוועקפאָרן פאַר אונזער משפחה-יום-טוב. מיר פייערן בקרוב די גאָלדענע חתונה פון מיינע שוויגער-עלטערן.

— איך וועל בלייבן, הגם — דו קענסט מיר גלויבן — עס איז מיר זייער שווער...

נאָך אַ פּויזע פון שווייגן האָט זי געזאָגט: /

— בעטינע! ענטפער מיר אויפריכטיק... פאַר בילזטו, וואָס דו האָסט אַזאַ גוט האַרץ און קענסט געוויס ווערן בייז

טרערן אין טעאַטער און אויף קאָנצערטן, אַזוי האָרצלאָז און בלינד, ווי אַלע אַנדערע, ווען עס האַנדלט זיך וועגן ליידן פון ווירקלעכן לעבן. קאַספּער האָט אַזוי פיל פריינט און קיינער ניטש, בוכשטעלער קיינער ניטש, הויבט ניטש אויף קיין פינגער, כדי אַ סוף צו מאַכן פון זיין צער. דאָסדאָזיקע יונגל גייט אַדורך אַ גיהנום, געפינענדיק זיך אונטער דער אויפזיכט פון דעם דאָזיקן גראָבהויטיקן קוואַנט! פאַרוואָס נעמסו אים ניטש צו זיך?

די באַראָנעסע האָט זיך טיף פאַטראַכט:

—דו זעסט, קלאַרא, איך בין ניטש גליקלעך און ניטש אומגליקלעך אין לעבן. איך האָב ניטש געוואָלט פאַרבונדן מיין גורל מיט דעם יונגל, וואָס פאַרדינט דאָס העכסטע גליק. איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך ביי מיר ניטש גוט געפינען. נאָר אויב דו האָסט באַרירט די דאָזיקע פראַגע — וועל איך עס טון פאַר דיר. רעד מיט קאַספּערן, לייג אים פאָר מיין הויז און מיין נאָמען.

קלאַרא האָט זיך געוואָרפן אין אירע אָרעמס. צעמאָרגנס האָט זי איר אָבער אין טרויער געבראַכט די ידיעה:

— קאַספּער האָט מיך געהייסן דאַנקן, נאָר דעם פאָרשלאָג האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער וויל בלייבן דאָרט, וואו מען האָט אים אוועקגעגעבן. אַ איידל, שטאָלץ יונגל! ער וויל ניטש מען זאָל זאָגן, אַז עס איז אים שלעכט געווען ביים לערער און צוליב רחמנות האָט מען אים צו דיר אַריינגענומען. אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט. ער האָט נאָך צוגעגעבן עפּעס, וואָס איז געווען פאַר מיר רעטזל האַפט:

„עס איז איבעריק אַוועקצוגיין פון דאָרט, וואו איך וואוין אַזוי צי אַזוי וועט עס לאַנג שוין ניטש דויערן“.

— אויף וואָס וואַרט ער? אויף וואָס ריכט ער זיך? איך פאַרשטיי ניטש.

אין קאַספּערן האָבן יענע טעג די אויגן הייס געגלאַנצט. איינמאָל איז ער אַ שטומער געשטאַנען ביים פענצטער מיטן בליק איינגעקוקט אין דער ווייטקייט. ער האָט זיך ליידנשאַפטלעך

אײַנגעהערט, ווי עס האָט זיך דערהערט דער אָפּהילך פֿון דעם פּאָסט־וואָגן נעבן הויז. ער האָט אַ ציטער געטאָן, ווען דער בריוו־טרעגער איז געקומען. פֿרוי קלאַראַ האָט געטראַכט, ווי אַזוי אים אָפּצורײַסן פֿון דער חברשאַפֿט מיט גײַסטער און אַרײַנברענגען אין רעאַלן לעבן.

דער יום־טוב אין פֿרוי אומהאָפֿס הויז האָט דערצו געגעבן די פּאַסנדיקע געלעגנהייט.

לכּבֿוד דער גאָלדענער חתונה פֿון באַראָנס עלטערן, האָט אין גרויסן פּאַלאַץ אָוונט געזאָלט אויסגעפֿירט ווערן אַן אײנאַקטער, ספּעציעל אָנגעשריבן פֿון דאָקטאָר לאַנגע. פֿרוי קאַנאַוואורף, שפּילנדיק אין דאָזיקן שפּיל אַ ראָלע פֿון אַ קעניגין האָט, קעגן אַלעמענס פֿאַרוואונדערונג, פֿאָרגעלעגט, איבערצוגעבן קאַספּער הויזערן די ראָל פֿון שטומען פּאַסטוך. קאַספּער האָט מסכּים געווען. די ראָל, וואָס איז באַשטאַנען אין שווײַגן די גאַנצע צײַט און בלויז צום סוף פֿון שפּיל אַראָפּצוּוואַרפֿן די מאַסקע און אויסרופֿן „אָ. מוטער!“ האָט נישט געצווּנגען צו האָבן קיין איבעריק שטאַרקן זכּרון און איז געווען גאַנץ לײַכט. כּדי גוט צו שפּילן האָט מען געדאַרפֿט מיט מימיק אַ סך אויסדריקן. קאַספּער האָט אויף די פּרוּווען פֿון דער פֿאָרשטעלונג כּמעט אַרויסגערופֿן ענטוזיאַזם בײַ די צוקוקער מיט דער גוטער אויספֿירונג פֿון זײַן ראָל.

דאָס שטיק, כאָטש עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפֿ'ן פּאָן פֿון קלאַסישן גריכנלאַנד, האָט געהאַט אין זיך אַן אײדעלע אָנצוהערעניש אויף די פֿאַמיליען־באַציִונגען: דער פֿאָטער האָט אַרויסגעטריבן מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק (דער יובילאַר) דעם זון, אַ ברודער פֿון באַראָן אומהאָף. די סיבּה האָט זיך געפֿינען אין פֿאַמיליען־סכסוך איבער אַ קאָמפּראָמיטאַציע צוליב אַ פּאָלימישער פֿאַרשווערונג. נאָך צוואַנציק יאָר איז דער פֿרעמדער קומט דער פֿאַרטריבענער צוריק פֿון אַמעריקע — און אַלץ ענדיקט זיך גוט, און דער שלום־בית ווערט צוריקגעשטעלט אין דער משפּחה.

דאָקטאָר לאַנגע האָט די פֿאַקטן צעשמאָלצן אין אַ שײנער

דראַמאַטישער מעשה. אין זײַן דראַמאַטישער פֿאַנטאַזיע האָט דער קעניג פּאָליקראַטעס זיך גערימט אויף אַ באַל מיט זײַן צניעות און טובֿות, מיט וועלכע ער הערשט אויפֿן פֿאָלק. דאָ שפּעלט זיך פּלוצלונג אויף עפּעס אַן אַדעלמאַן און איז מודיע, אַז אין דער שטאָט געפֿינט זיך אַ שטומער פּאַסטוך, וואָס איז געקומען פֿון ווײַטע מקומות און האָט אין בליק אַ מאָדנע קראַפֿט: אין הערצער פֿון זינדיקע וועקט ער די שולד, וואָס זיי האָבן שוין פֿאַרגעסן,, און אין אומשולדיקע מאַכט ער פֿאַרגעסן די פֿרייד. דער קעניג באַפֿעלט צו רופֿן דעם פּאַסטוך. דאָס איז זײַן זון, וועלכן ער האָט מיט יאָרן צוריק אַרויסגעטריבן פֿון לאַנד, און אים אינגאַנצן פֿאַרגעסן, ווערנדיק געהאַלטן פֿאַר אַ געשטאָרבענעם. און פֿאַרטריבן איז ער געוואָרן צוליב אַ פֿאַרשווערונג, וואָס אַ מחנה אַדעלײַט האָבן צוזאַמען מיט אים אָרגאַניזירט קעגן אים. מען האָט דעם קעניג באַצײַטנס מיטגעטיילט וועגן דער פֿאַרשווערונג, דער מוטער האָט דער קעניג דערציילט, אַז דער זון איז געפֿאַלן אין דער מלחמה... און אָט איצט קומט מיטאַיינמאָל אַרײַן דער פּאַסטוך, ער קוקט אויפֿן פֿאָטער, ער קוקט אויף דער מוטער... אונטער זײַן בליק ציטערט דער קעניג... ער דערפֿילט זײַן פֿאַרברעך. אין בליק פֿון אומבאַקאַנטן דערקענט די קעניגין איר זון, אַדורכגענומען מיט אַ שוידער פֿון מוטערלעכער ליבע!

אָ, ווי קאַספּער האָט געקענט קוקן!... אין דער דאָזיקער ראָלע האָט ער אַרײַנגעלייגט זײַן גאַנץ לעבן.

מיר וועלן נישט דערציילן די פּרטים פֿון יום־טובֿ, וואָס פֿאַרדינט אַ באַזונדער בלאַט אין די יאָרביכער פֿון די אַריסטאָקראַטישע אויפֿנאַמען. מיר וועלן מיטאַיינמאָל איבערגיין צום מאָמענט, ווען די אוווערטורע, וואָס איז קאָמפּאָנירט געוואָרן ספּעציעל צו דעם אָוונט דורכן שטאָטישן אָרקעסטער־דירעקטאָר, איז אָנגעשפּילט געוואָרן. ניין! מיר וועלן דורכלאָזן די ערשטע סצענע, צו וועלכע די עלעגאַנטע צושויער האָבן זיך צוגעקוקט מיט אַ לעבהאַפֿטיקער צופֿרידנקייט, באַשאָנקנדיק פֿון צײַט צו צײַט די שפּילער מיט אַפּלאָדיסמענטן. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן בײַ דער לעצטער סצענע. אויף די פּנימער פֿון די

צוקוקער איז פּלוצלינג פֿאַרשוווּנדן דער מילדער שמייכל. אַ שוידער פֿון פּחד, אַ ווילדע אימה האָט אַרומגענומען די פֿאַרזאַמלטע, ווען קאַספּער האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע. לאַנג, לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין קעניג און פּלוצלונג איבערגעוואָרפֿן דעם בליק אויף דער מוטער

און זאַל האָט זיך דערהערט אַ באַוואונדערונגס־געפּליסטערײַ: ווי ער שפּילט!

אָבער אין דעם מאָמענט, ווען די פֿאַרווייניטע קעניגין — קלאַראַ קאַנאַוואָורף האָט ווירקלעך געהאַט טרערן אין די אויגן — איז צוגעגאַנגען צום יונגעמאַן און אים אַרויפֿגעלייגט די הענט אויפֿן אַקסל — און איידער זי האָט באַוויזן אַרויסצורעדן די ערשטע ווערטער, האָט עמיצער אַ געשריי געטאָן אין די לעצטע רייען:

— גענוג! גענוג! איך דערלויב ניט!

עמיצער האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון דער שטול, איז אַרײַנגעלאָפֿן אינמיטן זאַל, צוגעשפּרונגען צו דער ראַמפּע און כּסדר געשריגן: — גענוג! גענוג! איך דערלויב ניט!

די אַרטיסטן אויף דער סצענע זענען דערשטוינט געוואָרן. די צוקוקער אין זאַל זענען צעטומלט געוואָרן. בײַ דער ראַמפּע איז געשטאַנען דער אָפֿיציר הינקעל, די הענט אויפֿגעהויבן אין דער הייך, און אין דער שטילקייט פֿון דעם פֿאַרלאַזירט געוואָרענעם עולם מיט אַ הייזעריק קול גערופֿן:

— חשובֿער עולם! איך קען ניט! איך קען ניט דערלויבן, אַז קאַספּער הויזער זאָל זיך באַטייליקן אין אַזאַ קאָמעדיע — אין דער דאָזיקער פֿרײַלעכער פֿאַרווײַלונג — בעת אין דער זעלבער רגע איז געשען אַן אומגליק, וואָס האָט אַ גאַנצן שייכות מיט זײַן גורל און מוז האָבן אַן אײַנפֿלוס אויף זײַן צוקונפֿט!

— אַ משוגענער, — האָט אַ טייל געשריגן. אַנדערע האָבן צו הינקלען אויסגעשטרעקט אַ פּאָר נײַגעריקע בלישטשענדיקע אויגן.

— דאָס איז אומאָנשטענדיק! — דאָס הייסט מיסברויכן

מיטיגנעמס גאַסטפֿריינטלעכקייט! — האָט דאָקטאָר לאַנגע גע־דונערט.

— יאָ! יאָ! עס איז אַזוי! — האָט מען אין אַלע זייטן צוגעגעבן.

— קען מען וויסן, וואָס עס איז געשען? — האָט באַראָן אימהאָף געפֿרעגט.

היקעל האָט געענטפֿערט מיט אַ פֿאַרשטיקט קול:

— לאָרד סטאַנהאָפּ האָט פֿרייוויליק אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן.

אין זאַל איז געוואָרן טויט־שטיל.

— ער האָט זיך דערשאָסן? — האָט דער באַראָן זיך ענד־לעך דערוועגט צו פֿרעגן.

— ניין!... מען האָט אים געפֿינען אין דער וואוינונג פֿון זיין פֿריינט, גראַף דע בעסגראַד... אין אַ צימערל אויפֿן טרעפּל... אַ געהאָנגענעם אויף אַ זיידענער שנור...

— הגם עס געפֿינט זיך דאָ קיינער נישט, וואָס זאָל נישט מיטפֿילן מיט דעם דאָזיקן אָרעמען מענטש — האָט דער באַראָן געזאָגט, — האָט איר, העָר אָפֿיציר, אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אומ־טאַקטישקייט, שטערנדיק אונזער יום־טוב מיט אַ ידיעה, וועלכע מיר האָבן זיך געקענט דערוויסן אַבּיסל שפּעטער...

— אַנטשולדיקט, הער באַראָן! — האָט היקעל געזיפֿצט, — איך האָב נישט געקענט... איך האָב נישט געקענט אַנדערש...

בחינום האָט זיך די באַראָנעסע אימהאָף באַמיט צו באַרו־איקן אירע געסט. מען איז צעמישט אָוועקגעגאַנגען אונטערן איינדרוק פֿון סקאַנדאַל און פֿון דער טרויעריקער ידיעה. דעם סיגנאַל פֿונאַנדערצוגיין זיך האָט קענן זיין ווילן געגעבן דער גע־נעראַל־סעקרעטאַר, אַרויסגעהענדיק דער ערשטער מיט דער פֿרוי. די באַראָנעסע אימהאָף האָט פּשוט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ. מען האָט איר געגעבן צו וויסן, אַז איר שוועסטער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן, איבערנעמענדיק זיך מיטן געשעעניש.

אומזיסט האָט די מוזיק גערופֿן צום טאַנץ. עס האָבן געני־מען טאַנצן בלויז עטלעכע פּאָרלעך. די געסט האָבן אין דעם

שטיל געשמועסט וועגן געשעעניש. אַ סך האָבן מיט טרויער געפרעגט:

— וואָס וועט דער אומגליקלעכער קאַספּער טון?

דער סאַלאָן האָט זיך אויסגעליידיגט. אַן אומבאַמערקטער פון אַלעמען איז קאַספּער פּלוצלונג פאַרשוווּנדן. אַ באַאומרואיקטע האָט אים מאַדאַם קאַנאַוואורף אַרומגעזוכט אין אַלע צימערן. דער דינער האָט פאַרזיכערט, אַז הער הויזער איז נישט אַרויס פון פּאַלאַץ. ענדלעך האָט אים דער קאַמערדינער, פאַרלעשנדיק די ליכט, צופעליק געפינען אין איינעם פון די קאַמערן פון דער אומפּראָוויזירטער טעאַטער־גאַרדעראָבע.

צוליבן שטאַרקן רעגן, וואָס איז געפאַלן, האָט מאַדאַם קאַנאַוואורף, מורא־האָבנדיק ער זאָל זיך נישט פאַרקילן, געבעטן קאַספּערן, אַז — אויב ער וויל נישט פאַרבלייבן אויף איבער נאַכט אין פּאַלאַץ — ער זאָל איבערוואַרטן דעם רעגן, בײַ איר אין צימער. ער האָט אויסגעזען צו זײַן אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער איז קוים יעגאַנגען אויף די פיס. זי האָט אים געצווונגען, אַז ער זאָל זיך לייגן אויף דער זאָפע. ער האָט געפאָלגט, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. די ציין האָבן זיך אים געטרייסלט. זי האָט מיט דער האַנט באַרירט זײַן שטערן. דער שטערן איז געווען הייס און די הענט זענען אָבער געווען קאַלט, ווי אײַז. זי האָט אים צוגעלייגט צום קאָפּ אַ נאַס טיכל און דערלאַנגט וואַסער... פּאַמעלעך איז ער געקומען צו זיך. ער האָט אויף איר אַ דאַנקבאַרן בליק געטון און געפּליסטערט:

— שוועסטער!

קלאַראַ האָט אין זײַנע אויגן דערפילט אַ הימלישע זיסקייט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, שלאָפנדיק כסדר ווי אין פאַרשפּרונגאַיין וואָרט: „שוועסטער“! זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים מיט אַן אָפן מויל, אַן אָטעם... זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, ווי זי וואָלט אים געוואָלט דערוואַרעמען... ער האָט זיך נישט געווערט. ער האָט זיך נישט צוריקגעצויגן און זיך נישט דערנענטערט צו איר... זײַן פּנים האָט באַדעקט אַ רויטקייט... פּלוצלונג האָט דער זייגער אָנגעהויבן צו קלינגען. קלאַראַ האָט

אַרויסגעלאָזט קאַספּערס האַנט. עס האָט געשלאָגן צוועלף...
קלאַראַ איז אַפּגעשפּרונגען פון קאַספּערן, צוגעגאַנגען צום פענצ־
טער, צוגעפּרעסט די ליפּן צו דער שויב; דאָס מויל האָט זיך
באַוועגט אין אַ פליסטערן, ווי עס וואָלט אַרויסגערעדט די ווער־
טער „קיינמאָל — קיינמאָל — קיינמאָל!“

זי האָט איבערגעלאָזט קאַספּערן, וועלכער האָט אויסגעוויזן
צו דרעמלען, און געגאַנגען אין דער הויף צו אַ פריינדין.

— בעטינאַ! — האָט זי געזאָגט — היינט די דינערשאַפט
אויפּאַסן מיינע זאַכן. מאָרגן פאָר איך זיכער אַוועק...

זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. די באַראָנעסע האָט פאַר־
שטאַנען דאָס האַרץ פון איר פריינדין. זי האָט זי האַרציק אַרומ־
גענומען. קלאַראַ האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו צעשלוכצן זיך.

— דער רעגן האָט אויפגעהערט... איך וועל אָפּפירן קאַס־
פּערן אַהיים. איך וויל נישט איבערנעכטיקן אין פּאַלאַץ.

— נעם מיט אַ דינער.

— ניין! איך האָב פאַר גאָרנישט קיין מורא! איך האָב ליב
צו שפּאַצירן ביינאַכט. איך פריי זיך קלערנדיק, אַז איך וועל
אַהיימגיין צופוס און אַליין!

און איר קול האָט אָפּגעקלונגען אַ טרויעריקע נאָטע.

און אַ פערטל שעה אַרום איז זי געגאַנגען מיט קאַספּערן אויף
נאַסע ברוק־שטיינער פון דער שטאָט. זיי האָבן נישט גערעדט
צווישן זיך. זיי האָבן זיך בלויז פעסט געהאַלטן פאַר די הענט.
ביים לערערס הויז האָט קאַספּער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— איצט וועסטו זיכער אַוועקפאָרן...

זי איז איבעראַשט געוואָרן פון זיין מאַכט צו טרעפן נישט־
אַרויסגערעדטע זאַכן.

— יאָ! — האָט זי אָפּגעזיפצט.

— פאַרוואָס?... מיט דיר איז מיר גוט...

— איך וועל צוריקקומען — האָט זי האַרציק געענטפערט.
איך וועל צוריקקומען אויף ווייַנאַכטן.

— איך האָב שוין געהערט אַזעלכע צוזאָגענישן... און דאָך
איז צו ווייַנאַכטן איז אַזוי לאַנג.

— איך וועל שרייבן.
— וואָס האָט מען פֿון בריוו? דאָס איז בלויז פּאַפּיר. נאָ
פֿאַר — זיי געזונט!

צווישן די כמאַרעס אויפֿן הימל האָט אויפֿגעשיינט אַ שטערן.

— קוק אויף די שטערן, קאַספּער. און זיי האָסטו אַ פֿאַרזי-
כערניש, אַז איך וועל נישט פֿאַרגעסן אָן דיר.

אין דער הויך האָט זיך געעפֿנט אַ פֿענצטער. עס האָט זיך
באַוויזן אַ קאָפּ אין אַ שלאָף־מיץ און זיך באַלד צוריקגעצויגן.
דאָס איז געווען אַ שווייגנדיקע אויפֿפֿאָדערונג צו קאַספּערן, אַז
ער זאָל צוריקקומען.

קלאַראַ איז אַוועק אַ פֿאַרחלומטע. אין האַרץ איז איר
ענג געווען.

— וואָס פֿאַר אַ וואונדערלעכער יונגל דאָס איז! ווי זיס ער
האָט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „שוועסטער“! אַזוי קען מיר נאָר
זיין אַ געפֿינענער ברודער. באַרירן אים, צערייסן זיין אומשולדיקן
חלום וואָלט געהייסן אַ פֿאַרברעכן! איך מוז אַנטלויפֿן פֿון אים.
דאָס איז איצט דאָס בעסטע. דערווייל וועט אים היטן זיין גוטער
זשעני! — איך וועל אַוועקפֿאָרן, אויב מיין געפֿינען זיך דאָ קען
דראָען מיט געפֿאַר זיין ריינער נשמה, און פֿאַר מיר צו זיין אַזוי
ווייט, געפֿינענדיק זיך אַזוי נאָענט, — איז אַ צער נישט איבערצו-
טראָגן!

זי האָט זיך איינגעקוקט אין דער כשופֿדיקע שטערן־זאַמלונג
פֿון „גרויסן בער“. פּלוצלונג איז אַ טונקל געסל ווי פֿון דער ערד
אַרויסגעוואַקסן פֿאַר איר דער אָפֿיציר הינקעל.

— מאַדאַם! — האָט ער זי אָפּגעשטעלט מיט אַ נידריקן
גרוס. — איר וועט מיר מוחל זיין די חוצפּה, וואָס איך שטעל
אייך איצט אָפּ, און אויך... וואָס איך האָב אייך שוין עטלעכע מאָל
געשטערט. איך בעט אייך צו פֿאַרשטיין, אַז ווען מען זעט אַזאַ
שיינקייט וואָס האַלט זיך נאָענט, מיט עפּעס אַ נאַריש יונגל... מעג
עס זיין בלויז אַ קאָמעדיע, וואָס אייער חסד דערלויבט... קאָן מען
משוגע ווערן פֿון אייפֿערזוכט... און ס׳גלוסט זיך איבערצורייסן
די פֿאַרווײַלונג, וואָס טוט אַזוי וויי! איר וועט באַוויליקן צו

זאָגן מיר כאָטש אײן גוט װאָרט.

דאָס אַלץ האָט מאָדנע געקלונגען. עס האָט אױסגעװיזן צו זײַן אַ אומגעלונגענער שפּאַס. זי האָט נישט געפילט, אַז היקעל באַמיט זיך צו באַהערשן, כּדי צו קענען רואיק רעדן. זי האָט פאַרקרײַצט די הענט אויף דער ברוסט און קאַלט געענטפערט:

— כ׳בעט אָפּצוטרעטן פון מיר!

ער איז אַװעק, אָבער ער איז געגאַנגען הינטער איר. מיט אַ קול פון דערשטיקטער לײַדנשאַפט האָט ער געמורמלט:

— איך בעט אײן װאָרט. איך בין קײנמאָל נישט געװען קײן בעטלער. און איצט בעט איך אַ נדבה. איר װײסט נישט מאַדאַם װיפיל עס איז אָפּהענגיק דערפון, װאָס איר װעט זיך דערבאַרעמען איבער מיר... אָ, אַ סך איז דערפון אָפּהענגיק! רעד! — װײַז נישט, אַז דו לײקנסט אָפּ דײַן פּנים, װאָס איז אַ פּנים פון אַ מלאך...

האָט גאָרנישט געזאָגט. דער אָטעם איז איר אָפּגעשטאָרבן אין האַלדז. זי האָט האַסטיק אַ ציִ געטון בײַם גלאָק פון דעם פּאַלאַץ־טויער. געפינענדיק זיך אַלײן אין פינצטערן קאָרידאָר, האָט זי אַרומגענומען אַן איבערשױנג. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי דאַרף זיך אױסדרײען צו דעם דאָזיקן שרעקליכן מענטש און אים װאַרפן דאָס געפאָדערטע װאָרט.

צעמאָרגנס האָט קאַספּער באַזוכט די באַראָנעסע אימהאָף אין די נאָכמיטיק־שעהן. ער האָט זיך דערװאוסט, אַז קלאַראַ איז באַגינען אַװעקגעפאָרן. ער האָט געבעטן, אַז זי זאָל דערלויבן אָנצוקוקן איר פּאָרטרעט. ער האָט זיך אַװעקגעזעצט בײַם פּאָרטרעט און לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין די שטריכן פון בילד. די באַראָנעסע איז אַװעקגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, כּדי אים נישט צו שטערן טראַכטן זײַנע פאַרבענקטע מחשבות. בשעת ער איז אַװעקגעגאַנגען האָט זי צוגעזאָגט, אַז זי װעט הײסן מאַכן דער װײטקײט, װי ער װאָלט נישט געהערט אירע װערטער.

קוואַנט אַטאַקירט דאָס געהיימניש צום לעצטן מאָל

די לעצטע טעג איז דער אָפּיציר היקעל געווען אַזוי אָנגעכמאַרעט און בייז, אַז די באַאַמטע, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט, האָבן מורא געהאַט צו רעדן מיט אים וועגן געוויינטלעכע ענינים. אַפּילו קוואַנט איז נישט דרייסט געווען צו רעדן מיט אים, בעת ער האָט אים באַגעגנט.

אין איינעם אַ טאָג איז דער אָפּיציר געקומען צום לערער בעתן פרישטיק. נישט גריסנדיק זיך מיט קיינעמען, איז ער צוגעגאַנגען צו קאַספּערן און אין אַ הערשערישן טאָן געפרעגט:

— הויזער! וואו געפינט זיך שילדקנעכט?

קאַספּער איז בלייך געוואָרן. היקעל האָט געברומט.

— דו ווייסט, צי דו ווייסט נישט? זאָג מיר תיכף, אויב נישט — וועל איך דיך אַריינוואַרפן אין תפיסה.

קאַספּער איז אויפגעשטאַנען. דער קנאָפּ פון זיין ראָק האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ פראַנדז פון טישטוך. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט דאָס טישטוך צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס האָט זיך דערויף געפינען. די קאַווע האָט פאַרגאָסן דעם טיש און די פּאָדלאָגע. די ווירטין האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. אַ צערייצטער האָט דער לערער זיך געווענדט צו היקלען:

— וואָס ווילט איר פון אים? דאָס איז מיין זאַך. וואָס האָט ער געקאָנט טאָן מיטן דעזערטיר?

היקעל האָט אַ ברום געטאָן:

— לאָזט עס איבער מיר, הער קוואַנט... איך ווייס, וואָס איך רעד!

— און דאָך, הער אָפֿיציר, דאַרפֿט איר זיך אין מײַן הויף אויפֿפֿירן ווי געהעריק.

— האָס?... איר זענט אַ שלימזל! יאָ, אַ שלימזל און מער גאָרנישט! שוין צוויי יאָר, ווי דער דאָזיקער מענטש וווינט בײַ אײַך און איר האָט גאָרנישט זיך געקאָנט דערוויסן. אויב איר זענט אַזאַ מײַסטער, וועלן מיר זיך באַגיין אָן אײַך.

קוואַנט, אַ פֿאַרטויבטער פֿון דעם דאָזיקן קלאַפּ, האָט זיך פֿון איבעראַשונג אַזש אַנידערגעזעצט. ער האָט נישט געפֿונען קיין ענטפֿער.

— דאָס וועט זיך אָבער ענדיקן — האָט דער פּאָליציי־מענטש געשריגן. — איך וועל רעדן מיטן מלוכה־ראַט און הויזער וועט איבערגעגעבן ווערן אונטער מײַן אויפֿזיכט.

— טוט מיר טאַקע די דאָזיקע טובה, — האָט דער לערער געענטפֿערט מיט אַ ביטערן שטאָלץ און אַרויס פֿון צימער.

פֿרוי קוואַנט איז געזעסן אַן אומדרייסטע און געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן. היקעל האָט זיך געוואָרפֿן, ווי אַ משוגענער. ער האָט עפּעס געבורמט אונטער דער נאָז. דערנאָך איז ער מיט צונויפֿגעבײַלטע פֿויסטן צוגעשפּרונגען צו הויזערן.

— אומגליקלעכער! — האָט ער אויסגערופֿן. — איך האָב אַ ידיעה, אַז דער אָרדינאַנס, מיט וועלכן דו האָסט געפּלאַנט אַ פֿאַרשווערונג איז אַרעסטירט געוואָרן אין... פֿלאַסענבורג. מען שיקט אים דאָ אַהער.

— עס איז נישט אמת! — האָט קאַספּער געזאָגט. ער האָט געשמייכלט, אָבער זײַן פּנים איז געוואָרן טויט בלייך.

היקעל האָט אויף אים אַ קוק געטון. ער איז געווען אַ ביסל צעמישט, האָט גענומען ס'היטל און אַרויס.

קוואַנט האָט נישט געוואוסט וואו אַהינצוטון זיך פֿון צאָרן. ער האָט זיך געפֿילט באַליידיקט. ער איז אַוועק צום מלוכה־ראַט האָפֿמאַן מיט אַן אָנקלאַגע אויף היקלען. דער לעצטער האָט זיך אָבער אין דעם דאָזיקן ענין נישט געוואָלט אַרײַנמישן. איבערנעמענדיק איצט די אַפּוטרופּסות איבער הויזערן, האָט ער געוואָלט רעדן מיטן לערער וועגן די באַדינגונגען פֿון זײַן אויסהאַלט.

די געלט־אונטערשטיצונגען פֿון לארד סטאַנהאָפּ האָבן אױפֿגע־
הערט. די געמײנדע האָט נאָך ניט באַטראַכט דעם ענין פֿון
דעקן די הוצאות פֿון הױזערס אױסהאַלט בײַם לערער קוואַנט.
אױפֿן פּאַסטן איז געריכט האָט דאָס יונגל עפּעס פֿאַרדינט און עס
אָװעקגעגעבן דעם לערער. פֿאַר זיך, אױף זײַנע אײגענע אױסגאַבן,
איז אים ניט געבליבן קײן גראָשן. דער פּאַסטאָר פֿורמאַן, װאָס
האָט אים קאָנפֿירמירט, האָט אים געראַטן, ער זאָל בעטן קוואַנטן
אַ הלואה פֿון געלט, װאָס ער האָט אים געגעבן. קאַספּער האָט
אָבער ניט געפֿאָלגט די עצה. אַ שטאָלצער האָט ער איבער־
געטראָגן די שװערע לאַגע, ניט באַהאַלטנדיק פֿאַרן פּאַסטאָר,
אַז דער דוחק און געלט מאַטערט אים שטאַרק. דער פּאַסטאָר
האָט עס מודיע געװען דעם ראַט האָפֿמאַן.

— גוט! נעמט װײַטער צו הױזערס גאַנצע פּענסיע — האָט
דער ראַט געזאָגט קוואַנטן מיט זײַן געװײנטלעך עטװאָס אירא־
ניש קול. — עס קומט אײַך. באָרגט אָבער דעם יונגל עטלעכע
טאַלער און גיט איבער דער קהלה אַ בקשה, מען זאָל אײַך ס'געלט
צוריקגעבן.

— איך בין ניט קײן בעטלער. איך װעל ניט גײן צו דער
קהלה.

— די קהלה װעט אײַך זיכער אומקערן.

— עס איז נישטאָ קײן שום זיכערקײט. איך אַלײן
דאַרף זײער האָבן געלט.

— קאַספּער האָט רײַכע פֿרײַנט. און ערגעץ פֿאַל װעלן
זײ באַצאָלן.

— זײ האָבן ניט קײן צײַט צו באַשעפֿטיקן זיך מיט אַזעלכע
קלײניקײטן!

— מאָרגן װעל איך קומען געװויר װערן, צו װאָס הױזער
דאַרף אַזױ נײטיק האָבן געלט — האָט דער ראַט האָפֿמאַן פֿאַר־
ענדיקט דעם שמועס.

און אָװנט איז קאַספּער געקומען צו קוואַנטן, האַלטנדיק
די הענט פֿאַרלײגט און אַ געבעט:

— גיט מיך ניט אָװעק צו היכלען! אַלץ — נאָר ניט דאָס!

— דערווײַל איז קײן רײד ניטשטאָ דערוועגן.

— מען רעדט יאָ! איז געריכט האָט מיר געזאָגט וועגן דעם דער באַאַמטער מײַער.

— און אַז אפֿילו יאָ — מוזטו דיך ענדלער אויפֿפֿירן ווי אַ דערוואַקסענער מענטש — אָן אָט די דאָזיקע קינדערישע גוזמאות. דער אָפֿיציר הינקעל איז אַ שטרענגער מענטש, אָבער דעם קאָפּ וועט ער דיר ניט אָפּרײַסן. דו ביזט אַ קריסט און דו פֿאַרשטײסט ניט דאָס שפּריכוואָרט: „טו גוטס דײַן פֿרײַנט, און דו וועסט קענען קלויבן גליענדיקע קוילן אויף זײַן קאָפּ“....

— אַך! איך פֿאַרשטײ! — האָט דאָס יונגל פֿאַרצווײפֿלט געזיפֿצט.

— אַז דו פֿאַרשטײסט איז גוט... שרײַב מיר טאַקע מאָרגן, אָז אַז אַרבעט אויף דער דאָזיקער טעמע.

ניט געקוקט אויפֿן צוזאָג איז דער ראַט האָפֿמאַן צעמאָרגנס ניט געקומען. ער האָט זיך ערשט באַוויזן אין דריטן טאָג אַרום אין מאָמענט, ווען דער לערער האָט שאַרף געמוסרט קאַספּערן.

— אַ, הער ראַט — האָט ער געזאָגט, אויסדרײענדיק זיך. — וואָס פֿאַר אַ צרות איך האָב מיט דעם יונגל. נעכטן האָב איך אים אויפֿגעגעבן דײַטשע איבונגען. הײַנט האָב איך אַ קוק געטון אין די העפֿטן. עס איז דאָרט גאָרניט דאָ, אַ חוץ דעם טיטל! אַזאַ פֿױלקײט שרײַט צום הימל אויף נקמה!

— פֿאַרוואָס האָסטו ניט געשריבן? — האָט דער ראַט קאַלט געזאָגט, אָנקוקנדיק דאָס העפֿט.

— איך קען ניט. איך האָב ניט קײן אײן געדאַנק אין קאָפּ — האָט קאַספּער זיך פֿאַרטײדיקט.

— ער זאָגט ליגנט! עהערנעכטן האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער פֿאַרשטײט אויסגעצײכנט די טעמע. עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּשוט'ער זאַך: ליבע צום שונא.

— פּרוּוו נאָכאַמאָל — האָט דער ראַט ווײך זיך אָנגערופֿן.— מיר וועלן אַרײַן אין צווײטן צימער שמועסן און דו וועסט דערווײַל אָנשרײַבן עטלעכע זאַצן... טו עס צוליב מיר.

זײ זענען אַרויס, איבערלאָזנדיק דאָס יונגל זיך מאַטערן

אַרויסצוקריגן פֿון זיך געדאַנקען אויף אַ טעמע, וואָס האָט אין דער איצטיקער רגע אַזוי שטאַרק זיך ניט געפּאַסט צו זיין שטימונג. האָפֿמאַן האָט דעם לערער דערלאַנגט צוויי גאָלדענע מטבעות — אַ מתּנה פֿון דער באַראָנעסע אומהאָף פֿאַרן יונגל. ער האָט אים מודיע געווען, אַז הויזער איז געקומען ביי אים געווען מיט אַ בקשה, מען זאָל אים ניט אָפּגעבן צו הינקלען.

— ער דערוועגט זיך פֿאַר אַלע אויסצופּלאַפּלען זיינע קינדערישע בקשות. יאָ, דער אָפֿיציר איז אַ שטרענגער. אָבער צו האָבן אַזאַ פּחד פֿאַר אים איז אַן אומזין.

— איך האָב אים באַרואיקט, אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פֿאַר דער ענדערונג פֿון זיין גורל, אויב ער וועט אויספֿירן די פֿליכטן, וואָס זיין באַלעבאָס וועט אויף אים אַרויפֿלייגן.

— זייער ריכטיק!

— ווינדיק, אַז ער דאַרפֿט האָבן געלט, האָב איך צוגעזאָגט צו שיקן אים אין זיין געבורטס-טאָג פֿינף טאָלער. ער האָט געענטפֿערט, אַז ער ווייסט ניט די דאַטע פֿון זיין געבורט. ער האָט מיך גערירט מיט זיין קול. אויפֿן פּנים האָט ער אָבער געהאַט אַ חניפֿהדיקע מינע, וואָס איז מיר שטאַרק ניט געפֿאַלן.

— אָ, יאָ, ער קען חנפֿהנען, ווען ער וויל זיינע פּלענער אויספֿירן.

נאָך דעם דאָזיקן געדאַנק-אויסטויש זענען זיי צוריק אַריין אין קאַספּערס צימער. ער איז געזעסן מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דעם פֿאַרענטש פֿון שטול; זיין פּנים איז געווען אָנגעכמאַרעט. אין העפֿט איז געווען אויפֿגעשריבן בלויז איין זאַץ:

„אויב זיי האָבן דיר געטון עפּעס געמיינעס, טו זיי אָפּ דערפֿאַר גוטס".

— און דאָס איז אַלץ — האָט קוואַנט בייז געברומט, — דורך אַזאַ לאַנגער צייט האָסטו בלויז דאָס באַוויזן אָנצושרייבן.

דער ראַט האָפֿמאַן האָט, וועלנדיק אויסמיידן דעם שטורם, וואָס איז געהאָנגען אין דער לופֿטן, דאָס געשפּרעך איבערגעפֿירט אויף אַן אַנדער טעמע. ער האָט קאַספּערן געפֿרעגט:

— זאג מיר, כ'בעט דיך: וועמען האסטו אמשטארקסטן ליב?

— האסט געקענט שטיין, רעדנדיק מיטן העך ראט — האט קוואנט ביים קאמאנדעוועט. קאספער האט אים אנגעקוקט. ער האט געטראכט, אז ער פון זיין אומווילען צום טעמע דרינגט ער ארויס, אז ער איז זיין שונא, און דעריבער איז ער אזוי דערצארנט. ער האט אים געוואלט אנטוואפנען. נאך א קורצן ישוב הדעת האט ער געענטפערט:

— דעם העך לערער!

קוואנט האט געווארפן אויפן מלוכה־ראט א בליק, וואס האט געזאגט:

— א מיאוסער חונף! ער וויל מיך איבערקויפן מיט ווערטער!

קאספערס לעבן איז אפגעפלאסן איינטעניק און לאנגווייליק. עס זענען נישט אנגעקומען קיין בריוו פון פרוי קאנאוואורף. זי האט נישט געשריבן, ווייל ער האט זיך אויסגעדריקט, אז בריוו האבן נישט קיין ווערט. אזוי, ווייניקסטנס, האט ער געטראכט, באדויערנדיק, וואס ער האט זיך אזוי אויסגעדריקט פאר איר. ער האט נישט געוואוסט, וואו זי קומט, וואס זי טוט... זיינע ליידן האבן נאך פארשטארקט די שלעכטע נאוועמבער־וועטערן פון היינטיקן יאר. ער האט כסדר געמוזט זיצן אין דער היים, איינקוקנדיק זיך דורכן פענצטער אין די פארנעפּעלטע שפּיצן־בערג אויפן האריזאנט. אין די קאזארמעס האט ער זיך בסוד נאכגעפרעגט וועגן שילדקנעכטן. קיינער האט נישט געוואוסט וועגן זיין ארעסט. דאס האט קאספערן ארייננגעגעבן האפנונג. ער האט כסדר געווארט... ער האט אפגעשטויסן די, וואס האבן אים באזוכט. ענטפערנדיק זיי מיט געציילטע ווערטער. אליין איז ער צו קיינעם נישט געגאנגען צו גאסט.

— וואס טויגן מיר די פלוידערייען? — האט ער געטראכט.

איינמאל איז ער אדורכגעגאנגען דעם אלטן שלאס־פּאלאץ. עס האבן זיך אים געחלומט, אז פון הינטער די טונקעלע פענצטער פון דער געבוידע קוקן אויף אים געשטאלטן אנגעטון אין

פֿורפֿור. זײ האָבן געקוקט אויף אים מיט שנאה. ער איז גרייט געווען אַנידערצופֿאַלן אויף דער ערד און צו שרײַען פֿון ווייטיק.- אין איין נאַכט האָבן זיך אים געחלומט עטלעכע שטיינער. ער האָט געלייענט אויף זײ אויפֿשריפֿטן: „דאָס איז דאָס האַרץ פֿון דײַן פֿאָטער"... „פֿון דײַן ברודער"... „פֿון דײַן שוועסטער"... אויפֿן אויבערשטן שטיין האָט זיך געפֿונען אַן אויפֿשריפֿט: „דאָס איז מײַן שטיין". דער לעצטער שטיין האָט געהאַט צוויי טרויעריקע לעבעדיקע אויגן...

עס האָט זיך אים אַ סך מאָל געדאַכט, אַז עס איז פֿאַראַן ערגעץ אַ נשמה, וואָס ליבט אים, וואַכט איבער אים און רײַסט זיך צו אים. אָבער צווישן אים און איר שטייט די גאַנצע וועלט— און אַ בייזער ווינט וויעט דורך אַ מדבר. ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און זיך אײַנגעהערט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויפֿכאַפּן די ווערטער, וואָס דער דאָזיקער ווינט וואַרפֿט אין דער לופֿט.

קוואַנט וואָלט געמוזט זײַן אַ בלינדער, ער זאָל ניט באַמערקן די מאָדנע ענדערונג אין יונגל. זײַנע אַלע באַאָבאַכטונגען האָט מען אָבער געקענט אויסדריקן אין איין זאַץ:

„דאָס איז אַ קאַמף מיטן אומרײַנעם געוויסן".

— יעטע! — האָט ער געזאָגט צום ווײַב, — איך האָב לחלוטין פֿאַרלוירן די סימפּאַטיע צום יונגל, זינט איך האָב מיך איבערגעצייגט, אַז ער איז גלײַכגילטיק צום לאָרדס טויט. ער וויל אַפֿילו ניט וויסן, אַז ער טרויערט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט פֿאַרלוירן אַ ברודער, און ער האָט אַרויסגעוויזן אַ שוואַרצע אומדאַנקבאַרקייט. דאָס איז אַן אָרדינערער פֿלעגער, וואָס האָט אַ האַרץ פֿון אַ שטיין.

דעם פּעדאַגאָגס כעס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעמפּער שנאה. עפּעס האָט אים געטריבן צונויפֿצוזאַמלען פֿאַקטן פֿון קאַספּערס פֿאַרגאַנגנהייט. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ יעגערהונט, וואָס האַלט אין איין זוכן. ער האָט זיך אויפֿגערעגט, ווען ער האָט אויף אַ פּאַרקאַן געזען עפּעס פֿלאַטערן... ער האָט כסדר געזוכט דעם שליסל פֿון רעטעניש...

די מינדסטע קלייניקייט איז געווען אַ סיבה צו מאַכן שיקאַנעם. אויף קוואַנטס פֿראַגע: „האָסטו איבערגעזעצט די אויפֿגעגעבענע זיטלעך לאַטיין?" — האָט דאָס יונגל אַ פֿאַרמאַטערטער פֿון לערערס צוואַנג, געענטפֿערט: „אַביסל מער, ווי איר האָט געהייסן". קוואַנט האָט נישט געגלויבט; עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גענוג שווערע ערטער פֿון אַ לאַטייניש בוך. ער האָט גענומען קאַספּערן אויף אַן עקזאַמען און פֿעסטגעשטעלט, אַז ער זאָגט ליגנט. ער איז געוואָרן גרין פֿון כעס... און דערציילט דעם ווייב, אַז ער איז אין די תשובות חושד עפּעס אַ פּיפּיקן פּלאַן. ער האָט קאַספּערן נישט געמאַכט קיין פֿאָרוואורף, נאָר צעמאָרגנס האָט ער אים געבראַכט אַ בריוו פֿון ראַט האָפֿמאַן מיט דעם רעזולטאַט פֿון זיין אָנקלאַגע. דער מלוכה־ראַט האָט געשריבן:

„מיט פֿאַרדרוס האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די מידות פֿון פֿאַלשקייט. וואָס געהערן צו נידריקע כאַראַקטערן, זענען נישט פֿרעמד אונזער הויזערן".

אין אָוונט פֿון זעלבן טאָג האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטורעם צוליב אַ בלעטל, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן פֿון ברוליאָן. קאַספּער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האָט געזינדיקט קעגן די פֿאַרשריפֿטן, ווייל ער האָט דאָס בלעטל פֿאַרשמירט מיט טינט. קוואַנט האָט דערווייטערט דאָס ווייב, וואָס האָט אומדרייסט געפּרוווט פֿאַרמיידן דעם שטורם. ער האָט זיך פֿאַרשלאָסן מיטן יונגל און גענומען אים „אויפֿן צימבל":

— דו האָסט ווידער געזאָגט ליגנט... פֿלעקן פֿון טינט—וואָס?

— יאָ, עס זענען געווען פֿלעקן!.. פֿאַרוואָס גלויבט איר נישט?

— ווער עס האָט איינמאָל געזאָגט ליגנט, דעם גלויבט מען נישט. און דו האָסט מיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט ליגנט.

— ווירקלעך?... איך האָב נישט געוואוסט, אַז כ'האָב געזאָגט ליגנט.

— און אַזוינס דערוועגסטו זיך צו זאָגן מיר אין די אויגן אַריין?

— איך ווייס שוין באמת נישט, ווען איך האָב אייך צו זאָגן „יאָ" און ווען „ניין".

און איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פֿון פֿאַרוואָרפֿן קאַספּערן אַלע ליגנס, וואָס ער האָט כּלומרשט געזאָגט. דער לערער האָט זיי געהאַט פֿאַרשריבן אין אַ נאָטיץ־ביכל. ער האָט באַוויזן פֿון זכּרון אויסצורעכענען קאַספּערס ליגנס פֿון אַ האַלב יאָר, פֿון אַ יאָר, פֿון צוויי יאָר. די ליגנס האָט ער געהאַט פֿאַרשריבן, אָבער ער האָט נישט געדאַרפֿט אָנקומען צום נאָטיץ־ביכל — ער האָט געדענקט פֿון אויסנווייניק. ער האָט מיט ביטערניש גערעדט, ווי ער וואָלט זיך באַמיט אַרויסצושלאָגן קאַספּערן פֿון קאָפּ די מאַניע צו זאָגן ליגנט. ער האָט בשום אופֿן נישט געלאָזט זיך איבעררייסן, אַז דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרשריבן, איז נישט אמת און קאַספּער האָט קיין ליגנט נישט געזאָגט. דאָס איבערשפּאַרן האָט, לויט קוואַנטס מיינונג, געהייסן פֿאַרטאַפּלען די עבֿירה פֿון ליגנט־זאָגערײַ. צום סוף האָט קאַספּער, אונטער דער לאַווינע פֿון ווערטער, וואָס איז מיט אַן אייגנטאָניק געוויש געפֿאַלן אויף אים, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פֿון פֿאַרמאַטערונג; די ניין מאָס רייד האָבן אים פֿאַרשויבט און דערדריקט. שטעלן אַ ווידערשטאַנד איז געווען אוממעגלעך — ער וואָלט פֿאַרגרעסערט און פֿאַרדרייפֿאַכט דעם שטראָם ווערטער. די שווייגנדיקע גלײַכגילטיקייט איז אָנגעגאַנגען פֿאַר עקשנות און געפֿאָדערט נײַע מוסר־רייד!... דאָס איז געווען אַ פֿאַרכּישופֿט ראָד... מען האָט געמוזט רעזיגנירן, איבערטראָגן די פּײַניקונגען אין דער האָפֿנונג, אַז דער רעדנדיקער וועט ענדלעך מיד ווערן און אַוועקגיין.

— אַך! קאַספּער, ווי טיף איך ווייטיק איבער דײַן ירידה. איך באַמי זיך מיט אַלע כּחות אויסצוואָרצלען פֿון דיר די מיאוסע אײַנגעשאַפּט, וואָס איז דער אָנהויב פֿון אַלע פֿאַרברעכנס אויף דער וועלט און דו פֿאַרפֿלאָנטערסט זיך וואָס אַמאָל מער אין דער געוווינהייט צו זאָגן ליגנט, דו זאָגסט שוין איצט ליגנט אָן שום באַדאַרף. איך וויל דיר געבן אַ קליינעם בײַשפּיל. מיט צוויי חדשים צוריק האָב איך געזאָגט בײַם מיטיק, אַז דער גענעראַל־קאָמיסאַר האָט זעכצן אייניקלעך. דו האָסט אויסגעבעסערט: נײַנצן. איך האָב אויפֿגעוויזן, אַז ס'איז פֿאַלש. דו האָסט דערויף געזאָגט, אַז אַזוי האָט מען גערעדט בײַם דירעקטאָר וואָרם. איך האָב עס

אױסגעפֿאָרשט. עס האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז די בהמה קײנמאָל דאָרט ניט געװען. די האָסט דיך דערמיט געװאָלט באַרימען, אַז מען האָט דיר אױפֿגענומען אױף אַן אָװנט בײַם דירעקטאָר טאָורם.

— אָבער ער האָט דאָך גענצען אײַניקלעך!

— איך האָב אױסגעפֿאָרשט — אַלצען! עס גײט מיר אָבער ניט װעגן דעם דאָזיקן גאָרנישטדיקן אונטערשיד — עס גײט מיר װעגן עצם פֿאַקט פֿון זאָגן ליגנט. די ביזט ניט געװען בײַ װאָורמען אױף קײן אָװנט.

— אפֿשר אױף פֿרישטיק. געדענק איך דען, װאו מען האָט גערעדט װעגן די אײניקלעך — האָט דאָס יונגל געזיפֿצט.

— רײט מיר ניט איבער! זעסט — די באַנוצט שױן אַ נײַע מעטאָדע: איז ניט קײן אָװנט — איז אַ פֿרישטיק! אָבער ניט װעגן דעם האַנדלט עס זיך. דאָס זענען קלײניקײטן... די דאָזיקע קלײנע ליגנס רעכן איך שױן ניט. אָבער...

דאָ האָט זיך קװאַנטש קול אױפֿגעהױבן צו אַ פֿײערלעכער ערנסטקײט. ער איז אױפֿגעשטאַנען. זײַן שאָטן איז ליכט פֿון דער לאָמפּ האָט זיך ריזיק פֿאַרגרעסערט אױף דער װאַנט. קאַספּער האָט געקוקט אױף דעם דאָזיקן שאָטן, װי אױף אַ גײַסטערהאַפֿט שרעקעװדיק געשטאַלט.

— קאַספּער הױזער! דערמאָנסטו זיך, װי איך האָב דיר דעם פֿאַרגאַנגענעם װינטער געװאָרנט ניט צו לײענען פֿײערבאַכס בראָשור? און געװאָרנט האָב איך דיר פֿאַר דײַן טובֿה־װעגן!... איך האָב געװאוסט, אַז דאָס איז סם פֿאַר דײַן נשמה. דער סם װעט צעברעכן דײַן קרענקלעכע פֿאַנטאַזיע און דיך טרײַבן אױף אַ פֿאַלשן װעג. קוק אַרײַן אין דײַן נשמה, קאַספּער, לײג אַרױף די האַנט אױפֿן האַרץ און זײַ זיך אײנמאָל אָפֿן, אױפֿריכטיק מודה, אַז איך בין געװען גערעכט.

קאַספּער האָט אױף אים געקוקט מיט אַן אָפּגעשטאָרבן אױג.

— אױסגעצײכנט! די שװײַגסט? — איך װיל דיך ניט צװינגען צו ענטפֿערן. אָבער זע אַלײן דעם פּועל־יוצא. ער איז שרעקלעך. אָט איז װידער שטיל געװאָרן אַרום דיר: די מענטשן

האָבן זיך אָפּגערוקט פֿון דיך און זיך אויפֿגעהערט צו אונטערע-
פֿירן מיט דײַן פּערזאָן. ווידער איז אַזוי שטיל, ווי דאַמאָלט, אײַ-
דער עס איז אויסגעפֿירט געוואָרן אויף דיר אין דוימערס גאָרטן
דער בלומרשטער אָנפֿאַל, וואָס האָט דיר אַזוי פּאָפּולער געמאַכט.
באָטש קײנער האָט נישט געזען קײן סימן פֿון מאַסקירטן אָנפֿאַלער
מיטן שטילעט — האָבן דיר מענטשן געגלויבט. דאָס איז געווען
אַ ווײַטערדיקער שײנער המשך פֿון דער געשיכטע פֿון וועכטער,
וואָס איז דער אונטערערדישער תּפֿיסה לערנט ער שרײַבן און
לײענען זײַן אַרעסטאַנט. און דאָך — זע אַלײן, פּראָפֿעסאָר דוי-
מער האָט דיך פּונקט דאַמאָלט געהײסן מוחל זײַן פֿון זײַן וואוינונג.
ער האָט אודאי געוואוסט, פֿאַרוואָס ער האָט עס געטון. און הײַנט
— נעם עס דיר גוט אין קאָפּ אַרײַן — האָבן דײַנע אײַנפֿלוסרײַכע
פֿרײַנט פֿאַרלאָזט אונזער וועלט. עס איז שוין מער נישטאָ פֿײַער-
באַך, לאָרד סטאַנהאָפּ, פֿרוי בעכאָלד... זעסטו דערין נישט קײן
צײכן פֿון הימל? וואָס פֿאַר אַ זין האָט צו זײַן פֿאַרשטעלט הײַנט,
ווען דו ביזט שוין דערוואַקסן, ווען דו דאַרפֿסט ווערן אַ נוצלעכער
מענטש פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿאַרדינען אויף דײַן לעבן?!...
עפֿן מיר דײַן נשמה, קאַספּער. רעד, לאָמיר דיך הערן. כאָטש
אײַנמאָל ווײַז פֿאַר מיר אַן אָפֿן האַרץ!

— וואָס האָב איך דען אײַך צו זאָגן? — האָט דאָס יונגל
געקרעכצט, קורטשנדיק זיך, ווי אַ זקן. אויף זײַן שטערן האָבן זיך
באַוויזן זקנה-קנײטשן צוליב דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין זײַן
קאָפּ. וואָס וויל דער מענטש פֿון מיר? — האָט געקלינגען אַ
האָפֿנונגסלאָזע פֿראַגע אין דער תהומותדיקער טיפֿעניש פֿון זײַן
געפּײַניקטער נשמה.

— דעם אמת! נאָר דעם אמת! — האָט דער פּראָפֿעסאָר
אים באַשוואוירן, לײַגנדיק אַ שווערע האַנט אויף זײַן אַקסל. —
הויזער! מיט צער קוק איך אויף דיר. איך זע דאָך, ווי דאָס גע-
וויסן פּײַניקט דיך. דו זעסט שלעכט אויס — דו ביזט געפֿאַלן
בײַ זיך. דו ביזט מיר אַ שאָד! הויזער! גלײַך דיך אויס! הויב
אויף דעם קאָפּ מיט דעם שטאָלץ פֿון אויפֿריכטיקײט! זאָל כאָטש
שוין אײַנמאָל אַ לײַכט טון די זון! מוט! צוטרויען! אמת! —

האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביים לאַץ פֿון סורדוט, נעבן האַלדז, ווי ער וואָלט אים מיט כּח געצוווּנגען זיך מודה צו זיין.

— וועלכן אמת ?

— איך וועל דיר העלפֿן, מיין יונגל ! דאַמאָלט, אין נאָרימבערג, האָסטו געוויזן עפּעס אַ בריוו — אין טאַש האָסטו דאָן געהאַט אַ בּיכל. ווער האָט צו דיר געשריבן דעם בריוו ? ווער האָט דיר אַריינגעלייגט אין דער טאַש יענץ בּיכל — עפּעס אַ ווערק פֿון אַ מיטלאַלטערלעכן נלח ?

— דער מענטש, ביי וועלכן איך בין געווען.

— דאָס ווייס איך. אָבער האַלט מיך נישט פֿאַר קיין אידיאָט, וואָס וועט דיר גלויבן, אַז דו ווייסט נישט, ווי יענער הייסט. זאָג : איז דאָס געווען דיין פֿאָטער ? — אַ ברודער ? — אַ פֿעטער ? — אַ פֿאַרוויילונגס=חבר ?... שטעל דיר פֿאָר, אַז דו שטייסט פֿאַרן כּילבות השמים, וואָס פֿרעגט דיך, כּדי צו פֿאַרגרינגערן דיינע זינד : וואו איז דיין פֿאָטערלאַנד ? ווער האָט דיר געגעבן דעם פֿאַלשן נאָמען ? (דעם אמתן האָסטו דאָך באַהאַלטן) ווי רופֿט מען דיך ? ווער האָט דיך קליינערהייט געלערנט זאָגן ליגנט ? נעם אָן, אַז גאָט אַליין פֿרעגט דיך. וואָס וואָלסטו אים געענטפֿערט ?

קוואַנט האָט שווער געאָטעמט. ער איז געבליבן הענגען צווישן מורא און האָפֿנונג. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז שוין נאָנט ביים עפֿענען די פֿאַרמאַכטע שלעסער פֿון רעטעניש. אין קאַספּערן איז דאָס בלוט פֿאַרגליווערט געוואָרן, די אָדערן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן אויפֿן שטערן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און הויך געזאָגט :

— איך וואָלט געענטפֿערט : „דו ביזט נישט קיין גאָט, אויב דו שטעלסט מיר אַזעלכע פֿראַגן !...

קוואַנט האָט אַזש אַ פּאַטש געטון אין די הענט פֿון איבערראַשונג :

— גאָט=לעסטערער ! אַוועק פֿון מיר ! פֿאַרשאָלטענער גייסט פֿון ליגנט ! פֿאַרסם מיר נישט מער די לופֿט פֿון מיין הויז !

און ער איז אַרויסגעלאָפֿן, ווי אַן אָפּגעבריטער. כּמעט אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געוואָרפֿן אונטער דער דעק. ער איז

קויב אין דער פרי איינגעשלאָפן. אָבער נאָך דעמזעלבן טאָג, זענדיק ביים פרישטיק קאַספּערן מיט אַ פּאָר איינגעפאַלענע בלאַסע באַקן און אויגן מיט טיפע, בלויע רענדער, — צייכנס פון שלאָפלאָזיקייט, האָט ער זיך געפרווט מיט אים איבערבעטן.

— אָ! — האָט ער געחוזקט — איך האָב זיך היינט דערוואוסט פון בריוו-טרעגער, אַז דעם גענעראַל-קאָמיסאַר איז צוגעקומען אַ קינד. די ביזט געווען גערעכט, קאַספּערל. עס זענען דאָ צווינצען אייניקלער.

קאַספּער האָט גאָרנישט געענטפערט. פרוי יעטע האָט אים שמייכלענדיק אויפמערקזאַם געמאַכט:

— דו עסט גאָרנישט. דאָס איז נישט שיין. שמעקט דיר נישט דאָס עסן ביי מיר?

— איך בין שוין זאַט — איידער איך האָב אָנגעהויבן צו עסן בין איך געווען זאַט!... — האָט ער טרויעריק געענטפערט.

צום מיטיק איז קוואַנט געקומען שרעקלעך אויפגערעגט. ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם שמייסער, אַז ער שלאָגט צו שטאַרק אַ פערד. דער שמייסער האָט אים געענטפערט, אַז ער זאָל זיך נישט מישן אין זיינע פערד, ווי ער מישט זיך נישט אין זיינע שילער און צום סוף האָט ער צוגעגעבן: „גייט צום טייוול!“..

דער לערער האָט באַשלאָסן אין נאָמען פון מענטשלעכקייט צו פערד אָנצוקלאָגן דעם באַרבאַרישן שמייסער. ער האָט זיך געריבן די הענט און געזאָגט:

— עס וועט אים נישט אויסמיידן די גערעכטע שטראָף. צום גליק קען איך זיין נאָמען.

ער האָט אָנגעשריבן אַן אָנקלאָגע און זי געשיקט מיט קאַספּערן צו היקלען. קאַספּער איז צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אַז דער אָפיציר איז אַוועקגעפאָרן אויף אורלויב, וואָס וועט דויערן עטלעכע וואָכן.

Aenigma sui temporis

דעם אַנדערן טאָג, פֿרײַטיק, דעם 13. דעצעמבער, אַ זײגער נאָכמיטיק, איז מאָמענט, ווען קאַספּער, האָט, ענדיקנדיק די „איבער־שעהן" צוליבן איבערפֿלוס פֿון אַרבעט, פֿאַרלאָזט דעם געריכטס־בנין, האָט אים אין ליידיקן קאָרידאָר עמיצער אונטערגעיאָגט, רופֿנדיק מיט אַ פֿאַרשטיקט קול:

— הער הויזער! איין וואָרט!

דער אומבאַקאַנטער איז געווען פֿון הויכן וווקס, האָט געטראָגן אַ שוואַרצע באָרד און באַקנבערד. ער איז געווען עלעגאַנט געקליידעט, בכלל האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַן אַדלמאַן. אין זײַן קול האָט זיך געפֿינען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגערופֿן דרך־ארץ און אויפֿמערקזאַמקייט.

— איר זענט קאַספּער הויזער. נישט אמת?... אָבער מאָרגן וועט איר עס נישט זײַן. וואַרף אַוועק דעם דאָזיקן נאָמען. אַ, ווי גערירט איך בין אָנקוקנדיק דיך צום ערשטן מאָל. פֿירשט! מײַן פֿירשט! דערלויב מיר צו קושן דײַן האַנט.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און מיט דרך־ארץ אַ קוש געטון קאַספּערן אין האַנט. קאַספּערן האָט אויסגעפֿעלט ווערטער. ער האָט געפֿילט, אַז זײַן האַרץ הערט אויף צו שלאָגן. דער אומבאַקאַנטער האָט גערעדט שנעל, מיט אַ טאָן פֿול פֿאַרערונג:

— איך קום פֿון הויף — אַלס שליח פֿון דײַן מוטער — צו דיר! איך רעכן, אַז דו ביזט גרייט צו דער רייזע. אָבער מיר מוזן זיך היטן. מען דאַרף מורא האָבן פֿאַר גרויסע שטערונגען אויף אונזער וועג. דו וועסט אַנטלויפֿן מיט מיר, פֿירשט. אַלץ איז גרייט. עס איז פֿאַרהאַן בלויז איין פֿראַגע: ווילסטו צו מיט

האָבן דאָס פֿולשטענדיקע צוטרויען און צי קען איך רעכענען, אַז דו וועסט שווײַגן, שטאַרק שווײַגן?

וואָס האָט קאַספּער געזאָלט ענטפֿערן? ער האָט אָנגעקוקט דאָס פּנים פֿון מאַן, וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זײַן אַ דערהאַבענע, אומגעווײַנטלעכע, שײַנע לעגענדע. אויפֿן פּנים האָבן זיך געפֿינען שוואַכע צײַכנס פֿון פּאָקן און דערמיט עס געמאַכט אויסזען נאָך מער אָריגינעלער.

— שווײַגן האָט פֿאַר מיר אַ גרויסע באַדײַטונג — האָט דער פֿרעמדער געזאָגט. אָט איז דער פּלאַן: מאָרגן אַ זײַגער פֿינף נאָכמיטיק דאַרפֿסט איר זיך געפֿינען אין פּאַרק, אין דער לינדן־אַלײ... בײַ די רואינען פֿון דעם וועכטערס אַלטן הײַזל. פֿון דאָרט וועט דיך עמיצער פֿירן צו אַ קאַרעטע, וואָס וועט וואַרטן אין יענער געגנט. די צופֿאַלנדיקע בין־השמשות־טונקלקײַט וועט פֿאַרלײַכטערן אונזער פּליטה. קומט געווײַנטלעכער אָנגעטון, אָן אַ מאַנטל, כּדי נישט צוצוציִען קײנעמס אויפֿמערקזאַמקײַט. אַ פּאַסיקער קאָסטיום פֿאַר דיר וועט זיך געפֿינען אין דער קאַרעטע. אויף דער ערשטער אויסלענדישער סטאַציע, וואו מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָך דרײַ שעה פֿאָרן, וועסטו, פֿירשט, זיך איבערטון. אַזוי ווי דו קענסט מיך נישט און האָסט רעכט נישט צו גלויבן מיר אויפֿן וואָרט, וועל איך דיר, אײדער דו וועסט אײַנשטײַגן אין דער קאַרעטע, ווײַזן אַ צײכן, וואָס וועט דיך פֿאַרזיכערן, אַז איך בין דײַן מוטערס שליח!

קאַספּער האָט זיך געוואַקלט אויף די פֿיס, ווי אַ ווינט וואָלט אים געטרײסלט. זײַן גוף האָט געציטערט ווי אין פֿיבער. עמיצער האָט אים גערופֿן „פֿירשט“!...

— איז עס אָפּגעמאַכט?... האָב איך אין דער באַשטימטער שעה צו וואַרטן אויפֿן באַשטימטן אָרט?

די פֿראַגע האָט געמוזט איבערגעחזרט ווערן. קאַספּער איז נישט בכּוח געווען אַרויסצורעדן אַ וואָרט, ווי עפּעס וואָלט אים געשטיקט אין האַלז. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אײנמאָל און צווײ מאָל. דער אומבאַקאַנטער איז שנעל אַראָפּגעלאָפֿן פֿון אַלע טרעפּן און אין אַ ווײַל אַרום איז ער פֿאַרשוווּנדן.

קאַספּער איז געקומען צו זיך. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די ערד ציטערט אונטער אים. האָט ער געפֿילט פֿרייד?.. אָיב יאָ — פֿאַרוואָס מאַכט די פֿרייד אַזוי אויפֿציטערן, ווי דער שרעק?... ער האָט זיך ביי יעדע פּאָר טריט אָפּגעשטעלט. ער האָט געטראַכט: פֿאַרוואָס טרעטן מיר די מענטשן נישט אָפּ דעם וועג? פֿאַרוואָס שרייט אַזוי דער ווינט און פֿאַרוואָס שטעלט אַזוי דער שניי? ער האָט פּלוצלינג אָנגעקוקט זיין האַנט אויפֿן אָרט, וואו דער אומבאַקאַנטער האָט געקושט. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס די אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן וואַשן, העמדן, ביינען אַזוי גוט ווי שטענדיק, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען! צוגלייך האָט ער מיט יעדן טראָט דערפֿילט, ווי טיף אין דער נשמה הויבט זיך אויף אַ פֿרייד דערפֿאַר, ווייל יעדער טראָט הייסט אָפּפֿלום פֿון צייט. ער איז אַהיימגעקומען דורך דער קיך און געזאָגט דער מאַמען, אַז ער וועט נישט עסן, ווייל ער פֿילט זיך נישט געזונט. ער האָט זיך פֿאַרשלאָסן אין זיין צימער, האָט אַ בליק געטון דורכן פֿענצטער און פֿון זיין מויל האָבן זיך אַרויסגעריסן די ווערטער: „דער דוקאַטום איז געקומען! און די טרערן זענען אַראָפּגערינען אויף זיינע באַקן.

געדאַנקען האָבן זיך געיאָגט אין זיין מח, ווי ווילדע פֿייגל ביי נאַכט. ער האָט געטראַכט: „ביז היינט — קאַספּער הויזער... אַ שרייבערל... און מאָרגן וואָס? — אפֿשר אין אַ בלויען מאַנטל מיט אַ גאָלד-געהאַפֿטענעם קאָלנער, אפֿשר מיט אַ שווערד פֿון דמשק. דוקאַטום וועט זי מיר ברענגען. קאָן דאָס אָבער אַ ליגן אמת זיין?... — יאָ, עס איז אמת, ווייל אַזוי האָט געמוזט געשען!

ווען עס איז פֿינצטער געוואָרן, האָט ער אָנגעצונדן אַ ליכט. די ווירטין האָט געשיקט פֿרעגן, צי ער וועט נישט אַראָפּקומען אויף אָוונט-ברויט. ער האָט געבעטן, מען זאָל אים שיקן בלויז אַ גלאָז מילך און אַ שטיקל ברויט. זיין בקשה איז מען נאָכגעקומען.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַנק און געעפֿנט אַ שופֿלאָד. אַ כר ברייוו און פּאַפּירן האָט ער אַריינגעוואָרפֿן אין ברענענדיקן אויוון. ער האָט געברענגט אין אָרדנונג די ביכער און די שילער-העפֿטן. צום סוף האָט ער פֿון אַ פּודעלע, וואָס איז געלעגן טיף

אין דער שאַנק, אַרויסגענומען פֿון צווישן אַ סך אַלטע זאַכן אַ הילצערן פֿערדל, האָט עס אַרויפֿגעלייגט אויפֿן טיש און מיט אַ קינדערישער התפּעלות און האַרציקייט גענומען רעדן דערצו:

— עס ענדיקט זיך דיין לאַנגע דינסט ביי מיר, פֿערדל. איך וועל דיך אַריינפֿירן אין אַ זילבערנעם שטאַל אויסצורוען זיך!

מיר וועלן זיך נישט וואונדערן, וואָס ער האָט מיט אַזאַ פֿולן גלויבן, אָן פֿונק פֿון חשד, אָן שאָטן פֿון אומזיכערקייט מיטאַמאָל באַקומען צוטרוי צו אַ מענטש, וועלכער האָט אין פֿלוג געקאָנט אויסווייזן צו זיין נישט מער, ווי עפּעס אַ וויכטיקער אַוואַנטוריסט, וואָס פֿון זיין פּלאַן וואָלט אפֿילו אַ שול-יונגל געצויגן מיט די אַקסלען, אַ קינד וואָלט געלאַכט און אפֿילו אַ משוגענער וואָלט סקעפּטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ, — הגם עס קאָן אויסקומען מאָדנע, וואָס ער, קאַספּער, וועלכער האָט געזען אַזויפֿיל מענטשן, וואָס פֿון זיי איז די מאַסקע אַראָפּגעפֿאַלן, ווייזנדיק די פֿאַלשקייט פֿון אויפֿגערעקטן, אמתן פּנים, ער, וואָס האָט זיך געפֿינען אין די הענט פֿון מענטשן, ווי אַ נעסט מיט פֿייגל אין די הענט פֿון ווילדע חברהניקעס — האָט מיט אַזאַ פֿאַרטרויען זיך געגרייט צוצונעמען די האַנט, וואָס האָט זיך אויסגעשטרעקט צו אים פֿון דער פֿינצטערניש — אַ האַנט אַ קאַלטע און אַן אומבאַקאַנטע.

ער האָט דאָך אָבער אויף דער גאַנצער וועלט נישט געהאַט קיין שום אַנדערע האָפֿענונג, אַחוץ די דאָזיקע איינציקע האָפֿענונג. עס איז דאָ נישט געווען קיין רייד פֿון האָפֿענונגען, עס איז אפֿשר געקומען אַ פֿאַרשטענדלעכער געשעעניש, אַזוינס, וואָס האָט געדאַרפֿט קומען — עפּעס זיכערעס; אַזוינס, וואָס געפֿינט זיך הינטער די ווענט פֿון לעבן, ווי אַ תשובה, וואָס קיין שום ווערטער קאָנען נישט אויסדריקן, אַזוינס, וואָס מוז קומען, ווי ביינאַכט מוז די זון באַהאַלטן זיך...

אָ, ווי לאַנג די צייט האָט זיך פֿאַר אים געשלעפּט!... דער זייגער אויפֿן אַלטן קלויסטער-טורעם שלאָגט ערשט עלף... ער איז איינגעשלאָפֿן. ער איז נישט געווען זיכער, צי ער שלאָפֿט. ער האָט געהאַט אַ חלום, אַז ער וועקט זיך אויבער און שטייט פֿאַרן שפּיגל, און וועלכן עס געשען וואונדערלעכע זאַכן, וואָס זענען

נישט אין הסכּם מיט דער דורכגעמאַכטער ווירקלעכקייט: עס זענען געגאַנגען און געגאַנגען עפּעס ווײַסע געהיימנישפֿולע געשטאַלטן און אים אַרײַנגעשלעפּט אין דער טיפֿעניש פֿון שפּיגל. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס ער קאָן נישט צעשלאָגן די גלעזערנע וואַנט. די נאַכט האָט אין חלום אויסגעוויזן קיינמאָל נישט צו ענדיקן זיך...

ענדלעך האָט ער זיך אויפֿגעוועקט און זיך באמת איבערגעצײַגט, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַן אילוזיע. ער איז, ווי געווײנטלעך, אַוועק אין געריכט. ער האָט אויטאָמאַטיש דערלעדיקט זײַן אַרבעט. בעת עס האָט אויסגעשלאָגן די שעה, ווען די אַרבעט ענדיקט זיך, האָט ער געבראַכט אין אָרדנונג די אַקטן. ער איז רויִק אַהיימגעגאַנגען, באַשלאָסנדיק צו דערשטיקן אין זיך יעדעס געפֿיל פֿון גערירטקייט. בײַם מיטיק האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער הערט ערנסט דעם לערערס ווײַב, וואָס האָט געפּלוידערט וועגן דעם שאָדן, וואָס דער שטורעם-ווינט האָט אָנגעמאַכט. עמיצער איז געפֿאַלן, עמיצן איז דער דאַך אַראָפּגעריסן געוואָרן... ער האָט אויפֿגעגעסן עטלעכע לעפֿל זופּ. פֿון פֿלייש האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. ער איז זייער צופֿרידן געווען, וואָס קוואַנט האָט זיך נישט געפֿינען אויף מיטיק. דער לערער האָט הײַנט זיך באַטייליקט אין עפּעס אַ פּעדאַגאָגישער קאָנפֿערענץ, וואָס האָט זיך פֿאַרצויגן.

קאַספּער האָט איבערגעוואַרט אַ שעה אין זײַן צימער. איצט האָבן שוין די פֿיס געברענט אונטער אים. ער איז אַראָפּ אונטן און זיך געלאָזט צו דער אַרויסגאַנגס-טיר.

— וואוהין? — האָט פֿרוי יעטע געפֿרעגט.

— צום גענעראַל-קאָמיסאַר. איך האָב צו אים אַ קליינעם ענין.

— אָן אַ מאַנטל און אַזאַ קעלט? — האָט זי זיך געוואונדערט.

ער איז אַ ביסל צומישט געוואָרן.

— צום ווידערזען, פֿרוי פּראָפֿעסאָר.

אײדער ער האָט פֿאַרמאַכט די טיר, האָט ער נאָך געוואָרפֿן אַ געזעגנונגס-בליק אויף די אינעווייניקסטע טרעפּן, וואָס האָבן געפֿירט צו זײַן צימער, — אויף דער קרעדענס מיט די ציגענע

טעלערס אויף די פּאַכן, אויף דער קאַץ, וואָס האָט געדרימלט אויף דער אַלטער צעראַטענער סאָפע. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז נאָך קיינמאָל נישט האָט ער געזען אַלץ אַזוי קלאָר און ליב. הינ־טערן טויער האָט ער זיך צעלאַכט מיט דערלייכטערונג.

— דעם לערער וועל איך שפּעטער שיקן אַ בריוו — האָט ער געטראַכט, — ניין! איך וועל בעסער קומען צו פאָרן אום פּרי־לינג. איך וועל קומען צופאָרן נאָכמיטיק, בשעת ער גייט זיך אין דער היים. וועט ער זיך באַווייזן אויף דער שוועל וועל איך אים די האַנט נישט דערלאַנגען. איך וועל זיך מאַכן פאַר אַן אומבאַקאַנטן. ער וועט מיך נישט דערקענען אין מיין נייער קליידונג. ער וועט זיך פאַרבויגן מיט אַ נידריקן גרוס און זאָגן:

— מיט וואָס קען איך דינען, עקסעלענץ?

איך וועל אַריין אין עס־צימער און ערשט דעמאָלט וועל איך אים זאָגן:

— פּראָפעסאָר איר דערקענט מיך נישט?

דעמאָלט וועט ער פאַלן אויף די פיס. איך וועל אויסציען צו אים אַ האַנט און אים זאָגן:

— זעסט, דו ביזט נישט געווען גערעכט!... רופט אייערע קינדער און שיקט נאָך דעם אָפּיציר הוקעל.

די קינדער וועל איך געבען מתנות און צו הוקלען וועל איך גאָרנישט רעדן, איך וועל בלויז אויף אים קוקן — קוקן — קוקן...

דער קירכע־זייגער האָט געשלאָגן האַלב פינף. עס איז נאָך געווען צו פרי... ער האָט גענומען זיך דרייען אַרום פּאָסטאָרס הויז און עס אָנגעקוקט מיט אַ גאָטפאָרכטיקן בליק. ער איז אַדורכגעגאַנגען דעם פּלאַץ, אויף וועלכן אין דער אינציקער צייט האָבן זיך קיין מענטשן נישט געפינען. עס איז געווען קאַלט, ער האָט זי אָבער נישט געפילט, ווייל אויף זיין נשמה האָט גע־ברענט אַ פייער. בערך אַ פערטעל שעה האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די שמאָלע געסלעך נעבען שלאָס. ביי דער אַפּטייק האָט אים עמיצער גערופן. דאָס איז געווען דער נעכ־טיקער אומבאַקאַנטער. ער האָט געטראָגן אַ פוטער מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָלנער. ער האָט זיך באַגריסט מיט אַן אויס־

געזוכטער העפלעכקייט. ער האט עפעס געזאגט. דער ווינט, וואס איז געקומען פון די שנייאיקע פעלדער ארום, האט אזוי שטארק געברומט, אז קאספער האט די ווערטער נישט געהערט. ער האט אבער פארשטאנען די באוועגונג. וואס האט איהם געבעטן, ער זאל גיין אונטער דעם אומבאקאנטן. זיי זענען ביידע געגאנגען צום אפגערעדטן ארט, איינער דערווייטער פון אנדערן מיט עטלעכע טריט.

ווען זיי האבן זיך געפינען ביי די שטאכליטן פון גארטן אין הויף, האט דער אומבאקאנטער געעפנט א טיר, כדי מיט כבוד פריער אדורכצולאזן קאספערן. אויפ'ן יונגלס פנים האט זיך באוויזן אן אויסדרוק פון אפ ריילעכער פארטראכטקייט, ווי ער וואלט אין דער איצטיקער רגע אריבערגעטרעטן דעם גבול פון זיין העכערער שליחות. דער דאזיקער אויסדרוק האט זיך אבער מאמענטאל געמוישט מיט א צווייטן אויסדרוק אויפ'ן געזיכט. אין אט דער רגע האט ער איבערגעלעבט א סך מיניטן פון דער ווייטער פארגאנגנהייט. דאס איז געווען א סימפטאם, ענליך צו דעם, פון וועלכן עס רעדן פסיכאלאגן, שילדערנדיק דעם גייסטיקן מצב פון א מענטש, וואס פאלט אראפ פון א הויכער טורעם: עס פליען איהם אדורך דורכן מוח בילדער, אין וועלכע עס שפיגלט זיך אפ דאס גאנצע לעבן.

קאספער האט, למשל, געזען דעם דערהרגעטן זינג-פויגל ליגן אויפן טיש אין פרוי בעכאלדס וואוינונג; דערנאך האט ער מאדנע דייטלעך געזען די כלי, פון וועלכער ער האט געטרונקען וואסער אין דער תפיסה; דערנאך דאס קייטל, וואס סטאנהאפ האט איהם געשאנקען; צום סוף איז אין א קלארער וויזיע געשטאנען פאר איהם דער זאל פון נארימבערגער שלאס. אין וועלכן עס האט איהם אמאל ארייגעפירט דער פראפעסאר דוימער, און וועלכער האט אנטציקט זיינע אויגן.

געפינענדיק זיך אויף א קרייץ-וועג, האט קאספער באמערקט צוויי מענטשן אין די צווייגן. די קעלנער פון זייערע מאנטלען זענען געווען הויך אויפגעהויבן און די פנימער איז נישט מעגלעך געווען צו זען.

— האָס זענען דאָס פֿאַר אַ מענטשן? — האָט ער געפֿרעגט, וואַקלדיק זיך אַ ווײַל.

דער אומבאַקאַנטער האָט געמאַכט אַ באַרואַיקנדיקע באַוועגונג:

— אונדזערע!... זיי הוטן...

— און וווּ איז די קאַרעטע? — האָט ער ווײַטער געפֿרעגט.

— דאָרט. זיי ווײַזן אונדז דעם וועג!...

קאַספּער האָט געמאַכט עטלעכע טריט פֿאָרויס אַ באַרואיקטער. די אומבאַקאַנטע האָבן עפּעס געזאָגט צו דעם מיט די צייכנס פֿון פּאָקן אויפֿן פּנים.

דער לעצטער איז צו צו זיי און עפּעס געשמועסט. יענע צוויי לײַט זענען אַמריבער אויף דער צווייטער זײַט אַליין און זיך אָפּגעשטעלט. דער מאַן מיט די פּאָקן-צייכנס האָט זיך צוריקגעקערט צו קאַספּערן, וואָס איז געבליבן שטיין אויפֿן אָרט.

— אַלץ איז אין אָרדנונג! — האָט ער געזאָגט. מיר קענען זיין. קודם-כל מוז איך דיר געבן דאָס...

ער האָט אַרײַנגעטון די האַנט אין דער קעשענע-מאַנטל, אַרויסגעצויגן אַ זעקעלע פֿון אַ בלויער פֿאַרב און דערלאַנגנדיק עס קאַספּערן, צוגעגעבן מיט אַ פֿאַרשטיקט קול:

— עפֿן עס, פֿירשט. וועסט געפֿינען אַ סימן, אַז דײַן מוטער האָט מיך דאָ אַהערגעשיקט.

בעת קאַספּער איז געווען פֿאַרנומען מיטן אויפֿבינדן די זײַדענע שנור פֿון זעקל, — האָט אין דער האַנט פֿון פֿרעמדן אַ בליטש געטון עפּעס אַ לאַנגער געגנשטאַנד, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן און בליצשנעל און מיט כּח געפֿאַלן אויף דער ברוסט פֿונם אומגליקלעכן יונגל.

— וואָס איז דאָס? — האָט קאַספּער געטראַכט אַ צוטומלטער. — עפּעס קאַלטס פֿיל איך אין מײַן לײַב... אַך, גאָט! עס איז שלעכט! — ער האָט זיך אַ וואַקל געטון און אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד דאָס זעקל:

אַך, רבונו של עולם...— ער וויל אָנכאַפּן עפּעס, צו קענען זיך אָנשפּאַרן — ער קען נישט! אַ נעפּל פֿאַרשטעלט אים די אויגן...

ער ווײל שרײַען — ער קען נישט! דאָס קול שטאַרבט אים אָפּ אין האַלדז. ער וויל בעטן דעם אומבאַקאַנטן, ער זאָל אים העלפֿן אויפֿשטעלן זיך — ער איז שוין אָבער נישטאָ — פֿאַר אַ רגע האָט ער דאָך געזען זײַנע פֿיס... ער עפֿנט ברייט אויף די אויגן — דין טונקלקייט פֿאַרשווינדט. קיינער פֿון אַלע דרײַ איז שוין נישטאָ...

ער איז געקראָכן אויף אַלע פֿיר לענג־אויס די צווייגן. דעם קאָפּ האָט ער אַראָפּגעלאָזט, ער שיצט זיך דאָס פּנים פֿאַר דעם ווינטער, וואָס וואַרפֿט אַרויף אויף אים דעם שניי־שטויב. ער האָט זיך אַנידערמעזשעט און גענומען זוכן אַ לאָך אין דער ערד צו באַהאַלטן זיך. די פֿראָסט נעמט דורך דאָס לײַב ביז צום מאַרך פֿון די ביינער... ער וואָלט געוואָלט זען, וואָס געפֿינט זיך אין דעם דאָזיקן זעקעלע — עס איז פֿאַרשווונדן... די ציין טרייסלען זיך, זיי קלינגען אויס דאָס וואָרט „דוקאַטום".

דאָס דאָזיקע וואָרט ווירקט, ווי כּישוף. עס ווערט אים לײַכטער. ער איז אויפֿגעשטאַנען... ער קען גיין... נאָך עטלעכע וואַקלענדיקע טריט האָט ער אָנגעהויבן צו לויפֿן. עפּעס אַ מאַכט גיט אים פֿליגל... ער לויפֿט צום טויער פֿון פּאַרק — דערנאָך דורכן שלאָס־פּלאַץ — ווײַטער דורכ'ן מאַרק נעבן דער קירכע — ער לויפֿט... לויפֿט... לויפֿט...

אַ נאַסער איז ער אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן הויף פֿון קוואַנטס הויז. ווײַטער קען ער נישט גיין. שווער סאַפּנדיק האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט בײַ דער וואַנט. די ערשטע האָט אים דערזען די קעכין. אַן איבערראַשטע פֿון זײַן אויסזען האָט זי אויפֿגעהויבן אַ געשרײַ. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן קוואַנט; הינטער אים — זײַן פֿרוי. קאַספּער האָט זיי אָנגעקוקט מיט אַ פֿאַרגלייווערטן בליק. ער האָט גאָרנישט געזאָגט. מיט אַ פֿינגער האָט ער בלויז געוויזן אויף דער ברוסט.

— וואָס איז געשען? — האָט קוואַנט אויסגערופֿן.

— אין הויף־פּאַרק... האָט מען מיך געשטאָכן... — האָט קאַספּער אַרויסגעשטאַמלט.

קוואַנט האָט אַ שמייכל געטון!... מיר האָב געזען, ווי ער האָט געשמייכלט! אויב די יאָרהונדערטער, אָנגעטון אין פּורפּור,

זײַנע גאַנצע מלאָכים, װעלן קומען צו אונדז און באַשװערן בײַ אַלע הײליקײטן, מיר זאָלן נישט פֿאַרדרײען דעם אמת, װעלן מיר נישט קענען אַנדערש ענטפֿערן, װי מיט: „ער האָט אַ שמײַלט געטון" — מאָרנע געשמײכלט!

— װאָס האָט מען דיך געשטאָכן, ליבער?

און האָט קאַספּער געװיזן אויף דער ברוסט. דער לערער האָט אויפֿגעקנעפּלט זײַן מאַרינאַרקע, דאָס העמד, כּדי צו זען די װאונד. יאָ, עס איז געװען אַ צײכן, אָבער אַן אומבאַטײטנדיקער, און נישט קײן סימן פֿון בלוט. קײן װאונדן אָזבלוט זענען נישטאָ. דאָס איז װי אַ פֿעסטשטעלונג אָן באַװײַזן.

— מען האָט דיך, הײסט עס געשטאָכן. דו װעסט אַזױ גוט זײַן תּיכּף גײן מיט מיר אין פּאַרק און װײַזן דאָס אָרט, װאו דער אָנפֿאַל איז געשען. און װאָס האָסטו אײצט דאָרט געטון און אין אַזאַ װעטער? מאַרש! איך װעל דיר װײַזן! — די זאַך מוז תּיכּף אויפֿגעקלערט װערן.

דאָס יונגל האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן ענערגישן באַפֿעל. ער האָט זיך װידער געשלעפּט מיטן לערער אויף דער גאַס. דער לערער האָט אים אָנגעהאַלטן, װײַל קאַספּער איז געגאַנגען װי אַ לאָמער; ער האָט זיך אַפֿילו יעדע פּאָר רגעס אָפּגעשטעלט.

דער לערער האָט איבערגעריסן דאָס שװײַגן מיט אַ גיפֿטיקער באַמערקונג:

— דאָס איצטיקע מאָל ביזטו באַגאַנגען אַ שוידערלעכע נאַרישקײט. דײַן איצטיק „שטיקל" װעט זיך נישט ענדיקן אַזױ גוט, װי בײַם לערער דױמער. איך קען עס דיר באַשטעטיקן אויפֿן פּאַפּיר.

קאַספּער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטון אויף אים און געזאָגט:

— גאָט זעט!

— נו, מאַך נישט קײן אָנשטעל!... איך װײס, װאָס איך רעד. גאָט־לעסטערער דאַרפֿן נישט אָנרופֿן גאָטס נאָמען, װען מען

גלויבט זיי נישט. זיי זיך מודה: דו האסט אונדז געוואלט אביס איבערשרעקן... ווער, צום טייוול, דארף דיך שטעלן? און צו וואס? צוליב דיינע פאר גראשן אין דער קעשענע. נארישקייטן!... שנע-לער, הויזער... כ'האב נישט קיין צייט.

— איך וויל... געפינען... דאס זעקעלע!... — האט קאספער געמורמלט.

— וואס פאר א זעקעלע?

— פון דעם מיגמש, וואס האט עס מיר געגעבן!

— הויזער! הויזער! דאס שרייט דאך אויף נקמה צום הימל. די מיינסט טאקע, אז איך גלויב אין דיין באבע-מעשה וועגן עפעס אן אומבאקאנטן מאן! נאריש קינד, דו רעדנסט, אז כ'גלויב אין דעם אנפאל! זיי זיך מודה! — האסט דיך אליין געשטאכן... איך וועל קיינעם נישט דערציילן, אויב דו וועסט מיר זאגן דעם אמת — און מיינע רעכט וועל איך פארמוישן אויף חסד.

קאספער האט געוויינט. פלוצלינג איז ער אנידערגעפאלן. קוואנט איז געווארן פארדאגהט. עס האבן זיך געפינען פארביי-גייער, וואס האבן זיך אונטערגענומען אפצופירן דאס יונגל אהיים, ווייל קוואנט האט דערקלערט, אז ער מוז דערוועגן מודיע זיין דער פאליציי-ביורא. מען האט געמוזט אפווארטן ביז קאספער וועט קומען צו זיך. ער איז געקומען צו זיך, אבער שפעטער איז שווער געווען צו באוועגן אים, ער זאל גיין.

די דאקטוירים האבן שפעטער געצויגן די אקסלען פון פאר-וואונדערונג, וואס קאספער האט מיט א שרעקלעכער וואונד אין דער ברוסט באוויזן אדורכצולויפן דעם וועג פון פארק צום לערערס הויז, און פון דארט צוריק צום שלאס-פלאץ, קוים אנגעשפארט נעבן קוואנט, און ענדלעך צום רדיטן מאל — אהיים, ווערנדיק דאסמאל כמעט געשלעפט פון מענטשן. צוזאמען איז ער אפגע-גאנגען זעקסהונדערט טריט.

קוואנט איז געקומען אין ראט-הויז אין א געדריקטער שטי-מונג. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער באאמטער האט אן בירגער-מייסטערס באפעל נישט געוואלט צוזאמענשטעלן קיין פראטאקאל. און דער בירגערמייסטער האט זיך געפינען הינטער דער שטאט

אין אַ ביער-האַלע, וואָס האָט געפֿינערט אַ פֿינפֿציק-יעריקן יובי-
לעאום. קוואַנט האָט אים דאָרט געטראָפֿן אין אַ קרייז פֿון באַ-
רימטע ביער-טרינקער. נאָך לאַנגע ספֿקות, פֿאַרוואונדערונג, דעַ-
באַטן, השערות האָט ער זיך צום סוף אַנטשלאָסן צוזאַמענצושטעלן
אַ פּראָטאָקאָל ביי לאַמטערנס און לוכט. אויבער עטלעכע שעה
נאָכן פֿאָרפֿאַל, איז דער פּאָליציי-אַקט איבערגעגעבן געוואָרן דעם
אויספֿאָרשונגס-ריכטער, כּדי אונטערצונעמען אַ חקירה-ודרישה.
קוואַנט איז געווען פֿאַרוואונדערט, טרעפֿנדיק אין דער היים
עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט גערעכנט מיטן וועטער און
געקומען אויספֿרעגן זיך וועגן קאַספּערס געזונט. די דאָזיקע פּער-
זאָנען האָבן געהערט צו פֿאַרשידענע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט.
זיי האָבן אין אַ טרויעריק שווייגן געוואַרט אויפֿן דאָקטאָרס וואָרט.
קוואַנט איז אַוועק אין קאַספּערס צימער אין דער הויף. עס האָט
זיך דאָ געפֿינען דער דאָקטאָר האָרלאַכער. ער איז אַקאָרשט
אַוועקגעגאַנגען פֿון קראַנקנס בעט — נאָכן באַקוקן די וואונד.
— נו? וואָס? — האָט אים קוואַנט צוגעשלעפּט צום פֿענצ-
טער.
— די וואונד איז נישט קיין ערנסטע! — האָט דער דאָק-
טאָר געענטפֿערט.
— איך האָב באַלד אַזוי געטראַכט.
עס איז אַריינגעקומען דער מלוכה-ראַט האָפֿמאַן. ער האָט
אויפֿגעהויבן אין דער הויף אַ זעקל פֿון אַ בלויער קאָליר, וואָס אַ
פּאָליציאַנט האָט געפֿינען אויפֿן אָרט פֿון אומגליקס-פֿאַל.
— קענסטו עס? — האָט ער קאַספּערן געפֿרעגט. דעם
קראַנקנס אויגן האָבן היים נאָכגעפֿאָלגט די באַוועגונגען פֿון מלוכה-
ראַטס פֿינגער, וואָס האָבן פֿונאַנדערגעוויקלט דאָס זעקעלע. האָפֿ-
מאַן האָט דערפֿון אַרויסגענומען אַ צעטעלע, וואָס איז געווען
איינגעלייגט אין פֿיר קנייטשן; עס האָבן זיך דערויף געפֿינען עפּעס
היראָגליפֿן.
— עס איז אוממעגלעך צו לייענען! — האָט דער ראַט געזאָגט.
— דאָס איז מאָדנע... קאַספּער קנייטשט איין זיינע ברייוו
אַקוראַט אַזוי, ווי דער ברייוו איז איינגעלייגט! — האָט פֿרוי קוואַנט

באַמערקט.

איר מאַן האָט צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַ שמייכל פון אַ מענטש, וואָס האָט אַלץ געטראָפן, האָט ער דערלאַנגט דעם ראַט האָפמאַנען אַ שפּיגעלע.

— דאָס איז שפּיגל־שריפט! — האָט ער צוגעגעבן.

— אַזוי... קינדערישע מעשות! — האָט דער ראַט געדרייט מיטן קאָפּ.

אינם שפּיגעלע האָט מען לייכט געקאָנט לייענען:

„קאַספּער הויזער וועט אייך דערציילן, ווי איך זע אויס. איך וויל אים איינברענגען אַרבעט, דער עיקר, ווייל ער וועט אפשר מוזן שווייגן און איך וועל אַליין פאַרראַטן מיין אָפּשטאַם. איך קום פון דער ביירישער גרענעץ, און כ'רוף זיך מ. ל. אָ.“

— די דאָזיקע אויפקלערונג קלינגט ווי חוזק! — האָט דער ראַט באַמערקט.

דער קראַנקער, וועלכער האָט מיט אָנשטרענגונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ, כדי איינצוהערן זיך לייענען דעם בריוו, איז אונטער דער ווירקונג פון אַ האָפנונגסלאָזער אַנטוישונג געפאַלן מיטן פנים אויפן קישן. ער איז געווען פול מיט ווייטיק און ער האָט גאָרנישט געוואָלט רעדן. אויף זיינע ליפּן האָט זיך געשפּילט אַ פאַרצערטער שמייכל: ער האָט טריאומפירט בלויז דערפון, וואָס ער וואָלט געקאָנט רעדן, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט — אַזוינס, וואָס דער מערדער האָט זיך זיכער נישט געריכט.

קוואַנט איז צוגעגאַנגען צום בעט. ער האָט פאַרבראָכן די הענט.

— וואָס פאַר אַ מיאוסע שפּאַסן!... אי, הויזער, הויזער! די מאַכפּט חוזק פון די הומאַניטאַרע געפילן פון דער היינטיקער עפּאָכע, אָננעמענדיק פאַר אַ לעכערלעכע נאַרישקייט די מענטשלעכע באַרמהאַרציקייט. ביז ווערט אַ שפּאָרע פּאָרציקע שמיץ! איך וועל...

— הערט אויף, פּראָפעסאָר! — האָט אים דער ראַט אומגעווינטלעך־שאַרף איבערגעריסן. מאָרגן וועל איך שיקן דעם קרייזדאָקטאָר.

פון דעם דאָזיקן „מאָרגן“ איז געווען צו זען, אַז דער ראַט האָט אויך ניט געזען קיין ערנסטע געפאַר אין דעם פאָרפאַל. דער קרייז-דאָקטאָר, דער סאַניטאַר-ראַט פּראָפעסאָר אַלבערט איז אָבער געקומען נאָך דעם זעלבן טאָג אין אָוונט. אונטערזוכנדיק די וואונד האָט זיך זיין פּנים פאַרפינצטערט. קוואַנט האָט דעם דאָקטאָר צוגערופן צום פענצטער.

— קיין בלוט גיסט זיך דאָך ניט פון דער וואונד — האָט ער שטיל באַמערקט.

— עס זיצט אונטעווייניק! — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ באַנדאַזש אין באַפוילן, אַז אין קראַנקנס צימער זאָל הערשן רו. דערנאָך איז ער אַוועק.

קוואַנט האָט זיך געריבן דעם שטערן. ער האָט געשעפּטשעט צו דער פרוי:

— איז דאָס יונגל צוליב ליבטזיניקייט באַגאַנגען אַן ערנסטע עולה לגבי זיך אַליין?

זי האָט אומעטיק געשוויגן.

— איך קאָן עס ניט פאַרשטיין, — האָט ער ווייטער געצויגן — דאָס דאָזיקע אויסגעאייידלטע יונגל באַקלאָגט זיך ניט מיט קיין וואָרט אויף זיינע ליידן.

— ער ענטפערט ניט אויף קיין פראַגן! — האָט זי זיך אָנגערופן.

נאָנט צו מיט-נאַכט האָבן זיך באַוויזן סימנים פון אַ שטאַרקן היץ-קריזיס. אָבער קוואַנט איז אויך דעריין גרייט געווען ניט צו גלויבן. ווען קאַספּער האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון בעט, האָט ער אויף אים אָנגעשריגן:

— דאָס זענען מיאוסע שטיקלעך! וועסט דיך איינהאַלטן, הויזער! ליג דיך, דו הערסט?

די דאָזיקע פאָרוואורפן האָט דערהערט דער אַריינקומענדיקער פּאַסטאָר. ער האָט אויפגעציטערט.

— קוואַנט! קוואַנט! אַ ביסל מער ווייכקייט אין נאָמען פון אונדזער גלויבן.

— קוואַנט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווײַלקײט איז דאָ נישט אויפֿן אָרט. אַזאַ ענלעכע קאָ־מעדיע האָט ער שוין אַמאָל געשפּילט אין נאָרימבערג. צווײ מענטשן האָבן אים דאַמאָלט געמוזט טראָגן. בײַ מיר איז נישטאָ קײן פּלאַץ פֿאַר אַזעלכע קאָמעדיעס!

די באַראָנעסע אומהאָף האָט געשיקט אַ פֿלעגערין. זי האָט געוואַכט אַ גאַנצע נאַכט בײַם קראַנקן. ער איז געשלאָפֿן אַ צוויי־דרײַ שעה. באַלד אינדערפֿרי האָט זיך באַוויזן אַן אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע. קאַספּערן האָט געריצט דאָס קאַלטע קול פֿון פּרעמדן מאַן, וואָס האָט אים פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגן און זײַן ענטפֿערן איבערגעחזרט, דיקטירנדיק זיי דעם סעקרעטאַר.

— צו וואָס האָט דער אומבאַקאַנטער אײַך גערופֿן אויף אַ שפּאַציר?

— איך האָב שוין געזאָגט... איך ווייס נישט.

— עס איז אוממעגלעך. ער האָט עפּעס געמוזט דערציילן.

— יאָ... ער האָט דערציילט... ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיר ווײַזן אַ אַרטעזישן ברונעם...

— און צוליב דעם זענט איר געגאַנגען מיט אים?...

— יאָ. איך בין געווען נײַגעריק, וואָס שטעקט דאָרט... אין דער פֿינצטערניש.

— פֿאַרשרײַבן!...

מיט שווערקײט איז געלונגען אַרויסצוקריגן עפּעס פֿון די לאַקאָנישע תשובות פֿון דער אויספֿאָרשונגס־פּראָצעדור, פֿון וועלכער קאַספּערן איז קאַלט געוואָרן...

מען האָט געזוכט עדות. עס האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע. אָבער עס האָט נישט געגעבן קײן רעזולטאַטן. דאָס כאַפּן די פֿאַר־ברעכער האָט געשטערט דאָס, וואָס מען האָט קאַספּערן ווייניק געגלויבט. דער דאָזיקער אומגלויבן האָט קאַליע געמאַכט די אָנגעהויבענע אויספֿאָרשונגס־שריט. אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרברעך זענען געקומען אַזוי פֿיל מענטשן, אַז די ערשטע סימנים פֿון די דרײַ אָנפֿאַלער אויפֿ'ן שניי זענען אינגאַנצן פֿאַרווישט געוואָרן.

די באַלעבאָסטע פֿון אַ קרעטשמע הינטער דער שטאָט האָט

דערציילט פון אן אומבאַקאַנטן מענטש, וואָס איז בערך צוויי אַ זייגער אַרײַנגעקומען צו איר אויף אַ פּאָר מינוט, און אין עטלעכע שעה שפּעטער האָט זי אים געזען אַדורכגיין נעבן אירע פענצטער אין דער ריכטונג פון צפון. די שילדערונג פון פּנים און מאַנטל, דער עיקר, דאָס געדענקען, אַז דער אומבאַקאַנטער האָט געהאַט צייכנס פון אַ פּאָקן־קראַנקייט, — האָט באַשטעטיקט קאַספּערס דערקלערונגען. חוץ דעם האָט דער אַסעסאָר דאַנער געשילדערט דעם פרעמדן און זיינע צוויי חברים אין הסכּם מיט הויזערס דערציילונג: ער האָט זיי געזען אין דער לינדן־אַליי אין דער זעלבער צייט. נאָך עטלעכע מענטשן האָבן אָפּגעגעבן דערקלערונגען, וואָס האָבן געגעבן אַ ידיעה וועגן דעם וועג, אויף וועלכן די דריי פאַרשוינען זענען געגאַנגען אין פּאַרק. דער גערטנער־געהילף האָט געזען קאַספּערן גיין אין דער געזעלשאַפט פון אַ מאַן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ביבער־פוטער מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס הויזער גייט אין אַזאַ קעלט אָן פּאַלטן. אַ וועשערין האָט געהערט עפּעס קולות נישט ווייט פון אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע און באַמערקט שאָטנס פון דריי מענטשן, וואָס זענען זיך שפּעטער צעלאָפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. אַ פּויער פון דער סביבה האָט דערציילט פון אַ הער מיט אַ שוואַרצער באָרד, וואָס איז דעמערונגס־צייט דורכגעגאַנגען דעם וואַלד און דערזעענדיק אים, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָלנער און צוגעאײַלט דעם טראָט.

צום סוף האָט אָפּגעגעבן דערקלערונגען דעם אויספאָרשונגס־ריכטער דער סעקרעטאַר דילמאַן. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב אין הויף־פּאַרק געזען הויזערן. ער איז געגאַנגען מיט עפּעס אַ הויכן פאַרשוין. קוקנדיק אויף זיין פּנים האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ שעפּעלע גייט נאָך זיין שוחט. ליידער איז מיר נישט איינגעפאַלן צו פאַרהאַלטן אים

דאָס אַלץ איז דער מאַכט צו שפּעט מיטגעטיילט געוואָרן. הגם מען האָט זיך שטאַרק באַמיט אויסצוגעפינען דעם שטילעט, וואָס האָט, ווי דער שכל הישר האָט געזאָגט, געדאַרפט אַרײַנגע־

אַרבן װערן אין שטראָם רעזאַט נעבן אָרט פֿון אָנפֿאַל — האָט מען דאָך ניט אַנטדעקט די פֿאַרברעכערישע האַנט. װאָס האָט דער מאָרד-אינסטרומענט געקאָנט נוצן ברענגען? װאָס פֿאַר אַ װערט האָבן געהאַט די עדות-דערקלערונגען, װאָס זענען באַשריבן געװאָרן אויף אַ סך בויגנס פּאַפּיר — אַקטן, װאָס זענען זיך צעװאַקסן אין גאַנצע בערג? ! די אויספֿאָרשונגס-מאַכט האָט זיך גערימט מיט איר ענערגיע. די עפֿנטלעכע מיינונג האָט אָבער געהאַלטן, אַז די אויספֿאָרשונג איז געפֿירט געװאָרן אָן פּלאַן, שלעפֿעריק, אָפּגעלאָזט, אפֿשר מיט אַ כּיוון, כּדי אויסצומיידן דעם הויפּטװעג, װאָס האָט געקענט פֿירן צו דער אויפֿדעקונג פֿון פֿאַרברעכער. אָבער די עפֿנטלעכע מיינונג קאָן קיינמאָל ניט דאָס פּנים פֿון דער מאַסן-פּערזאָן, װאָס איז פּחדנותדיק, רעדט שעפּטשענדיק און באַהאַלט זיך אין די װינקלען.

אין ענדלעך איז זי שטיל געװאָרן.

זי האָט געמוזט שװייגן דאָרט, װאו עס רוישן אומאויפֿהערלעך די מילן פֿון בלבולים, ביזװיליקייט, ליגנס, נאַרישקייט, באַמרוג... די שטיינער פֿון די דאָזיקע מילן האָבן צעריבן אויף שטויב דאָס שיינע מענטשלעכע װעזן. און עס איז פֿון אים גאָרניט געבליבן, חוץ אַ... נעבעכדיק מעשהלע, װאָס דאָס פֿאָלק פֿון דער סבֿיבֿה, װאו עס האָט געלעבט און געשטאָרבן קאַספּער הויזער, דערציילט זיך אין לאַנגע װינטער-נעכט, װאַרעמענדיק זיך ביי די אויװנס.

זונטיק נאָכמיטיק האָט קװאַנט געטראָפֿן אַנזעלם פֿייערבאַכן, װאָס איז געקומען אין זיין היים-שטאָט נאָכן ענדיקן די פֿילאָזאָפֿישע סטודיומס.

— װאָס מאַכט קאַספּער? — האָט געפֿרעגט דער יונגער פֿייערבאַך.

— אַ דאַנק — האָט קװאַנט געענטפֿערט. — די געפֿאַר איז אַריבער. ער ליידט נאָך פֿון געל-זוכט צוליב צו-שטאַרקע אויפֿרעגונגען — אַ געװיינטלעכע זאַך. איך בין זיכער, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום װעט דאָס יינגל אַרומלויפֿן.

זיי האָבן נאָך געשמועסט בערך אַ פֿירטל שעה וועגן דעם פּלאַן פֿון דער אייזנבאַן־ליניע, וואָס האָט געדאַרפֿט אויפֿגעבויט ווערן צווישן נאַרימבערג און פֿירט. קוואַנט איז שטאַרק אָנגעפֿאַלן אויפֿן פּראָיעקט, אויפֿרעגנדיק זיך, אַז די באַן מאַכט אַ תּל פֿון עסטעטישן אויסזען פֿון דער געגנט. ער איז צוריקגעקומען אַליין אין אַ פֿריילעכער שטימונג, אויסערגעוויינטלעך צופֿרידן פֿון זיך און וואָס מיט אַ ווײַלע צוריק האָט ער אין שמועס אַרויסגעוויזן זיין גרויסן רעדנער־טאַלענט, ווײַזנדיק צוגלייך די פּאָעטישע טיפֿקייט פֿון זיין נשמה, וואָס מענטשן האָבן, ליידער, קיינמאָל נישט באַמערקט. אפֿשר איז די צופֿרידענע שטימונג געקומען פֿון דעם שטאָלץ, וואָס צוליב קאַספּערן האָבן זיין באַשיידן הויז לעצטנס באַזוכט אַזויפֿיל באַרימטע לייט?

נעבן זיין וואוינונג האָט ער געטראָפֿן דעם אַפּיציר היקעל. אַלס פֿרומער קריסט — צוליב די זיך דערנענטערנדיקע חגאות — האָט ער פּלוצלינג פֿאַרגעסן, אַז ער איז מיט אים צעקריגט און ער האָט אים האַרציק באַגריסט.

— אַ! איר זענט געקומען פֿון אורלויב, טייערער אַפּיציר?

— יאָ... איך גיי טאַקע מיט אַ וויזיט צו אייך.

זיי זענען צוזאַמען אַריין אין קאַספּערס צימער. דאָס יונגל איז האַלב געזעסן אויפֿן געלעגער מיטן נאַקעטן קערפּער אָנגעשפּאַרט אין דעם הויפֿן קישנס. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ סטאַטועטקע פֿון מאַרמאָר; אַזוי העל האָט געלויכטן די ווײַסקייט פֿון זיין הויט. דאָס פּנים איז אָבער געווען געל, ווי וואַקס. די ברעמען זענען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון פֿאַרמאַטערטקייט. מיט אַ ווײַל צוריק האָט אים דער סאַניטאַר־ראַט אָנגעטאָן אַ נייעם באַנדאַזש. אינגם צימער האָבן זיך געפֿינען מיטגלידער פֿון דער נייער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע.

אויפֿן טיש איז געלעגן אַ פֿאָרמוליאַר, אויף וועלכן ס'האָבן זיך געפֿינען אויפֿגעשריבן ווערטער, נאָך נאַס פֿון טינט: „דער דאַמניפֿיקאַט האַלט זיך ביי די פֿריערדיקע דערקלערונגען און מיר וויל ער גאָרנישט זאָגן". עס האָט געקלונגען ווי אַ באַשולדיקונג קעגן אַ גזלן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן אייגנטום.

דערזעענדיק דעם אַרײַנגעקומענעם היקלען, האָט זיך אויף קאַספּערס פּנים באַוויזן אַן אויסדרוק פֿון שרעק. דער קאָפּ איז אים אַראָפּגעפֿאַלן אָן אַ זײַט און מיט ברײט אויפֿגעעפֿנטע אויגן האָט ער זיך אומבאַוועגלעך אײַנגעקוקט אינעם זשאַנדאַרם. דער לעצטער האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער ער האָט פֿון קאַספּערס פּנים אַראָפּגעלעזן דעם אומגינסטיקן אײַנדרוק פֿון זײַן אַרײַנקומען; ער האָט דעם יונגל געדראָט מיט אַ פֿינגער. דער קראַנקער האָט דערויפֿגעלייקט די הענט און אַ געבעט:

— אַך, קומט נישט צו נענטער!... איך שווער אײַך, אַז איך אַליין האָב עס נישט געטון, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— הויזער, וואָס פֿאַלט דיר אײַן אין קאָפּ! — האָט היקעל געענטפֿערט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער פֿרײַלעכקייט, און וועלכער מ'האָט אים נאָר געקענט טרעפֿן אין אַ קרעטשמע — איך האָב דיך געדראָט בלויז דערפֿאַר, ווײַל דו ביזט אַוועק אין פּאַרק אָן אַ דערלויבעניש. קענסטו עס אַפּלייקענען?

— כ'בעט נישט צו פֿירן קײַן געשפּרעכן מיטן קראַנקן! — האָט זיך אָנגערופֿן דער סאַניטאַר־ראַט, וואָס האָט, זאָגנדיק דער פֿלעגערין, וואָס זי האָט צו טון, געוואָלט אַוועקגיין. דערנאָך האָט ער קוואַנט צוגערופֿן צו דער שוועל און דערקלערט:

— איך וועל אײַך נישט פֿאַרהוילן, אַז הויזער וועט די הײַנטיקע נאַכט נישט איבערלעבן. אַדיע!...

קוואַנט האָט געעפֿנט דאָס מויל. די קני האָבן גענומען ציטערן אונטער אים. מיט אַ גולמדיקן בליק האָט ער באַגלייט דעם אַרויסגייענדיקן דאָקטאָר ביז צו די טרעפּ און געברומט:

— איז עס מעגלעך?

פּאַמעלעך איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין עס־צימער. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ מענטש וואָס גייט עסן מיטיק און פּלוצלונג דערזעט ער, אַז מיטאײנמאָל זענען אויף אַן אומפֿאַרשטענדלעכן אופֿן פֿאַרשווינדן די שטול, דער טיש און דאָס עסן...

הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען היקעל. ער האָט געהערט דעם דאָקטאָרס ווערטער. ער האָט אַ פֿאַרטראַכטער געריבן די דערפֿרוירענע הענט בײַם קאַכל פֿון אויוון.

— איז עס מעגלעך? — האָט זיך קוואַנט געוווּנדערט צו אים. מיר — מיר האָבן אויסגעפירט אונזערע פּליכטן אַלס אַפּוטרופּסים, ווי געהעריק. און קיינער קען אונדז גאָרנישט פאָרוואַרפן!

— לאָז דאָס צורו. זאָגט מיר בעסער, וואָס האָט הויזער געערדט פון היץ.

— גאָרנישט... בלויז נאַרישקייטן!... בלויז נאַרישקייטן!

היקעל האָט אָראָפּגעבויגן דעם קאָפּ מיט אַ שמייכל אַזוי נידעריק, אַז דעם לערער האָט זיך געדאַכט, ווי ער וואָלט זיך אײַנגעקוקט אין עפּעס אויף דער פּאָדלאָגע.

— וואָס ליגט דאָרט? — האָט קוואַנט געפרעגט.

— איר זעט ניש?

— ניין, איך זע גאָרנישט.

— אויב אַזוי דאַכט זיך מיר, אַז מיר זעען ביידע גאָרנישט. — האָט דער אָפיציר געענטפערט מיט חוזק. שאָקלענדיק צו קוואַנטן דעם קאָפּ מיט גרינגשעציניג איז ער אַרויס.

דער לערער האָט אים נאָכגעקוקט אַ פאַרטראַכטער. וואָס איז געשען? האָט די וועלט זיך נישט איבערגעקערט, אויב אַפילו אַזאַ מענטש, ווי היקעל, הויבט אָנצו האָבן ווזיעס און העלן טאָג און רעדן פון ווענ... וואָס איז דאָס געווען? האָט זיך אפשר אויך מער דעם מונדיר פון דעם זשאַנדאַרם אָפּגערופן זיין שמוציקן געוויסן?!... ניין!... היקעל איז אַ צו שטאַרקער מענטש!

דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָט זיך נישט געגלוסט אַרויסצוגיין פון קאַספּערס צימער. דער שעף פון דער קאָמיסיע האָט שוין געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונגען, כדי צו לעזן דאָס אינטערעסאַנטע קרימינאַל-רעטעניש:

— און דעמאָלט, ווען דער אומבאַקאַנטער האָט דיך, יונגערמאַן, פאַרשעפּעט אין געריכט, — זענען נישט געווען קיין עדות?

— עס איז קיינער נישט געווען.

— און ווען דו ביזט דאָן אַרויס פון געריכט, האָסטו קיינעם נישט געזען?

— איך האָב געזען... עס איז אַדורכגעגאַנגען דער בעטלער פֿערנעלין, וועלכן איך האָב אַמאָל געגעבן נדבות... עס איז נאָך געגאַנגען די אלמנה פֿון געוועלב-באַזיצער, פֿרוי ווײַגעל... איך בין שוין אָבער מיד, מײַנע הערן, זייער מיד!

אויף דער בינע פֿון דער פֿלעגערין האָט די קאָמישע ענדלעך באַוויליקט צונויפֿצונעמען די פּאַפּירן און אַוועקצוגיין.

— ווי פֿילסטו זיך, יונגל? — האָט די פֿלעגערין געפֿרעגט.

— מיד... נאָר עס וועט לאַנג נישט דויערן... און איך וועל פֿאַרלאָזן די ענגדיקע וועלט...

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער עפּעס אַ געשריי געטון מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, האָט עפּעס געברומט צו זיך און צום סוף איז ער אינגאַנצן שטיל געוואָרן.

ער האָט אַרײַנגעקוקט אין דער טיפֿעניש פֿון זײַן נשמה. ער האָט געהאַט וויזיעס. ער האָט געזען אַ ליכטל, וואָס איז קלענער און קלענער געוואָרן און ענדלעך זיך פֿאַרלאָשן. ער האָט אינעווייניק אין קאָפּ זײַנעם געהערט, ווי אַ האַמער קלאַפּט אויף בלעכן. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ קלינגען פֿון גלאָקן... ער האָט מיט איינמאָל דערזען פֿאַר זיך, — דורך פֿאַרמאַכטע ברעמען, — אַ ריזיקן מאָל, פֿאַרזונקען אין דער פֿינצטערניש. — ווער לויפֿט דאָרט אונטן אין מאָל? — אָה, דאָס איז שילדקנעכט... עס וויגן זיך אין ווינט די פּאָלעס פֿון זײַן זעלנערישן שינעל.

— וואוהין לויפֿסטו אַזוי, שילדקנעכט? — פֿרעגט ער אים אַן קול.

— איך איַל זיך! איך איַל זיך שטאַרק! — ענטפֿערט יענער. פּלוצלונג קורטשעט ער זיך איַן, קורטשעט זיך איַן... ביז ער ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שפּין, וואָס בלײַבט הענגען אויף אַ פֿאָדעם פֿון אַ ריזיקן בוים — און פֿאַרשווינדט. אויף קאָספּערס פֿאַרמאַכטע אויגן באַווײַזן זיך טרערן... טרערן הייסע, ביטערע...

דערנאָך האָט ער געהאַט אַן אַנדער זעאונג.

אַ וואונדערלעכער בנין מיט אַ קאָלאָסאַלן קופּאָל — אָן טיר, אָן פֿענצטער... אינעוועניק בלויע לופֿט... מאַרמאָר-טרעפּן פֿירן צום טראָן... אויפֿן טראָן זיצט אַ פֿרוי, שיין ווי אַ מלאך... עמי-

צער, — קוים צו באמערקן אים מיטן אויג — עפעס א מאגט־
פארשוין... ניין! ענדער א מענטשלעכער שאטן גייט ארויף אויף די
טרעפן און איז מודיע דער פרוי, אז קאספער איז געשטארבן...
די פרוי טוט אזא הויכן געשריי, אז דער גאנצער בנין־חלל נעמט
ציטערן. און פון דעם מארמארנעם באדן איז פלוצלינג אויפגע־
וואקסן א פראצעסיע פון ווייבער און ווייבערינס. און אלע נעמען
וויינען, דערציילנדיק זיך, אז קאספער איז געשטארבן. דער גוטס־
דיקער קאספער זעט דורך זייערע בריסטן די צעגליטע הערצער,
וואס ציטערן פון ווייטיק. דערנאך איז אנגעקומען עפעס א גרוי־
סער באוואפנטער מאן, מיט א שווערד אין דער האנט און לאנג
געערדט: ער האט אויפגעדעקט דעם גאנצן סוד. און די צוהערערס
האבן אזש צוגעטון די הענט צו די אויערן — אזוי שרעקלעך איז
געווען צו הערן, וואס יענער האט דערציילט. און אלע, ארומגע־
נומען פון פחד, האבן צוגעמאכט די אויגן און געפאלן אויף דער
ערד און גענומען זיפצן.

דערנאך האט ער געזען עפעס אנדערש: ער האט געזען דורך
דער הויט פון דער ערד מעטאלן אין דער שוים פון דער ערד און
אירע קופערנע אדערן... און אין די אדערן איז געשווימען בלוט...
און פון דער שוים פון דער ערד האבן זיך געצויגן בלוטיקע שטרא־
מען — און אויפ'ן העכסטן שפיץ האט געציטערט א ריזיקע זון...
און פלוצלונג האבן אנגעהויבן צו וואקסן א ריזיקער בוים. ער
איז געוואקסן אין סאמען עק פון דער וועלט, זיינע צווייגן האבן
זיך צעשפרייט איבערן גאנצן הימל און עס האבן געבליט אויף זיי
רויטע יאגדעס. און די יאגדעס האבען געהאט די פארם פון
הערצער... אינם שטאם פון בוים האט געפלאסן בלוט, און דארט,
וואו די קארע איז געווען צעבראכן, זענען גערינען פורפור־שווארצע
טראפנס בלוט...

צווישן די דאזיקע קרענקלעכע וויזיעס האט זיך קאספערן גע־
דאכט, אז עפעס א ווילדער טרייבט אים און שלעפט אים ארויס אין
רוים. ער האט זיך אנטקייקעשטעלט. אבער עס איז אים באפאלן
אן אומזאכט—און ער האט זיך אונטערגעגעבן אין קאמף... עפעס
האט אים געטראגן, געטראגן, געטראגן אין דער טיפסטער ווייט־

קײַט.... פֿאַרן הויז האָט געהערשט אַן אומאויפֿהערלעך גערודער. דאָס זענען כּסדר געקומען צו פֿאָרן מענטשן, כּדי צו פֿרעגן זיך וועגן קאַספּערס געזונטס-צושטאַנד. ער האָט נישט געוואוסט דערפֿון. די באַראָנעסע אומהאָף האָט עטלעכע שעה פֿאַרבראַכט בײַ זײַן בעט. און אויך וועגן דעם האָט ער נישט געוואוסט.

פּלוצלונג האָט ער אויף זײַן שטערן דערפֿילט עמיצנס אַ ווײַכע האַנט. ער האָט געעפֿנט די אויגן. דאָס איז געווען פּאַסטאָר פֿורמאַן. אין זײַנע אויגן האָט זיך געפֿינען אַזאַ טיפֿער ערנסט, אַז קאַספּער האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס מוז געשען עפּעס שרעקלעכעס.

— טײַערער קאַספּער! — האָט דער פּאַסטאָר פֿײַערלעך געזאָגט — דו האָסט מיר דערציילט, אַז דו גלויבסט אין גאָט און ווילסט מיט זײַן הילף אַדורכמאַכן יעדן קאַמף.

— אפֿשר... איך געדענק נישט.

— האָסטו שוין הײַנט גערופֿן גאָט צו הילף?

קאַספּער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— האָט עס דיר געטרייסט?

— איך ווייס נישט.

— ווילסטו איצט נישט געוואָלט תּפֿילה טון?

— איך בין צו שוואַך... די ווערטער אַנטלויפֿן. דער מידער קאָפּ וויל שלאָף! — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ קול פֿון אַ קינד.

— איך וועל זאָגן אַ תּפֿילה אויפֿן קול, און דו חזר זי שטיל איבער. „גאָט אין די הימלען! זאָל נישט געשען מײַן ווילן...

— נאָר דײַן ווילן! — האָט געשעפּטשעט קאַספּערס בלײַכע ליפּן.

— ווער האָט אַזוי מתפּלל געווען?

— אונדזער דערלייזער.

— ווען?

— פֿאַר זײַן — טויט!

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט אַ פֿיבער אויפֿגעטרייסלט דעם יונגלס גוף. ער האָט פֿאַרקריצט די ציין. די אויגן זענען אַרויסגעזעצט געוואָרן.

— וואו בין איך? — האָט ער פֿאַרצווייפֿלט געשריגן.

— הויזער, דו ביזט דאָך אין בעט! — האָט אים קוואַנט באַרואיקט. — קראַנקע ווייסן אָפֿט ניט, וואו זיי געפֿינען זיך! — האָט ער דעם פּאַסטאָר פֿורמאַן אויפֿגעקלערט.

— גיט אים צו טרינקען! — האָט דער פּאַסטאָר באַפֿוילן. פֿרוי קוואַנט האָט דערלאַנגט דעם קראַנקן אַ גלאָז וואַסער. ער האָט גיריק געטרונקען. דערנאָך האָט אים קוואַנט אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פֿון שטערן. מיט איינמאָל האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צו קאַספּערן און פֿייערלעך אים באַשוואוירן:

— הויזער! קוק מיר נאָך איינמאָל אין די אויגן און זיי אויפֿריכטיק! האָסטו ניט קיין חרטה? האָסטו מיר גאָרניט צו זאָגן אין דער רגע פֿון טויט?

קאַספּער האָט אין טיפֿסטן צער זיך קראַמפּהאַפֿט איינגעזויגן מיט די פֿינגער אין דער ביינערדיקער האַנט, וואָס איז געלעגן אויף זיין האַרץ, און געזיפֿצט:

— אַך, מיין גאָט!.. גאָרניט... גאָרניט!.. גאָרניט!...

דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער. ער האָט זיך אויסגעשטרעקט, אויסגעדרייט זיך צו דער וואַנט און פֿאַרגליווערט געוואָרן...

אין צוויי טעג אַרום איז פֿאָרגעקומען די לויה. דער הימל איז געווען אַ פֿאַרוואָלקנטער. די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגען. דער דעמאָלט-באַרימטער שרייבער, וואָס האָט קאַספּער הויזערן אַ נאָמען געגעבן „דאָס קינד פֿון אייראָפּע", דערציילט, אַז ווען מען האָט זיין גוף באַהאַלטן אין דער ערד, זענען אין איין צייט אויפֿן הימל געשטאַנען די זון און די לבנה — איינע אויף מערב און די אַנדערע אויף מזרח, און ביידע האָבן געשיינט מיט דעמזעלבן בלייכן ליכט.

אין ניט קיין גאַנצע צוויי וואָכן אַרום, אין דריי טעג נאָך ווינאַכטן, אין מאָמענט, ווען קוואַנט און זיין פֿרוי האָבן שוין בדעה געהאַט צו לייגן זיך שלאָפֿן, האָט אַן אומפּעטיק קלינגען געהייסן דעם לערער עפֿענען די טיר. אַ דערשראָקענער האָט ער דעם

שפּעטן נאַכט געעפֿנט די טיר, האַלטנדיק הויך אַ ליכט אין דער האַנט.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען קאַנאַוואַרף.

— פֿירט מיך אין קאַספּערס צימער! — האָט זי באַפֿעלנדיק געזאָגט.

— איצט? ביינאַכט? — האָט ער זיך געוואַקלט.

— איצט! ביינאַכט! — האָט זי געענטפֿערט.

אַן אונטערטעניקער איז ער געגאַנגען פֿאַר איר, לויכטנדיק. דאָס צימער פֿון געשטאָרבענעם האָט נישט קיין סך דערמאָנט אָן אים. אַלץ איז געווען איבערגעשטעלט. געוויסע זאַכן זענען איבערגעטוישט געוואָרן אויף אַנדערע. בלויז אויפֿן קליינעם טישל איז איבערגעבליבן דאָס הילצערנע פֿערדל — אויפֿן אָרט, וואו קאַספּער הויזער האָט עס צום לעצטן מאָל אַוועקגעשטעלט.

— לאָזט מיך איבער אַליין! — האָט די פֿרוי געזאָגט.

ער האָט איבערגעלאָזט דעם לייכטער. ער איז אַראָפּ אונטן. צום ווייב האָט ער געזאָגט:

— איך בין צו ווייכהערציק, אַז איך דערלויב אַזאַ זאַך אין מיין וואוינונג.

מיט געקרייצטע הענט אויף דער ברוסט האָט קלאַראַ געשפּרייזט איבערן צימער. אויף דער קאָמאָדע איז געלעגן אַ קאָפּיע פֿון פּראָטאָקאָל, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן נאָכן אונטערזוכן דעם מת; די קאָפּיע האָט אין געאייל פֿאַרגעסן דער סעקרעטאַר. זי האָט עס איבערגעלייענט. פֿון אינהאַלט האָט זי זיך דערוואוסט, אַז בעת דער סעקציע האָט מען פֿעסטגעשטעלט, אין קאַספּערס האַרץ עטלעכע טיפֿע שטאָכן. קלאַראַ האָט צעקנייטשט דאָס פּאַפּיר און צענויפֿגעדריקטע פֿויסטן.

וואָס קענען העלפֿן צער און טרויער? זיי ברענגען נישט צום לעבן פֿאַרשווינדענע פֿאָרמען אין דער לופֿט, זיי וועלן נישט ברענגען פֿון דער ערד דעם קרבן... טרערן היילן. אָבער די דאָזיקע טרויערנדיקע פֿרוי האָט נישט געהאַט קיין טרערן. עס האָבן שוין נישט עקזיסטירט פֿאַר איר קיין שטערן. קיין גלאַנץ פֿון

הימל; עס האבן נישט געוואקסן קיין גראזן, עס האבן איר נישט געשמעקט די בלומען... נישט די נאכט און נישט דער טאג האבן געהאט פאר איר א כשוף. די גאנצע באוועגונג פון מענטשלעכן לעבן און אפילו די אייביקע צענויפזאמלונג פון די אטאמען אין דער נאטור — אלץ האט זיך פארגעשטעלט פאר איר אין איין אומעטיקער כמארע פון שולד, וואס לאזט זיך קיינמאל נישט אויסקויפן און פארבעסערן!

עס איז אוועק א גאנצע שעה, ביז קלארא איז ארויס פון צימער. אוועקגייענדיק איז זי צוגעגאנגען צום לערער, זיך איינגעקוקט אין אים מיט ברייט־געעפנטע אויגן און ציטערנדיק פון אויפרעגונג, האט זי אים געשמיסן אין פנים אריין: — „מערדער!"

מען קען זיך פארשטעלן, וואס עס האט זיך געטון מיט קוואנטן. עס האט זיך אים געדאכט, אז מען האט אים צוגעטראגן צו דער נאז אן אנגעצונדענעם פאספאר. א ווייל איז ער געבליבן פארשטארט. עס האט אים אויסגעפעלט אטעם. ער האט געווארט, ביז דער אומגעבעטענער גאסט וועט אוועקגיין. דערנאך האט ער ווי א משוגענער גענומען לויפן איבערן הויז אין שלאפראק און אין די פאנטאפל, ברומענדיק עפעס בייז און אין צארן. אין בעט האט ער זיך נאך לאנג געווארפן און געסיקעט:

— די דאזיקע פרוי איז א משוגענע!... איך וועל זי צוציען צו פאראנטווארטלעכקייט!

קלארא האט געוואוינט ביי דער באראנעסע אימהאף. די פריינדין האט איר געזאגט, אז צעמארגנס וועט זי גיין מיט איר אויפן בית־עלמין שטעלן א קרייץ אויף קאספערס קבר. קלארא האט געשוויגן, ווי עפעס א טיפער פיין וואלט איר אפגענומען ס'לשון. פרוי אימהאף האט אן סוף דערציילט וועגן קאספערס לעצטע מינוטן און ווי אזוי מענטשן האבן אים באהאנדלט. פון איר דערציילן האט מאדאם קאנאווורף זיך דערוואוסט, אז קוואנט האט בדעה אנצושרייבן א בוך, אין וועלכן ער וועט באווייזן מיט „טויזנט ארגומענטן", אז קאספער איז געווען א פשוטער שווינדלער. ווייטער האט זי זיך דערוואוסט, אז

הוקעל האָט זיך אָפּגעגעבן אין דימיסיע און זיך איבערגעצויגן אין אַן אײנגענער ווילע אין אַנסבאַר, און צום סוף, אַז די אויספֿאָרשונג וועגן מאָרד-ענין איז מבטל געמאַכט געוואָרן, ווײַל די בין-איצטיקע אָנשטרענגונגען האָבן נישט געפֿירט צום אַנטדעקן די אויספֿירער פֿון שענדלעכן מאָרד.

קלאַראַ האָט אַלץ אויסגעהערט אין אַ שטײנערנעם שווײַגן. ווען זײ זענען זיך צעגאַנגען, — יעדע אין איר שלאָף-צימער, — האָט זי שטיל, מיט אַ מאָדנער ווײַכקייט אין קול, געזאָגט צו דעם פֿרײַנדין:

— און דו בינסט אויך זײַנס אַ מערדערין!

די בראַנגעסע איז אויפֿגעשפּרונגען אין שרעק. אָבער קלאַראַ האָט מיט דער זעלבער שטילקייט און ווײכקייט פֿאַר-ענדיקט:

— אמת, דו ווײסט נישט דערפֿון?... ווילסטו נישט וויסן דערפֿון? באַהאַלטסט דיך פֿאַרן אמת, ווי קין פֿאַר גאָטס קול?... ווײסטו באמת נישט, ווער ער איז געווען? דו מײנסט, אַז די וועלט וועט שטענדיק אַזוי שווײַגן, ווי איצט?... ער וועט אויפֿ-שטײן תּחית המתים, בעטינאַ! און צוציִען אונז צו פֿאַראַנט-וואָרטלעכקייט און באַדעקן אונדזער נאָמען מיט שאַנד! ער וועט מיט אומרו פֿאַרסמען דאָס געוויסן פֿון די קומענדיקע דורות. ער וועט זײַן אַזוי ריזיק און זײַן טויט, אַזוי ווי ער איז אַ מאָל געווען בײַם לעבן. די זון וועט אַלץ אַרויסברענגען אין ליכט!

נאָך די דאָזיקע ווערטער איז קלאַראַ אַרויס אַזוי שטיל ווי אַ שאָטן...

צומאָרגנס איז זי אַוועקגעגאַנגען בײַם אויפֿברוך פֿון טאָג. זי האָט באַזוכט דעם גלאָקן-קלינגער פֿון טורעם פֿון דער קירכע פֿון הײליקן יאָהאַן. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ שטײנערנער באַנק און אַן ענגער גאַלעריע און זיך לאַנג אײַנגעקוקט אין דער ווײַסקייט פֿון דער ערד. זי האָט אָבער נישט געזען קײן שנײ. זי האָט געזען פֿאַרגאָסן בלוט. זי האָט נישט געזען קײן ערד — זי האָט געזען בלויז אַ אַדורכגעשטאָכן האַרץ.

דערנאָך איז זי אַוועק אויפֿ׳ן בית-עולם. דער קברן האָט זי

געפֿירט אויף קאַספּערס קבר. עס האָבן געאַרבעט צוויי אַרבעטער; זיי האָבן אַוועקגעלייגט דעם קראַנץ געבן אַ ווייַנענדיקן ווערזשבע־בוים. באַלד איז אָנגעקומען דער פּאַסטאָר פֿורמאַן. ער האָט קלאַראַן דערקענט און זי וואַרעם באַגריסט. זי האָט גאַרנישט געזאָגט, זי האָט נישט געקוקט אויף אים, זי האָט געקוקט אָן אַ זייט — אירע בליקן האָבן זיך געגלייטשט אויפֿן בערגל ערד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט דיקע שיכטן שמוציק שניי, און אויף די אַרבעטער, וואָס זענען געווען פֿאַרנומען מיט אַרייַנשטעלן אַ צלם אין דער ערד בייַם קבר. אויף אַ גרויסער בלעך, וואָס האָט געהאַט די פֿאָרם פֿון אַ האַרץ, זענען אינמיטן פֿון צלם מיט אַ ווייַסער פֿאַרב אויסגעמאָלט געווען:

HIC JACET
CASPARUS HAUSER
AENIGMA
SUI TEMPORIS
IGNOTA NATIVITAS
OCCULTA MORS

זי האָט איבערגעלייענט, מיט ביידע הענט כמעט זיך געשלאָגן אין פּנים און אויסגעבראָכן אין אַ ווייטיקלעך געלעכטער. אין אַ ווייַל אַרום איז זי ווידער שטיל געוואָרן. באַלד האָט זי זיך אויסגעדרייט צום פּאַסטאָר און אַ געשריי געטאָן:

— מערדער!

דעמזעלבן מאָמענט האָט זיך דורך דער הויפּט־אַליי פֿון בית־עלמין דערנענטערט אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט בייַוואוינען די צערעמאָניע פֿון שטעלן אַ צלם אויפֿן קבר. דאָס זענען געווען באַראָן און באַראָנעסע אומהאָף, הער פֿאָן שטיכוויער, סאַניטאַר־ראַט אַלבערט, מלוכה־ראַט האָפֿמאַן און דער לערער קוואַנט מיט דער פֿרוי. צוקומענדיק נענטער האָבן זיי באַמערקט, אַז דעם פּאַסטאָרס פּנים איז בלייך און צעמישט; עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז עס איז געשען עפּעס אַן אומגליק. די באַראָנעסע אומהאָף, געפֿירט פֿון אַ ווייטיקלעך געפֿיל, איז צוגע־

צוגעגאַנגען צו דער פריינדין און זי כמעט אַרומגענומען. אָבער קלאַראַ האָט מיט אַ ווילד־פאַרענדערט פּנים זיך אַרויסגעריסן פון איר, צוגעשפרונגען צו דער גרופּע מענטשן, וואָס האָט פאַרוואונדערט זיך אָפּגעשטעלט — און מיט אַן אַדורכנעמענדיק קול אָנגעהויבן צו שרייען, ווייזנדיק מיט אַ פינגער:

— איר זעענט — מערדער!... מערדער!... מערדער!...

זי האָט גענומען לויפן... איז געלאָפן אויף דעם בית־עלמין־שטעג... אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. דאָ האָבן זי אַרומגערינגלט פיל מענטשן — און זי האָט געהאַלטן אין איין שרייען... עטלעכע מענטשן האָבן זי מיט כּח אָנגענומען און זי געצוווּנגען אויפצוהערן לויפן...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָסמאָל איז קוואַנט גערעכט געווען. — זי איז אַרײַנגעפאַלן אין משוגעת. דעמזעלבן טאָג האָט מען זי געמוזט אָפּפירן אין אַ היילאַנשטאַלט. מיט דער צייט איז דער שגעון אַוועק. איר מוח איז אָבער אויף אייביק פאַראומערט געוואָרן.

דער פּאַסטאָר פורמאַן האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן דעם פאָרפאַל אויפ'ן בית־החיים. עס האָט אים לחלוטין נישט געטרייסט דאָס, וואָס אַלע האָבן אים דערקלערט, אַז די באַליידיקנדיקע ווערטער זענען אַרויסגעגאַנגען פון אַ משוגענעם מויל. עטלעכע טעג פאַר זיין טויט, וואָס איז אין אַ נישט לאַנגער צייט אַרום געקומען, האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר דער באַראָנעסע אומהאַף:

— די וועלט פרייט מיך שוין מער נישט. און פאַרוואָס האָט זי מיך באַשולדיקט? מיך? מיך, וואָס כ'האָב ליב געהאַט אונזערן הויזערן!...

פרוי אומהאַף האָט שטיל געענטפערט:

— אַן אומגליקלעכע... איר איז נישט גענוג געווען בלויז ליבע אַליין...

— איך וועל נישט איבערטראָגן די שולד!... — האָט דער [illegible] זיך ווייטער באַקלאָגט מיט אַ געבראָכן קול. אפשר, בעסער געזאָגט, האָב איך נישט קיין עבירות מער, ווי עס פאַלט בכלל

אוים אויפֿן זינדיקן מענטש? שולדיקע זענען מיר אַלע, וואָס וואַנדערן אויף דער ערד. פֿון עבירות אַנטשטייט דאָס לעבן, ווײַל אַנדערש וואָלט אונדזער אור־פֿאָטער נישט געזינדיקט אין גן־עדן. אפֿילו אונדזער פֿאַרשטאָרבענעם פֿרײַנט קען איך נישט אינגאַנצן גערעכט געבן. צוואָס האָט אים געטויגט צו טרוימען, פֿון וואַנען ער שטאַמט? דאָרט, וואו בגידה שפּריצט פֿון אַלע מײַלער, קלויבט זיך אוים דער מוטיקער מענטש אַ קרײַז פֿון באַשײדענע און פּרוסטבאַרע נײַגונגען. אָבער טרוימער געהערן בלויז צו זיך אַליין. אומשולדיק, ליבע פֿרוי, אומשולדיק איז בלויז גאָט. זאָל ער זיך דערבאַרעמען איבער מײַן נשמה און איבער דער נשמה פֿון אײדעלן קאַספּער הויזער!

(ס ו ף)